STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08524

GEKLIBENE DERTSEYLUNGEN

Nahon Milleritzky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר נחמן מײזשעריצקי

געקליבענע דערצײלונגען

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Queda hecho el depósito que marca la ley

ד"ר. נחמן מיזשעריצקי

געקליבענע דערציילונגען

★

FREE PUBLIC
LIBRARY
JERSEY CITY, N.J.

אַרויסגעגעבן פון
שרייבער פאַריין „ה. ד. נאָמבערג״ אין אַרגענטינע
בוענאָס איירעס, 1956 — ה׳תשט״ז

Dr. NAHON MILLERITZKY

RELATOS SELECTOS

*

Editado por la
SOCIEDAD DE ESCRITORES "H. D. NOMBERG" EN ARGENTINA
BUENOS AIRES — 1956

ד״ר נחמן מיזשעריצקי

אינהאַלט:

⁂ — ישראל אשנדאָרף — 9
מיך ברודער נחמן ז״ל — ד״ר אברהם מיזשעריצקי — 13
אַ פאַרבלאָנדזשעטע נשמה — 37
אויף דעם עקוואַטאָר — 49
אַ „בר־מצוה״ — 65
דער גלעזער פון פאַטריסיאָס — 74
אויף דעם מזרח־פראָנט — 82
זיידל, דער נאַראָדיטשער — 92
ליבע און נדן — 104
געוועזענע מענטשן — 119
דער פליט פון מאַליאָרקאָ — 135
אַ מאַמע — 147
דער מלאך־המוות איז תמיד גערעכט — 166
דער אַפּטייקער — 170
דער זייגערמאַכער פון „סאַן טעלמאָ״ — 181
אַ בייזער צופאַל — 190
אַ קאַפּריז — 199
די פאַראַליזירטע און די היטערין — 203
ווען דאָס האַרץ ווערט חרוב — 207

מיט אַ שמייכל — — — — — — — — — — — — — — — 224

אין אַ שטורעמדיקער נאַכט — — — — — — — — — — — — — 231

דאָס רויטע ייִנגל — — — — — — — — — — — — — — 239

עלענאַ — — — — — — — — — — — — — — — — — 243

האַראַשקער — — — — — — — — — — — — — — — — 257

ד״ר וולאַדימיר מאַקאַראָף — — — — — — — — — — — — 269

דער האַרבאַטער זייגערמאַכער — — — — — — — — — — — — 279

אָפּרופן וועגן מחבר

די קראַנקע וועלט — י. אַקרוטני — — — — — — — — — — — 285

סענסאַציאָנעלע דערציילונגען, וואָס זענען דערציילט
מענטשלעך — יעקב באַטאָשאַנסקי — — — 290

אויף דער לוויה פון ד״ר מיזשעריצקי ע״ה — יצחק יאַנאַסאָוויטש — 294

אַ בוך מיט שפּאַנענדיקע געשיכטן — מלך ראַוויטש — — — — — 299

אינעם לאַבירינט פון פאַרלוירענע ייִדן — שמואל ראָזשאַנסקי — — — 302

***

מיר האָבן געהאַט אין דער יידישער און אין דער העברעישער ליטעראַטור שרייבער, וואָס זענען אויך געווען דאָקטוירים. אַפילו אין דער וועלט־ליטעראַטור האָבן מיר געהאַט שרייבער פון יידישן אָפּשטאַם, וועלכע זענען אויך געווען דאָקטוירים, ווי: שניצלער, דעבלין א״אַ. זעלטן, אַז מען האָט דערקענט אין זייער שרייבן דעם דאָקטאָר. ביים ד״ר נחמן מיזשעריצקי איז אָבער דאָס שרייבן געווען כסדר פאַרבונדן מיט זיין דאָקטאָרישער פּראָפעסיע. דער דאָקטאָר, נישט נאָר וואָס ער האָט נישט געשטערט דעם שרייבער אין אים, נאָר אים געהאָלפן אַרויסצורופן צום לעבן. מעגלעך, אַז ווען מיזשעריצקי זאָל נישט געווען זיין קיין דאָקטאָר, וואָלט ער אויך נישט געוואָרן קיין שרייבער. איך קום צו דעם דאָזיקן אויספיר, ווייל כמעט די איינציקע טעמע אויף וועלכער ער האָט געשריבן, איז די, וואָס האָט צו טון מיט דעם דאָקטאָרס באַרוף און מיט זיינע איבערלעבענישן און דערפאַרונגען.

ווען מיר לייענען איבער זיינע ווערק, אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדזערע אויגן אַ קראַנקע וועלט. די קראַנקייט הערשט נישט איבער דעם מענטשן בלויז אין שפּיטאָל, נאָר אָפט מאָל נאָך אַ סך פריער איידער ער קומט אַהין אַריין. דער שפּיטאָל איז אָבער, מערסטנטייל, דער פאַרענדיקער, די לעצטע פאַזע. דער מענטשלעכער גוף איז דער קרבן פון דער קראַנקייט. דער מענטשלעכער גורל — פון צופאַל. דער מענטש איז אָפּהענגיק אינגאַנצן פון זיי. אין קאַמף קעגן דער קראַנקייט האָט ער נאָך, אין אַ געוויסער מאָס, דעם דאָקטער, וואָס העלפט אים, די רפואות. וואָס פאַר אַ דאָקטאָר און רפואות האָט דער מענטש קעגן צופאַל, וואָס דעצידירט אָפט איבער זיין גורל? ער דאַרף דעמאָלט געניסן פון דער הילף פון דער געזעלשאַפט. ביי מיזשעריצקין בלייבט ער אָבער, מערסטנטייל, שטיין אַן אומבאַהאָלפענער, אַן איינזאַמער אין זיין געראַנגל.

דאָס שרייבן בלויז אויף דער דאָקטאָרישער טעמע, הייסט נישט, פונדעסט־וועגן, זיך באַשרענקען, באַגרענעצן און מער גאָרנישט זען אַרום. ס׳זענען בכלל נישטאָ קיין פולשטענדיק־איזאָלירטע טעמעס. ערגעץ פאַרבינדן זיי זיך מיט אַנדערע. פאַראַנען נאָר אַזעלכע, וואָס מען זעט זייער צוזאַמענהאַנג מיט אַנדערע פון

אויבן־אויף און אַזעלכע, וואָס מען דאַרף, כדי צו זיי צוצוקומען — גראָבן. טייל־מאָל דאַרף מען מער גראָבן, טיילמאָל — ווייניקער. ס'איז אָפּהענגיק פון דעם גראָבער גופא און פון דעם רידל, מיט וועלכן ער באַנוצט זיך צו דעם.

הגם ד"ר מיזשעריצקי שרייבט בלויז וועגן דעם דאָקטאָר און דעם קראַנקן, קומען־אויף בשעת מעשה אויך פאַרשידענע צייטן, סביבות, געשטאַלטן, פּראָב־לעמען וועלכע האָבן אַ דערקענטעניש־ווערט פאַר זיך גופא, נישט אָפּהענגיק פון דער טעמע. אמת, אַז ער איז אויסן, קודם־כל, עפּעס צו דערציילן. ער שרעקט זיך אָבער נישט פון צייט צו צייט צו פאַרגנבענען דעם בליק אויף אַ זייטיקן, אַגב־אורחאדיקן. צי אויף דעם וועג, אויף דער גאַס בעת ער לויפט ביינאַכט צום קראַנקן, צי ער זעט דעם שפּיטאָל און די דירה פון דעם קראַנקן. די דאָזיקע זאַכן, נישט נאָר וואָס זיי שטערן נישט דאָס דערציילן, נאָר זיי שאַפן אַטמאָספער, אָן וועלכער אַ סך פון דערציילטן וואָלט אַרויס בלייך און מאָגער און וואָלט ווייט נישט געווירקט אויף אַזוי פיל ווי עס ווירקט אויף אַן אמת.

דער קראַנקער ווערט געוויזן נישט בלויז מיט זיין קעגנוואַרט. כמעט יעדער קראַנקער דערציילט וועגן זיין ביז־איצטיקן לעבן. דער סוף ווערט געוויזן, געשילדערט, אָבער דאָס אַלץ פריִערדיקע ווערט איבערגעגעבן נאַראַטיוו. עס פירט צוריק דעם קראַנקן צום עבר, צו זיין קינדהייט און אפילו נאָך ווייטער — צו די טאַטעס און מאַמעס. אַ סך קראַנקייטן, באַזונדערס: שווינדזוכט און משוגעת, ירשענען די קינדער פון זייערע עלטערן. די קינדער קענען נישט אַנטלויפן דער־פון. ס'קען אַנטלויפן אַ קנעכט פון זיין האַר. ער האָט אים אויסער זיך; אָבער עס קען נישט אַנטרינען אַ זון פון אַ פאָטער אָדער מוטער. ער האָט זיי אין די בלוטן, אין מוח, אין די ביינער.

ווען מיר ווילן אַנאַליזירן דעם אופן שרייבן פון ד"ר מיזשעריצקי, מוזן מיר בלייבן שטיין פאַר געוויסע רעטענישן. ער באַמיט זיך בכלל נישט אויפצובויען אַ דערציילונג לויט אַ געוויסן פריִער־צוגעגרייטן פּלאַן. מערסטנטייל, הייבט ער אָן זיינע אַ דערציילונג דערמיט, וואָס ער באַגעגנט אַ דאָקטאָר, צי אַ קראַנקן און יענע נעמען אים דערציילן זייער לעבן. זיי דערציילן מיטאַמאָל, אומגעריכט, ווי זיי וואָלטן שוין לאַנג געוואַרט און געזוכט אַן אויער. טיילמאָל, פלעכט זיך אַריין אין מעשה אין דער אַנדערער און נאָך דער אַנדערער קומט אַ דריטע. זעלטן, אַז אַ קראַנקער זאָל געזונט ווערן. כמעט אַלע שטאַרבן. אַ טייל דערוואַרטן זיך אפילו נישט אויפן מלאך־המות און שפּאָרן אים איין די אַרבעט דורך באַגיין זעלבסטמאָרד. ביים סוף פון דער דערציילונג קומט גיכער אַן אויפלייזונג ווי אַ לייזונג. אַן אויפ־לייזונג פון מענטש צוזאַמען מיטן פּראָבלעם.

כאָטש אין רוב פון די דערציילונגען לאָזן זיך דערקענען ביאָגראַפישע מאָמענטן, אָדער לכל הפחות — אייגענע אָבסערוואַציעס פון פאַרשידענע געשעע־נישן און געשטאַלטן, טאָר מען זיי נישט אָננעמען ווי זכרונות. מען טאָר זיי נישט זען ווי רעאַלע. ווען מיר וואָלטן זיי אַלס אַזעלכע געזען, דעמאָלט וואָלטן מיר פעסטגעשטעלט געוויסע אומפּינקטלעכקייטן און איבערחזרונגען. אויב מיר טרעפן

ווידער אַן די זעלבע געשטאַלט, אָדער עפּעס פון זעלבן ספּור המעשה, זענען דאָס ווי וואַריאַציעס. אַזוי זעען מיר, ווי אַ מאָלער מאָלט די זעלבע געשטאַלט פאַרשידן און ס'מאַכט זיך אפילו, אַז ער מאָלט אַ מענטשן אויף דעם זעלבן בילד מיט צוויי הענט אויפגעהויבענע און מיט צוויי אַנדערע הענט אין אַן אַנדער פּאָזיציע.

פאַראַנען אין זיינע דערציילונגען אַ סך פון דעם ייִדישן לעבן פאַר די לעצטע דריי־פיר צענדליק יאָר אין אַרגענטינע. מיר זעען אַ סך ייִדן וואָס זענען אַהער געקומען פון רוסלאַנד. מיר זעען די צעריסנקייט פון דער משפּחה. ער, דער מאַן, איז דאָ, און דאָס ווייב מיט די קינדער זענען ווייט, אין דער אַלטער היים. ער אַרבעט שווער און ביטער, ווערט קראַנק און שטאַרבט נאָך איידער ער באַוויזט אַראָפּצו־ברענגען אַהער זיין משפּחה. ער ווייזט פאַרשידענע גלגולים פון אימיגראַנטן. אַ טייל פאַלן דאָ אַריין אין אַ גוייִשער סביבה. מען קען אָבער נישט אַנטלויפן פון פאָלקס־גורל, פּונקט ווי מען קען נישט אַנטלויפן פון אייגענעם. ביים סוף פון זייער לעבן קערן זיי זיך צוריק. ס'איז אָבער צו־שפּעט.

ער ווייזט אונדז דעם ייִדישן סטודענט אין דער סביבה פון זיינע נישט־ייִדישע פּראָפעסאָרן און חברים. די דאָזיקע מאָמענטן שטעלן מיט זיך פאָר אַ וויכטיקן באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דער דאָזיקער סביבה. מיר האָבן געמיינט, אַז אַזעלכע זאַכן האָבן געקענט געשען נאָר אין פּוילן, צי אין רומעניע. הגם עס ווערט באַשריבן אַ צייט פון צוריק מיט צענדליקער יאָרן, האָט זיך די סיטואַציע ווייניק געביטן צום גוטן. נאָך היינט לאָזט זיך שטאַרק פילן דער אַנטיסעמיטיזם מצד די גוייִשע סטודענטן צו די ייִדישע אויף דער אוניווערסיטעט און אין די שפּיטאָלן.

און אחרון אחרון חביב — מען זעט דעם דאָקטאָר. פאַראַנען אַזעלכע, וואָס די מעדיצין איז ביי זיי נאָר פּראָפעסיע, און פאַראַנען אַזעלכע, וואָס האַלטן זי פאַר שליחות. אין דער דערציילונג אד"נ „מאָרפין" שרייבט ער: „אויסוויישנדיק בשעת מעשה די אויגן־גלעזלעך, אַזוי טוען אַ סך דאָקטוירים, ווען זיי ווילן זייערע בליקן נישט האַלטן געווענדעט צום קראַנקן, בעת זיי גיבן אַרויס וועגן אים אַ שאַרפן אורטייל". איך ספק, צי ס'זענען פאַראַנען אַ סך אַזעלכע מענטשלעכע דאָקטוירים. איך ספק אָבער נישט, אַז ער איז געווען אַזאַ. דער וועג צו דער מעדיצין איז אָבער נישט אַזאַ פּשוטער. דאָס מאַטעריאַל פון דאָקטאָר איז נישט האַלץ און נישט לייוונט, נאָר דער גוף פון לעבעדיקן און טויטן מענטשן. גיט טאַקע איבער ד"ר מיזשעריצקי אין זיין דערציילונג „דאָס רויטע ייִנגל", אויף אַ דערשיטערנדיקן אופן, ווי אַ לע־בעדיק ייִדיש ייִנגל ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פּשוט „מאַטעריאַל" פאַר דעם פּראָ־פעסאָר און פאַר זיינע סטודענטן. נישט נאָר מאַלפּעס און קרוליקעס זענען פאַראַנען אויף מעדיצינישע עקספּערימענטן, נאָר אויך מענטשן ווערן באַנוצט. מענטשן אָרעמע, אומגליקלעכע.

ס'האָט ד"ר מיזשעריצקי כסדר געלאָקט און געררייצט דאָס אויסערגעוויינלעכע און דאָס אומהיימלעכע. ווער ס'האָט אים געקענט פּערזענלעך, דעם איז שווער געווען צו גלייבן, אַז דאָס איז ער דער מחבר פון די אויסטערלישע דערציילונגען. אין דער וועלט־ליטעראַטור זענען באַקאַנט שרייבער פון אויסטערלישע געשיכטעס.

לאָמיר ברענגען פאַר אַביישפּיל צוויי פון זיי: עדגאַר אַלאַן פּאָ און ע. ט. אַ האָפמאַן. זיי זענען נישט געווען בלויז אויסטערליש ווי שרייבער, נאָר אויך אין זייער פּריוואַטן לעבן. ד״ר מיזשעריצקי איז אין לעבן געווען אַ שטילער, אַ גוט־מוטיקער און אפשר אויך אַ נאַיווער.

און אפשר טאַקע דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַזאַ שטילער, האָט ער אין האַרצן דווקא געבענקט צום שטורעמדיקן, אומגעווייַנלעכן? דאָס לעבן האָט אים געפּענטעט, האָט ער זיך באַפרייט אין דער פאַנטאַזיע. אַזוי אַרום איז ער געווען אַ דאָפּלטער. איינער — דער מענטש, און דער אַנדערער — דער שרייבער. מען קען אפשר אַזוי פּרוּוון אויסטייטשן די געשטאַלט פון ד״ר מיזשעריצקי. איך מיין אָבער אַז דער, וואָס וועט זיך באַקענען מיט זיין ביאָגראַפיע, וואָס איז געשריבן געוואָרן פון זיין ברודער און ווערט דאָ פאַרעפנטלעכט אין בוך, וועט קומען צום אויספיר, אַז דער שטילער, דער נאַיווער, דער ביישן, האָט פאַרמאָגט אַ שטאַרקן ווילן, וואָס האָט גובר געווען אַ סך שטערונגען און מכשולים אויף זיין וועג, אַז אויך אין לעבן האָט ער געהאָט אַ סך פאַנטאַזיע. אַנדערש וואָלט ער נישט באַוויזן צו ענדיקן די מוזיק־שול. אַנדערש וואָלט ער נישט געוואָרן דאָקטאָר און אַנדערש וואָלט ער נישט געפונען כח און עקשנות צו ווערן אַ שרייבער.

ווייניק מענטשן האָבן אים געקענט אין זיין גאַנצער פּערזענלעכקייט. איינער האָט אים געקענט ווי דעם דאָקטאָר, אַ צווייטער, ווי דעם מענטש, אַ דריטער — ווי דעם שרייבער. ער האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אַ סך ערשט נאָך דעם טויט, ווי אַ בוים, וואָס ערשט נאָך דעם ווי מען האָט אים אונטערגעהאַקט, דערזעט מען זיין גרויס. ער האָט קודם געשטרעבט צום ריין־נשמהדיקן — צו דער מוזיק. שפּעטער, האָט ער געוואָלט זיך באַקענען מיט דעם גוף — דורך דער מעדיצין. צום סוף איז ער צוגעקומען צו דעם, וואָס איז אין זיך כולל סיי דאָס נשמהדיקע און סיי דאָס פיזישע, וואָס שאַפט אפשר דעם סינטעז פוןביידע — צו דער ליטעראַטור.

די שטרעבונג הייסט נאָך נישט תמיד פולע דערגרייכונג. זי איז אָבער שוין אַליין פאַר זיך אינטערעסאַנט און שיין.

ישראל אַשענדאָרף

מיין ברודער נחמן ז״ל

מיט טיפן צער און פּיין, שרייב איך די דאָזיקע שורות, נאָכדעם ווי מיין ברודער נחמן, איז פון אונדז אומברחמנותדיק אַרויסגעריסן געוואָרן און מיר זענען פאַריתומט געבליבן. מיט זיין הסתלקות, האָט זיך פון אונדזער משפחה אָפּגעטון דער אורים־ותומים.

נחמן איז געווען זייער אַ באַשיידענער און נאַיווער, — מעלות מיט וועלכע אמתע אינטעלעקטואַלן צייכענען זיך אויס. און געווען איז ער אַן אינטעלעקטואַל אין פולן זין פון וואָרט. פון זיין פּילזייטיק לעבן, זענען אין מיר איינגעקריצט געוואָרן בילדער, וואָס מאַכן בולטער די שטריכן פון דער זויבערער געשטאַלט וואָס האָט זיך גערופן מיטן נאָמען נחמן, און ווי דורך אַ צופאַל, פאַרביטן געוואָרן אויף נאַהאָן, און זייט דאַן, האָט זיך זיין גורל געענדערט לגמרי. עד־היום הערן זיך נאָך אין מיינע אויערן קלאַנגען און וויי־געשרייען, ווען מיין פאָטער, מאָטל נחמנס דער מלמד ז״ל, איז אַרויסבאַגלייט געוואָרן פונעם שטעטל האָראָשקע, אויף זיין רייזע קיין אַרגענטינע. איך בין דעמאָלט אַלט געווען קוים דריי יאָר, אָבער איך געדענק: אַ סך מענטשן און אַ לאַנגער שליאַך הינטער דער שטאָט מיט אַ וואָגן אין מיטן וועג. וואָס פאַר אַ משונהדיקע באַשעפעניש דער מענטש איז! יעדער איינער פון די פינף חושים האָט זיין זכרון. אַפילו ווען דער שכל האָט נאָך נישט די פולע ממשלה איבער דיר, דינען שוין די זכרונות פון די חושים און דו פאַרגעסט זיי נישט אויפן גאַנצן לעבן. זייער אָפט פלעגן מיר הערן, ווי אונדזער געטרייע מוטער, זאָל לעבן, האָט אונדז דערמאָנט: איר געדענקט, קינדער, דאָס געזעגענען זיך פונעם פעטער משהן מיטן טאַטן?

נאָכן שיידן זיך פון אונדזער טאַטן, געדענקט זיך מיר, פלעגט מיין מוטער אַרומפאָרן אויף ירידים, און אונדז, די זעקס קליינע קינדער, איבערגעלאָזט אונטער דער אויפזיכט פון אונדזער מומע יענטל, אין עלטער פון אַ יאָר 18, וועלכע איז אַראָפּגעקומען פון שטאָט טשערנאָביל, (באַרימט צוליבן גרויסן צדיק־הדור

רבי אַהרעלע טשערנאָבילער, ז״ל) — די געבורטשטאָט פון אונדזער ליבער מוטער אין שטעטל האָט מען די מומע געהאַלטן פאַר אַ זעלטענע שיינקייט; ביי אונדז האָט זי אויסגעזען ווי אַ מלאך. זי איז געווען אַ שטרענגע, אָבער אַזוי טריי, צערטלעך, נשמהדיק, אַז מיר האָבן געהאַט צו איר אַ געפיל פון יראה און אהבה צוזאַמען, ממש דאָס חיות, דאָס לעבן אַליין.

נאָך אַ לאַנגער צייט באַקומט די מאַמע אַ בריוו פון מיין טאַטן אין אַרגענ־טינע, באַגלייט מיט אַ פאָטאָגראַפיע. אין דעם בריוו באַקלאָגט ער זיך ווי אַזוי ער איז פאַרוואָרפן געוואָרן אין טריפהנעם לאַנד אַרגענטינע, אַנשטאָט קיין

ברכה מיזשעריצקי
די מוטער פון מחבר

מרדכי מיזשעריצקי
דער פאָטער פון מחבר

נאָרד־אַמעריקע, ווי ער האָט געהאַט פלאַנירט; משמעות, צוליב זיין אויגן־קורצ־זיכטיקייט. ער שרייבט, אַז ער עסט נישט קיין פוטער, ווייל זי איז געמישט מיט חלב, און נישט קיין פלייש, ווייל ס'איז נישטאָ קיין כשרע שחיטה. די פאָטאָגראַפיע איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט און דערגאַנגען צו די לומדי־תורה. זיי האָבן זיך געכאַפּט אַז די באָרד איז אַ ביסעלע פאַרקלענערט. זאָל דאָס הייסן, אַז מאָטל נחמנס דער מלמד האָט זיך אַרומגעשוירן די באָרד? עפּעס גלייבט זיך נישט, נאָר אַז ער האָט זי פאַרקאָטשעט אַביסל בעתן פאָטאָגראַפירן זיך; איז געבליבן אַ פלוגתא. אין איינעם פון די לעצטע בריוו וואָס מיר האָבן דערהאַלטן פונעם טאַטן, גיט ער אָנצוגעהערן דער מאַמען, אַז נחמן, וואָס איז דאַן אַלט גע־ווען קוים 11 יאָר, זאָל זיך אויסלערנען אַ פאַך און לייגט איר פאַר זייגערמאַכעריי, ווייל מען מוז זיין צוגעגרייט, אפשר וועלן מיר נאָך אַמאָל פאָרן קיין אַרגענטינע.

אין איינעם אַ טאָג, איז די מאַמע אַוועק אין חדר צו רב אייזיק בילקער, נחמנס מלמד, און האָט אים איבערגעגעבן אַלץ וואָס דער טאַטע האָט געשריבן. רב אייזיק, דערהערנדיק אַזעלכע רייד, האָט זיך אָנגעכאַפּט פּאַרי קאָפּ:

— ס׳טייטש, וואָס רעדט איר, ברכה?! איר ווילט צונעמען דאָס קינד פון תורה? ער איז דאָך דער בעסטער אין דער כיתה פון די גמרא־תלמידים! איר נעמט אים צו, איז גלייך ווי מ׳וואָלט חרוב געמאַכט אַ שול, אַ בית־מדרש. איך עצה אייך נעמען נחמנען און אים אַוועקשיקן אין דער זוויהילער ישיבה. זיין מוח איז נישט אָפּצושאַצן. איך בין אייך מבטיח, אַז ער וועט אַמאָל זיין אַ גדול בישראל. אויף מאַטלען גלייב איך זיך גאָרנישט. וואָס אַמעריקע קען מאַכן! נעמען אַזאַ אוצר, אַ קינד און עס וועלן פאַרשוואַרצן פאַר אַן אַרבעטער! איך וועל אים אַוועקשיקן אַזאַ בריוו, אַז ער וועט מיך דאָרט האָבן צו געדענקען!...

די מאַמע, אויסהערנדיק די רייד בדחילו ורחימו, האָט דעם רבין אָפּגעדאַנקט און געזעגענענדיק זיך מיט אים, איז זי אַרויס אַ פאַרוויינטע. נישט פאַרלירנדיק קיין צייט, איז די מאַמע, אין אַ ווינטערדיקן שנייִיקן פרימאָרגן, אַוועקגעפאָרן מיט נחמנען, אָדער נחע, — ווי מיר פלעגן אים רופן, — קיין זוויהיל, וווּ ער איז פאַרבליבן אין דער ישיבה. נאָכדעם ווי זי האָט אָפּגעזוכט פאַר אים אייניקע בעל־הבתישע הייזער, וווּ ער האָט געדאַרפט גיין עסן „טעג״, איז די מאַמע צוריק געפאָרן אַהיים אַ באַרויִקטע, פילנדיק אַז זי האָט מקיים געווען אַ הייליקן געבאָט.

איינמאָל, באַגעגנט נחמנען אין גאַס אַ ייִד פון אונדזער שטעטל, וועלכער איז צופעליק געווען אין זוויהיל. דערזעענדיק ווי אויסגעדאַרט און בלאַס דאָס קינד איז, פרעגט ער אים די סיבה. ענטפערט אים נחמן, אַז אַ סך מאָל שעמט ער זיך אַריינצוגיין עסן אין די רייכע הייזער, ביז ער הונגערט זיך אויס אַ טאָג אָדער צוויי, דעמאָלט שטעלט ער זיך איין און גייט אַריין צו אַ בעל־הבית אָפּעסן.

דער בן־עיר, קומענדיק צוריק אין שטעטל, איז גלייך אַוועק צו מיין מוטער און איר איבערגעגעבן וועגן דער „באַגעגעניש״. מער האָט מיין מאַמע נישט געדאַרפט; זי האָט זיך גלייך אויפגעהויבן, אַוועקגעפאָרן קיין זוויהיל און צוריק־געבראַכט נחען. די מומע יענטל, דערזעענדיק נחמנען, דעם סקעלעט, האָט אויס־געבראָכן אין אַ ביטער געוויין. נאָר מיר, קינדער, האָבן אים געהאַלדזט און גע־טאַנצט פאַר פרייד. די גדולה איז געווען אין־לשער. יעדער איינער האָט זיך גע־בעטן, געוואָלט מיט אים שלאָפן. צומאָרגנס אינדערפרי, געדענק איך, ס׳איז גע־ווען, אַן ערב־שבת, מ׳האָט איינגעהייצט דעם אויוון, און מיר, דאָס קליינוואַרג, האָבן אַרויפגעקלעטערט אויף דער ליזשאַנקע זיך וואַרעמען און נחמנען אַריינ־גענומען אין דערמיט, טוליענדיק זיך אַלץ מער צו אים. פלוצים, און נחע קאַ־טשעט זיך אַראָפּ פון די ליזשאַנקע אויף דער ערד... אַ פאַרחלשטן האָט מען אים אויפגעהויבן. די לינקע האַנט האָט געליטן אַ ברוך. אַ פאַרגיפּסעוועטער איז ער אַרומגעגאַנגען עטלעכע מאָנאַטן.

נאָך דעם ווי ער איז געקומען צו די כוחות, ווערט ער גענומען אַלס לערנייִנגל צו בענצען דעם זייגערמאַכער. דער בעל־הבית האָט אים זייער ליב געהאַט. נחמן האָט באַזעסן אַ גוואַלדיקע נטיה צו נגינה. ער האָט געהאַט אַן אַלטשטימע. אין יענער צייט האָבן זיך באַוויזן די ערשטע פאָנאָגראַפן אין האָראָשקע און עולם איז געשטאַנען הינטערן פענצטער פונעם גביר פון שטעטל אין די אָוונטן, און געהערט מיט התפעלות די דיסקאָס פון די באַרימטע וועלט־חזנים, ווי סיראָטאַ, קוואַרטין און נאָך און נאָך. נחע האָט נאָכגעזונגען די תפילות מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט, אַריינלייגנדיק דערביי אַזוי פיל מתיקות, אַז ביז היינט צו טאָג דערמאָן איך זיך אין זיין שטימעלע און איך פיל אַז אַ באַלזאַם דערקוויקט מיין נשמה.

בענצע, דער זייגערמאַכער, פלעגט אים „אָנצי:ען" זינגען, ווייל פון דער נאַטור איז נחמן, ווי געזאָגט, געווען אַ שעמעוודיקער, און עס איז ביי אים שווער געווען אַרויסצוקריגן אַ ניגון. בענצע, דער זייגערמאַכער האָט אויף אים געהאַט אַן השפעה און פון זיין „מייַסטערסקייע" האָבן זיך נישט איין מאָל געלאָזט הערן דערהויבענע ווונדערלעכע קלאַנגען, ביז עס האָט זיך צונויפגעקליבן אַן עולם לעבן דער טיר; און ווי נאָר נחמן האָט דאָס באַמערקט איז גלייך אָפּגעהאַקט געוואָרן דאָס געזאַנג. אין זיין בוך „שאָטנס", צווישן די האָראָשקער טיפּן, באַשרייבט נחמן בענצען דעם זייגערמאַכער מיט יראת־הכבוד.

אַ נטיה האָט אויך נחמן געהאַט צו מאָלעריי. אויף וואָס דאָס אויג איז געפאַלן, דאָס האָט ער אַראָפּגעכאַפּט אויפן פּאַפּיר. אין יאָרן שפּעטער, ווען ער האָט נאָר־וואָס געהאַט איינגעאָרדנט זיין קאָנסולטאָריע אַלס דאָקטער, און נישט קאָנענדיק זיך פאַרגינען צו קויפן בילדער, האָט ער אַליין געמאָלן עטלעכע בילדער, צוגעפּאַסט פאַר אַ דאָקטערס קאַבינעט און מיט זיי באַצירט די ווענט, און זיי זענען אַזוי שיין ווי די אַנדערע שפּעטער־צוגעקויפטע בילדער. איך גלייב נישט, אַז נחמן זאָל אַמאָל געווען אָנוויזן אַ פּאַציענט אויף זיינס אַ בילד, ווייל ער איז געווען פשוט, באַשיידן. אַנדערש האָט דאָס ביי אים נישט געקאָנט זיין, ווייל... לכך נוצרת.

איינמאָל, אַרויסגייענדיק פון דער זייגערמאַכעריי, מיטאָג־צייט, אַזוי ווי תמיד, פאַרחלומט, פאַרדבקהט, איז אָנגעלאָפן אַ שייגעץ און מיט אַן אייזערנע האַנט־העטשקע אים דערלאַנגט איבערן קאָפּ. עטלעכע מענטשן האָבן אַריינגעטראָגן נחמנען אַ געשוואָלענעם אין אַ באַוווסטלאָזן צושטאַנד. נאָך עטלעכע וואָכן פון ראַנגלעניש, איז ער, על־פּי־נס, לעבן געבליבן.

עס האָט שוין לאַנג נישט גענומען און גאַנץ האָראָשקע, באַגלייט אונדז אַרויס צו אונדזער רייזע קיין אַרגענטינע. יענע סצענע, איז מיר געבליבן טיף איינגעקריצט אין מח. עס האָט זיך געצויגן אַן אומענדלעכע פּראָצעסיע פון אנשים, נשים וטף, באַגלייט מיט קרעכצן און געוויינען. אין וועג האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט ביים פעטער שמחהן, אין קיִעוו, איבערלאָזנדיק ביי אים אויף דערווייל די

שוועסטער, דאָס הייסט, די מומע יענטלען, צוליב פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן, מיטן תנאי, אַזוי האָט זי ביי דער מאַמען אויסגענומען, אַז ווי נאָר זי וועט דערליידיקן אייניקע פאָרמאַליטעטן זאָל מען זי אַרויסנעמען קיין אַרגענטינע.

פאָרזעצנדיק אונדזער רייזע שוין אויף דער שיף „האָלאַנדיאַ", האָט צווישן שפּאַניע און בראַזיל פּאַסירט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט איבערגעלאָזט טיפע שפּורן אין מיין זעקס־יאָריקן קינדערשן מוח. אונדזער שיף האָט זיך דאַן געוואָרפן ווי אַ שפּילצייג צווישן הימל און וואַסער, אין אַ שטורמישן ים. עס איז צוויי אַזייגער ביינאַכט, דער הימל שטאַרק פאַרכמאַרעט. פּלוצים, — די שיף שטעלט זיך. אַ געפּילדער, אַ גערויש. אָפיצירן און מאַטראָסן לויפן הין און צוריק. דער גערויש ווערט שטאַרקער, ער פאַרהילכט די מוחות; מען זאָגט: עס האָט געפּלאַצט אַ מאַשין. קולות לאָזן זיך הערן, מען כליפּעט, מען וויינט. אַפילו אין אַזעלכע מאָמענטן פעלט אויך נישט קיין לץ, וואָס מאַכט פון אַלץ נישט קיין וועזן און חוזקט:

— זע נאָר, ווי מ'שרעקט זיך דאָס, גרינע חיות! — טרייסלט זיך פון געלעכטער, איינער אַ פּאַסאַזשיר — איך פאָר שוין הין און צוריק זייט עטלעכע יאָר; עס איז נישטאָ קיין געפאַר ביז די לאָמפּן לעשן זיך נישט אויס...

מיטאַמאָל האָבן זיך אויסגעלאָשן אַלע לעמפּלעך, וימש חושך, און די שיף איז איינגעהילט געוואָרן אין אַ טיפער פינצטערניש.

צוליב וואָס באַשרייבן אַלע איינצלהייטן? וויכטיק איז, אַז די שיף האָט זיך מיט נסים אָפּגעראַטעוועט, אָבער אַ טראַגישער סאַלדאָ איז דאָך געבליבן: עטלעכע פון דער מאַנשאַפט זענען אַרויס קאַליקעס און איינער פון זיי איז אינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן. מ'האָט גוזר־תענית געווען דעם טאָג ווען מ'האָט דעם מאַטראָס אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער און דורכגעפירט אַ רעליגיעזע צערעמאָניע. אונדזער נחמן האָט געמאַכט דעם אל־מלא־רחמים מיט אַזאַ השתפכות־הנפש, אַז דער עולם איז אַרויס פאַרכישופט און געשמועסט אָפטמאָל וועגן דעם 12־יעריקן אוקראַינער יינגעלע.

דעם 11טן יאַנואַר 1911, נאָך אַן אָנגעמאַטערטער שיף־רייזע פון עטלעכע און דרייסיק טעג, זענען מיר אַראָפּגעשטיגן פון דער שיף, אין אַ זונטיקדיקן פרימאָרגן אין סאַמע זומער־ברען. ביים פּאָרט האָט אונדז אָפּגעוואַרט דער פאָטער און די גאַנצע „פּאַיסאַנאַדאַ". אוממעגלעך אויסצודריקן אין ווערטער דעם מאָמענט, ווען דער טאַטע האָט זיך מיט אונדז באַגעגנט. בעת די דריי יאָר אָפּוועזנהייט האָט ער זיך אַזוי אָפּגעצערט פון נישט־עסן און בענקשאַפט, אַז עס איז געווען שווער אים צו דערקענען. מיט אַמאָל האָט איינער פון די „פּייסאַנעס" אַראָפּגעכאַפּט פון אונדז די האָראַשקער היטעלעך און אַ צווייטער האָט אונדז אָנגעטאָן גרויסע שטרויענע שליאַפּעס, אַזוי ווי די קאָלאָניסטן טראָגן. מ'האָט געדונגען קאָטשן און מיר זענען פאַרפאָרן צו נחום רויזמאַנען, איינער פון די בעסער־איינגעאָרדנטע לאַנדסלייט.

דאָ האָט פּאַסירט פאָלגנדיקער עפּיזאָד: אַזוי ווי עס איז געווען אַ שטיקנדיקער און אומדערטרעגלעכער טאָג, האָט זיך דער עולם אויסגעטאָן די שליאַפּעס און מ׳האָט אונדז פּאַרבעטן אויך צו טון דאָס זעלבע. מיר ווילן אָבער נישט. מיר וועלן גיין בגילוי־ראש?! מען דערנעענטערט זיך, מען פּרוווט פון אונדז אַראָפּנעמען די שליאַפּעס, און מיר רייסן זיך, מיר לאָזן זיך נישט. דער טאַטע בעט זיך ביי אונדז:

— קינדערלעך, מיר זאָל זיין פּאַר אייך; טוט אויס די שליאַפּעס. עס רינט דאָך ביי אייך פּעטיאַקעסוויז שוויס!...

נאָר מיר, — לא מיט אַן אלף. מיטאַמאָל האָבן מיר אַלע קינדהער אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעך געוויין. די מאַמע איז בעת־מעשה אַרומגעגאַנגען איבערן צימער און ברעכנדיק מיט די הענט האָט זי איבערגעחזרט עטלעכע מאָל:

— מאָטל! איך האָב דיר געבראַכט צדיקים, צדיקים האָב איך דיר געבראַכט!

דער עולם האָט זיך גענומען צו די טיכלעך און געווישט די אויגן און אייניקע האָבן אַרויסגעשעפּטשעט:

— אַ טריפה לאַנד אַרגענטינע, אַ טריפה לאַנד!...

די ערשטע צייט איז נחמן געווען פאַרטומלט פון דער שיינקייט און רייכקייט פון אַזאַ בוענאָס־איירעס. אַלע פרימאָרגן פלעגט ער אויפשטיין, אָפּדאַווענען, אָפּטרינקען און זיך לאָזן אין וועג אַריין. ער האָט אויסגעשפּאַנט די גאַסן אין דער לענג און אין דער ברייט. אַלעס האָט אים אַנטציקט. ער פלעגט מאָלן בילדער פונעם פּאָרט, שיפן, מויערן, באַנען אאַ״וו און אַהיימקומענדיק, דערציילט ניסים ונפלאות פון דער עיר־הבירה. אין אייניקע מאָנאַטן אַרום האָט ער שוין גערעדט אַ פּערפעקטן שפּאַניש.

די יום־טובדיקע טעג זענען אָבער אַוועק און זייער פּלאַץ האָט פאַרנומען די גרויע טעגלעכע ווירקלעכקייט. אין אַן אָוונט האָט דער טאַטע צוגערופן נחמנען און זיך מיט אים אויסגעטענהט:

— די שפּראַך, מיין קינד, קאָנסטו, אָבער שרייבן דאַרף מען דאָך אויך און גראַמאַטנע. ווייסט, מיין קינד, ווען איך בין געקומען קיין אַרגענטינע האָב איך מיר נישט געקאָנט פאַרגינען צו קויפן פּאַפּיר, פלעג איך נעמען דאָס פּאַפּיר וואָס מ׳האָט מיר איינגעוויקלט ס׳עסנוואַרג אין שפּייזקראָם און געשריבן אויף דעם, שפּאַניש. אמת, איך רעד נישט קיין קאָרעקטן שפּאַניש, אָבער לייענען און שרייבן האָב איך זיך אויסגעלערנט.

נחמנען אָבער איז דאָס שרייבן נישט געלעגן אין קאָפּ. פאַרכאַפּט פון דער רוישיקער שטאָט, איז אים ליבערשט געווען צו פאָרן אויף די „רעמאַטעס״, ווו עס האָבן זיך דעמאָלט פאַרקויפט „טערענאָס״ בזיל הזול. בוענאָס איירעס מיט 45 יאָר צוריק האָט פאַרמאָגט אַ קליינע באַפעלקערונג און גרויסע שטחים ערד האָבן געפּוסטעוועט. ספּעציעלע קאַטשן און טראַמווייען זענען געשטאַנען צו דער דיס־

פּאָזיציע פון דער באַפעלקערונג איינגאַנצן אומזיסט. טאָ וואָס, אַ שטייגער, האָט געקאָנט אַרן אונדזער נחען, ווען טאָג־טעגלעך איז ער זיך אַרויסגעפּאָרן אין די אומזיסטע קאָטשן און בניה־וביה, הנאה געהאַט פונעם שפּאַציר איבער דער שטאָט?

— געדענק, נחמן — פלעגט די מאַמע אים זאָגן — דער טאַטע וועט נישט שווייגן!...

פלעגט ער ווען נישט ווען, אָפּקומען מיטן אָפּדראַקען אַ פּאָר פּערטלעך פּאַפּיר ותו לא; און ווייטער אַוועקגיין אויף גאַנצע טעג און גאָרנישט שרייבן. דער טאַטע אָבער האָט הערפון געהאַט גרויס עגמת־נפש.

— היתכן? — פלעגט ער טענהן, — אַזאַ פריי לאַנד ווי אַרגענטינע, וווּ יעדער איינער קאָן זיך לערנען פראַנק און פריי!

מילא, ער, אָנקומענדיק צו די 45 יאָר אין לאַנד און מוזנדיק דערנערן אַ פרוי מיט זעקס קינדער, זאָלן געזונט זיין, האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט ווי זיך אויסלערנען האַלטן אַ פּרעסל אין האַנט, אַ דאַנק איינעם אַ לאַנדסמאַן; מוז ער אויפשטיין גאַנץ פרי, ווען ס׳איז נאָך שטאָק פינצטער און שקלאַפן אַלס פּרעסער, ביז אָוונט ביי בראַסעראַסן אין דער פאַבריק, וועלכער האָט צוגעשטעלט מונדירן פאַרן מיליטער, אָבער נחמן, אַזאַ טייערע כלי, קאָן דאָך אין אַרגענטינע העכערס דערגרייכן. ער מוז צו דעם אָננעמען שטרענגע מיטלען.

כך הוא: אין איינעם אַן אָוונט, ווען מיר זענען שוין אַלע געלעגן אויף די געלעגערס, אַרום ניין אַזייגער, רעדט דער טאַטע פון זיין בעט אַרויס צו דער מאַמען:

— היינט וועל איך אים אָנלערנען! ער וועט שרייבן; שרייבן מוז ער!

און אַזוי ווי מ׳שמועסט, קלאַפּט־אָן נחמן אין טיר.

— היינט גייסטו ביי מיר נישט אַריין! — שרייט דער טאַטע.

די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע. מיר שלאָפן שוין קיינער נישט. דער זייגער שלאָגט עלף. מיטאַמאָל ברעכט אויס אַ געוויין הינטערן פענצטער:

— טאַטע, לאָז מיך אַריין, איך וועל שוין שרייבן, איך וועל שרייבן, שרייבן...

מיר, קליינוואַרג, קאַטשען זיך פאַר געלעכטער; דער טאַטע שרייט פון איינעווייניק; נחע קלאָגט אינדרויסן און די מאַמע האַלט זיך אין איין בעטן ביים טאַטן:

— מאָטל, גענוג שוין! דאָס קינד וועט זיך חלילה פאַרקילן. לאָז אים אַריין, ער וועט שוין שרייבן.

אַרום האַלבער נאַכט איז נחע אַריין אין שטוב. די געמיטער האָבן זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו באַרויקן. נישט קיין געגעסענער האָט זיך נחמן אַריינגעוואַלגערט אויף זיין געלעגער מיט אונדז צוזאַמען אויפן פאָל, אָפּגעשעפּטשעט קריאת־שמע און באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן.

צומאָרגנס, איז נחמן אויפגעשטאַנען גאָר אַן אַנדערער מענטש. מער איז ער פון שטוב נישט אַרויס. ער האָט אָפּגעשריבן עטלעכע פּערטלעך פּאַפּיר, און זיצנדיק אַזוי פאַרטראַכט, האָט ער אָנגעהויבן מיר דערציילן מעשיות פון דער

זוויהילער ישיבה, פונעם ראש־ישיבה מיט זיינע פלאַמענדיקע דרשות, פון די ישיבה־בחורים, פון ייִדן־קדושים, וואָס האָבן זיך געלאָזט שעכטן און פאַרברענען אין פייער על־קידוש־השם. ער רעדט און איך גיס מיט טרערן, ממש פלגי־מים...

— ווייסט, אברהמל, דער טאַטע האָט מיך אַמאָל מיטגענומען צום פעטער שמחהן, דעם שוחט פון האַרציזיווקע. אַריינפאָרנדיק קיין האַרציזיווקע זענען אונדז געקומען מקבל־פּנים זיין דער פעטער און די מומע חנה מיט די קינדער. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די שמחה, דאָס האַרציקע קושן און האַלדזן זיך. דער טאַטע איז נאָכדעם אָפּגעפאָרן אַהיים און מיך איבערגעלאָזט אויף אַ שטיק צייט. אין אַ ביינאַכט, ליגנדיק אין בעט, באַמערק איך דורך אַ האַלב־אָפענער טיר, ווי דער פעטער שמחה זיצט אויף דער ערד און שאָקלט זיך איבער אַ ספר ביי דער שיין פון אַ ליכט, און כ'הער אַזאַ זיסן ניגון, אַז ס'צעגייט זיך איבער אַלע אברים. די נאַכט איז געווען זייער אַ קאַלטע. עס האָט מיך אַרומגענומען אַ מין פאָרכטיקייט און די גאַנצע נאַכט האָבן זיך מיר געחלומט משונהדיקע טרויעריקע בילדער. אינדערפרי האָב איך געפרעגט דעם פעטער פאַרוואָס ער איז ביינאַכט געזעסן אויף דער ערד און געלערנט מיט אַזאַ וויינענדיקן קול. דער פעטער שמחה, מיט זיין שטענדיק זיסן שמייכלדיקן פּנים, האָט מיר אַ קוש־געטון אין שטערן און מיר צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר ער וועט קומען פון שחיטה, וועט ער מיר אַלץ איבערגעבן. און אַזוי איז געווען. קודם האָט ער מיר דערקלערט די באַדייטונג פון „תיקון חצות“, ווי פרומע ייִדן שטייען אויף ביינאַכט, פונקט צוועלף אַזייגער און וויינען און קלאָגן אויפן חורבן בית־המקדש, זאָגנדיק דערביי געהעריקע קינות. שפּעטער האָט ער זיך אָוועקגעזעצט לערנען מיט זיינע קינדער און איך אויך בתוכם. איך געדענק אַפילו וואָס ער האָט מיט אונדז געלערנט; דער ניגון איז מיר איינגעבאַקן געוואָרן אין האַרצן. ווילסט אברהמל, זאָג איך דיר דאָס שטיקעלע גמרא — און נישט־וואַרטנדיק האָט נחמן אָנגעהויבן — ארבעה נכנסו לפרדס, אלו הם: בן־עזאי, בן־זומא, אחר, ורבי עקיבא. פיר זענען אַריינגעגאַנגען אין גאָרטן. בן־עזאי הציץ ומת: בן־עזאי האָט אַריינגעבליקט און איז געשטאָרבן. בן־זומא הציץ ונפגע: בן־זומא האָט אַריינגעקוקט און איז פון זינען אַראָפּ; אחר קצץ בנטיעות: אחר האָט געהאַקט פלאַנצונגען; רבי עקיבא יצא בשלום: נאָר איין רבי עקיבא איז אַרויס אַ גאַנצער...

נחמן זינגט און איך וויין זיך אין טרערן. נישט קאָנענדיק זיך מער איינהאַלטן, לויף איך אַרויס גלייך צו דער מאַמען אין קיך אַריין:

— מאַמע, נחמן דערציילט אַזעלכע וואונדערלעכע מעשיות...

און איידער איך ענדיק, זאָגט זי:

— ווי איז מיר, פאַרוואָס זענען דיינע אויגן אַזוי געשוואָלן?

— מאַמע, די מעשיות נחמס זענען זייער טרויעריקע.

די מאַמע לויפט אַריין אין צימער:

— נחמן, וואָס האָסטו צום קינד? — שרייט זי.

— מאַמע, איך האָב אים דערציילט פון דעם פעטער שמחה, דעם שוחט; ער דאַרף אויך וויסן, ווער דער פעטער שמחה איז!

די מאַמע איז אַרויס שטיל פון צימער, צוריק צו איר אַרבעט.

אין יאָרן אַרום, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין 1923, איז אָנגעקומען קיין אַרגענטינע די פאַמיליע ביליאַק. דער גורל האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן פאַרפאָרן אויף אונדזער אַדרעס; טאַקע בנימינקע דער לאַנדסמאַן, וועלכן נחמן שילדערט אין זיינע דערציילונגען אַזוי מייסטערהאַפט, וואָס פלעגט יעדן טאָג אַראָפּ צום פּאָרט און אויפזוכן לאַנדסלייט, דערוויסנדיק זיך אַז זיי זענען האַרצעזיוקער, האָט ער זיי צוגעפירט צו אונדז.

מיין צוקונפטיקער שווער, רב יונה ביליאַק, זאָל מאריך־ימים זיין, אַ ייִד פונעם עלטערן דור, צנא דמלי ספרי, האָט אונדז דערציילט ווי אַזוי ער פלעגט פאַרברענגען אין לימוד מיטן האַרציזיוקער שוחט, געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם, אַ ירא־שמים. די שוויגער, מרת פייגל ע״ה, וואָס האָט אונדז ביים לעבן אַזוי געטריי געדינט, האָט דעמאָלט איבערגעגעבן באריכות, דאָס טרויעריקע בילד ווי אַזוי דער פעטער שמחה איז אויסגעגאַנגען פון הונגער אין מלחמה־צייט. חבל על דאבדין ולא משתכחין, חבל.

נחמן האָט מיר שוין מער נישט דערציילט קיין מעשיות. דעם זעלבן טאָג האָט אַ ווילער שכן, אַ פּאָליציאַנט, מיטגענומען נחמנען אין אַ שול און אים דאָרטן פאַרשריבן אויף די אָוונט־קורסן.

פרייטיק־צו־נאַכטס, נאָכן קידוש־מאַכן, מיר עסן שוין אַזוי געמיטלעך, רופט נחמן פלוצים אויס:

— טאַטע, דער „ווישילאַנט" האָט מיך פאַרשריבן אין אַ שפּאַנישער אָוונט־שול, מיט אַ נייעם נאָמען. איך הייס שוין „נאַהאָן".

דער טאַטע קוקט אים אָן און שמייכלט:

— נחמן שטייט דיר שוין נישט אָן? דו ווייסט ווער מיין טאַטע ז״ל, וועמענס נאָמען דו טראָגסט, ווער ער איז געווען? געווען איז ער אַ מלמד, אַ גרויסער קבצן, אָבער איינער פון די שענסטע יידן פון האָראָשקע. אַן איסטניס, אַן אויסגע־דאַרטער, אַן אויסגעמאַטערטער פון לימוד־התורה און פון די פילע תעניתים און סגופים. אַן אמתער איש־אלוקים...

קוים דערלעבט אָפּצוזאָגן דעם „כל מקדש", בין איך אַ פאַרמאַטערטער איינגעשלאָפן ביים טיש. איך האָב נאָר דערהערט, ווי נחמן זאָגט דעם טאַטן:

— און דאָך קלינגט מיר זייער שיין דער נאָמען „נאַהאָן".

אין איניקע מאָנאַטן אַרום האָט זיך נחמן אויסגעזוכט אַ שטעלע דורך אַן אַוויסע אין דער „לאַ פּרענסאַ", ביי אַ רענצלמאַכער, אַ נאַפּאָליטאַנער, און זאַלבע־דריט, — דער טאַטע, נחמן און ליובע, די עלטערע שוועסטער, פאָרן אָוועק יעדן פרימאָרגן פון דער שטוב צו דער אַרבעט, אויף דער גאַס טשיקלאַנאַ, אין פּאַרקע פּאַטריסיאָס, ביז העט־העט וויט אין צענטער, און קערן זיך אום אָוונט־צייט. נחמן

האָט שוין דעמאָלט געהאַט פאַרלוירן זײַן קלינגענדיק אַלט־שטימעלע. הײַנט פאַר־שטיי איך שוין, אַז אין יענער צײַט האָט נאָהאָן דורכגעמאַכט דעם פיזיאָלאָגישן איבערגאַנגס־פּראָצעס פון דער קינדהייט צו די בחורישע יאָרן. דאָך איז ער יעדעס מאָל געקומען מיט אַן אַנדער נאַפּאָליטאַניש לידל און דאָס אויסגעזונגען צום טאַקט. פון זײַן קול איז נאָר געבליבן די מתיקות, דאָס געפיל.

אין אַ צוויי יאָר אַרום איז אונדזער שטוב מיטאַמאָל אויפגעריכט געוואָרן: די מומע יענטל איז אָנגעקומען פון רוסלאַנד. טאָג און נאַכט האָבן זיך געשאָטן צו אונדז לאַנדסלײַט. נאָהאָן האָט געזונגען נאַפּאָליטאַנישע לידלעך און עולם האָט געשעפּט נחת.

מיטאַמאָל איז די שמחה פאַרשטערט געוואָרן: אַ טראַגעדיע האָט אײַנגעהילט אונדזער שטוב אין טיפן טרויער. עס איז געשען אין סאַמע האָניק־חודש פון דער מומע יענטלס קומען. אין אַ מוצאי־שבת, מיר גרייטן זיך ווי שטענדיק, אויפצונעמען אונדזערע לאַנדסלײַט. באַלד אין אָוונט האָט זיך שוין טאַקע באַוויזן בנימינקע, דער ערשטער פון אַלע. די מאַמע איז דאַן געווען פאַר־נומען מיטן צוגרייטן די מאכלים פאַר די געסט, וואָס וועלן אָט־אָט אַרײַנפאַלן. אין אַ מאָמענט האָט זי געבעטן אונדזער 11־יעריקע שוועסטערל שרהלע, אַרײַנ־צוברענגען פון קיך עטלעכע סוכאַרקעס. פּלוצים דערהערט מען אַ געשריי:

— טאַטע, איך ברען!!!

מיר כאַפּן זיך אויף, עס לויפט אַ קנויל פייער און שרײַט: „מאַמע! מאַמע!". דער טאַטע און בנימינקע האָבן געכאַפּט קאָלדרעס, לײַלעכער, קישנס, מ'האָט אָנגעהויבן וואַרפן אויפן קנויל פייער, וואָס איז שוין געלעגן אויף דער ערד און זיך געקאַטשעט. מיט גרויסע, גרויסע צרות האָט מען אָפּגעלאָשן שרהלען. בײַם טראַגישן מאָמענט זענען יענטל און נחמן נישט געווען, זיי זענען אַרויס באַגלייטן צום טראַמוויי די מומע יענטלס אַ חברטע פון דער „היים". איך בין אַרויס זיי אָפּזוכן און געזאָגט זיי די טרויעריקע בשורה. צוערשט האָבן זיי געמיינט, אַז איך שפּאַס. דערנאָך, אַז איך האָב אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, זענען מיר אַלע אַרײַנגעלאָפן אין שטוב. עס איז געוואָרן אַ צוזאַמענלויף פון מענטשן, ווען דער אַמבולאַנס איז אָנגעקומען. מ'האָט אָפּגעפירט שרהלען אין שפּיטאָל ראַווסאָן, און אין אַ מאָנאַט אַרום האָט זי אויסגעהויכט איר הייליקע נשמה. די סיבה איז געווען, וואָס אַן אָנגעצונדן קעראָסען־לעמפּל האָט זיך איבערגעקערט אויף שרהלען אין מאָמענט ווען זי האָט אויפגעעפנט דאָס טירל פון קיך. דער טאַטע און בנימין זענען עטלעכע וואָכן אָפּגעלעגן מיט פאַרבאַנדאַזשירטע הענט און פּיס. שרהלע שטייט מיר נאָך הײַנט פאַר די אויגן: אַ מיידעלע אַ חכמה, אַ מונטערדיקס, אַ לעבעדיקס, אַלע לויבן איר שיינקייט, אַ בלום צעוואַקסט זיך, אירע אײדעלע שטריכן, און פּײַנע באַנעמונג, מיטאַמאָל, נישטאָ מער! — ליבינקע, אומשולדיקע שוועס־טערל, פאַרוואָס איז דיר געקומען אַזאַ טראַגישער טויט, אַזוי יונג פאַרשניטן צו ווערן פון דער וועלט? — אין דער זעלבער שטוב האָבן שוין טאַטע־מאַמע נישט

געקאָנט וווינען, קיין מוט נישט געהאַט דורכצוגיין די זעלבע גאַס. אָפּגעזאָגט „ד׳ נתן ד׳ לקח״ און מיר האָבן זיך אַרויסגעצויגן אין צענטער, אין שטאָט.

מער קיין צוזאַמענקונפטן זענען נישט פאָרגעקומען אין אונדזער הויז. דאָס לעבן, אָבער גייט זיך ווייטער זיין וועג. אַ יאָר גייט אַוועק, אַ יאָר קומט. מיין מוטער, זאָל זיין געזונט, האָט געבוירן אַ ניי טעכטערל און מיר האָבן נאָך אַ שוועסטערל, אַן עכט אַרגענטינערן, מכליה, זאָל זיין געזונט.

אין יענער צייט מאַכט דורך נאַהאַן אַ מעטאַמאָרפאָזע: אין אַן אָוונט, נאָך דער שווערער פּראַצע, קומט ער מיט אַ נייעס: ביים בעל־הבית ווו ער אַרבעט הערט ער שטענדיק שפּילן פּיאַנאָ זיינס אַ מיידל; היות, די טענער פון דער פּיאַנאָ דערוועקן אין אים אַזאַ לוסט צו מוזיק, אַז ער פילט, אַז עס עקט זיך אים די נשמה, אַז אַן פּיאַנאָ איז זיין לעבן קיין לעבן נישט, בכן, ער וועט מויערן ברעכן און זיין ציל דערגרייכן: אַ פּיאַניסט מוז ער ווערן! דער טאַטע האָט אים שמייכ־לענדיק געענטפערט:

— קינד מיינס, ביסט נאָך קיין 16 יאָר נישט אַלט. קאָנסט דאָך אַלעס דער־גרייכן. אין לך דבר העומד בפני הרצון! אַרגענטינע איז אַ פריי לאַנד, אַלע טירן זענען דאָ אָפן. דו דאַרפסט נאָר ווען און דיין פאַרלאַנג וועט מקוים ווערן. שטייענדיק אין גאַס מיט אַ קעסטל ציגאַרן, פון אַזאַ סאָרט פּרנסה קאָן איך דיר זיכער קיין פּיאַנאָ נישט לערנען; איך גלויב אין דעם מאמר חז״ל: יגעת ומצאת תאמן. וועסט זיך מיען, וועסטו דיין ציל דערגרייכן.

נאַהאַנען האָבן די ווערטער נאָך מער צעפלאַקערט זיין התלהבות. אין אייניקע טעג אַרום האָט ער זיך פאַרשריבן אַלס שילער אין דער אַקאַדעמיע זולצער, וואָס האָט זיך דעמאָלט נאָר־וואָס געהאַט געגרינדעט אין בוענאָס־איירעס, דירי־גירט דורכן הער לעאָן חדקל, היינטיקער חשובער ציון־עסקן. נאַהאַן האָט זיך געוואָרפן פון איין פאַך צום צווייטן, זייער שווער געהאָרעוועט, אָבער ביינאַכט האָט זיך אָנגעהויבן זיין ליכטיק וועלטל. ער האָט ממש געשלונגען די נאָטן. דורך אַ קאָנקורס איז אים געלונגען אַריינצוטרעטן אין דער קאָנסערוואַטאָריאָ נאַסיאָנאַל דע „לאַ פּרענסאַ״, וועלכע האָט זיך אין יענער צייט גערעכנט אַלס איינע פון די בעסטע. נישט האָבנדיק קיין פּיאַנאָ, איז דער טאַטע אַרומגעלאָפן צווישן די לאַנדסלייט וואָס האָבן דאָס יאָ באַזיצט און באַשטעלט „טעג״ פאַר נאַ־האַנען, אויסצולערנען די לעקציעס, פּונקט ווי אַמאָל די מאַמע האָט פאַר אים אויסגעפועלט „טעג״ בשעת דער זוויהילער ישיבה. דאָ הויבט זיך אָבער ערשט אָן די אמתע פּראָבלעם. קאָנסערוואַטאָריאָ נאַסיאָנאַל דע „לאַ פּרענסאַ״ איז לאו מלתא זוטרתא, נישט קיין קלייניקייט. ווי אַזוי־זשע קויפט מען אַ פּיאַנאָ?

דער טאַטע איז פון אַ ציגאַרעטן־פאַרקויפער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שמש אין תלמוד־תורה „לינת הצדק״; ווען־נישט־ווען דאַוונט ער פאַרן עמוד. נישט קיין הויכע אָבער אַ זיסע שטימע האָט דער טאַטע פאַרמאָגט. אַזאַ האַרציקן בעל־תפילה האָב איך שוין מער קיינמאָל נישט געהערט. ער איז אויך בעל־קורא.

מיך האָט ער אויך אַריינגענומען אין קאָן. איך בין שוין אויך אַ מענטש, — אינגאַנצן צען יאָר אַלט...

— ישראל־אברהמל, היינטיקן שבועות אי״ה וועסטו מיר אונטערהעלפן, דו וועסט אויך זיין אַ בעל־קורא!

מיר איז דער ענין שטאַרק געפעלן. איך האָב דאַן געהאַט אַ שטימעלע אַזוי ווי אַ גלעקל. דער טאַטע האָט זיך צו מיר גענומען און מיך אויסגעלערנט די יום־טובדיקע קריאה. דער טאַטע לייענט אינעווייניק אין סאַלאָן און מיך שטעלט מען אַוועק אויף אַ בענקעלע אינמיטן הויף, אַרום אַ לאַנגן הויכן טיש. רב משה רובין ז״ל, דער באַוווסטער למדן, שרייבער און פעדאַגאָג, טאַקע דער אינספעקטאָר פון מיין חדר, תלמוד־תורה ד״ר הערצל, מאַכט די מי־שברכס און איך בין מעביר קונציק. ווייבער קוקן דורכן פענצטער און קושן בעת־מעשה מיין מאַמען, וועלכע ווינט אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן. אַזעלכעס, זאָגן זיי, האָט מען נאָך אין בוענאָס־איירעס נישט געזען.

וואָס קומט אָבער אַרויס פון די אַלע גליקן? צו קיין פיאַנאָ קומט דאָס נישט. איז זיך מיישב מיין מאַמע, באַלד נאָך יום־טוב און שטעקט אַריין די רעכטע האַנט אין אַ קריגל וואָס איז געשטאַנען אויף דער שאַפע און נעמט פון דאָרט אַרויס אַ קימא־לן פון 130 פעזאָס, וואָס מיין עלטערע שוועסטער ליובע האָט געקליבן צו קויפן זיך אַ מאַנטל, ווייל מ׳כאַפּט שוין טאַקע אַ ציטער, לויפנדיק צו דער אַרבעט.

אַהיימקומענדיק ביינאַכט פון דער פאַבריק, רוימט איר איין די מאַמע אַ „סוד״ בקול־רם:

— „מען מוזן קויפן אַ פיאַנאָ״!

ליובע, נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, האָט אָפּגעווישט די ליפּן און שאַ־שטיל. אין אייניקע טעג אַרום האָט מען געבראַכט אַ פיאַנאָ. די גאַנצע משפחה האָט זיך אַרומגעזעצט ביים טיש ווי די טאָקן. די פיאַנאָ איז נאָך רעכט נישט געשטאַנען אויף איר פלאַץ און נאַהאַן גיט זיך אַ נעם צו איר. שטרעקט אויס זיינע הענט, ציט אויס זיינע דאַרע פינגער אויף די קלאַווישן און טוט אַ שפּיל, אַז מיר טוען זיך אַלע אַ וואָרף פון די ערטער. די ערשטע מינוטן זענען מיר אַלע געווען אַנגעצויגן, אָבער צוביסלעך האָבן מיר אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און זיך באַרויקט.

נאַהאַן האָט געשפּילט עפּעס זייער אַ טיפע מעלאָדיע. אין מיטן דערינען בעט זיך ביי אים דער טאַטע:

— נחמן, נחמלע, שפּיל עפּעס אַ ידישע זאַך!

נחמן פוילט זיך נישט און דערלאַנגט אַ שפּיל אַ „דוינעלע״, אַ לאַ ראַמאַנעסקו.

— אָט־אָט־אָט. אָט־דאָס מיין איך! — זאָגט דער טאַטע און צעקוועלט זיך.

אַזאַ פריילעכקייט האָב איך שוין לאַנג נישט געזען אויף זיין פּנים. מיט־אַמאָל לאָזט דער טאַטע אַראָפּ דעם קאָפּ אויפן טיש, און צעכליפּעט זיך ווי אַ קינד; די מאַמע, קוקנדיק אויף אים, ווײנט ווי אַ בערעזע; מיר אַלע, זעענדיק זיי, הייבן

אויך אָן וויינען, אויסער נאַהאָן. ער ווייסט נישט פון קיין חכמות, ער זיצט מיטן פנים צו דער פּיאַנאָ, האָט שוין אָפּגעשפּילט די „דוינע״, ער שפּילט שוין אַ שער, אָט שפּילט ער די „התקוה״ און מיר זיצן צוגעקוועטשט צו די בענקלעך. אין אַ מאָמענט טראַכט איך זיך: וואָס זיץ איך ווי אַ סטויפּ? לאָמיך זיך אויפהייבן און צוגיין צו דער פּיאַנאָ און זען מיט מיינע אייגענע אויגן וואָס עס שפּילט דאָרטן און ווער עס שפּילט. איך זע, ווי פינגער פליִען אויף די קלאַווישן ווי פייל פון בויגן; איך שטיי און באַוונדער, איך ווייס נישט צי זאָל איך מאַכן אַ ברכה אויף אַ דונער צי אויף אַ בליץ, אַז עס דונערט און בליצט פון דער פּיאַנאָ אָן אויפהער. אַ צעטומלטער האָב איך זיך ווידער אַוועקגעזעצט. דער קאָנצערט האָט זיך געענדיקט.

אַ נייע נשמה איז אַריין אין נאַהאָנען. מיר האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף אים ווי אויף אַן אויבערמענטש, מיט גרויס דרך־ארץ. ער ווערט פּטור פון די פאַכן, אויס אַרבעטער און הייבט אָן געבן לעקציעס אויף פּיאַנאָ.

מיר וווינען שוין נאָכאַמאָל אין פּאַרקע פּאַטריסיאָס. דער טאַטע ווערט אויס שמש און נעמט זיך צו אַן אַנדער געשעפט: אַ ברויט־פּאַרקויפער. ער שלעפּט זיך

די מומע יענטל

אונדזער דערציערין
אין די
קינדער־יאָרן

איבער די גאַסן מיט קוישן ברויט און די מאַמע, זאָל לעבן, האָט צוגעהאָלפן. מען פלאגט זיך ווי פאַרמשפּטע אויף קאַטאָרגע.

אין דער זעלבער צייט האָט חתונה די מומע יענטל. איר באַשערטער, דוד מיסיוק, אַן אַרבעטער פון פאַך, אַ סטאָליער, אָבער אַן אינטעליגענטער. מיט זיין

אַריינקומען אין אונדזער שטוב האָט ער מיטגעבראַכט אַ שטראַל פון ליכטיקייט. די היינטיקע יִדישע אַרבעטער ביי אונדז אין אַרגענטינע זענען אַ סך היינטער־שטעליק לגבי די אַמאָליקע, די אידעאַליסטישע. מ׳פלעגט אָפּזיצן גאַנצע נעכט אין די ביבליאָטעקן, לויפן אויף קאָנפערענצן, פירן דיסקוסיעס, — קולטור־טרעגער אויף אַן אמת. אַזאַ טיפּ איז געווען דער פעטער דוד: אַ נחבא אל הכלים, אין ערגעץ נישט געמומען קיין אָנטייל, מיט איין וואָרט: דער אומבאַקאַנטער אינטעליגענט. גאַנצע נעכט פאַרבראַכט אין דער ביבליאָטעק „דוד עדעלשטאַט״ און געלייענט אַן אַ שיעור. נאָך דער חתונה פלעגט ער אַרויסנעמען ביכער אַלס אַבאָנענט און לייענען ביז שפּעט אין די נעכט. עס איז שוין געוואָרן אַזאַ מנהג: שבת־צו־נאַכטס פלעגן זיי צו אונדז קומען און זונטיק — מיר צו זיי, די קינדער הייסט עס, — אַזוי האָט ער אונדז גערופן בלשון „חיבה״. ער איז אונדז געווען אויסערגעוויינלעך געטריי, אפנים, אַן אָפּשפּיגלונג פון דער מומע יענטלען. נאָכן עסן, האָבן מיר געלייענט מיינסטנס שלום־עליכם־ביכער. ער איז געווען אַ ספּעציאַליסט אַ לייענער, באַכגעמאַכט יעדן טיפּ מיט אַלע תנועות און העוויות און מיר האָבן זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער.

אין יענע צייטן פלעגן מיר זיך פאַרדונגען אַלס משוררים אויף די ימים־נוראים. נאָהאַן האָט שוין טאָקע קיין קול נישט געהאַט, אָבער חזנים האָבן אים געגומען איבער זיין מתיקות. פון די פיר ברידערלעך משוררים האָט זיך אויסגעצייכנט דער קלענסטער, חנא. ער האָט פאַרמאָגט אַן אַלט־שטימע, ווי אַמאָל נאָהאַן, אַלס קינד. חזנים האָבן זיך איבער אים געאַמפּערט. בוענאָס־איירעס האָט געדרעשט מיטן קינד מיזשעריצקי. געענדיקט די נאַציאָנאַל־שול גלענצנד, אַ ליבהאָבער פון ליטעראַטור. געווען איז ער אַן אינטעליגענטער און שיינער בחור, פול מיט חן.

מיטאַמאָל אַ טיוולאָנישע שפּיל: דער מלאך־המות האָט זיך פאַרמאָסטן אומצוברענגען אָט־די אידעלע, צאַרטע נשמה; זאָל עס זיין מיט וועלכן מיטל עס איז. און אומגעקומען איז אונדזער ברודער חנא ע״ה. דער פאָטער אונדזערער האָט שוין לאַנג נישט געלעבט. אונדזער ליבע מאַמעניו און מיר אַלע, האָבן געמוזט איבערטראָגן אַזאַ טראַגעדיע. געווען איז חנאלע אַן ערלעך און פרום קינד. צומאָל פלעגט זיך טרעפן, אַז דאָס קינד האָט זיך אָוועקגעלייגט אויפן בעט אַ מידער, מיטן אָנטועכץ צוזאַמען און אַנטשלאָפן ווערן פאַר וועטשערע. אוממעגלעך געווען אים אויפצוּוועקן, סיידן מ׳האָט אים געזאָגט: — חנאלע, האָסט נאָך קיין מעריב נישט געדאַוונט. דאַן האָט ער זיך אַ כאַפּ־געטון, זיך געוואַשן, אָפּגעדאַוונט און געזעצט זיך צום עסן.

חנא האָט אָפּגעהיט דאָס געבאָט פון כיבוד־אם, מיט אַזאַ קדושה, ווי די רבי טרפונס און די רבי ישמעאלס. פאַר וואָס, פאַר ווען אַזאַ טראַגישער טויט? עס בלייבט אַן אייביקער סוד.

אין אַ געוויסן טאָג, נאָכדעם ווי נאַהאָן האָט געענדיקט די „קאָנסערוואַטאָריאָ נאַסיאָנאַל דע „לאַ פּרענסאַ״, האָט ער זיך צופעליק געטראָפן מיט אַ יידישן לערער פון דער שול „אגודת אחים דפּאַרקע פּאַטריסיאָס״, אַ געוויסער בערנאַרדאָ מוצלח, אַ רוסישער עקסטערן. נישט געקוקט אויב דעם פאַקט וואָס ער איז שוין געווען

נאַהאָן מיט זיינע צוויי יינגערע ברידערלעך אַלס משוררים

אַ באַווייבטער מיט אַ קינד, האָט ער זיך דאָך ווידעראַמאָל אַוועקגעזעצט לערנען און געחלומט נאָכאַמאָל ענדיקן אַלס דאָקטער.

— בחורל, — רופט ער זיך אָן צו נאַהאָנען, — איר זענט דאָך, ווי איר זאָגט, אינגאַנצן 19 יאָר אַלט. ווי וואָלט געווען, ווען איך פאַרזיכער אייך, אַז אין צען יאָר

אַרום זענט איר שוין דאָקטער־מעדיצין! וואָלט איר זיך איצט גענומען צום לערנען? קוקט אויף מיר, אַ פֿאַמיליע־מאַן, דאָך פֿאַרליר איך נישט די האָפֿענונג צו ווערן אַמאָל דאָקטער. פֿאָלגט מיך, גייט אַהיים און זעצט זיך קנעלן. איך בין אייך ערב אַז איר וועט מצליח זיין!

נאַהאָן איז אַרויס אַ צעמישטער פֿון דער אַזוי אומדערוואַרטעטער באַגעגעניש. אַריינקומענדיק אין שטוב מיט אימפּעט, האָט ער אויסגערופֿן מיט גרויס פֿרייד און בעת־מעשה אַ פֿליעסקע־געטון מיט די הענט:

— קינדער, איך הייב־אָן לערנען! טאַטע, איך נעם זיך צום לערנען!

— ווידער אַמאָל מיינע רייד: אין אַרגענטינע זענען דאָ אַ סך מעגלעכקייטן; ביסט אינגאַנצן אַלט נײַנצן יאָר — ענטפֿערט אים דער טאַטע — וועסטו לערנען, וועט זיין גוט פֿאַר דיר און אַ שטאָלץ פֿאַר דיינע עלטערן!

איך בין שוין דאַן געווען אַ בר־מצוה־בחור און שוין געהאַט דורכגעמאַכט דעם ערשטן יאָר נאַציאָנאַל־שול. טאַקע דער זעלבער מוצלח האָט מיך צוגעשטעלט צום אַריינטריט־עקזאַמען מיט מאָנאַטן צוריק פֿאַרן פּרייז וואָס איך האָב אין קאַניקל־צייט אים געדינט אַלס געהילף צו זיינע תּלמידים. כ׳האָב זיך גענומען צו נאַהאָנען און אים צוגעגרייט די זעקס גראַדן פֿון פּרימאַר־שול אין איינציקע מאָנאַטן. דעם עקזאַמען האָט ער אויסגעהאַלטן גלענצנד.

איינמאָל, ביינאַכט, ליגנדיק אַזוי אויפֿן געלעגער, רופֿט זיך אָן צו מיר נאַהאָן בזה הלשון:

— ווען איך זאָל נישט מורא האָבן פֿאַר די אויגן, וואָלט איך די צוויי־דריי שעה פֿון דער נאַכט אויך נישט געשלאָפֿן. היינטיקס יאָר מאַך איך מיט איין קנאַק דריי יאָר נאַציאָנאַל, און דו, אברהמל, וועסט מיר שוין נישט דערגרייכן אַפֿילו ווען דו יאָגסט זיך אויף אַ קאַרעטע, געשפּאַנט אין אַכט פֿערד!

דערהערט אַזעלכע דיבורים, איז מיר געוואָרן אַביסל קאַלעמוטנע אויפֿן האַרצן און טאַקע פֿאַרדריסלעך אויך. היתכן? וואָס האָב איך זיך צו יאָגן? עס גייט דאָ אין כּאַפּערלעך? דער אַלטער בחור וואָס איך בין?... מיר האָבן זיך אַבי־סעלע צעוווערטלט און דערנאָך איינגעשלאָפֿן.

נאַהאָנס נבואה איז טאַקע מקוים געוואָרן. אַ פֿאַקסימיל פֿון אָפֿיציעלע דאָקומענטן באַשטעטיקן די פֿעיִקייט פֿונעם סטודענט מיזשעריצקי. דער רעקטאָר פֿונעם קאָלעכיאָ נאַציאָנאַל „כואַן מאַרטין דע פּויערעדאָן“ באַפֿולמעכטיקט אים צו האַלטן לעקציעס פֿאַר די שילערס יעדעס מאָל ווען עס פֿעלן די פּראָפֿעסאָרן פֿון מאַטעמאַטיק, פֿיזיק, כעמיע און ליטעראַטור פֿונעם פֿערטן און פֿינפֿטן יאָר. נאַהאָן דערפֿילט זיינע פֿונקציעס מיט אַבסאָלוטער פּינקטלעכקייט.

מיט איין וואָרט: די פּרימאַר און מיטלשול האָבן ביי אים אינגאַנצן געדויערט צוויי מיט אַ האַלבן יאָר.

נאַהאָן טרעט אַריין אין מעדיצינישן פֿאַקולטעט, די תּורה וועלכע איז פֿאַר אים געוואָרן דער אידעאַל, דער העכסטער באַגער אינעם לעבן. זייער אָפֿט פֿלעגט

ער איבערחזרן די סאָקראַטישע פראַזע: „קען זיך אַליין". און די מעדיצין דער־פילט דעם דאָזיקן געבאָט אין פולן זין פון וואָרט. אין משך פון טאָג איז ער זיך מטפל מיט די שילערס פון מוזיק און פון די מיטלשולן און שילערס פאַר איינטריט־עקזאַמען אין פאַקולטעט. אין אָוונט, זיצט ער גאַנצע נעכט איבער די מעדיצין־ביכער.

אין דער זעלבער צייט, אין יאָר 1920, ווערן מיר אַנגעשטעקט מיטן ציון־אידעאַל און מיר וואַרפן זיך אַריין אין דער באַוועגונג. מיר גרינדן, צוזאַמען מיטן סטודענט פון אַדאָנטאָלאָגיע, איסאַק מעניכעס און נאָך אייניקע עלטערע ייִדן, דעם ציוניסטישן צענטער, וועלכער רופט זיך, לויט דעם פאָרשלאַג פון נאַהאָנען: „אגודת אוהבי־ציון". די אגודה שפּילט אַ וויכטיקע ציוניסטישע און קולטורעלע ראָלע אין פאַרקע פאַטריסיאָס. עס פאַרבינדט אונדז אַן אינטימע פריינדשאַפט מיט איסאַק מעניכעס און מיר ווערן שטענדיקע אַריינגייערס אין זיין הויז. זיין מוטער, מרת מעניכעס, פירט אַ שיינע בעל־הבתישע ייִדישע שטוב. דער פאָטער, מר לייב מעניכעס, איצט שוין אויפן עולם־האמת, איז געווען אַן אינטעגראַלער ייִד, האָט געהאַלטן פון אחדות און אהבת־ישראל. גראָד נישט געווען קיין גביר, אָבער געהאַט אַ גרויס ייִדיש האַרץ. ליב געהאַט טון אַ גמילת־חסד און געגעבן די שענסטע נדבות. געווען אַקטיוו אין דער שיל, אין שול, אין גמילות־חסד־פאַראיין, און נאָך און נאָך. נישט איין מאָל, נאָך אַ זיצונג, פלעגן מיר באַגלייטן איסאַקן אָדער יהושיקע, אַזוי ווי מען האָט אים גערופן אין שטוב און שטעלנדיק זיך אונטערן פענצטער פונעם הויז פלעגן מיר אונטערכאַפּן אַ זמרל ביינאַכט, ווען אַלעס איז שוין געשלאָפן. זיין פאָטער, דערהערנדיק, איז אויפגעשטאַנען, צעעפנט דעם פענצטער און שמייכלענדיק, מיט אונדז זיך אונטערגעהאַלטן אַ ביסל.

עס שאַפט זיך דערנאָך אַ סוב־קאָמיטעט פון מלחמה־געליטענע. מ׳שיקט נאַהאָנען, אַלס פאָרטרעטער אין צענטראַל־קאָמיטעט. ער קומט פון דער ערשטער זיצונג און פאַר דעם אָפּגעבן דעם באַריכט, רופט ער אויס:

— חברים, איך בין מוכן ומזומן צו זיין אייער פאָרטרעטער, נאָר בתנאי, איר זאָלט מיר דערלויבן שרייבן די באַריכטן נישט אויף דעם סקאָרבאָוון מאָ־נאָטאָנעם אופן, נייערט אין אַ לעבעדיקער פאָרעם.

מיר קוקן אָן דעם חבר נאַהאָן און מיר הייבן נישט אָן צו וויסן מיט וואָס עס שמעקט.

— איר ווילט אַזוי, חבר מיזשעריצקי, זאָל זיין אַזוי.

נאַהאָן, נישט פאַרלירנדיק קיין צייט, ענטפערט גלייך:

— אויב אַזוי, לייען איך שוין דעם ערשטן באַריכט.

נאַהאָן האָט צעגלידערט אין דעם פּראָטאָקאָל יעדן מיטגליד אויף פּיץ־פּיצע־לעך. אַלע ווילע שיסן מיר אויס אַ געלעכטער און ווען ער ענדיקט, ברעכן מיר אויס אין אַפּלאָדן. פאַר דער יוגנט איז ווי צוגעפאַסט אַזאַ פּראָטאָקאָל, ס׳איז אַזוי

Buenos Aires, Septiembre 5 de 1920.

Química — 5° año

Señor: Naón Millarisky. —

Esta Regencia tiene el agrado de designar á Vd., auxiliar de clase, de acuerdo con la elección hecha por el profesor y alumnos del curso.

Dictará Vd., su materia, solo cuando falte un profesor, poniéndose entonces á las órdenes del Celador respectivo.

Esperando que Vd. se sirva aceptar esta distinción, bien merecida por su parte, me complazco en saludarlo muy atentamente.

פאקסימיל פון אן אפיציעלן דאקומענט פונעם רעקטאראט פון קאלעגיא נאציאנאל „כואן מארטין דע פועירעדאן”

Buenos Aires, Septiembre 8 de 1920.

Matemáticas - 4º Año, 1ª División.
Literatura - 4º Año, 1ª División.

Señor: Naón Millerisky. -

Esta Regencia tiene el agrado de designar á Vd., auxiliar de clase, de acuerdo con la elección hecha por el profesor y alumnos del curso.

Dictará Vd., su materia, solo cuando falte un profesor, poniéndose entonces, á las órdenes del Celador respectivo.

Esperando que Vd. se sirva aceptar esta distinción, bien merecida por su parte, me complazco en saludarlo muy atentamente.

José Mª Garcí[illegible]
Regente.

פאַקסימיל פון אַן אָפיציעלן דאָקומענט פונעם רעקטאָראַט פון קאָלעגיאָ נאַציאָנאַל
„כואַן מאַרטין דע פועירעדאָן"

ווי אַ ספּעקטאַקל און ס'איז דאָ פון וואָס הנאה צו האָבן. איינער פון די בייוואוינענדע באַמערקט האַלב אין שפּאַס, האַלב־ערנסט:

— דאָס הייסט אַ ליטעראַרישע זיצונג!

עטלעכע אַזעלכע ליטעראַרישע זיצונגען האָבן מיר אָפּגעהאַלטן, ביז אַנדערע כלל־טוערס האָבן איבערגענומען די פירערשאַפט און מיר זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

ווו זענען אַהינגעקומען די אַזוי־גערופענע „ליטעראַרישע פּראָטאָקאָלן״? אפשר וואָלטן מיר געקאָנט אין זיי, שוין דערקענען דעם צוקונפטיקן שרייבער ד״ר נאַהאַן מיזשעריצקי?

אין אַ קורצער צייט אַרום איז נפטר געוואָרן אונדזער געטרייער איבערגעגעבענער פאָטער, נאָך אומדערטרעגלעכע לײדן אין שפּיטאָל דוראַנד, נישט האָבנדיק די זכיה צו דערגרייכן כאָטש אַ שטיקעלע נחת פון די קינדער. אייניקע לאַנדסלייט האָבן אים גערופן „רבי״, ווייל אין דער אַלטער היים איז ער געווען זייער מלמד. געלעבט אין דחקות און נויט, אָבער אַ גייסטרייך לעבן געפירט. דיינע שבתים און ימים־טובים, די תפילות און זמירות וואָס דו האָסט מיט אונדז אויסגעזונגען; ווער קאָן איבערגעבן אין בלויזע ווערטער די התלהבות, דאָס השתפכות־הנפש וואָס האָט אונדז דאַן אַלעמען באַהערשט?

טאַטע, האָסט געבעטן זיך ביי נחמנען אָנשרייבן אַ פּאָר פערטעלעך פּאַפּיר; פאַרוואָס האָסטו נישט זוכה געווען צו זען אין שפּעטערדיקע יאָרן ווי דיין זון נחמן, זיצט איבער גאַנצע נעכט און שרייבט? וויפל מאָל האָט זיך געטראָפן ווי איך האָב באַגעגנט נחמנען זיצנדיק אין קאָטש, ערגעץ־ווו אויף אַ גאַס און שרייבן.

— נאַהאַן, וואָס טוסטו?

— די מעדיצין איז מיר זייער הייליק — ענטפערט ער — איך טאָר נישט אָוועקרויבן קיין מינוט פון מיין באַליבטער פּראָפעסיע, אָבער נאָך אַביסל און איך וועל זיך נעמען די ביינאַכטן אויף מיין חשבון. דעמאָלט וועל איך זיין גליקלעך.

אַזוי איז טאַקע געווען: ער ווערט אַ סופר בישראל. זיינע ווערק באַקומען אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער יידישער ליטעראַטור און ער פאַראייביקט אין זיי דעם טאַטן, דעם תלמיד־חכם, מיט די גוטע מידות און מעשים־טובים.

שפּעטער, באַגעגנט ער זיך אין הויז פונעם חבר ד״ר איסאַק מעניכעס, וואָס איז שוין געווען פאַרהייראַט זייט אייניקע יאָר, מיט דער דאָקטאָרא פאַני רעזניק, מיט דער צוקונפטיקער באַגלייטערן אין זיין לעבן, די איידעלע און צאַרטע בת־שבע רעזניק, אַ לערערין אין אַ שטאַט־שול. יעדעס מאָל, ווען ער איז געקומען פון דער כלהס הויז, האָט מען אין אים באַמערקט אַ ניי לעבן. די פאַמיליע רעזניק האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר פּאַטריאַרכאַלישן שטייגער־לעבן. דער פאָטער, דאָן שמשון רעזניק, פון די ערשטע יידיקאַ־אימיגראַנטן, אַ געוועזענער ישיבה־בחור, איז געווען אַ משכיל. די פרוי, מלכה רעזניק, האָט געפירט זייער גוט די ווירטשאַפט. די אָרדענונג וואָס האָט געהערשט אין יענעם הויז האָט פאַרכישופט נאַהאַנען. מיר פלעגן זיך דאָרטן צוזאַמענקומען און אַריינגעפירט עכט יידישע

מאָמענטן, געזונגען אונדזער פאָלקלאָר, סיי ייִדיש און סיי העברעיִש און די בני־בית האָבן מיט אונדז מיטגעזונגען, און נאַהאַן האָט אַקאָמפּאַנירט אויף דער פּיאַנאָ. פונעם ערשטן מאָמענט האָבן מיר זיך געפילט ווי צוגעצויגן צו דער פאַמיליע. אין יענער צייט האָט נאַהאַן געבליט סיי אין תורה, ווי אין מוזיק. יעדער וויזיט ביי דער פאַמיליע רעזניק איז געווען אַ גייסטיקער גענוס. אַריינ־



סאָפיאַ און נאַהאַן אויף אַ לוסט־רייזע אין אורוגוויי

טרעטנדיק אין פינפטן יאָר פאַקולטעט, האָבן די קינדער חתונה געהאַט. נאַהאַן איז אָנגעגאַנגען מיט זיינע לעקציעס און שבע — אַלס לערערין פון אַ פּרימאַר־שול. זייער מאַטעריעל לעבן האָט זיך געפירט זייער באַשיידן. זיי האָבן געפירט אַ קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, אָבער זייער צוזאַמענלעבן איז געווען אַן אידיליע.

אונדזער פאַמיליע־לעבן האָט זיך אויסקריסטאַליזירט. מיר זענען אָנגעגאַנ־גען מיט די „לעקציעס" און פאַרגעזעצט דאָס לערנען. אונדזער ליבע מוטער האָט זיך אַריינגעטון אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. דאָס הויז איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין אינסטיטוציע פאַר נויטבאַדערפטיקע. די בוענאָס־איירעסער געזעלשאַפט ווייסט, וואָס ברכה מיזשעריצקי האָט אויפגעטון אין משך פון צענד־ליקער יאָרן פאַר די צדקה־אַנשטאַלטן און בתי־כנסיות. מיט איין וואָרט: אונדזער שטוב איז אויפגעריכט געוואָרן.

און אָט איז אָנגעקומען דער גליקלעכער מאָמענט און נאַהאַן באַקומט דעם טיטל דאָקטער פון מעדיצין. עס איז נישט צו באַשרייבן ווי פאַרכישופט ער איז געווען אין זיין פּראָפעסיע. עטלעכע און צוואַנציק יאָר געאַרבעט אין די שפּי־טעלער די פּרימאַרגנס, און זיך באַרימט, אַז ער האָט קיין איין מאָל נישט פאַר־

פעלט. זייער אָפּט האָט ער זיך אויך צוגעכאַפּט צו דער פּיאַנאָ; מאָמענטנווייז פאַרריסן דעם קאָפּ און געלאָזט די פינגער אין פולן גאַנג. ווער האָט זיך דאַן געקאָנט גלייכן צו אים? נאָך יעדער קאָמפּאָזיציע פלעגט ער אויסרופן:

— איי, די מוזיק, ווי דערהויבן און טיף זי איז!

בעת די לעצטע יאָרן, ווען די מאַטעריעלע לאַגע איז געוועזן מער אָדער ווייניקער פאַרזיכערט, פלעג איך אים זאָגן:

— נאַהאַן, וואָס לייגסטו אײַן וועלטן? גענוג זיך מקריב זיין אין די ביינאַכטן, און לויפן אין די ווייטסטע מקומות צו די חולאים.

— מיר גייט נישט אין קיין געלט — פלעגט ער מיר ענטפערן — איך בין נייגעריק צו וויסן אויף וואָס ליידט דער חולה און טאַקע לינדערן זיינע ווייטיקן.

מיטאמאָל אַ נייעס:

— ווייסט, אברהם, — רוימט ער מיר אײַן אַ סוד — זאָלסט דערווייל פאַר קיינעם נישט אויסזאָגן, די טעג דעביוטיר איך אין די „די פרעסע" אַלס שרייבער.

— פלעסקעט ער מיט די הענט פאַר איבעראַשונג — דערווייל אונטערן נאָמען „בן־מרדכי", דערנאָך וועלן מיר זען.

פאַרוואָס זאָל איך לייקענען? דער ערשטער מאָמענט איז פאַר מיר אַליין אויך געווען אַ סורפּריז. נאָכדעם האָב איך זיך באַרויקט, קענענדיק מיין ברודער אַלס „מעין המתגבר", אַז אויף זיין טאַלאַנט איז אַלעס צו גלויבן.

אַרויסגייענדיק פונעם הויז, גיט מיר אַ בליץ אין מיין מוח יענע אַמאָליקע „ליטעראַרישע" פּראַטאָקאָלן. איך שמייכל צו זיך און טראַכט: אין וויפל יאָרן אַרום האָט ער דערפילט יענעם טעם... ווי אַזוי וואָלט מען אָנגערופן אַזאַ מין סאָרט זכרון?

נאַהאַן ווערט שעפעריש. זיינע דערציילונגען ווערן געלייענט מיט שפּאַנונג. איך וואָלט סינטעטיזירט זיין אייגנאַרטיק שרייבן מיטן משלי־אויסדרוק: „ושר בשירים על לב רע"; ער באַשרייבט די קראַנקע וועלט מיט די טעמי־נגינה, מיטן טראָפּ... אין דעם ליגט דער סוד פון זיין טאַלאַנט.

איך פיל בחוש, אַז ער האָט זיך ווידער דערנעענטערט צום אַלטן מקור, ווידער אַמאָל גענומען זיך צום ספר, טאַקע צום אמתן ספר.

— נחמן, — רוף איך זיך אָן צו אים האַלב־שפּאַסנדיק, — דו ביסט שוין ווידער אין דער ישיבה.

ער שמייכלט אונטער.

ער ווערט אַריינגעצויגן אינעם „קולטור־קאָנגרעס" דורך פריינד ראָזשאַנסקי. עס פאַרבינדט זיך צווישן זיי אַן אינטימע פריינדשאַפט. נחמן איז מקיים זיין צוזאָג, די ביינאַכטן נעמט ער שוין נישט אויף קיין פּאַציענטן, — ער שרייבט און לערנט. איז מעין אין די כתבי־קודש. עס ציט אים צוריק צו תורה. ער כאַפּט זיך שוין נישט צו מוזיק ווי פריער. זעלטן ווען זעצט ער זיך צו דער פּיאַנאָ, אָבער זיין שפּילן איז מיט אַזוי פיל קונסט, מיט אַזוי פיל חן... אַן אַנדער קונסט האָט פאַר־נומען דעם פּלאַץ פון מוזיק, — די קונסט פון שרייבן.

די צאַרטע אידעלע סאָפיאַ, — בת־שבע, די באַגלייטערן אין זיין לעבן, האָט מיט אים דורכגעמאַכט דעם עטאַפּ כמעט אומבאַמערקבאַר. ווי פאַרכישופט זי איז נישט געווען אין זיין מוזיק, האָט זי דאָך אָנגענומען באהבה דעם נייעם

נאָהאָן אין זיין קאָנסולטאָריע

קינסטלער, דעם שרייבער און האָט זיך איינגעפּאַסט אין זיין נייער וועלט, ווייל אַן אומבאַגרענעצטע ליבע און אַכטונג האָט זיי צוזאַמענגעבונדן. נאָהאָן האָט זי שטענדיק געטראָגן אויף זיינע ליפּן און אַזוי האַרציק אַרויסגערעדט: „שבעלע, שבעלעו״, — ביזן לעצטן מאָמענט פון זיין לעבן.

אין 1942 דערשיינט נחמנס ערשטער בוך אונטערן נאָמען „צווישן די ווענט פון אַ שפּיטאָל״; אין 1951 — זיין צווייט ווערק: „שאָטנס״. ער האָט זיך שוין געגרייט אַרויסצוגעבן דעם דריטן בוך, און פּלוצים — דער מלאך־המות, דער אכזר, האָט זיך מתקנא געווען און פון אונדז אַרויסגעריסן דעם טייערן, אומאָפּשאַצבאַרן אוצר, און מיר אַלע זענען געבליבן יתומים.

ד״ר אברהם מיזשעריצקי

אַ „פאַרבלאָנדזשעטע“ נשמה

(בילדער פון שפיטאָל)

.1

פאַדרע עסטעבאַן איז, אָנגעטאָן אין זיין שוואַרצער סאָטאַנע און אין זיין גלחישער יאַרמלקע, געשטאַנען אויף דער שוועל פון דער קליינער קאַפּליצע, וואָס האָט זיך געפונען אין מיטן גאָרטן פון דעם אַלטן שפּיטאָל סאַן ראָקע, ווען ער האָט דערזען זיך דערנעענטערן, מיט לאַנגזאַמע טריט אַ יונגע פרוי, אָנגעטאָן אין טרויער־שוואַרצע קליידער און אַ שוואַרצן שאַל איבער איר קאָפּ.

עס איז נאָך געווען גאַנץ פרי. דער נעפּל פון באַגינען און דער טוי פון דער פייכטער נאַכט זענען נאָך געלעגן אויף דעם גרינעם גראָז־טעפּיך און אויף די ביימער אַרום דער קאַפּליצע.

ווען די פרוי איז מיט אירע טרויעריקע אויגן געבליבן שטיין אַנטקעגן אים, האָט ער זיך צו איר געווענדעט:

— וואָס פאַרלאַנגסטו, טאָכטער, אַזוי פרי?

— איך דאַרף פאָטער, מיך זען מיט דער „הערמאַנאַ מאַרטאַ“, — האָט די פרוי שטיל, מיט לאַנגזאַמע אויסגעצויגענע ווערטער, געענטפערט.

— גיי, זיי אַזוי גוט, אַריין און וואַרט צו ביז זי וועט ענדיקן דאָס דאַווענען, טאָכטער, — האָט פאָטער עסטעבאַן פאָטערלעך און הכנעהדיק אַ זאָג־געטון.

ביי דער שוואַכער שיין פון די עטלעכע קלויסטער־ליכט אויף דעם אַלטאַר, האָט די פרוי באַמערקט, ווי די סופּעריאָרא שטייט אויף די קני אַנטקעגן דעם אַלטאַר.

דער ווייסער באַפליגלטער טשיפּעק פון דער שוועסטער מאַרטאַ האָט העל געמאַכט דאָס אָרט ווו זי האָט זיך געפונען. די פרוי האָט איר נישט געוואָלט איבערשלאָגן אינמיטן דער תפילה. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט צו אויפכאַפּן יעדעס וואָרט וואָס איז געקומען פון יענעם אַלטן מויל:

„פאָטער געטרייער אין הימל, — האָט די פרוי דערהערט ווי די אַלטע מאַרטאַ שעפּטשעט אַרויס — איך גיי איצט באַדינען די אָרעמע, איך וועל עס טון מיט פרייד און באַשיידנקייט, איך וועל מיך פלייסן זיי צו טרייסטן און שטאַרקן, איך וועל זיי באַהאַנדלען גלייך ווי זיי זאָלן זיין מיינע הערן און באַלעבאַטים. אַ סך פון זיי, ווייס איך, האָבן אַ טבע צו ווענדן זיך צו מיר מיט האַרטע רייד; שטאַרק מיך, גאָט אין הימל, אַז איך זאָל דאָס קאָנען איבערטראָגן און לײַדן מיט געדולד"...

די נאָר־וואָס אָנגעקומענע פרוי, האָט זיך צום ערשטן מאָל געפונען אין אַ קירכע, ווו פון אומעטום האָט געוויטעט מיט געהיימנישפולן אומעט און טרויער. בילדער פון קרייציקונג־וועג פון מאַרטירער און פון סתם־פאַרגעלטע, לאַנג־גע־שטאָרבענע גייסטלעכע, אָנגעטאָן אין זייערע מיטלאַלטערלעכע בגדים האָבן, ווי צו איר אַראָפּגעקוקט.

זי האָט זיך דערפילט באַהערשט פון אַ געהיימער קראַפט, וואָס האָט זי גע־האַלטן צוגעשמידט צום אָרט.

ענדלעך האָט זיך די שוועסטער מאַרטאַ אויפגעשטעלט און אַ קוק געטון אויף דער פרויען־געשטאַלט וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי עפּעס אַ צוגעקומענע הייליקע סטאַטוע נעבן איר.

— האַ! „ווירכען סאַנטאַ (הייליקע בתולה), — האָט די פרומע מיט אַ פאַר־שטיקט קול אַ זאָג־געטון, און איז מיט אַ פּאָר טריט אָפּגעגאַנגען אויף צוריק, ווייל זי האָט אין יענער דערשיינונג דערזען עפּעס ענלעכס צו דער „הייליקער מאַמע", וואָס זי פלעגט כסדר האַלטן פאַר די אויגן. אָבער זי האָט זיך באַלד באַהערשט און איז צוגעקומען נענטער צו דער פרוי.

די פרוי האָט זיך אַ וואַקל־געטון. די שוועסטער מאַרטאַ האָט אין אירע אויגן אויסגעזען ווי עפּעס אַן אויסגעטריקנטע מומיע, וואָס איז הונדערטער יאָרן אָפּגעלעגן ערגעץ אין אַ קבר און איז אין אַ געוויסן טאָג אויפגעשטאַנען תחית־המתים און זיך איינגעהילט אין די קליידער פון אַ באַרמהאַרציקער שוועסטער, צו דערשיינען צווישן די לעבעדיקע.

אומקערנדיק זיך צום באַוווסטזיין האָט די שוועסטער מאַרטאַ זיך געווענדט צו דער פרוי:

— וואָס פאַרלאַנגסטו, טאָכטער?

— איך באַגער אויך צו באַדינען די אָרעמע, — האָט די פרוי מיט אַ ציטערדיקער שטימע גערעדט.

— ווי רופט מען דיך, טאָכטער?

— מיריאַם, איז מיין נאָמען.

— דעם העברעיִשן נאָמען פון דער „בתולה" טראָגסטו.

— דאָס איז אויך דער נאָמען פון „מרים הנביאה", די שוועסטער פון דעם

ערשטן גאַטס דינער פון די העברעער, — האָט די פרוי מיט אַ באַרויִקטן טאָן אָפּגעענטפערט.

— אמת, איך זע, אַז דו פאָרשסט אין די הייליקע ספרים.

— יאָ, שוועסטער, ביי מיין מאַמעס קראַנקן־בעט האָב איך אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר געהאַט צייט צו לייענען און שטודירן אַ סך ווערק וואָס האָבן אויף מיין געמיט גוט געווירקט.

— אַלזאָ, ווילסטו, הייסט עס, ווערן איינע פון די טעכטער פון „סאַן ווינסענט דע פּאָול"? — האָט די באַרמהאַרציקע געפרעגט.

— יאָ, רעווערענדע־שוועסטער. און די פרוי האָט איר דערלאַנגט די רעקאָמענדאַציע־בריוו פון דעם פּראָפעסאָר כימענעס.

נאָכדעם ווי די שוועסטער מאַרטאַ האָט איבערגעלייענט דעם בריוו האָט זי צו דער פרוי געזאָגט:

— מיריאַם, וויסטו כאָטש וואָס עס באַטייט אַזאַ לעבן פאַר דיר? דו דאַרפסט זיך אָפּזאָגן פון אַלעמען און פון אַלץ וואָס דו פאַרמאָגסט אויף דער וועלט. דו דאַרפסט אויפגעבן יעדע באַציִונג מיט מענטשן, וואָס לעבן אויסער דער מויער, וואָס רינגלט אַרום דאָס שפּיטאָל. דו דאַרפסט, טאָכטער, רעזיגנירן פון די ערדישע תענוגים, און זיך איינשליסן אין די דלד אמות פון דעם, אָדער פון אַן אַנדער שפּיטאָל, צו ברענגען קראַנקע אַ דערקוויקנדיק הייל־מיטל, אַ טרייסט־וואָרט און אַ וואַרעמען בליק דעם פאַרוואָגלטן, אַ שטראַל פון האָפענונג פאַר דעם פאַרצווייפלטן און אַ הייליקע תפילה פאַר דעם גוסס ביי זיין צוקאָפּנס.

אַזוי רעדנדיק, זענען זיי צוגעקומען צו אַ טיר פון אַ קליינער שפּיטאָל־אָפּטיילונג.

— אָט, וועל איך דיר ווייזן דיין צימערל ווו דו וועסט פאַרברענגען אין תשובה און תפילה אַ חודש צייט, איידער דו וועסט ראוי זיין צו ווערן אַ מיט־גלידערין אונדזערע — האָט די באַרמהאַרציקע צוגעגעבן. — פאַר דער צייט טאָר קיינער צו דיר נישט קומען, דיר נישט שטערן אין דיינע מעדיטאַציעס. טיילמאָל וועל איך, אָדער פאָטער עסטעבאַן, דיך אַרויסרופן צו לערנען דיך ווי אַזוי צו באַנעמען זיך מיט אַ קראַנקן וואָס וויל פאַרן טויט זיך מתוודה זיין, אָדער טויפן איינעם וואָס האָט נאָך דאָס נישט געטון, אָדער העלפן דעם פאָטערל פאַרגעבן די זינד פון די, וואָס האָבן חרטה, איידער זיי פאַרלאָזן די זינדיקע ערד.

— גוט, שוועסטער — האָט די פרוי גוטמוטיק געענטפערט — איך וועל אויף זיך נעמען אָט־די אַלע פליכטן און באַדינגונגען, ווייל איך פאַרמאָג שוין דאָ קיינעם נישט אויף דער וועלט און פון קיין ערדישע תענוגים האָב איך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געוואָסן. אַזוי, אַז איך האָב נישט פון וואָס צו רעזיגנירן, איך בין מסכים אויף אַלץ וואָס מען וועט מיך הייסן טון.

— אַלנפאַלס, טאָכטער, האָט ווידער די באַרמהאַרציקע געזאָגט — האָסטו אַ מאָנאַט צייט צו באַטראַכטן גוט די זאַך און אַנטשיידן דיין גורל. אָט דאָ, אין דער שאַפע האָסטו דיינע קליידער, וואָס באַשטייען פון אַ הימל־בלויע קלייד און אַ בלויע בלוזע מיט אַ הויכן קאָלנער אַרומגעזיימט מיט אַ ווייס געקראַכמאַלעטן ברעג, אַ ווייסן טשיפּעק, אַ שוואַרצן שאַל און אַ „ראָסאַריאָ" (תפילה־שנור). אין אָט די בגדים פון אַ „נאָנע" וועט קיינער צו דיר קיין שליטה נישט האָבן. אויב אין פאַרלויף פון דעם חודש וועסטו חרטה האָבן, דאַרפסטו בלויז טון איין זאַך: איבערלאָזן אָט־די אַלע בגדים אויף אָט דעם בעט און פאַרשווינדן...

מיט די רייד האָט די שוועסטער מאַרטאָ געענדיקט און פאַרמאַכט די טיר פון דעם צימערל, און די פרוי איז געבליבן אַליין דאָרט מיט די הייליקע בילדער אויף די ווענט.

ביים צוקאָפּנס פון איר בעט איז געהאָנגען דאָס גרויסע בילד פון סאַן ווינסענטע דע פּאָול, דער פראַנצויזישער גייסטלעכער וואָס האָט מיט דריי הונדערט יאָר צוריק געגרינדעט די באַרמהאַרציקע שוועסטערשאַפט.

2.

פאַר די ליצני הדור, איז אין יענער צייט געווען דער זאַל פון פּראָפעסאָר כימענעז אין שפּיטאָל סאַן ראָקע, געקרוינט מיטן נאָמען „סינאַגאָגאַ" (שול), צוליב דעם, וואָס דאָרטן, אין יענער פּאַלאַטע, האָבן געאַרבעט עטלעכע יידישע דאָקטוירים. מען האָט אויך דאָרט באַהאַנדלט מער יידישע פּאַציענטן ווי אין אַנדערע פּאַלאַטעס.

איינער פון יענע דאָקטוירים האָט באַזונדער אַרויסגערופן אויפמערקזאַמ־קייט מצד די נישט־יידישע דאָקטוירים צוליב דעם, וואָס ער פלעגט פאַר אַלעמען אין די אויגן אַמאָל לייענען אַ יידישע צייטונג אָדער אַ יידיש בוך, אָדער גאָר גערעדט מאַמע־לשון בפרהסיה מיט אַ יידישן חולה.

די דאָקטוירים מאחינו בני ישראל, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו אַזאַ גע־שפּרעך אין דער אָנוועזנהייט פון דעם פּראָפעסאָר מיט זיין קריסטלעכער סוויטע, האָבן געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אַביסל סאַרקאַסטיש אונטערגעשמייכלט. מ'האָט געקענט פון זייערע פאַרשעמטע פּנימער אַראָפּלייענען, אַז זיי האָבן פון אַזאַ זאַך קיין גרויס הנאה נישט געהאַט. דער פּראָפעסאָר האָט דווקא פאַרלאַנגט פון דעם ד"ר איסאַק בריל, אַז ער זאָל דעם אָדער יענעם יידישן פּאַציענט אויס־פרעגן אויף דער שפּראַך, וואָס דער חולה פאַרשטייט, כדי צו קאָנען באַקומען מער איינצלהייטן פון זיין קראַנקייט.

איינמאָל, אין אַ מאָנטיק אין דער פרי, ווען אַלע קריסטלעכע דאָקטוירים

זענען געזעסן אין שרייב־צימער און האָבן גערעדט וועגן אַזעלכע ענינים ווי „פוטבאָל", „קאַרעראָס" און נאָך אַזעלכע פאַרווײַלונגען פון פאַריקן זונטיק, האָבן גראָד די עטלעכע יידישע דאָקטוירים זיך געפונען אין דער פּאַלאַטע ביי די קראַנקע. רופט זיך אָן ד"ר בריל בזה הלשון:

— רבותי! ווייסט איר, אַז בקרוב וועלן מיר אי"ה האָבן דאָ אַ מנין יידן?

— וואָס רעדסטו? — האָט ד"ר סאַמועל וו. אויסגעשריגן — נאָך איינער?

— יאָ, נאָך איינער, דיר און נאָך אַזעלכע גוים אויף צו־להכעיס. האָסט אַפּנים מורא, אַז מיר וועלן „זיי" זיין גרויס אין די אויגן. עס ציטערט אויף דיר די הויט פאַר דעם „פּן ירבה". פּרעהס קנעכט וואָס דו ביסט!

— ווער איז ער? — האָט ד"ר בענכאַמין פּ. נייגעריק אַ פרעג געטון — דו קענסט אים?

— און אַז איך קען אים נישט, איז וואָס? ער איז דאָך אַ ייד, רבונו־של־עולם — האָט ד"ר בריל אויסגעשריגן, — האָב איך אים פאַרגעשטעלט פאַר דעם פּראָפעסאָר. אַ יידישער דאָקטער וויל פּראַקטיצירן, דאַרף מען אים בכבוד גדול אויפנעמען...

עס האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ הילכיק געלעכטער פון דעם קראַנקן וואָס איז געלעגן אויף דעם צוועלפטן בעטל.

— וואָס לאַכט איר? — האָט ד"ר בריל אים אַ פרעג געטון אויף שפּאַניש.

— איך לאַך נישט, איך קוועל אָן פון דעם, וואָס איר האָט נאָר־וואָס געזאָגט.

אַלע דאָקטוירים זענען געבליבן שטיין געפּלעפט. עס איז גאָר קיינעם נישט איינגעפאַלן אַז יענער חולה איז אַ ייד. זיין פאַרשוואַלן ראַזירט פּנים, זיינע האָר אויפן קאָפּ, ווי גרויע שטעכלקעס, זיינע שמאָלע מאַנדל־אויגן, זיין געלער הויט־קאָליר, האָבן אים צוגעגעבן אַן אויסזען פון עפּעס אַ כינעזער אָדער סתם אַ מאָנגאָל.

דאַן זענען זיי אַלע צוגעגאַנגען צו אים און מען האָט אים ערשט גענומען אויספרעגן און גוט באַטראַכטן.

אויף ביידע אָרעמס האָט מען געזען אויסגעטאַטווירט פאַרשידענע אויסטערלישע פיגורן פון נאַקעטע פרויען, אָדלערס, פענער און עמבלעמען פון עטלעכע פעלקער.

— גאָט מיינער! — האָט ד"ר בריל אויסגעשריגן, — ווי נעמט זיך צו אַ יידן אַזעלכע נישט אָנשטענדיקע זיטן? פון וואַנען האָט איר זיך אַהער גענומען, אין וועלכע זומפּן האָט איר זיך אויסגעוואַלגערט? רב ייד, אַזעלכע זאַכן באַמערקט מען נאָר ביי גוייִשע אַרעסטאַנטן, פאַרברעכער און מאַטראָסן וואָס הולטייעווען אין פאַרשידענע פאָרטן אויף דער אונטערוועלט.

—אוי, איר האָט געטראָפן, הער דאָקטער, ווי איך בין אַ ייד, איר זענט אַ חכם, — האָט דער קראַנקער אַ צופרידענער, אויפזעצנדיק זיך, געזאָגט.

ער האָט אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויף איינער פון די פרויען־פיגורן וואָס זענען געווען אויסגעמאָלט אויף זיין לינקן אָרעם און האָט פאַרגעזעצט:

— דאָס איז מיין מיידעלע פון שאַנכיי, און אָט די אַנדערע איז פון באָמביי...

אַז מען אַרבעט אָפּ אַ יאָר פערציק אַלס מאַטראָס אויף ענגלישע שיפן און מען איז־אויס ווו די וועלט האָט אַן עק, מוז מען זיך מיט עפּעס אָנשטעקן. צו צען יאָר בין איך געוואָרן אין לאָנדאָן אַ קיילעכדיקער יתום, אַ גאַסן־יינגל. האָט מיך דער רוח געצויגן צו די שיפן, צו די ימען; איך קאָן נאָך צוועלף שפּראַכן און ווי איר זעט, האָב איך יידיש נישט פאַרגעסן.

מיט יאָרן צוריק האָב איך געוואָלט ווערן אַ מענטש מיט לייטן גלייך, איך האָב מיך פאַרליבט אין אַ יידישער עמיגראַנטקע וואָס איז געפאָרן אויף אַ שיף ווו איך האָב געאַרבעט.

מיר האָבן דאָ אין בוענאָס־איירעס חתונה געהאַט און איך האָב געאַרבעט אין פּאָרט ביי פאַרשידענע אַרבעטן; אָבער אַנדערטהאַלבן יאָר נאָך אונדזער חתונה איז זי געשטאָרבן.

איך בין פאַר צרות שיער משוגע געוואָרן; איך האָב נישט געוווסט וואָס צו טון מיט דעם נאָר־וואָס געבוירענעם קינד, אַ מיידעלע. אין מיין פאַרצווייפלטן צושטאַנד האָב איך געטרונקען אַלקאָהאָל צו פאַרטעמפּן מיינע נערוון, ווי איך פלעג עס טון אין מיינע מאַטראָסן־יאָרן, ווען איך פלעג זיין אויף דער פריי.

ענדלעך איז מיך באַפאַלן דער פאַרלאַנג צו באַפרייען זיך פון מיין קינד און אַוועק ווו די אויגן וועלן מיך טראָגן...

די יידישע דאָקטוירים, וואָס האָבן אויסגעהערט די דאָזיקע געשיכטע, האָבן געמוזט איבעררייסן זייער געשפּרעך מיטן קראַנקן, ווייל אין יענעם מאָמענט האָט זיך די טיר פון דער פּאַלאַטע אויפגעעפנט און דער פּראָפעסאָר כימענעז מיט די אַנדערע דאָקטוירים זענען אַריין אין דער פּאַלאַטע.

אויך די שוועסטער מאַרטאַ מיט איר ממש פאַרמעט־פּנים האָט זיך אַריינגעשלייכט, איז באַלד צוגעגאַנגען צום פּראָפעסאָר און האָט זיך מיט אים עפּעס געסודעט.

— זייער גוט, שוועסטער, — האָט דער פּראָפעסאָר אַ צופרידענער געענטפערט דער אַלטער באַרמהאַרציקער, און די לעקציע איבער יענעם קראַנקן יידן פון דעם צוועלפטן בעטל, האָט זיך אָנגעהייבן.

3.

דער רעפעראַט וואָס פּראָפעסאָר כימענעז האָט געהאַלטן איבער יענעם יידישן חולה איז געווען זייער אינטערעסאַנט און באַלערנדיק. אַ ריזיקער סטודענטן־עולם און דאָקטוירים האָבן אָנגעפילט די פּאַלאַטע. נאָר איין מענטש איז געווען ווייט,

גאַר ווייט פאַרטראָגן פון יענער סביבה, הגם ער האָט זיך אויך געפונען צווישן דער גרויסער צאָל צוהערער, דאָס איז געווען ד״ר איסאַק בריל. עטלעכע מאָל האָט ער איבערגעזאָגט די לעצטע ווערטער וואָס דער ייִד האָט אַרויס־גערעדט:

— „ענדלעך איז מיך באַפאַלן אַ פאַרלאַנג צו באַפרייען זיך פון מיין קינד און אַוועק ווו די אויגן וועלן מיך טראָגן״...

זיין כוח־הדמיון האָט דעם ד״ר איסאַק בריל אָפּגעזונדערט פון אַלעמען און האָט פאַר אים אויסגעוויקלט אַ דערינערונג. ער דערמאָנט זיך אַז אין זומערדיקן ביטאָג האָט ער „זי״ באַזוכט. אויסער זיי ביידן, די קראַנקע פרוי און ער, איז קיינער נישט געווען אין יענעם דעפּאַרטאַמענט אין אַ געסל פון שטעטל סאַן־פערנאַנדאָ.

די פרוי זיצט אָנגעלענט אָן איר צוקאָפּנס און ער נעבן איר, האַלט איר האַנט. אונטער זיינע פינגער שלאָגט איר פּולס מיט אויסערגעוויינלעכער שנעל־קייט. ער פילט אַז דער גאַנצער קערפּער אירער פיבערט.

— די היינטיקע אָפּעראַציע בין איך זיכער, אַז איך וועל נישט איבערטראָגן — האָט די פרוי נאָך אַ טיפן זיפץ אַרויסגעשטאַמלט. — פאַר מיר זאָרג איך מיך נישט. עס וועט זיך ענדיקן. איך זאָרג מיך נאָר פאַר מיין מיידעלע, וואָס וועט בלייבן ווי אויפן וואַסער. מיין מאַן איז צו איר גלייכגילטיק, ער איז קיינמאָל צו איר נישט געווען ווי אַ פאָטער צוגעלאָזן.

— האָט איר עפּעס נאָך קינדער אַמאָל געהאַט? — האָט דער דאָקטער בריל געפרעגט דער קראַנקער.

— איך האָב גאָר קיינמאָל קיין קינדער נישט געהאַט. זי, מיריאַם, איז אויך נישט מיינע.

— פאַר מיר איז דאָס פאַרהייראַטע לעבן געווען ביז היינט צו טאָג אַן אומ־ענדלעכע קייט פון יסורים, זינט איך האָב מיך פאַרבונדן מיטן מאַן וואָס דער גורל האָט פאַר מיר אויסגעקליבן; האָב איך קיין איין גוטן טאָג נישט געהאַט. איך האָב אָנגעהויבן קרענקן. צו־שפּעט האָב איך מיך געכאַפּט, אַז ער האָט נישט געטאָרט חתונה האָבן, אַז ער באַלאַנגט צו יענעם סאָרט מערדער, וואָס פאַר־אורזאַכן קרבנות און ווערן קיינמאָל נישט אויסגעשלאָסן פון דער אָנשטענדיקער געזעלשאַפט.

— פאַר דער זינד און אויסגעלאָסענעם לעבן זיינעם, צאָל איך איצט זייער טייער.

— איך האָב קיין קינד נישט געקאָנט אויסטראָגן, איך פלעג זיי פאַרלירן צום פינפטן אָדער צום זעקסטן מאָנאַט. און ביי יעדן „דורכפאַל״ פלעג איך שפּילן מיטן לעבן.

— נאָך יעדן טויטן קינד וואָס איך האָב אויף דער וועלט געבראַכט, פלעג איך פון זינען אַראָפּ. טאָג און נאַכט פלעגט זיך מיר דאַכטן אַז איך הער דאָס געוויין פון קינד וואָס האָט געזאָלט לעבעדיק אַרויסקומען.

— איינמאָל, זיצנדיק אויף דער פלאַסאַ אַנטקעגן דעם שפּיטאָל פון וואַנען איך בין קוים אַ לעבעדיקע אַרויס נאָך מיין לעצטן „דורכפאַל״, אין באַגלייטונג פון מיינער אַ פריינדין, רוף איך מיך אָן צו איר:

— מען האַלט מיך פאַר אַ משוגענער; מיין אייגענער מאַן גלייבט מיר נישט. אַט... אַט... הער איך איצט ווי דאָס קינד וויינט... עס וויינט...

— גיין שוין, גיי, אינעס, — מאַכט צו מיר מיין פריינדין, — לאָז זיך אָפּ פון אַזעלכע נאַרישקייטן.

— אָבער, הער, הער זיך גוט צו... איך בין נישט משוגע! — האָב איך מיך געבעטן ביי מיין פריינדין.

— מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם בלייבן מירביידע זיצן. איך באַמערק, ווי מיין פריינדין ווערט טויט, טויט בלאַס, זי ציטערט, עס נעמט ביי איר קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן און זי הייבט אָן שטאַמלען:

— יאָ, איך הער אויך ווי עס וויינט, עס איז עפּעס אַ פאַרשטיקטער געוויין.

— מיין פריינדין ווערט אומרויק און קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן; אויסער אונדז ביידן, האָבן מיר אויף דער פלאַסאַ קיינעם נישט געזען. אַרום דער פלאַסאַ האָט געקרעשט מיט שטאָטישן טומל. טראַמווייען, אויטאָמאָבילן, אָמניבוסן, האָבן משוגענערווייז זיך געטראָגן און פאַרהילכט די דאָרטיקע לופט און אין מיטן יענעם גערויש, רייסט זיך אַריין אַ געוויין פון אַ פּיצל קינד...

— אויטאָמאַטיש הייבן מיר זיך אויף פון אונדזערע ערטער און מיר נעמען זוכן און נישטערן אַרום דער באַנק ווו מיר זענען געזעסן. און אָט דערזען מיר צווישן צוויי קוסטעס אַ פּעקל שמאַטעס. מיר פאַלן צו צו דעם און מיר וויקלען פון דאָרט אַרויס אַ קינד, אַ לעבעדיק קינד פון מאַנאַטן, וואָס וויינט...

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן? הער דאָקטער! ווי אויסגעמאַטערט און דערשעפּט איך בין געווען, האָב איך מיך אין יענעם מאָמענט דערפילט שטאַרק און מוטיק.

—מיר זענען מיט דעם קינד אַוועק אין קאָמיסאַריע, ווו מ׳האָט פאַרשריבן דעם דאָזיקן עפּיזאָד. אַ פּאָליציי־אַגענט האָט אונדז מיטן קינד באַגלייט ביז מיין שטוב.

— אין עטלעכע טעג אַרום האָט די פּאָליציי גערופן מיך מיט מיין מאַן מיר זאָלן זיך פּרעזענטירן מיטן קינד. דער טאַטע פון דעם קינד האָט זיך אָפּגעזוכט.

— אין דער קאָמיסאַריע האָבן מיר געטראָפן זיצן אויף אַ באַנק אַן אָפּגעריסענעם פאַרשוין, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שיכורער לינדזשערא.

— אַלזאָ, וואָס־זשע זאָגסטו, גרינגאָ, — האָט דער קאָמיסאַר אויסגעשריגן צום אָפּגעריסענעם, ווען מיר זענען אַריין אין שרייב־צימער, — ווילסטו טאָקע זיך אָפּזאָגן פון דיין קינד?

— נו, יאָ, סעניאָר קאָמיסאַר, וואָס וועל איך דען קאָנען טון מיט אַט־דער „פאַוורעסיטאַ״? אַז די מאַמע אירע איז געשטאָרבן... דערפאַר האָב איך זי איי־בערגעלאָזט אויף דער פּלאַסאָ. איך האָב געוווּסט, אַז עמעצער וועט זיך אויף דער אומגליקלעכער דערבאַרעמען.

— טאָ שרייב זיך אונטער אָט־דאָ, — האָט דער קאָמיסאַר געזאָגט, — כל־זמן וועסט זיך אַרומשלעפּן אין די גאַסן אָן אַ היים, וועסטו דאָס קינד נישט זען אַפילו. ווי הייסט דאָס קינד?

— מיריאַם, — האָט דער פאַרשוין מיט אַ פאַרשיכורט הייזעריקן קול גע־ענטפערט, — אַ נאָמען נאָך מיין מאַמען. — אַ צו־שיינער נאָמען פאַר אַ שיכורס אַ טאָכטער, נישט אמת, סעניאָר קאָמיסאַריאָ? — האָט דער פאַרשוין זיך גענו־מען חכמענען, — אָבער וואָס זאָל מען טון? די „פינאַדאַ״ (נפטרת) האָט פאַרן טויט אַזוי פאַרלאַנגט פון מיר:

— איך שטאַרב — האָט זי געזאָגט — דאָס קינד האָט נאָך נישט קיין נאָ־מען, זאָל זי הייסן נאָך דיין מאַמען, מיריאַם.

— גענוג צו פּלוידערן, — האָט דער קאָמיסאַר טרוקן אָפּגעענטפערט — גיי, לאָמיר דיר שוין מער אין די אויגן נישט זען, אָבער ווען דו וועסט דיך אויס־ליייטישן, קאָנסטו אַפילו אין צוואַנציק יאָר אַרום דורך דער פּאָליציי אויסזוכן און אָפּנעמען דיין קינד. האָסט געהערט?

— יאָ, געהערט, סעניאָר קאָמיסאַריאָ.

— אַלזאָ, געגאַנגען! — האָט דער קאָמיסאַר מיטן פּאָליציישן טאָן אים משלח־געווען.

— און איר, — האָט דער קאָמיסאַר צו אונדז זיך געווענדט, — וועט מוזן אָנגעבן אייער אַדרעס צו דער פּאָליציי יעדעס מאָל, ווען איר וועט בייטן אייער וווינונג. שרייבט אונטער דעם פּראָטאָקאָל... גוט, און גייט געזונט.

די קראַנקע פרוי האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און האָט אַ קוק געטון אויף דעם וואַנט־זייגער.

— עס איז שוין צייט צו איינצונעמען דעם רעצעפּט, — האָט זי זיך אָנגע־רופן, — און איר, הער דאָקטער, האָט צייט און געדולד מיך אויסצוהערן?

— יאָ, פריינדין, — האָט ד״ר בריל געענטפערט — איך האָב צייט, זעצט פאַר אייערע אינטערעסאַנטע איבערלעבונגען.

נאָכן אַראָפּשלינגען דעם לעפל רעצעפּט האָט די פרוי פאַרגעזעצט:

— איר האָט געזען וואָס פאַר אַ שיינע בלום עס איז אויסגעוואַקסן? וויפל איך האָב זיך עס פון איר אָנגעליטן ,איידער איך האָב זי אויף די פיס געשטעלט. אָן אויסגעטריקנט, איינגעשרומפּן עופהלע האָב איך זי פון יענער פלאַסע אָוועקגענומען. ד״ר טש., אַ ייִדישער דאָקטער פון קינדער־שפּיטאָל, האָט זי מיר, קאָן מען זאָגן, אויסגעכאָוועט; ער האָט זיך צו איר אָפּגעגעבן מיט זיין גאַנצן לייב און לעבן אין פאַרלויף פון די ערשטע צוויי יאָר אירע.

פון דאַן־אָן אַנטוויקלט זי זיך אַזוי שיין און פּרעכטיק, זי לערנט זיך זייער גוט און לייענט אָן אַ שיעור. אַכצן יאָר איז זי דאָ נישט־לאַנג געוואָרן... איך האָב מורא, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט מען זי ביי מיר צונעמען...

און אין געוויסן פאַרנאַכט נאָך יענעם שמועס מיט דער קראַנקער פון סאַן פערנאַנדאָ, איז די פרוי געשטאָרבן. דאָס איז געווען אויף דעם פינפטן טאָג נאָך אַן אָפּעראַציע; בלויז צוויי מענטשן האָבן זיך אַרום איר געפונען. דאָס זענען געווען: מיריאַם, איר אַדאָפּטירטע טאָכטער, און ד״ר בריל.

וואָס עס איז שפּעטער געוואָרן פון יענעם מיידל האָט ד״ר בריל קיינמאָל נישט געקאָנט דערגייך. — — —

— —

אין אָט דער דערינערונג האָט ד״ר בריל זיך דערמאָנט, ווען דער פּראָפעסאָר כימענעז האָט געהאַלטן זיין רעפעראַט איבער דעם קראַנקן ייִדן אויף דעם צוועלפטן בעטל אין שפּיטאָל סאַן ראָקע.

4.

אין אַ געוויסן שבתדיקן פרימאָרגן, איז ד״ר בריל דער ערשטער אַריין אין יענער פּאַלאַטע און איז אַ פאַרגליווערטער געבליבן שטיין ביי דער טיר פון דעם, וואָס ער האָט אין יענעם מאָמענט דערזען: ביים צוועלפטן בעטל, ווו דער ייִדישער חולה האָט איצט געגוססט, איז געשטאַנען דער פּאַדרע עסטעבאַן, און האָט פון עפּעס אַ קליין ספרל אויף לאַטיין אַרויסגעדאַוונט. אַנטקעגן אים, פון יענער זיין בעטל, האָט אַ בילד־שיינע יונגע מאַנאַשקע, מיטביידע הענט געהאַלטן אַ בעכער מיט הייליקן בוימל. ביים צוקאָפּנס איז געשטאַנען די שוועסטער מאַרטאַ, איינגעקלאַמערט מיט אירע אויסגעדאַרטע פינגער אין דעם צלם פון איר תפילה־שנור און האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן באַכגעזאָגט די תפילה. אייניקע חולאים זענען צווישן די בעטן אויף די קני געשטאַנען.

דער ייִד, וואָס האָט געהאַלטן ביי יציאת־נשמה, האָט שוין גאָרנישט געזען; זיינע אויגן זענען געווען אָפן און האָבן פאַרלוירן געקוקט, מסתמא אין דער אומענדלעכער אייביקייט.

— פּאַטער! פּאַטער! — האָט פּלוצים ד״ר בריל אויסגעשריגן צום גלח, — דער גוסס איז נישט קיין קאַטאָליק... איך גאָטס ווילן, באַגייט נישט קיין טעות.

דער גלח האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן פון זיין ספרל און האָט זיי אָנגעשטעלט אויף דעם דאָקטער, ווי איינער מיינט:

— וואָס איז דיין עסק?

— „גראַסיאַס אַ דיאָס, על פּאַברעסיטאָ, מי מאַרידאָ, זשאָ נאָ עס מאָס כודיאָ״ (אַ דאַנק גאָט, דער אָרעמער מאַן מיינער איז שוין נישט מער קיין ייִד) — האָט זיך דערהערט אַ וויינענדיק קול פון אַ שוואַרצער גויע מיט אויסגעסטאַרטשעטע קינבאַקן און פאַרוויינטע אויגן, מיט אַ גרויע פאַטשיילע אויף איר קאָפּ. די גויע איז פאַרן דאָקטער ווי פון דער ערד אויסגעוואַקסן נעבן דעם גלח.

— זייט מיר מוחל „פּאַדרע״ — האָט דער איבערראַשטער ייִדישער דאָקטער געזאָגט צום גייסטלעכן, — ביז נעכטן, ווייס איך, איז ער געווען אַ ייִד...

פּאַדרע עסטעבאַן האָט ווייטער איינגעראָבן זיינע אויגן אין ספרל און זאָגנדיק די תפילה אויף אַ העכערן קול, האָט ער בעת־מעשה געטונקען זיין קלענסטן פינגער פון דער רעכטער האַנט אין דעם בעכער, וואָס די יונגע מאַנאַשקע האָט אים אונטערגעטראָגן, און האָט דערנאָך גענומען באַנעצן, אָפּריַער דעם שטערן, נאָכדעם בײדע איבערשטע אויגנלעפּלעך און צום־לעצט דאָס מויל פון דעם משומד, ער האָט פאַרענדיקט מיט די באַקאַנטע ווערטער:

— איך טו עס אין נאָמען פון „פּאַטער״, פון „זון״ און „הייליקן גייסט״. אָמען.

— אָמען! — האָבן אַלע אינטערנירטע, אויסער די דריי ייִדישע קראַנקע געענטפערט. און ביידע, פּאַדרע עסטעבאַן און שוועסטער מאַרטאַ האָבן פאַרלאָזט דעם זאַל.

פון דעם שטאַרבנדיקנס צוקפּאַנס איז די יונגע מאַנאַשקע נישט אָפּגעטראָטן ביז דער דאָקטער וועט נישט פעסטשטעלן, אַז ער איז שוין טויט.

אַ לאַנגע ווײלע האָט נאָך געגומען, ביז ד״ר בריל האָט קאָנסטאַטירט אַז ער איז שוין אַ מת. און דורך דער גאַנצער צייט פון וואַרטן האָט דער דאָקטער נישט איין מאָל אַ קוק־געטון אויף דער יונגער מאַנאַשקע, וואָס האָט אים אויסגעזען קענטלעך.

— ווו האָב איך אייך געזען, שוועסטער?

— וואָס, איר דערקענט מיך נישט, הער דאָקטער? איך בין דאָך מיריאַם. דערמאָנט זיך, מיט דריי יאָר צוריק זענען מיר אַזוי געשטאַנען ביי מיין מוטערס אויסגיין.

— אַ, יאָ, יאָ... אמת, מיריאַם, מיריאַם... — האָט ד״ר בריל אויסער־זיך פון אַזאַ צוזאַמענטרעף אַרויסגעשטאַמלט.

עס האָט אים פון גרויס איבערראַשונג אויסגעפעלט אָטעם און ווערטער.

נחמן מיזשעריצקי

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַ מאַך־געטון אין אַ שטילן טאָן:

— ווייסט איר כאָטש, ווער „ער״ איז?

— דאָס איז — האָט די מאָנאַשקע מיט אַ צופרידענער מינע געענטפערט — די ערשטע פאַרבלאָנדזשעטע נשמה, וואָס איך האָב געהאָלפן אַוועק צו איר אייביקער רו.

אַ פאַרביטערטער האָט זיך ד״ר בריל אָפּגעקערט פון יענעם, וואָס איז שוין געלעגן אַן איבערגעקערטער מיט אַ ווייסן לײַלעך און ער האָט זיך גענומען צו זײַן טאָג־טעגלעכער אַרבעט.

אויף דעם עקוואַטאָר

.1

אין אַ גרויען ווינטערדיקן פרימאָרגן, ווען די לופט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט קאַלטער פייכטקייט, בין איך געזעסן פאַררוקט אין אַ ווינקל פון אַ גרויסן אַמפיטעאַטער אין שפּיטאָל „מוניס". איך בין דאַן געווען אויף דעם לעצטן קורס מעדיצין. עס האָט נאָך געפעלט אַ האַלבע שעה צו דער לעקציע, וואָס דער פּראָפעסאָר פראַנציסקאָ דעסטעפּאַנאָ, האָט געדאַרפט געבן אויף דער טעמע „שקאַר־לאַטין".

קיינער פון מיינע מיטשילער איז נאָך דאָרט נישט געווען, נאָר אַ יידישער דאָקטער, אין די פופציקער, האָט זיך נעבן מיר צוגערוקט און אין אַ ווילע געבליבן זיצן איינגעקאָרטשעט פון דער קעלט.

איך פלעג אים זייער אָפט באַגעגענען אויף פאַרשידענע רעפעראַטן און קורסן, צו וועלכע ער פלעגט קומען, פונקט ווי ער זאָל זיין אַן אייביקער תלמיד.

ער האָט באַלאַנגט צו יענעם סאָרט דאָקטוירים, וועלכע ווילן זיך בשום אופן נישט אָפּשיידן פון פאַקולטעט. די סטודענטישע סביבה האַלט זיי כסדר צו־געשמידט צו זיך. צווישן דער שטודירנדער יוגנט פילן זיי זיך, אַפּנים, אויך שטענדיק יונג, כאָטש דער „שניי" הייבט זיך שוין אָן אַרויפלייגן אויף די שלייפן.

חברה לצים פאַרגינען זיך אַמאָל אַ שפּיל־טון מיט אָט די אייביקע סטו־דענטן, ווען זיי רופן „לאָס פּיבעס עסטודיאַסאָס" (אָנגעלערנטע).

ער, דער יידישער דאָקטער, האָט געזוכט שטענדיק עפּעס צו זיצן כסדר אין אַ ווינקל. אָבער אין יענעם פרימאָרגן, כאָטש ביי אַלע בענק זענען געווען ליידיקע פלעצער, האָט ער זיך עפּעס מאָדנע צוגעשאַרט צו מיר, און האָט אַ זאָג־געטון אין אַ זאַפטיקן ליטווישן מאַמע־לשון:

—פון וואָס וועט דער בעל־דבר רעדן היינט ?

די דאָזיקע פראַגע איז געקומען אַזוי קאָמיש אומגעריכט, און אַזוי גלייך מיר אין פנים אַריין, אַז איך האָב מיך צעלאַכט אויף אַ היפשע ווילע און נישט געקאָנט ענטפערן.

— וואָס לאַכסטו? — האָט ער ווידער, מיטן זעלבן אַקצענט ווי עפּעס אַ ווילנער מגיד, אַ פּרעג־געטון מיט אַ גמרא־ניגון.

— וועגן שקאַרלאַטין — האָב איך לאַכענדיק, קוים געקאָנט אַרויסזאָגן, —וועט ער דרשנען.

— שקאַרלאַטין... שקאַרלאַטין... — האָט ער איצט, מיט אַן ערנסטער מינע, עטלעכע מאָל איבערגעחזרט — אַ פיינע אינטערעסאַנטע טעמע — האָט ער ווי צו זיך אַליין געשעפּטשעט — זי איז אַלט זינט דער מענטש איז אַנטשטאַנען אויף דער וועלט, און דאָך ווייסן מיר נאָך נישט ווער עס זענען די פאַראורזאַכער אירע.

איך האָב אים אָנגעקוקט, ווי ער ווערט פון מינוט צו מינוט אַלץ מער ערנסטער און פאַרטראַגן.

— ענדלעך, — האָט ער אַ זאָג געטון: — עס איז נאָך פרי. ווילסט עפּעס הערן? עס וועט דיר אפשר אַמאָל צונוצקומען, סיי אין דיין פּראַקטיק, סיי אין דיין טאָג־בוך, אויב דו פירסט אים.

— אַך, מיט דעם גרעסטן פאַרגעניגן, הער דאָקטער! — האָט איך העכסט צופרידן אַ מאַך געטון.

און ער האָט אָנגעהויבן מיט זיין ווונדערבאַרן שיינעם ליטווישן מאַמע־לשון, וואָס ליגט מיר נאָך עד־היום אין טעם:

— פון צייט צו צייט קריכן אַרויס פון זייער באַהעלטעניש און מאַכן אַ שפּאַציר איבער שטעט און שטעטלעך די אומבאַקאַנטע און קיינמאָל נישט דער־זעענע מלאכי־חבלה, וואָס פאַראורזאַכן די באַוווסטע עפּידעמישע קראַנקייט „שקאַרלאַטין", אַ נאָמען וואָס באַרעכטיקט די מורא און שרעק פאַר אָט דער אַנשיקעניש, צום מערסטן אויף קינדער.

אַן אַ שיעור קרבנות פּלעגט אָט די רויטע פּעסט פאַראורזאַכן אין אַ געפּאַק־טער שטאָט־באַפעלקערונג, אין יענע צייטן, ווען די היגיענישע באַדינגונגען זענען געווען שלעכטע און די מענטשן־מאַסע אַן אומוויסנדיקע און אַבערגלויביקע.

פון שטוב צו שטוב פּלעגט די שקאַרלאַטינע גיין און אַריינוואַרפן אין פיבער און אַרויספּיצן איר רויטע הויט אויף קליינע נפשימלעך, וואָס פּלעגן זיך ראַנגלען מיטן טויט אַ שיינע פּאָר וואָכן, ביז איינער פון ביידע האָט געזיגט: „דאָס לעבן אָדער דער טויט".

געוויינלעך, פּלעגט מען זיך פאַרלאָזן אויף דער השגחת הבורא, און מען פּלעגט מיט יאוש אַ מאַך־טון דעם גוט־באַקאַנטן אויסדרוק: — „האָט עס יאָרן, וועט עס לעבן".

ווען אַ קינד פּלעגט פון גרויס פיבער אַריינפאַלן אין שווידערלעכער קאָנ־וווּלסיע, פּלעגט אויסברעכן אַ בהלה און דער פרומער טאַטע פּלעגט אַרויפוואַרפן אויפן קינד זיין טלית, כדי נישט צו זען, אַפנים, דעם מיאוסן פּרצוף פון דעם

מלאך־המות, וואָס איזדיעקעוועט זיך אויף זיין עופהלע. און... און... „דער וואָס לעבט אייביק״ האָט זיך מרחם געווען...

היינטיקס יאָר איז די שקאַרלאַטינע צו אונדז קיין בוענאָס־איירעס געקומען צו־גאַסט, אָבער מיט מילדע טריט. ווי אַ שטילע קאַץ האָט זי זיך אַריינגעגנבעט און אַ פּאַרב־אָפּ געטון מיט איר רויט צינגל די הויט: דאָ אַ קינד, דאָרט אַ דער־וואַקסן מיידל; נישט, חלילה, שטאַרק אָנגערירט דעם האַלדז. און אַזוי שטיל און באַשיידן, ווי זי איז געקומען, אַזוי סטאַטעטשנע האָט זי זיך אַרויסגעשלייכט, נישט איבערלאָזנדיק קיין שפּור און שפּרענקעלע אויף קיינעם חלילה.

די דאָקטוירים האָבן אַביסל מער צוגעאַרבעט; כמעט אַלע זענען זיי געווען „גוטע״, זייער פּרעסטיזש איז אַ ביסעלע געהויבענער געוואָרן.

די פונעראַלן־אונטערנעמער האָבן פון היינטיקער שקאַרלאַטין־עפּידעמיע קיין גרויסע ביזנעס נישט געמאַכט.

אָבער אין יענעם ווינטער, מיט אַ צען יאָר צוריק, האָט די שקאַרלאַטין גע־בושעוועט מיט אַ באַזונדער־גוואַלדיקן גרימצאָרן, און האָט זיך פאַרשפּרייט איבער מיין געגנט ווי עפּעס אַ רויטע געפערלעכע פּעסט, וואָס האָט די דאָקטוירים גע־האַלטן אין „כאַק״, ווי מ׳זאָגט צווישן אונדז, מעדיצינער, רעדנדיק.

עס האָבן נאָך דאַן נישט עקזיסטירט היינטיקע „וואונדערבאַרע״ מיטלען, האָבן מיר געדאַרפט אַרבעטן ווי די אַמאָליקע רופאים און פעלדשערס פון די קליינע שטעטלעך: רייסן שטיקער פון די העלדזער, שמירן די פאַרשרפּהטע לייבער מיט זאַלבן, איינשפּריצן אַנטי־שקאַרלאַטין־סערומס, וואָס האָבן געבראַכט מער שאָדן ווי נוצן. איך בין אַרומגעלאָפן אַ צעחושטער, אַ פאַרמאַטערטער פון אַזוי פיל אָנ־שטרענגונג און געדולד־אויסשעפּונג; פון גאַנצע טעג מלחמה־האַלטן מיט קראַנקע, צעשראָקענע קינדער, מיט אויפגערעגטע, פאַרצווייפלטע, איבערגעגעבענע על־טערן, מידע פון נישט־דערשלאָפענע נעכט. אַזוי האָט זיך געשלעפּט יענער שווע־רער ווינטער ביז די ימים־נוראים.

אַ דערשעפּטער, האָב איך זיך שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, יענעם ערב ראש־השנה אַוועקגעלייגט שלאָפן, אָבער עס האָט לאַנג נישט געדויערט און עמעצער האָט מיך מיט געוואַלד פון מיין געלעגער אַרויסגעריסן און האָט מיך גענומען פירן איבער פינצטערע גאַסן און געסלעך, ביז איך בין אַראָפּגעפאַלן אין אַן אָרע־מען צימער פון אַ גרויסער דירה מיט אַ סך יידישע שכנים.

דאָס צימער איז געווען פול געפּאַקט מיט מענער, וואָס זענען אַרויס פון די בעטן מיט צעבראָסטעטע לייבער און אויפגערעגטע פּנימער. אַ סך ווייבער און מיידלעך מיט צעשויבערטע האָר און אויפגעריסענע און דערשראָקענע אויגן, האָבן היסטעריש געיאָמערט, נישט אויסצוהאַלטן.

מיט גרויס מי איז מיר אָנגעקומען, ביז איך האָב צווישן יענעם קאָמפּאַקטן עולם זיך דערשלאָגן צום בעט, וווּ איך האָב געדאַרפט טרעפן דאָס קראַנקע קינד.

דער טומל איז מיט אַמאָל אָפּגעהאַקט געוואָרן, ווען איך בין געבליבן שטיין ביי יענעם בעט און דערשטוינט צוגעקוקט עפּעס אַ מאָדנע בילד:

אויף דעם ברייטן בעט, צווישן אָנגעוואָרפענע קישנס און פּערענעס, האָבן זיך עטלעכע טליתים געקנייטשט און געקאָרטשעט, ווי מאָדנע לעבעדיקע, נישט־ערדישע באַשעפענישן.

די ציצית זייערע האָבן אויסגעזען ווי ווייסע קאַנטשיקעס, וואָס האָבן גע־שמיסן אויף רעכטס און אויף לינקס; די שוואַרצע פּאַסן האָבן געכוואַליעט אַרויף און אַראָפּ, און זיך פאַרפּלאָנטערט איינע אין די אַנדערע.

איך בין זיכער געווען, אַז ביי יענעם עולם צושויער מיט צעשרויפטע נערוון האָט דער אויפברויז פון די טליתים געדאַרפט מאַכן אַ שרעקלעכן איינדרוק, און האָבן דאָס באַטראַכט ווי עפּעס אַ בייז ווונדער ערב יענעם יום־הדין.

שנעל האָב איך די טליתים אַראָפּגעריסן פון דאָרט און עס האָט זיך אַנט־פּלעקט פאַר מיר אַ נאַקעט נפשל, וואָס האָט זיך געצאַפּלט און געאַרבעט מעשים מיט אַלע אברים.

אומבאַשטימט איז געווען דער קאָליר פון יענעם צעטרייסלטן קערפּערל, וואָס האָט זיך געוואָרפן און געשליידערט אין אַ שוידערלעכער קאָנוולסיע אונטער דער שוואַכער שיין פון עלעקטרישן לעמפּל אויף דעם נאַכט־טישל.

ביסלעכוויז, אין אַ פּאָר מינוטן אַרום, וואָס האָבן געדויערט אַן אייביקייט, האָט זיך דאָס קערפּערל איינגעשטילט, און עס איז געבליבן ליגן אָן מאַכט, מיט פאַרגלייצטע אייגעלעך און פאַרפּינעט מיילעכל.

איצט האָט זיך נאָר געהערט דאָס כאָרכלען פון קינד און דער שטילער גע־יאָמער פון אַ פרוי, וואָס איך האָב ערשט איצט דערזען אַנטקעגן מיר אויף יענער זייט בעט. נעבן איר — דער מאַן שטיל איינגעבויגן און דערשיטערט.

איך האָב געגנומען פון ווייטנס באַטראַכטן דאָס קינד, וואָס האָט אַזוי אויפ־געררודערט אין מיטן נאַכט, יענע „קאָנוועגנטיזשע" מיט ייִדישע שכנים. אַלע סימנים פון אַ פולשטענדיקן געבוירענעם אידיאָט, האָבן זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן.

נו, האָב איך געטראַכט: מיין אויג האָט מיך נישט אָפּגענאַרט, מיט אַ פינף יאָר צוריק, ווען דאָס איז אַלץ געווען אַ מאַגאַטן זעקס.

איך דערמאָן מיך, אַז ווען די עלטערן האָבן מיר דאַן צום קינד אַרויסגערופן, האָב איך, נאָכן באַטראַכטן עס, אַ פרעג געטון:

— אין וועמען, דענקט איר, איז אייער קינד געראָטן?

טאַטע־מאַמע האָבן איינער דעם אַנדערן אָנגעקוקט אַ ווײַלע און דערנאָך האָט זיך די מוטער אָנגערופן:

— מיר האָבן זיך ביז איצט צו אַזאַ זאַך נישט צוגעקוקט.

— אָבער אַקעגן וואָס פרעגט איר דאָס? הער דאָקטער, — האָט דער פאָטער מיט אַ מערקבאַרער אומרויִקייט אַ פרעג־געטון.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי ווייסן נאָך נישט, אַז זייער קינד איז געבוירן געוואָרן אַ קריפּל. זיי באַמערקן גאָרנישט די מאָנגאָלישע מאַסקע, וואָס ליגט אויף דעם, די קרומע אויגן, דאָס פלאַטשיקע נעזל, דעם שמאָלן שטערן, די שטעכיקע האָר אויפן קעפל, די געלבלעכע הויט־מראה, דאָס ברייטע און גראָבע צינגל, וואָס איז שטענדיק אינדרויסן פון דעם כסדר־סלינעדיקן מויל, וואָס ווייזט מיט אַ פאַרשטיקט קולכל, גאָרנישט ווי אַ נאָרמאַל קינד.

— איך פרעג — האָב איך געזאָגט — ווייל... ווייל עס איז איצט נישט מיט אַלעמען.

— נו, געוויס, — האָבן זיי ביידע מיטאַמאָל אַ מאַך־געטון מיט אַ גאַל־ביטערן שמייכל — דעריבער האָבן מיר דאָך איך גערופן.

איך האָב מיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ רעצעפּט.

אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּ האָב איך אַ זאָג־געטון צום פאָטער:

— דאָס קינד וועט איך קיין פאַרגעניגן נישט פאַרשאַפן. עס איז שלעכט פאַרמירט.

— וואָס רעדט איר, דאָקטער!

— יאָ, מיין פריינט, אַ „מאָנגאָל" איז עס אַרויס. מען באַגעגנט אַזעלכע שלעכט־געבוירענע אין אַ גרויסער שטאָט אויף יעדן טריט און שריט, אין די גאַסן און אַפילו אין די רייכסטע פּאַלאַצן ביי אַדל־לייט און פּריצים. אַ קאַפּריז פון דער נאַטור. אַלע האָבן זיי איין פּנים, ווי עפּעס איין אומגליקלעכע מאַמע זאָל זיי אויף דער וועלט געווען ברענגען.

מיין בייזע נבואה איז לײדער מקויים געוואָרן. דאָס האָב איך אין יענער נאַכט מיט אַ פינף יאָר שפּעטער זיך דערוווּסט, צווּעענדיק, ווען דאָס קינד איז געבליבן ליגן רויק נאָך דעם ספּאַזמע־אָנפאַל, דעם אַזוי־גערופענעם מאָנגאָליזם־געשטאַלט.

איך האָב אַ ווונק־געטון צום פאָטער, אַז ער זאָל הייסן אַרויסגיין די שכנים.

ווען איך בין געבליבן אַליין מיטן פאַרפאַלק, האָב איך אַ פרעג־געטון:

— האָט איר נאָך עפּעס קינדער?

— נאָך צווי האָבן מיר געהאַט — האָט דער פאָטער ווי צו זיך אַליין געשעפּטשעט. — די שקאַרלאַטין האָט זיי ביי איר צוגענומען אויפן וועג אַהער, — האָט ער געזאָגט, אַנווייזנדיק אויף דער פרוי. — דאָס ערשטע, אַ שטיק ברילייאַנט, אַ מיידעלע, ליגט אויפן טשערנאָוויצער בית־עולם; דאָס צווייטע, אַ ייִנגעלע, איז אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אין ים. און דאָס, איר זעט דאָך וואָס פאַר אַ פאַרזעעניש, מאַטערט זיך אויפן טויט, אויך פון שקאַרלאַטין. אַט־וואָס פאַר אַ פינצטער מזל מיר האָבן דאָס צו קינדער.

— וויפל צייט זענט איר דאָ אין לאַנד? — האָט מיר עפּעס אַ דורכגעלאָפענער געדאַנק ווי געצוווּנגען אַ פרעג צו טון דער פרוי.

— דעם 8טן יאַנואַר װעט װערן זעקס יאָר.

— הײסט עס, אַז אױף דער שיף „האַלאַנדיאַ" האָט איך געטראָפן דער אומ־גליק מיט דעם קינד, — האָב איך שױן איצט מיט זיכערקײט אַ זאָג־געטון.

— פּינקטלעך! — האָט זי שטיל אַ מורמל־געטון.

אַ װײלע האָט זיך דאָס פּאַרפּאַלק קעגנזײטיק אָנגעקוקט, גלײך װי זײ װאָלטן נאָר־װאָס געװען געהערט װעגן עפּעס אַ װײטן עכאָ פון יענער טרױעריקער גע־שעעניש...

אין יענעם מאָמענט האָט זיך דאָס קראַנקע קינד אױפגעכאַפּט מיט אַ געװײן. בײדע, דער פאָטער און די מוטער, זענען צוגעפאַלן צו אים מיט יענעם ציטער, מיט װעלכן אַלע עלטערן װערן באַהערשט בײם צוקאָפּנס פון אַ געפערלעך־קראַנקן קינד, מעג עס זײן אַפילו אַ פאַרזעעניש.

— דער קריזיס איז אַריבער, — האָב איך אַ זאָג־געטון צו זײ, — איך בין זיכער, אַז עס װעט געזונט װערן. טױט, װאָס איך האָב אײך אָנגעװיזן.

מיט די רײד בין איך אַװעק פון דאָרטן.

2.

די גאַנצע נאַכט האָב איך קײן אױג נישט צוגעמאַכט.

ליגנדיק אַזױ אַ שלאָפלאָזער, האָב איך זיך דערמאָנט אין יענער רײזע, װאָס איך האָב געמאַכט צוריק קײן בוענאָס־אײרעס אױף דער שיף „האָלאַנדיאַ", ענדע יאָר 1910.

עס איז מיר אױסגעקומען צו פאָרן אין אַן ענגער צװײטקלאַסיקער קאַבינע, אין װעלכער איך האָב זיך געפילט, װי אין אַ טורמע. אין די קאַלטע מקומות בײ די אײראָפּעיִשע ברעגן איז געװען נאָך װי צו דערלײדן, נאָר װען די שיף האָט זיך דערנעענטערט צו די טראָפּיקאַלישע װאַסערן, זענען די הײסע פאַרעדיקע נעכט פאַר מיר געװאָרן אומדערטרעגלעך.

בשום־אופן האָב איך נישט געקאָנט אײנשלאָפן. האָב איך זיך געװאַלגערט אַ צעקאָכטער אױף מײן געלעגער אַן אױפגערעגטער פון דעם מאָנאָטאָנעם מאַשין־גערױש, װאָס האָט זיך אַהין דערטראָגן. װי דאָס אָטעמען פון אַ ריזיקער ים־חיה, אַזױ האָט אין מײנע נישט־אױסגערוטע אױערן אױסגעזען יענער גערודער, װאָס איז אױפגעגאַנגען פון דער שיפס אינגעװײדן, װאָס האָבן זי געטריבן כסדר צו דרום־מערב אױף דעם אַטלאַנטיק.

יענע רײזע איז פאַר מיר געװען אַן אמתע אָפּקומעניש. גאַנצע נעכט נישט שלאָפן, כאָטש גײ־אַרום צו חלום איבער דעם שמאָלן קאָרידאָר צװישן די קאַ־

בינעס אָדער שטיי אָנגעשפּאַרט אין אַ פּאַרענטשע מיט די אויגן איינגעראָבן אין דעם פינצטערן ים אַריין.

דורך די טעג בין איך אַרומגעגאַנגען אַן אויפגעברויזטער צווישן מענטשן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין זייערע אייגענע וועלטן.

ווען נישט ווען, פלעג איך פאַרברענגען ביי אַ פּאַרטיע שאַך־שפּיל מיטן שיף־דאָקטער, מיט וועלכן איך האָב מיך באַקענט. מיר פלעגן זיך פאַרקלייבן אין זיין קאַבינעט און אָפּזיצן שעהן ביי אַ טישל און אַזוי לאַנג שפּילן, ביז עס פלעגט מיר נעמען שווינדלען אין קאָפּ.

דערנאָך פלעגן מיר רעדן אויף פראַנצויזיש וועגן פאַרשידענע זאַכן. ער פלעגט זיך באַקלאָגן אויף זיין אָפּגעזונדערט לעבן דאָ, צווישן הימל און ים; דערציילן פון זיינע באַגעגענישן מיט מענטשן, וואָס קומען־אַהער פון דער גאָרער וועלט מיט זייערע שוואַכקייטן און ליידנשאַפטן.

איינמאָל האָט ער מיך אַריינגעפירט אין אַ קליין פּאַלאַטקעלע און האָט מיר אַ זאָג־געטון:

— טוט אַ קוק, ה׳ דאָקטער, מיט וואָס מ׳האָט מיך דאָ מכבד געווען.

אויף אַ בעטל איז געלעגן אַ יינגעלע פון אַ יאָר 5 אין אַ געפערלעכן צו־שטאַנד. זיין קערפּערל איז געווען ווי אָפּגעפאַרבט מיט אַ שטאַרק־רויטע פאַרב. דאָס פּנימל פאַרטראָגן, די ליפעלעך פאַרברענט און דאָס העלדזל באַלייגט מיט געשוואָלענע דריזן, אויפגעדראָלענע. שוידערלעך איז געווען דאָס כאָרכלען פון דעם דאָזיקן באַוווסטלאָזן נפשל.

— איר זענט כאַטש אַ מבין אויף דעם! אומטערוועגס אַזאַ קינד! — האָט דער דאָקטער אַ זאָג־געטון. — איך האָב געטון אַלץ, וואָס איך האָב נאָר געקענט. איך האָב זיך צופעליק דערוווסט פון דעם פאַל. ס׳איז אַ קינד פון אַ מאַמע, וואָס פאָרט אין דריטן קלאַס. אויפן דריטן טאָג, זינט מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון שפּאַניע, האָבן מיר גענומען שטעלן פּאָקן אַלע דריטקלאַסיקע פּאַסאַזשירן. ווען ס׳איז געקומען צו דער פּרוי מיטן קינד, האָב איך באַמערקט ווי דאָס קינד פיי־בערט פון שקאַרלאַטין. איך האָב דערקאָנט אויף דער מוטער, אַז זי האָט דאָס געוואָלט אויסבאַהאַלטן, מיינענדיק, אַז עס וועט אַדורכגיין אומבאַמערקט.

עס האָט געוויינלעך נישט געהאָלפן איר חלשן און איר וויינען. איך האָב דאָס קינד ביי איר געמוזט הייסן צונעמען.

ביז נעכטן האָב איך איר דערלויבט אָפּצוליגן גאַנצע טעג אונטערן פענצ־טערל, אין דרויסן פון דער פּאַלאַטקעלע, אָבער איצט, ווען דאָס קינד איז אין אַזאַ צושטאַנד, — ווי קען מען גאָר דערלאָזן, אַז זי זאָל עס זען דורך דעם פענצטערל? לאָזט מען זי שוין מער נישט צו אַהער.

— איך דענק, אַז עס וועט די נאַכט נישט איבערקומען.

— ריכטיק, — האָב איך באַשטעטיקט. — עס איז שטאַרק פאַרגיפטעט.

אַרויסגייענדיק פון דאָרט האָט מיך דער דאָקטער איינגעלאַדן אויפן באַל, וואָס וועט די נאַכט פאָרקומען. אַ צווייפאַכער יום־טוב וועט די נאַכט געפייערט ווערן: דאָס איבערקרייצן דעם עקוואַטאָר און דער יום־טוב פון ווייַנאַכטן.

3.

די נאַכט פון 24סטן אויפן 25סטן דעצעמבער איז צוגעפאַלן אַ הייסע, אַ קאָכיקע אויף דער „האַלאַנדיאַ", וואָס האָט אָנגעהאַלטן איר גלייכגעוויכט אין פולן גאַנג אויפן שטילן עקוואַטאָריאַלן ים. מען האָט לכבוד ווייַנאַכטן באַהאָנגען די שיף מיט אָן אַ שיעור פענדלעך פון אַלערליי קאָלירן און אָנגעצונדן אַלע עלעקטרישע לאָמפּן. עס האָט שימערירט און געפינקלט אין יעדן ווינקעלע.

באַזונדער פּרעכטיק האָט אויסגעזען דער גרויסער טאַנץ־זאַל אויפן אויבערשטן גאָרן.

אינמיטן זאַל האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ גרויסן ניטל־בוים, באַהאָנגען מיט אָן אַ שיעור פאַרשידענע קאָלירנדיקע אָנגעצונדענע לאָמטערנדלעך, אַרום וועלכע עס האָבן זיך געטראָגן פּאָרלעך טאַנצנדיקע פּאַסאַזשירן, אונטער די טענער פון דעם אָרקעסטער.

די לופט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט פּאַרפום און פּאַר די אויגן האָבן געשי־מערירט די בריליאַנטענע אוירינגלעך, די איידלשטיינער פון די ברוסט־פּלאַקעטן, וואָס האָבן אַראָפּגעהאָנגען פון אַריסטאָקראַטישע דאַמען. אויף אַ סך אַנטבלויזטע פיין־געטאָקטע ביוסטן האָבן געפינקלט בריליאַנטענע צלימלעך.

לעצט־מאָדיש, אין פיינעם זייד געקליידטע שלאַנקע פרויען־קערפּערס, האָבן זיך ווי פאַרשיכורט אין די אָרעמס פון עלעגאַנטע מענער, זיך געטראָגן און גע־שוועבט איבער דעם זאַל, וועלכער איז נאָענט צו האַלבער נאַכט איינגעטונקען געוואָרן אין אַ אויגן־פאַרבלענדנדיקער פּראַכט און גלאַנץ.

אין אַ געוויסן מאָמענט בין איך שטיין געבליבן ביי דער בינע פון יענעם סאַלאָן. דאָרט האָב איך דערזען די גוט־באַקאַנטע געבורט־סצענע פון דעם פאַר־געטערטן יידישן קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט טויזנט ניין הונדערט צען יאָר צוריק אין אַ שטאַל אין בית־לחם, אין יהודה, אין די צייטן פון מלך הורדוס.

די סצענע איז געווען רעפּראָדוצירט מיט אַלע פּיטשעוועקעס: אַ שטאַל. אינ־מיטן דעם שטאַל — אַ נאַקעט קינד פון גיפּס אויסגעאַרבעט, אין אַ וויגעלע. פון איין זייט די מאַמע, וואָס שטייט אויף די קני, אָנגעטאָן אין יענע פּאַרצייטיקע מלבושים מיט אַ בלויען שאַל אויף איר קאָפּ. איר פּנים שטראַלט פון גליק, וואָס זי האָט אַצינד זוכה געווען.

אויף דער צווייטער זייט — דער מאַן אירער, וואָס קניט און קוקט אויף אַ פאַרגאַפטער אויף דעם קינד, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן... אַרום דעם שטאַל זעט מען די גרינע פעלדער פון בית־לחם, יהודה, אַ סטאַדע שאָף און רינדער, פאַסטוכער, די דריי אָריענטאַלישע צויבער־מלאכים, וואָס רייטן אויף זייערע קעמ־לען באַלאָדן מיט קעסטלעך מתנות פאַר דעם „געטלעכן" קינד.

די היץ אויף די שיף איז נישט אויסצוהאַלטן. דער אָרקעסטער שפּילט און דער עולם ווערט נישט מיד טאַנצנדיק, בעת די „האָלאַנדיאַ" שפּאַלט מיט איר נאָז אין דער שטאָק־פינצטערער נאַכט די וואַסערן פון דעם אַטלאַנטיק אויפן עקוואַטאָר.

מיט עטלעכע טרעפּ נידעריקער פון טאַנץ־זאַל ליגט אויף אַ ייִדיש קינד. נעבן זיין טויטן־בעטל שטייען מיר ביידע, דער שיף־דאָקטער און איך. מיר פאַר־מאַכן אים אויף אייביק די אויגן און דאָס מויל. די קראַנקן־שוועסטער ווישט זיך די אויגן.

ענדלעך פאַרלאָזן מיר די סאַניטאַרע אָפּטיילונג מיט געבויגענע קעפּ.

— איך וועל גיין אָפּגעבן דעם קאַפּיטאַן דעם באַריכט, — האָט דער דאָקטער אַ מאַך־געטון, און איז אַרויף אויף די טרעפּ.

איך בין געבליבן שטיין אַ דערשיטערטער און באַהערשט פון אַ טיפן טרויער־געפיל, וואָס דער ביטערער גורל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל צוזען ווי אַן אומשולדיקע איינזאַמע ייִדישע נשמה ווערט אויסגעהויכט אויף דעם מיטלפּונקט פון דעם ערד־כדור, ווו דער צפון און דרום צעשיידן זיך.

דער פריילעכער טומל אויף דער שיף האַלט־אָן. מוזיק, געלעכטער, אַ גלאָקן־געקלאַנג אין דער שיף־קאַפּעליע. אויך דער גלאָק, וואָס הענגט־אַראָפּ פון דעם גרויסן פאָדערשטן סלופּ, לאָזט זיך הערן. אַ טעמפּער קנאַל, ווי אַן אויסשאָס פון אַ האַרמאַט רייסט זיך אָפּ און מישט זיך אַריין אין יענעם גהינום־טומל. מען דערהערט ווי עפּעס אַן אַנגעצונדענע מאַסע פליט געשווינד צום אויסגעשטערנטן הימל און באַלד ווערט זי דאָרט צעשמעטערט און פאַרוואַנדלט אין אַן אַ צאָל אַלערליי קאָלירנדיקע ליכטיקע שטערנדלעך, וואָס פאַלן־אַראָפּ אין ים אַריין. עטלעכע מאָל חזרט זיך איבער דאָס געפלי פון פייערווערק, באַגלייט מיט אַן אויסגעשריי, וואָס גייט־אויף פון הונדערטער מיילער אויף דער שיף. עס איז פּונקט האַלבע נאַכט; די שעה, וואָס די קריסטלעכע וועלט, צעשפּרייט אויף אַלע קאָנטינענטן און ימען, פייערט מיט יובל די געבורט פון איר „דערלייזער", וואָס האָט געזאָלט ברענגען ישועות און נחמות פאַר דעם מענטשן, דעם אויסדערוויילטן פון דער יצירה.

די ניטל־נעכט, וואָס פלעגן אויספאַלן ביי אונדז אין די סאַמע ווינטערדיקע פרעסט, געדענק איך נאָך עד־היום. קליינע גרופּעס פרומע ייִדן פלעגן זיך צו־בויפדריקן אין דער אַלטער קלויז. צווישן דער מערב־וואַנט און דער וואַרעמער

הרובע, בין מנחה למעריב, און דערציילן מיט טרויעריקע שטימעס די צרות, וואָס דאָס יידישע פאָלק שטייט-אויס פון די נוצרים זינט זייער „דערלייזער" האָט זיך באַוויזן.

אין יענע נעכט האָט מען קיין יידישן ספר נישט געטאָרט האַלטן אָפן. יידן האָבן בלויז געזוכט זיך צו האַלטן אינאייינעם, ווי אין עפּעס אַן עת-צרה.

***

אַט-אָ-דער הייליקער פאַרלאַנג האָט מיך פּלוצים גענומען באַהערשן, שטייענדיק אויף די טרעפּ נעבן דער טיר, היגטער וועלכער עס איז געלעגן דאָס געשטאָרבענע קינד. געוויס מוזן זיך דאָ אויף דער „האַלאַנדיאַ" געפינען אַ באַדייטנדיקע צאָל יידישע עמיגראַנטן, האָב איך געטראַכט. און עס האָט מיך אַ צי-געטון צו דער גרויסער דריטקלאַסיקער קאַיוטע.

אויך אויף דער פּאַלובע איז געווען פריילעך. אַן אמתער דור-הפלגה פון אַלע אומות העולם האָט אויסגעדריקט אין אַ מיש-מאַש פון שפּראַכן, געזאַנג און טענץ, דעם יובל און פריידן לכבוד דעם קריסטלעכן יום-טוב.

מער פון אַלע האָבן די שפּאַניער משמח געווען דעם עולם מיט זייערע טענץ אונטער די טענער פון אַ „גאַיטאַ גאַזשעגאַ" (אַ פייפל, וועלכעס שפּילט דורך דער לופט, וואָס קומט פון אַ בלאָז-זעקעלע).

ווער עס הערט צום ערשטן מאָל דאָס דאָזיקע פייפל שפּילן, ווערט מאָדנע אויפגערעגט צוליב דער באַסאָווער תקיעה-גדולה, וואָס האַלט-אָן כסדר, אַן אויפהער, די עקזאָטישע מעלאָדיע, וואָס שפּילט-אַרויס דערפון.

מיט גרויס מי איז מיר אָנגעקומען ביז איך האָב זיך פון צווישן דעם צעיושעטן המון דערשלאָגן צום אַראָפּגאַנג, וואָס פירט צו דער אַלגעמיינער ריזיקער קאַבינע.

די בעטן אויסגעלייגט איינע אויף דער אַנדערער אין דריי גאָרנס, האָבן מיך דערמאָנט אין דער שיף „פּאַמפּאַ", וואָס האָט אונדזער פאַמיליע געבראַכט קיין בוענאָס-איירעס אינמיטן דעצעמבער פון 1891, ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר עלף.

דער זעלבער גערוך האָט זיך דאָרטן געפילט. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז נאָך 20 יאָר אָפּזיין אין אַרגענטינע, געפין איך מיך ווידער אויף דער „פּאַמפּאַ" אין דעם זעלבן מאָנאַט דעצעמבער.

וויפל ליידן און פריידן האָט פאַר אָט-דער צייט איבערגעלעבט יענער עלעמענט, וועלכער איז געקומען זיך באַזעצן אויף באַראָן הירשס ערד! דער הונגער דחקות און נויט, איידער מ'איז צו עפּעס געקומען. נאָכהער: בייזע ווינטן האָבן אָנגעיאָגט, שלאַקס-רעגנס און האָגלען אויף די באַאַרבעטע ענטרע-ריאָסער פעלדער

דורך יידישע פויערים, און די מחנות היישעריקן, וואָס האָבן אינמיטן העלן טאָג פינצטער געמאַכט און איבערנאַכט אָפּגעגריזשעט אַלץ און איבערגעלאָזן שטייף־נאַקעטעביימער, אַן אַ סימן פון אַ בלעטל, מיט אויסגעדאַרטע צווייגן, אויסגע־שטרעקטע צום הימל. פון די פּירות זענען נאָר פאַרבליבן הענגען די קערלעך; פון די זאַנגען אויף די פעלדער — בלויז שטעכיקער שטרוי.

נאָכהער איז געקומען דאָס באַזעצן זיך פון אונדזער הויזגעזינט אין בוענאָס־איירעס. מיין פאָטער נעמט זיך צו „קוענטע" און איך — צום לערנען. דער מצב ווערט פון טאָג צו טאָג בעסער. אויפן 15טן יאָר פון מיין אָפּזיין אין לאַנד ווער איך געקרוינט מיטן טיטל דאָקטער־מעדיצין. און אָט געפין איך זיך אויף דער „האַלאַנדיאַ" און פאָר אַהיים, צוריק פון איראָפּע, נאָכן אָפּזיין אַ דריי מאָנאַטן אין פאַריז, באַזוכט דעם פאַקולטעט, די „סאָרבאָנאַ", די סאַלפּעטיע־קליניק, אאַ"וו. איך האָב אין זיך איינגעזאַפּט אַביסל איראָפּעיִשע קולטור.

פאַרטיפט אין אָט־די אַלע דערינערונגען, האָב איך אין יענער ניטל־נאַכט געשפּרייזט צווישן די ליידיקע בעטן פון דער גרויסער טונקעלער דריטקלאַסיקער קאַיוטע. איך האָב פלוצים דערהערט רעדן יידיש, מאַמע־לשון, וואָס האָט מיך אויפגעציטערט. איך האָב זיך געכאַפּט, פון וואַנען דאָס געשפּרעך קומט. עטלעכע מענטשלעכע שאָטנס האָבן זיך באַוועגט דאָרט ערגעץ, צווישן די בעטן.

— דאָרט זענען זיי — האָב איך געטראַכט און אַהין האָב איך זיך צוגעשאַרט און איינגעהאָרכט. אַ פרוי האָט וויינענדיק גערעדט:

— שוין צוויי טעג, אַז מען לאָזט מיך נישט צו צו אים, ווי און ווינד איז מיר, פּונקט אַזוי ווי דאָרט אין טשערנאָוויץ, ווען מיין שרהלע האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן. אַ קלאָג צו דער מאַמען, וואָס דאַרף אַזוינס צוזען און אויסהאַלטן... מיט צוויי בריליאַנטענע קינדער בין איך פון דער היים אַרויסגעפאָרן. מיט וואָס וועל איך צו אים קומען קיין אַרגענטינע?

— זאָל שוין זיין גענוג, האָדל, — האָט אַ קול פון אַן עלטערן ייִד זיך גע־לאָזט הערן פון צווישן דעם שטילן וויבערשן געיאָמער, — לייגט נישט אויס אויף שלעכט. ער לעבט דאָך נאָך. ווען עס זאָל חלילה עפּעס פּאַסירן, וואָלט מען דאָך אייך מודיע געווען. לאָמיר האָפן, אַז דאָס ייִנגל וועט געזונט ווערן. מ'טאָר אַזוי נישט רעדן...

די דאָזיקע רייד האָבן מיר פאַרקלעמט ביים האַרצן... עס האָט זיך עפּעס עפּעס אומגעריכט דערהערט קלאַפּן אויף די טרעפּ. איך האָב באַמערקט, אַז פּאַ־סאַזשירן קריכן אין איילעניש אַראָפּ פון דאָרטן. גלייך ווי עמעצער טרייבט זיי אַרונטער, וואָס אַמאָל מערער.

— וואָס קומט דאָ פאָר? — האָב איך אַ טראַכט־געטון, און איך האָב זיך געלאָזט לויפן קעגן דעם מענטשן־שטראָם אויף די טרעפּ. אַ פּאָר מאַטראָזן

האָבן מיך געוואָלט פאַרהאַלטן. איך האָב זיי געמוזט ווייזן דעם „טאַלאָן" פון מיין שיפסקאַרטע.

איך בין אַרויף אויף דעם בריק פון צווייטן קלאַס און פון דאָרט צוגעזען ווי די פּאַלובע ווערט אָפּגעליידיקט. אָבער אין דעם טאַנץ־זאַל איז די שמחה געווען אין פולן גאַנג.

אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך דערזען ווי צוויי מאַטראָזן טראָגן אויף אַ לאַנגן ברעט דאָס קינד, איינגעוויקלט אין שוואַרצן, ווי עפּעס אַ מומיע. נאָך זיי — דער קאַפּיטאַן, עטלעכע אָפיצירן, מאַטראָזן, דער פּאַסטאָר און דער שיף־דאָקטער. איין עק ברעט האָט מען אַוועקגעלייגט אויף דער פּאַרענטשע פון שיף, דעם צווייטע עק האָבן ביידע מאַטראָזן געהאַלטן.

שטייענדיק אַזוי, האָבן אַלע געוואַרט אַזוי לאַנג, ביז די שיף איז געבליבן שטיין. דאַן האָט דער קאַפּיטאַן געגעבן אין דער שטיל אַ באַפעל און דאָס ברעט האָט זיך לאַנגזאַם משופּעדיק אויפגעהויבן און די קליינע מומיע האָט זיך גענומען פּאַמעלעך גליטשן, ביז זי איז אַראָפּגעפאַלן און פאַרשלונגען געוואָרן אין פינצטערן תהום...

עס פעלן מיר אויס ווערטער צו שילדערן דאָס וואָס איך האָב אין יענעם מאָמענט געפילט.

דעם כבוד־המת וואָס יענע ים־מענטשן האָבן אַרויסגעוויזן דעם קליינעם ייִדישן בר־מינן, האָט מיר אויסגעזען עפּעס אַזוי הערלעך, דערהויבן און רירנד־רעליגיע, אַז איך האָב גענומען שעפּטשען דעם צדוק־הדין, וואָס איך האָב נאָך געדענקט אויף אויסנווייניק.

„און די נשמה דיינע זאָל זיך פאַראייניקן מיטן בונד פון לעבן...
ברוך דיין האמת"...

4.

דאָס, וואָס האָט שפּעטער אין יענער נאַכט פּאַסירט אויף דער „האָלאַנדיאַ", האָב איך נישט צוגעזען. ווען אַפילו די שיף זאָל געווען אונטערגיין, וואָלט איך, צוזאַמען מיט איר, געווען געזונקען ווי עפּעס אַ טויטע זאַך, אָן דעם שרעקלעכן געראַנגל מיטן מלאך־המות. דאָס איבערגיין פון לעבן צום טויט וואָלט ביי מיר געווען צוגעגאַנגען אַזוי שטיל; דאָס וואַסער, וואָס וואָלט געווען אַריינגעדרונגען אין מיין קאַבינע, וואָלט מיך דאָרט געטראָפן ווי אין אַ מין הינערפלעט, נאָכדעם ווי איך האָב איינגענומען צוויי פּילן „וועראָנאַל" אויף אַמאָל.

ווען איך האָב אויפגעעפנט מיינע אויגן און אַ קוק־געטון אויף דעם זייגער, אַז ס'איז שוין אַרום 4 בייטאָג, בין איך אויפגעשפּרונגען, גלייך ווי איך זאָל געווען עפּעס פאַרשפּעטיקן, און אין אַ ווײַלע אַרום בין איך שוין געשטאַנען אין דעם שמאָלן קאָרידאָר מיטן פּנים צום ים.

— אָבער וואָס זע איך? די שיף שטייט. דער ים, אויף וויפל דאָס אויג קאָן באַנעמען, איז דורכגעפּיקעוועט מיט ווייסע פלעקן, וואָס באַווייזן זיך און ווערן פאַרשוווּנדן. דער זעלבער פּוסטער, קיילעכדיקער האָריזאָנט פון די פאַריקע טעג זאָגט מיר, אַז מיר זענען אַרויס פון שפּאַניע, אָבער אומבאַוועגלעך. נאָך מער: קיין שאָרך פון אַ לעבעדיקן בן־אדם איז פון ערגעץ נישט דערגאַנגען, נאָר דער וואַסער־גערויש פון די כוואַליעס, וואָס האָבן זיך געלאַשטשעט און געשווענקט די שיף־זייטן.

אַ געפּיל פון עפּעס אַ פאַרלאָזטן און איינזאַמען האָט גענומען טאַטשען. איך האָב אָנגעהויבן גיין אין דער ריכטונג פון דער שיף, — נאָר אומעטום פאַרהאַקטע טירן און פענצטער. איך בין צוגעגאַנגען צום דאָקטערס קאַבינעט. ער איז געווען אָפן.

אויפן טישל, ווו מיר פלעגן שפּילן, איז נאָך געלעגן די טאַבעלע מיט די אויסגעשטעלטע שאָך־פיגורן אין דער זעלבער פּאָזיציע ווי מיר האָבן זי פאַרלאָזט ביי דער לעצטער פּאַרטיע, ווען איך האָב מיך אונטערגעגעבן. איך ווער אומרויִק. עס דאַכט זיך מיר, אַז איך בין אַליין אויף דער פאַרלאָזטער שיף. אַפילו קיין מאַטראָז, קיין קעלנער זעט מען נישט. ווו זענען אַלע אַהינגעקומען? — פרעג איך זיך אַליין. עס באַפאַלט מיך אַ פּחד און אַ שרעק פאַר דעם, וואָס קאָן דאָ אין אַ ליאַדע מאָמענט פאַרקומען. איך נעם לויפן איבער די טרעפּ, קאָרידאָרן, לויפן וואָס אַמאָל שטאַרקער. דאָס האַרץ נעמט פלאַטערן, הענט און פיס ציטערן. ענדלעך קום איך צו און בלייב־שטיין אויף דער בריק, פון וואַנען מען קאָן זען די פּאַלובע פון דריטן קלאַס. מיינע אייגענע אויגן האָב איך נישט געוואָלט גלייבן דאָס, וואָס זיי האָבן דאָרט געזען:

אינדערמיט פון אַ האַלבן קרייז פון דער גאַנצער שיף־מאַנשאַפט איז געלעגן אַ טרומנע. אַלע פּאַסאַזשירן זענען געשטאַנען מיט אויסגעצויגענע טרויעריקע פּנימער. מען האָט לייכט געקאָנט דערקאָנען אויף די דריטע קלאַס־פּאַסאַזשירן, צו וועלכע נאַציעס זיי באַלאַנגען. גרופּעסווייז זענען זיי געווען אויסגעשטעלט: רוסן, פּאָליאַקן, שפּאַניער, ציגיינער, אַראַבער, טערקן אאַ״וו. אַלע באַזונדער מיט זייער אייגנאַרטיקער קליידונג. שטיל, אָן לשון זענען זיי אַלע געשטאַנען.

פון מיין פּלאַץ, ווו איך האָב מיך דאַן געפונען, האָב איך מיט די אויגן געזוכט די יידן, ביז איך האָב זיי ענדלעך געפונען.

די מאַמע פון דעם פאַרשטאָרבענעם יינגעלע איז מיר אַרויף אויפן זינען...

לאַנגזאַם האָב איך זיך צוגעשאַרט צו דער גרופּע יידן און האָב שושקענדיק אַ פרעג־געטון איינעם פון זיי:

— ווען איז זי געשטאָרבן ?

דער ייד, אַן עלטערער באַיאָרטער מענטש, מיט אַן עכט־היימישן אויסזען, שטעלט אויף מיר אָן זיינע פרעגנדיקע אויגן און מאַכט צו מיר:

— ווען מיינט איר?

— די מאַמע פון דעם קינד.

— זי איז נישט געשטאָרבן. זי איז אַראָפּ פון זינען און ליגט אין קאַרצער אַ שטומע, אָן לשון, אין אַ צוואַנג־העמדל.

— ווער־זשע דען איז דאָס דער בר־מינן?

דער ייִד גיט אַ הייב מיט די אַקסלען און שושקעט מיר צו:

— פון וואַנען האָט איר זיך אַהערגענומען, יונגערמאַן?

— איך בין געשלאָפן.

— געשלאָפן, זאָגט איר? אַפּנים, זיך גוט אָנגעשיכורט אויפן גויִשן יום־טוב. איר ווייסט גאָרנישט, וואָס דאָ האָט פּאַסירט?

— איך בין געבליבן שטיין אַ צעמישטער, געוואַרט ביז מ׳וועט דעם בר־מינן ברענגען צו קבורה.

שטיל האָט איצט מיט אַ רירנדער שטימע גערעדט אויף האָלענדיש דער קאַפּיטאַן. פון זיינע רייד, וואָס ס׳איז מיר שווער געווען זיי אויפצוכאַפּן, האָב איך עפּעס פאַרשטאַנען, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ וויכטיקן באַאַמטן, וואָס איז אויף אַ שרעקלעכן אופן אומגעקומען.

מיטן זון־אונטערגאַנג האָט מען דעם אָרון אַראָפּגעלאָזט אין ים אַריין און אַלע רייזנדע זענען אין דער שטיל זיך צעגאַנגען, יעדער איינער צו זיין אָרט.

דערוווּסט האָב איך זיך ערשט שפּעטער, נאָך דעם אָוונט־ברויט, פון מיין שיף־קאָלעגע, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

באַלד נאָך דעם אַראָפּלאָזן דאָס קינד אין ים אַריין, האָט מען די שיף גע־לאָזט אין גאַנג. די ערשטע און צווייטע קלאַס־רייזנדע האָבן אַפילו נישט געוווּסט דערפון. דאָס פאַרברענגען אין דעם טאַנץ־סאַלאָן און אין דער קאַנפּיטעריע איז אָנגעגאַנגען מיט דעם זעלבן ברען און גלאַנץ. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט מען דערהערט אַ שטאַרקן קלאַפּ, ווי פון עפּעס אָן אויפרייס, וואָס האָט אַלעמען פּאַראַ־ליזירט. אַ שטאַרקער געוויש פון פּאַרע־שטראָם איז געקומען נאָך דעם קלאַפּ און מ׳האָט די פּאַרע באַלד דערפילט אַרום זיך. די שרעק און פּאַניק האָט זיך ערשט אָנגעהויבן, ווען דאָס עלעקטרישע ליכט האָט זיך פאַרלאָשן. אַ ווילדער געשריי פון הונדערטער מיילער האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט. עס איז געוואָרן אַ געלויף, אַ געוואַלד און אַ שטופּעריי פון צעיושעטע מענטשן, וואָס זענען גע־קראָכן איינער איבער דעם אַנדערן אין דער פינצטער. אַ קלאַפּעריי פון אומגע־וואָרפענע טישן, צעבראָכענע גלעזער און פלעשער, צעטראָטענע שויבן האָט באַ־גלייט דאָס קוויטשען פון משוגע־געוואָרענע פרויען, און די שיף איז מיטאַמאָל איינגעהילט געוואָרן אין אַ דיקן קאָכעדיקן נעפּל, וואָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די שרעק פאַרן באַלד־אָנקומענדיקן סוף אין אַ שטאָק־פינצטערער סוף־חודש־נאַכט, אינמיטן ים.

דער טומל איז מיטאַמאָל איבערגעריסן געוואָרן דורך דעם קלאַנג פון אַ מעכטיקן גלאָק און אַ הויכרעדער, וואָס האָט געליאַרעמט און געוואָרנט, אַז מען זאָל זיך האַלטן רויק.

— די שיף איז נישט אין געפאַר. זי איז נישט געשעדיקט. עס האָט בלויז פּאַסירט אַן אַקצידענט אין דער מאַשינעריע. איינער פון די צילינדערס האָט געפּלאַצט. מען וועט נאָר אָפּקומען מיט אַ פּאָר טאָג מער אויפן ים. באַלד וועט מען אָנצינדן גאַז־לאָמפּן.

— ווען די מהומה איז אַריבער, — האָט דער שיף־דאָקטער, דערציילנדיק, צוגעגעבן — האָב איך געהאַט די אמתע אַרבעט צו מונטערן און צו ראַטעווען די געחלשטע און היסטערישע ווייבער, און איר זענט געלעגן ביי זיך אין קאַבינע פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף.

אויף דעם טישל האָב איך געפונען דאָס לײדיקע שאַכטעלע פון וועראָנאַל־פּילן.

— און וואָס איז געוואָרן מיט דער מוטער פון געשטאָרבענעם קינד? — האָב איך אַ פרעג־געטון.

— ווען אַלע זענען שטיל געבליבן, האָט מען געהערט שרייען פון ערגעץ אַ פרוי, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין פרעמד צו דער אַלגעמיינער בהלה. מיט דער הילף פון אַ פּאָר מאַטראָזן האָבן מיר אויפגעריסן די טיר פון דער פּאַלאַטקע. דאָרט האָבן מיר זי געטראָפן אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד. מען האָט איר געמוזט אַנטאָן אַ צוואַנג־העמדל און איצטער ליגט זי שטיל, אָן לשון, אין דעם קאַרצער.

ווען עס איז געוואָרן טאָג, האָט דער קאַפּיטאַן אַליין געמאָלדן דעם גאַנצן שוין באַרויקטן עולם, אַז דער איינציקער, וואָס האָט באַצאָלט מיטן לעבן, איז געווען דער הויפּט־מאַשיניסט אָטאָ מייזנער. ער האָט זיך געפונען אונטן אין דער מאַשינעריע־קאַמער, ווען די רער האָט געפּלאַצט. מיר האָבן אים געטראָפן ליגן אַ טויטן שוין. זיין פּנים איז געווען נישט צו דערקענען און זיין קאָפּ איז געווען דורכגעלעכערט פון דעם קלאַפּ בעתן אומפאַלן.

אָט־דאָס איז די לוויה, וואָס איז היינט פאָרגעקומען, די צווייטע אין משך פון צוויי מעת־לעת...

— פאַר אייך זאָגן האָב איך מורא געהאַט: פאַרן יאַוועז זיך פון נאָך פאַלן פון שקאַרלאַטין — האָט דער שיף־דאָקטער פאַרזאָרגט אין דער שטיל אַ זאָג־געטון.

**
*

די „האַלאַנדיאַ“ האָט זיך נאָך אַ שלעפּעניש פון 32 טעג קוים דערשלאָגן צום בוענאָס־איירעסער פּאָרט זונטיק, דעם 8טן יאַנואַר 1911.

נחמן מיזשעריצקי

**
*

דער דערציילער פון דער דאָזיקער געשיכטע, דער דאָקטער וואָס איז נעבן מיר געזעסן אין אַמפּיטעאַטער פון שפּיטאָל „מוניס״, האָט אַ ווײַלע אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און האָט צוגעגעבן:

— ווען עס קומט מיר אויס צו באַהאַנדלען אַ געפּערלעך קינד אויף דער שקאַרלאַטין־קראַנקייט, שטעלט זיך מיר פאָר יענץ בילד פון ייִדן, וואָס וואַלגערן זיך אויף געפּערלעכע וואַנדער־וועגן צווישן די אומות־העולם, בכדי צו דערגרייכן אַ ברעג, וואָס זאָל דינען אַלס דויערהאַפטער מקום־מנוחה.

אַ „בר מצוה“

יעדן פאַרנאַכט, ווען די זון הייבט זיך אָן זעצן און די שאָטנס קלעטערן און וואַקסן אויף די ווענט פון אַ צימער, ווו אַ חולה ליגט, וואַקסט אויך די מורא, די שרעק, פאַר דער קומענדיקער נאַכט, גלייך ווי אין יעדן שאָטן זאָל ליגן איינגעהילט עפּעס אַ בייזער שליח, אַ נישט־גוטער, וואָס איז אויסן דעם קראַנקן מקצר־ימים זיין.

אַן אומאַנגענעמע מרה־שחורה געפיל גנבעט זיך אַריין אין דעם קראַנקנס נשמה, ווען די נאַכט פאַלט־צו.

אין דער ווירקלעכקייט רופט זיך טאַקע אָפּ די נאַכט שלעכט, אויף דעם קראַנקנס געזונט־צושטאַנד.

די טעמפּעראַטור הייבט זיך, דער פּולס לויפט גיכער און די נערוון זענען מער אָנגעצויגן. די שווערע האַרץ־אַטאַקעס און אַסטמאַ־אָנפאַלן קומען פאַר ביי־נאַכט. אויך די לעבער־קראַנקע לידן זייערע „קאָליקאַס“ (ווייטיקן אַזעלכע) צו־מייגסטן אין מיטן דער נאַכט. דאָס זעלבע פּאַסירט מיט די נירן קאָליקאַס, פּאָדאַגראַ־אָנפאַלן, אאַ״וו.

פאַר וואָס פּאַסירט עס פּונקט אין יענע שעהן ווען דער חולה מאַכט נישט קיין שום אָנשטרענגונג?

פרעגט נישט קיין קשיות. דער דאָקטער ווייסט עס נישט. ער וועט אייך באַשיטן מיט אַן אַ שיעור קאָמפּליצירטע טערמינען כדי צו פאַרגרעסערן זיין אייגענע אומוויסנהייט; איר זאָלט זיך גאָרנישט מטריח־זיין צו אַרויסרופן אייער אַלטן דאָקטער. ער ליגט איצט אַ פאַרמאַטערטער ווי אין אַ הינער־פּלעט נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט. קליגנט אָן בעסער צו אַ יונגן, נאַר־וואָס געענדיקטן מעדי־קער, וואָס דרימלט איצט מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן און קוקט אַרויס אויף אייך אַזוי ווי אויף משיחן, איר זאָלט אים רופן.

פון דעם נעמט זיך, וואָס די ערשטע פּאַציענטן ביי אַ נייעם דאָקטער זענען די באַנאַכטיקע. פון דער גרויסער צאָל בחצי־הלילהדיקע געוועזענע פּאַציענטן מיינע, איז מיר פאַרבליבן דער אַלטער מענדל באַרישפּאָלער.

זיינע שווערע האַרץ־אַטאַקעס האָבן מיך אָפטמאָל געהאַלטן גאַנצע נעכט אויף דער וואַך. דאָס האַרץ זיינס האָט זיך געוואַקלט יאָרן־לאַנג און נישט גע־וואָלט זיך אין גאַנצן אונטערגעבן.

קודם פלעגט מען מיך צו אים אַרויסרופן אַ מאָל אין אַ שמיטה. איך פלעג אים טרעפן זיצן אויף זיין בעט, באַהערשט פון אַ שוידערלעכן כאָרכל אין זיין ברוסטקאַסטן. די אויגן אַרויסגעסטאַרטשעט, די ליפּן בלוי, דער אָטעם קורץ, די ווערטער וואָס בעטן הילף — אָפּגעהאַקט. דער פּולס שרעקלעך געשווינד און נישט רעגלמעסיק, זיין גאַנצער קערפּער באַגאָסן מיט אַ קאַלטן אַנגסט־שווייס.

אַרום זיין בעט זענען געשטאַנען אין זייערע שלאָף־רעק די דערשראָקענע קינדער און אייניקלעך און האָבן געזיפצט און געבראָכן די הענט. די אַלטע, שטייענדיק ביי זיין צוקאָפּנס, האָט דאָס אַלעס געהערט, אָבער נישט געזען, — אירע אויגן זענען שוין פון לאַנג געווען אויסגעלאָשן.

איידער איך פלעג זיך אַ נעם־טון צום אַלטן, האָט די אַלטע אים געמונ־טערט, געגלעט דאָס פאַרשוויצטע פּנים זיינס, געטאַפּט זיין אויסגעווייקט לייב און אין דער שטיל געוויינט.

ווי אַ מלאך־הגואל האָט מען מיך דאָרט אויפגענומען, ווען איך פלעג אַהין אַריינפאַלן שפּעט ביינאַכט. דער אידעם, אַ קצב, ביי וועמען דאָס אַלטע פּאָר־פאָלק האָט זיך אויפגעהאַלטן, פלעגט מיר העלפן ביי דער „סאַנגריאַ״ (בלוט־לאַ־זונג) אָפּטמאָל איז מיר געווען שווער צו געפינען דעם אָדער, וואָס איך האָב גע־דאַרפט עפענען מיטן „ביסטורי״. דאַן איז יעדע רגע פאַר מיר געווען אַן אייביקייט. מיינע הענט האָבן געציטערט און איך האָב געפילט, אַז מיין האַרץ קלאַפּט משוגענערהייט.

איך האָב פריי אָפּגעאָטעמט, ווען דאָס בלוט פון דעם אויפגעשניטענעם אָדער האָט אויף מיר אַ שלאָג־געטון. ערשט דאַן בין איך צוגעפאַלן צום בענקל, באַ־הערשט פון אַ שטאַרקן ווייטיק אין מיין רוקנביין פון אַזוי פיל צייט שטיין אי־בערגעבויגן.

אין אַ צען מינוט אַרום, ווען עס איז אָפּגעגאַנגען אַ האַלבער ליטער בלוט, פלעגט זיך ערשט דאָס לעבן אומקערן צום אַלטן מענדל. זיין אָטעם איז געוואָרן פרייער. די פייפלעך פון אונטער זיין ברוסטקאַסטן זענען אַנטשוויגן געוואָרן. דאַן איז דער אַלטער געוואָרן באַרעדעוודיק. אַן אַ שיעור ברכות האָט זיין מויל געגומען שעפּטשען און אַלעמענס בליקן האָבן צו מיר אַראָפּגעשטראַלט מיט דאַנקבאַרקייט.

— ס׳איז טאַקע ווי מיר זאָגן: „בדמיך חיי״ — האָט דער אויפגעלעבטער מענדל עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, ווען איך האָב שוין געהאַלטן אין באַנדאַ־זשירן דעם צעקאַליעטשעטן אָרעם.

דאַן זענען געקומען די איינשפּריצונגען מיט וועלכע איך האָב אים אין גאַנצן

דערמונטערט. נאָך אַ פּאָר שעה פון אַזאַ עבודת־פּרך פלעג איך מיך אומקערן אַ צופרידענער אַהים, גליקלעך, וואָס איך האָב נאָר־וואָס עמעצן מחיה־מתים געווען.

אָבער וואָס אַמאָל זענען די דאָזיקע אַטאַקעס געוואָרן אָפטער און שטאַרקער, שטענדיק ביינאַכט. פאַרנדיק אַמאָל פון אַזאַ ביינאַכטיקן וויזיט איבער דער גאַס, ווי דער אַלטער מענדל האָט געוווינט, דער שלאָף האָט מיר די אויגן געוואַלט צומאַכן און מיין גאַנצער קערפּער איז געווען ווי מיט בליי אָנגעפּילט, עס האָט מיך געצויגן צום וואַרעמען געלעגער. פּלוצים דערזע איך די צוויי ליכטיקע פענצטער וואָס זענען מיר אַזוי באַקאַנט געווען.

דער געדאַנק, אַז דער אַלטער קען זיך מסתמא פילן שלעכט, האָט מיר ווייטער נישט געלאָזט טרייבן די מאַשין. געוויס האָט מען מיך שוין טעלעפאָניש אַרויסגערופן. ער נייטיקט זיך זיכער אין מיין הילף; און אַז איך בין שוין דאָ, וועל איך שוין אַריינגיין. איך האָב אָנגעקלאַפּט אין טיר.

אַ געפּלעפּטער בין איך געבליבן שטיין, איך האָב דאָ דערזען אַזוינס, אויף וועלכן איך האָב מיך גאָרנישט געריכט.

אַרום אַ פיין געגרייטן טיש זענען געזעסן אויסגעפּוצט געסט און האָבן זיך משמח געווען. דאָס אַלטע פּאָרפאָלק איז געזעסן אויבנאָן, אָנגעטאָן אין בגדי יום־טוב.

דערזעענדיק מיך אַריינקומען אַזוי אומגעריכט און נישט געבעטן, איז דער עולם שטאַרק נתפּעל געוואָרן און אויסגעבראָכן אין אַ הילכיקן, פריינטלעכן קבלת־פּנים פאַר מיר. אין אַ פּאָר מינוט אַרום, בין איך שוין געזעסן לעבן אַלטן ווי אַן אָנגענעמער גאַסט.

— וואָס איז דאָ, ברוך־השם, אַזאַ שמחה? — האָב איך געפרעגט.

— היינט בין איך בר־מצוה געוואָרן, פאַרשטייט איר מיך, הער דאָקטער — האָט דער אַלטער שטאַרק גערירט גערעדט, — פרייען מיר זיך... איך וואָלט מיך איצט נאָך גליקלעכער געשעצט, — האָט ער כמעט וויינענדיק צוגעגעבן, — ווען מיין אומפאַרגעסלעכער פריינט מאַקסים זאָל דאָ זיך געפינען נעבן מיר...

— אייער בר־מצוה פּראַוועט מען? — זאָגט איר, — און ווער איז דער „געהויבענער מחותן" מאַקסים, וואָס איר בענקט אַזוי נאָך אים?

דער אַלטער האָט נישט געקאָנט ענטפערן. די טרערן האָבן אים אין האַלדז געשטיקט, איז אים צוהילף געקומען דער איידעם, דער קצב:

— איך וועל אייך איבערגעבן אין קורצן, וואָס אָט דער אַוונט באַדייט.

— מיט דרייצן יאָר צוריק, האָט דאָס פּאַסירט. נאָך דעם ווי אונדזער אוקראַיִניש שטעטל, נישט ווייט פון קיִעוו, איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, פון די דייטשן צו די פּאָליאַקן, איז דאָס צולעצט אומגעקערט געוואָרן צו די רוסן. מאָלט אייך, אַז ביי די פריִערדיקע מאַכטן האָבן מיר קיין האַניק נישט גע־

לעקט. סיי די פּאָליאַקן און סיי די דייטשן האָבן אונדז געגעבן די וועלט צו זען, ווי שקלאַפן הבנן מיר געשוואַרצט ביי צוואַנג-אַרבעט. די נידעירקסטע און שווערסטע אַרבעטן זענען אויף אונדז אַרויפגעלייגט געוואָרן, אָן אונטערשיד פון עלטער און געשלעכט. פאַרן עובר־זיין אויף דער מינדסטער פאַראָרדענונג, האָט מען געקראָגן קלעפּ, מכות־רצח, באַליידיקונג און תפיסה. די שטייערן זענען גע־ווען נישט אויסצוהאַלטן און די פּרנסה ביין איילן אין דער ערד. צו קיין עפנטלעכע פּאָגראָמען איז, ברוך־השם, נישט געקומען. מען האָט זיך נאָר געדאַרפט אויפפירן לייטיש, אָנגיין מיט דער שווערער אַרבעט, באהבה, געהאָרכזאַם, פּינקטלעך און אויפריכטיק.

ווען מיר זענען אָבער אַריינגעפאַלן צוריק צו די רוסן, האָט זיך ערשט פאַר אונדז אָנגעהויבן דער אמתער גהינום. אין באַנדע כוליגאַנעס איז אַרויס און די צווייטע איז אַריין. יעדע באַנדע, אָנגעפירט פון אַ גזלן, אַ „באַטקא אַטאַמאַן", ווי זיי האָבן אים גערופן, האָט געראַבעוועט, געהרגעט, דערנידעריקט און געשענדט דאָס הייליקסטע און דאָס טייערסטע.

און טאָמער איז געוואָרן שטיל אויף אַ שטיקל צייט, איז מען נישט געווען זיכער מיטן מאָרגן. אומגעפער אַ זעקס וואָכן צייט זענען געהאַט פאַריבער זינט די „דעניקינצעס" האָבן ביי אונדז געמאַכט זייער לעצטן „וויזיט".

דער סך־הכל איז געווען אַ שרעקלעכער. אויף די חרוב־געוואָרענע הייזער און אויף די פרישע קברים אויף דעם בית־עולם איז שוין געלעגן דער שניי פון דעם גרויזאַמען ווינטער. די לעבן־געבליבענע זענען אַרומגעגאַנגען אַזוי ווי אויף אַן עולם־התוהו און די פראַגע וואָס וועט זיין ווייטער, האָט געעגבערט דעם מוח...

דער דערציילער האָט אויף אַ ווײַלע דעם אָטעם אָפּגעכאַפּט און באַנעצט די ליפּן מיט אַ ביסל משקה, וואָס איז פאַרבליבן אויף דעם טיש. דער עולם איז געזעסן אָנגעשטעלט מויל און אויערן און דער קצב האָט פאָרגעזעצט:

— האָט איר, מיין ליבער פריינד, אַמאָל געפילט דעם טעם פון לעבן און נישט וויסן אונטער וועלכער „וולאַסט" (רעגירונגס־מאַכט) איר זענט? איר ווייסט נישט ווער איז אייער „באַשיצער" משטיינסגעזאָגט. איר דרייט זיך אַרום אויף גאָטס וועלט און עס לויערט כסדר אויף אייך די געפאַר פון אומקום מצד צע־יושעטע וואַלד־גזלנים און אַלערליי חיות־רעות אין מענטשן־געשטאַלט.

אייער אייגן לעבן הייבט אייך נישט צו אַרן, אָבער ווען איר באַטראַכט אייע־רע טייערע נאָענטע, זקנים און זקנות, וואָס קאָנען, נישט היינט איז מאָרגן, אויס־הויכן זייערע הייליקע נשמות אונטער דער האַק פון די היידאַמאַקעס, ווערט אייך פאַרקלעמט דאָס האַרץ. דאָס בלוט ווערט אין אייערע אָדערן פאַרקאַכט און איר ווערט פאַרשרפהט פון בושה ווען אייערע בליקן פאַלן אויף די יונגע מאַמעס און צערטלעכע יידישע טעכטער, וואָס קאָנען אין אַ ליאַדע מאָמענט אַריינפאַלן

אין די שמוציקע לאַפּעס און פּאַראַמריינפיקט ווערן דורך ברוטאַלע כוליגאַנעס און עס איז נישטאָ קיין דין און קיין דיין...

דער דיין האמת אונדזערער, דער אויבערשטער איז פּאַרטייעט, און מיר שרייען אַלץ, אַז „עס דרימלט נישט און עס שלאָפט נישט דער שומר ישראל"...

ווידער איז ער אויף אַ ווײַלע שטיל געוואָרן. ער האָט מיט אַ טיכעלע אָפּגעטריקנט זײַנע פייכטע אויגן, אַ שטילער געיאָמער איז אויפגעגאַנגען פון דעם ווייבערשן עולם.

— יאָ, הער דאָקטער, — האָט ער מיט אַ סודותדיקן טאָן גענומען ציִען דעם פאָדים פון שילדערן:

— אומגעפער אַ זעקס וואָכן זענען אַריבער זינט דעם לעצטן פּאָגראָם. דאַכט זיך, גאַנץ שטיל און רויק האָבן זיך געצויקט די ווינטערדיקע טעג און נעכט, אָבער אינעווייניק אין דער טיפעניש פון דער נשמה, האָט געטאָטשעט אַ וואָרעם, און עפּעס אַ נישט-גוטער האָט אייך טאָג און נאַכט געהאַלטן אין איין טאָרקען די קללה פון דער תוכחה: ווען עס וועט טאָג ווערן, וועסטו בעטן אַז די נאַכט זאָל שוין צופאַלן און אַז די נאַכט וועט קומען וועסטו בעטן אויף דעם טאָג... און דער וויסטער און פינצטערער טאָג איז געקומען. אין אַ שבת מברכים איז דאָס געשען...

וויפיל שעה די שחיטה האָט געדויערט, ווייס איך נישט. אויף דעם סיגנאַל פון אונדזער וואַך, אַז אַ באַנדע דערנענטערט זיך, זענען מיר ייִנגעלייט זיך צעלאָפן. מיר האָבן דורך אַ הינטער-געסל זיך אַרויסגעגנבעט הינטערן שטאָט. ווער עס האָט געקענט, האָט זיך באַגראָבן צווישן די קברים אויף דעם בית-עולם, ווער — אין דעם נאָענטן וואַלד, אָדער ביי חיים-ישראלן אין גאָרבאַרניע, צווישן צעפוילטע פעל.

אין אַ דריי מעת-לעת אַרום, ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט צו אונדזערע הייזער האָט אַ טויטע פוסטקייט פון דאָרט אַרויסגעקוקט. הינט און חזירים האָבן אַרומגעריסן זיך איבער די שיריים וואָס די רוצחים האָבן איבערגעלאָזט.

די ערשטע פראַגע איז געווען: וווּ זענען זיי אַהינגעקומען די וואָס האָבן נישט געקענט אַנטלויפן? מיר האָבן אויפגעפּראַלט אונדזערע חורבות און קיינעם נישט געטראָפן.

ווי צו אַ לויה, האָבן מיר זיך אַלע צוריקגעקומענע, געלאָזט גיין אויף דעם שליאַך וואָס האָט געפירט צו דער רודניע, באַרג אַראָפּ... און דאָ האָבן מיר זיי געטראָפן דערפרוירענע, איינגעניורעט אין שניי, מיט צעהאַקטע שאַרבנס און אויפגעריסענע בייכער און די געדערים האָבן זיך אַרויסגעזען.

שווער איז זיי שוין געווען צו דערקענען.

אונטער אַ האַרץ-רייסנדיקע יללה האָבן מיר זיי גענומען איבערקוקן: זין

און טעכטער פון די אומגעקומענע האָבן זיך געוואָרפן אויף די הרוגים, געוואָלט זיי דערקענען, אָבער נאָר איינצלנע איז געלונגען.

מען האָט זיי גענומען איבערציילן און מען האָט זיך געכאַפּט, אַז איינער פעלט. ווער קען עס זיין? אומזיסט האָט מען געזוכט אין שניי אָבער מען האָט אים נישט געפונען. אין איין ברודער־קבר האָט מען זיי אַלע באַגראָבן, אויסער „יענעם". ענדלעך זענען די באָלשעוויקעס אַריין צו אונדז און געמאַכט „אָרדע־נונג", אונטער דער נייער מאַכט האָבן מיר געקענט אומגעשטערט טרויערן און באַוויינען אונדזערע קדושים.

אָבער ווער איז פאָרט יענער, וועמעס געביין מיר ווייסן נישט, ווו ער איז אַהינגעקומען?

אין אַ געוויסער זאַוויערוכע־נאַכט, ווען מיר זענען געווען פאַרזונקען אין אַ שווערן שלאָף, האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט ביי כייך שוויגער אין פענצטער פון איר אַלקער. מיר האָבן זיך מיט שרעק אַראָפּגעכאַפּט פון אונדזערע געלעגערס און צוגעלאָפן צום פענצטער, וואָס איז געווען פאַרקאָוועט מיט אַ דיקן אייז־צודעק. מיר האָבן צוליב דעם קיינעם נישט געקאָנט באַמערקן, און ווי מיר האָבן נאָר ליכטיק געמאַכט האָבן מיר דערהערט אַן ענלעך קלאַפּן אין דער טיר.

— ווער קען עס זיין אַזוי שפּעט ביינאַכט? אפשר אַן אָבלאַווע פון דער „טשעקאַ"?

— עפנט! אין גאָטעס ווילן! — האָט עפּעס אַ קול ווי פון יענער וועלט זיך געהערט אויף יידיש פון יענער זייט טיר. און צוזאַמען מיטן פראָסט האָבן זיך אין דער אויפגעעפנטער טיר אַריינגעריסן צוויי מענטשן באַשאָטן מיט שניי. דעם ערשטן וואָס מיר האָבן דערקענט איז געווען דער אַלטער מאַקסים, דער שבת־גוי פון שטעטל און דער צווייטער האָט זיך אַליין אַ וואָרף־געטון צו אונדז מיט אַ געוויין־אויסברוך:

— מיינע טייערע ווייב און קינדער...

אָן לשון, מיט פאַרקראַמפּטע ליפּן האָבן מיר אַרומגערינגלט דעם אַלטן שווער אונדזערן. עס האָט לאַנג געדויערט, ביז מיר זענען צו זיך געקומען.

— לאָזט אים אָפּ! — האָט מאַקסים אויסגעשריגן אויף זיין כאַכלאַצקען לשון; איך וועל אייך דערציילן ווי אַזוי איך האָב אים אָפּגעראַטעוועט.

יענע נאַכט, פאַרשטענדלעך, זענען מיר שוין נישט געשלאָפן און ביי אַ גלאָז דערקוויקנדיקע טיי, פון דעם אויפגעשטעלטן סאַמאָוואַר, האָט מאַקסים דער־ציילט אַזאַ געשיכטע:

אין יענעם וויסטן שבתדיקן פרימאָרגן, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער געפינט זיך נישט אין דער היים, צווישן זיינע פּאַ־ראָבקעס", אונטער דער וואַרעמער פּערענע, נאָר אויף אַ האַרטער באַנק לעבן אַ וואַרעמער וואַנט פון אַ הרובע. ער האָט זיך אויפגעזעצט, אויסגעטשוכעט. פּאַר־

שאַרט זיין קודלע און גענומען טראַכטן ווו ער איז עס אין דער וועלט. קוים מיט צרות, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז נעכטן אין אָוונט, נאָך דעם ווי ער האָט זיך אויסגעפּאַרעט און אויסגעבאָדן אין דער שוויץ־באָד, צוזאַמען מיט נאָך גויִים, ווי דער שטייגער איז אום פּריטיק־צו־נאַכטס, אין אַ קליין שטעטעלע, האָט ער אין זיך אַריינגעגאָסן אַ גוטע גלאָז „וואָדקאַ" און איז אָוועק אין שול צו פאַרלעשן די לאָמפּן, ווי ער פלעגט עס יעדן פרייטיק־צונאַכט טון נאָך דעם דאַווענען, און דערנאָך צולייגן האָלץ צו דער הרובע, כדי אויף מאָרגן זאָל זיין וואַרעם אין שול. נאָך דער אַרבעט, איז פון דעם ספּירט אים באַפאַלן אַ שלאָף, אַז ער האָט מיט די פיס נישט געקענט רירן, איז ער ווי אַ דערהרגעטער צוגעפאַלן צו דער באַנק ביי דער הרובע. איצט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט שוין שפּעט אויף דעם פרימאָרגן. אָבער וואָס קאָן דאָס באַדייטן? האָט ער אַ טראַכט געטון. די שול איז ליידיק, קיין „זוואָניע" (סימן) פון יידן איז נישטאָ. ער איז אַרויס אין דרויסן, — אומע־טום די זעלבע טויטע שטילקייט, בלויז דער פאַרפרוירענער שניי טרעשטשעט און סקריפּעט אונטער זיינע „וואַילאָקעס"; ער גייט פון שטוב צו שטוב, די טירן זענען צעפּראַלט, די שויבן אויסגעשלאָגן, אַלץ איז אינעווייניק צעשטערט, צע־בראָכן און זיי, די „איוורעי" ווו זענען?

ער נעמט זיך לסוף גיין אַהיים און פאַרטיפט זיך אין גויִישע מחשבות. אָט איז ער שוין הינטערן שטאָט, אַרום די „מאָהילקעס" (צווינטער), ער פאַררייסט דעם קאָפּ צום צלם און באַטראַכט אַ ווילע דעם „יעסוס קריסטוס". ער בלייבט שטיין און כאַפּט אַראָפּ די קיטקע פון זיין קאָפּ און צלמט זיך איבער, זאָגנדיק דערביי אַ „מאָליטווע" (תפילה). ער גייט נאָכהער ווייטער און וואַרפט אַ בליק אויף לינקס און דערזעט אינמיטן פעלד די גרויסע רויטע געביידע פון חיים־ישראלס גאַרבאַרניע, אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן פּאַרקאַן. ער וואָלט אַ בעלן געוועזן צוגיין אַהין, פרעגן, אָבער יענער רויטער בנין, וואָס זעט אויס אין זיינע אַבערגלויביקע אויגן, ווי אַ פאַרכישופטער שלאָס, וואַרפט אויף אים עפּעס אַן אימה, ווייל שטענדיק זעט ער דאָרטן אויף דעם דאַך צוויי מאָדנע פייערלעך, וואָס טוקען זיך אַנטקעגן דער זון בייטאָג און אַנטקעגן דער לבנה ביינאַכט. ער ווייסט נישט אַז דאָס גלאַנצן אַזוי אַנטקעגן דער זון און דער לבנה די צוויי ניקלענע באַלן אויף די שפּיצן פון די שטאַנגען אויף ביידע עקן פון דאַך.

פאַרקערעוועט ער זיך אויף רעכטס, צו דעם רודניע באַרג. דאָרט גיט זיך אים אַ וואָרף פאַר די אויגן אַ שוואַרצער פלעק אויף דעם ווייסן שניי־טעפּיך און הינט בילן אַרום יענעם פלעק. וואָס נעענטער ער גייט צו, אַלץ קלאָרער באַנעמט ער וואָס אַזוינס דער פלעק איז.

— יאָ, דאָרטן ליגן זיי, — האָט ער זיך געכאַפּט.

ער לויפט צו, בייגט זיך אָן און דערקענט זיי אַלעמען. טויטע, פאַרגלי־ווערטע; אין פאַרפרוירענע קאַלוזשעס בלוט וואַלגערן זיי זיך. איינעם נאָכן אַנ־

דערן טרייסלט ער און וועקט און ליאַרעמט: מאַשקע, שליאַמקע, פּיוויש אאַ״וו. קיינער ענטפערט נישט. ער פּרוּווט זיי אָפּדעקן און געפינט זיי מיט אויפ־געשניטענע בייכער, צעהאַקטע קעפּ. ער טאַפּט זייערע פּנימער און קוקט אַריין אין זייערע פאַרגלייזטע אויגן און צעעפנטע מיילער. אַ פאַרמאַטערטער בלייבט ער נאָכהער שטיין, איבערצייגט, אַז זיי זענען טאַקע אַלע טויט, צלמט ער זיך איבער און קוקט ווייטער פאַרלוירן אויף דער טויטער מענטשלעכער מאַסע. אָבער אָט דערזעט ער ווי איינער פון זיי גיט אַ ריר מיט אַ האַנט און אַ קרים מיטן פּנים. ער, דער אַלטער מאַקסים פאַלט צו צו דעם, וואָס לעבט נאָך און שרייט אויס:

— מענדל! מענדל! יענער פּרוּווט עפענען די אויגן, אָבער די אויגן־דעקלעך פאַרמאַכן זיך ווידער, פון זיין צעשפּאַלטענעם קאָפּ טריפט נאָך וואַרעם בלוט.

ווי אַ באַנומענער נעמט מאַקסים לויפן אַ היים. אין אַ קנאַפּע האַלבע שעה אַרום שטעלט זיך אָפּ לעבן די הרוגים אַ שליטן און דער אַלטער מאַקסים מיט זיינע צוויי פאַראָבקעס נעמען זיך צום שווער מיינעם, מענדל.

דאָרט, אין מאַקסימס כאַטע, אין עטלעכע טעג אַרום, כאַפּט זיך מיין שווער אויף פון זיין לאַנגן, כמעט טויטן־שלאָף. ער שטייט אויף תחית־המתים.

דערפאַר פראַווען מיר איצט פּונקט דרייצן יאָר נאָך יענער געשעעניש, אונ־דזער שווערס „בר־מצוה״.

מיט אָט די ווערטער, ענדיקט דער קצב צו דערקלערן מיר די אורזאַך פון יענער שמחה.

טרערן האָבן געפינקלט אין אַלעמענס אויגן, און איך אַליין — פאַרוואָס זאָל איך פאַרלייקענען? — האָב דערפילט, ווי עס ווערט מיר ענג אין האַלדז און פייכט אין די אויגן.

— —

אַ דערשעפּטער בין איך אַריינגעפאַלן צו מיר אין בעט און ווי איך האָב נאָר צוגעמאַכט די אויגן, האָבן זיך מיר גענומען פּלאָנטערן חלומות פון פּאָגראָ־מען און אינקוויזיציעס: איך אַליין געפין מיך צווישן אַן עדה יידן, אַרומגערינגלט פון סאָלדאַטן אין אוניפאָרמען פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע. אַן אַ שיעור גלחים מיט שווערע צלמים פּרעפּלען אַרום אונדז. ביי מיין רעכטער זייט גייט דער אַלטער מענדל, זיין איידל פּנים שטראַלט פון הימלשע פרייד, וואָס ער האָט זוכה געווען צו מקדש־השם זיין אויף דעם שייטער־הויפן, וווהין מען פירט אונדז. ביי מיין לינקער זייט גייט מיין פאָטער ע״ה און שלינגט איין קאַפּיטל תהילים נאָכן צווייטן:

מאת ד׳ היתה זאת היא נפלאת בעינינו. זה היום עשה ד׳ נגילה ונשמחה בו...

די לופט איז פול מיט גלאָקן־קלאַנגען פון די קלויסטערס, וואָס אַמאָל שטאַר־קער און נעענטער...

איך כאַפּ מיך אויף... ערשט דאָס טעלעפאָן־גלעקל קלינגט און ליאַרעמט ביי מיין צוקאָפּנס.

איך לייג־צו דאָס טרייבל צום אויער און אַ דערשראָקענער פרעג איך:

— ווער רעדט דאָרטן?

אַ באַקאַנט קול הערט זיך דורך דעם טרייבל:

— איך בעט אייך, הער דאָקטער, קומט שוין. ווי איר זענט נאָר אַוועק און די געסט זענען זיך צעגאַנגען, האָט זיך דער אַלטער אָנגעהויבן פילן שלעכט. מיר דאַכט, אַז די איצטיקע אַטאַקע איז די ערגסטע.

— יאָ, איך קום באַלד.

אין גרויס איילעניש האָב איך מיך גענומען אָנטאָן, גובר־זייענדיק דעם שלאָף וואָס איז מיר נאָך געלעגן אין די ביינער.

עס זענען קוים פינף מינוטן אַוועק, און דער טעלעפאָן ליאַרעמט ווידער:

— שנעלער! הער דאָקטער — הער איך, — דער אַלטער האַלט שלעכט.

— אָבער אין גאָטעס ווילן! טענה איך, לאָזט מיר זיך אָנטאָן, איר אַליין צווינגט מיך צו פאַרלירן צייט.

— גוט.

איך ווער נערוועזיש, עס פאַלן מיר די זאַכן פון די הענט. אַ צעטומלטער לויף איך אַריין אין קאָנסולטאַריע סטעריליזירן די אינסטרומענטן. איך שטעל מיר פאָר ווי דער אַלטער מענדל ראַנגלט זיך איצט מיטן מלאך־המות, ווי ער טרינקט זיך אין זיין אייגענעם בלוט וואָס פאַרפלייצט די אָטעם־רערן פון זיינע לונגען און באַלד וועט זיין האַרץ פּלאַצן.

צו שפּעט בין איך אָנגעקומען.

ווען איך בין צוגעגאַנגען צו זיין בעט, האָט אַ רויטע פּיאַנע אַ שטראָם־געטון פון זיין מויל און דער טויט האָט העסלעך צעקרומט זיין איידל פּנים.

דער גלעזער פון פּאַטריסיאָם

.1

איך בין געזעסן נעבן קראַנקן און געהאַלטן אין ציילן זיין פּולס. דער טעמ־פּעראַטור־מאָמעטער איז ערגעץ געלעגן אין אַ ווינקל פון זיין קערפּער. דאָס צימער איז געווען פול מיט מענטשן, נייגעריקע שכנים פון דעם זעלבן הויף.

דאָס זענען געווען אַלטע לייט, מענער און פרויען, וואָס זענען מיר געווען מער אָדער ווייניקער קענטלעך. נישט איינעם פון זיי האָב איך אַמאָל באַהאַנדלט, ווען ער, אָדער זי, איז געווען אין די גוטע צייטן, ביי זיך אין דער היים.

איצט, ווען דער חבר אָדער די חברטע האָט געפעלט נעבן זיי אין יענעם געדונגענעם מושב־זקנים, איז יעדער איינער אין זיין צימער.

יאָ, ביים אַריינגיין האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס איז אַ מין „באַגאַדיעלנע".
איך ווייס אייגנטלעך נישט ,פון וואַנעט עס האָט זיך צו מיר פלוצים געיאַוועט אויף דעם זכרון דער דאָזיקער נאָמען, וואָס איך האָב מסתמא אמאָל געהערט אין דער אַלטער היים, ווער ווייסט ווען. מער ווי אַ הויף, האָט דאָס אויסגעזען. אַ לאַנג, שמאָל שמוציק געסל, ברוקירט מיט פּראָסטע גראַניט־שטיינער, ווי אויף דער גאָס.

אינדערמיט, לענגויס דעם הויף, האָט זיך געצויגן אַ דין ברודיק ריטשקעלע פון דער „פּילעטע", ביז צו דער גאָס. צוויי לאַנגע שורות טירן און פענצטער פאַרלעכווייז האָבן אַרויסגעקוקט צום געסל. יעדעס פּאָרל (אַ טיר און אַ פענצטער) האָט באַלאַנגט צו אַ צימער. אַ טייל טירן, האָב איך ביי מיין אָנקומען באַמערקט, זענען פאַרהאַקט געווען מיט אַ ברייטער, רויט־געפאַרבטער ברעט. אַנדערע, ווי־דער, זענען בלויז געווען פאַרהאָנגען מיט אַ גרויען אָדער אַ שוואַרצן שאַל, וואָס דאָס ווינטל האָט לאַנגזאַם געוויגט:

נעבן יעדן צימער, אינדרויסן, איז געשטאַנען אַ קליין איזועלע, וואָס ווערט געהייצט מיט קוילן. פון מאַנכע איזועלעך מיט אַ טשייניקל פון אויבן, האָט זיך טאַקע געטראָגן אַ גרין רויכעלע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ מאָדנע גרייצערל אין דער לופטן.

אויף מיין פּאַטשען מיט די הענט ביים אַריינגאַנג, האָבן זיך די איינוווינער פון דאָרטן אָפּגערופן. איינציקווייז האָט זיך געעפנט אַ טיר נאָך אַ טיר און אַן אַלטער מאַן אָדער פרוי, האָט זיך פון דאָרט אַרויסגעשאַרט.

ביז איך בין צוגעקומען צום צימער 26, האָב איך שוין געהאַט הינטער זיך אַ היפּשע פאַרזאַמלונג, ענלעך צו אַן עדה אַלטע יידן, וואָס באַגלייטן אין אַ שבתדיקן פרימאָרגן אַ רבין אין שול, להבדיל.

דער חולה איז אויך געווען אַ זקן. איך האָב אים געטראָפן ליגן אויף זיין בעט אַן אָפּגעדעקטן, האַלב־אויסגעטאָן. אויף זיין ערטערווייז צעריסענעם העמד איז אַראָפּגעהאָנגען דער פאַרגעלטער, פון לאַנג־אָפּגעטראָגענער ארבע־כנפות. די צוויי פאָדערשטע ציצית זענען געווען איינגעפלאָכטן איינע אין די אַנדערע, אַרומגעוויקלט אויף דעם ווייזפינגער פון זיין רעכטער האַנט.

אַט האָט זיך זיין אָטעם אָפּגעשטעלט, עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער גייט־אויס, נאָר באַלד האָט זיך ווידער אָנגעהויבן באַמערקן דאָס אָטעמען פון זיינע נאָזלעכער און וואָס אַמאָל שטאַרקער דאָס כאָרכלען פון אונטער זיין ברוסט. דאָס מויל אָפן און די אויגן ברייט אויפגעריסן, געווענדט אין צוויי באַזונדערע ריכטונגען, האָבן צוגעגעבן אָט דעם אַלטן געזיכט אַ שרעקלעך אויסזען, וואָס לאָזט זיך אַזוי לייכט נישט פאַרגעסן.

אינגאַנצן באַוווסטלאָז איז ער נישט געווען, ווייל פון צייט צו צייט האָט ער מיט אַ האַנט געטריבן די פליגן, וואָס האָבן זיך אויף זיין פּנים געוואָלט אָנזעצן. ער האָט אויך ווען נישט ווען אַ טאַפּ־געטון דעם קאָפּ, צי די יאַרמלקע געפינט זיך דאָרט. ער האָט אָבער נישט פאַרשטאַנען, וואָס איך פרעג אים; ער האָט נאָר תמעוואַטע איבערגעחזרט דאָס לעצטע וואָרט פון יעדער פראַזע און האָט זיך פאַרקרימט, ווען איך האָב געפּרוווט אויסרופן ביי אים אַ ווייטיק אין פאַרשידענע טיילן פון זיין קערפּער.

אַרום זיין בעט זענען געשטאַנען זיינע אַלטע שכנים. אַלע האָבן זיי אויסגעזען עפּעס ווי שאָטנס פון מענטשן, וואָס זענען אויפגעשטאַנען תחית־המתים. ווייל אין זייערע סקעלעט־פּנימער האָבן זיך נישט באַמערקט קיין סימנים פון לעבן. שטיל, אָן שום באַוועגונג, האָבן זייערע אויסגעלאָשענע אויגן אַרויסגעקוקט פון דער טיפעניש פון זייערע אויגנלעכער צום חבר, וואָס קלייבט זיך אין וועג...

אין אַ געוויסן מאָמענט, נאָך אַ לאַנגער ווײלע אָפּזיצן נעבן קראַנקן, האָב איך דערהערט ווי עמעצער האָט אין דעם צווייטן צימער עפּעס אָנגעהויבן זאָגן.

באַלד האָט זיך אַרום מיר אויפגעהויבן אַ געמורמל, וואָס איז פון מינוט צו מינוט אַלץ שטאַרקער געוואָרן. אַ האַרצרירנדיקער תהילים־זאָגן האָט זיך אַרויסגעריסן פון יענער גרויסער צאָל סקעלעטן־מיילער.

די פּסוקים פון „אשרי תמימי דרך" וואָס האָבן געשטורעמט אין יענער האַלב־טויטער סביבה אין דער שעה פון שקיעה, האָבן אויפגעברויזט אין מיר מיין

שוין לאַנג איינגעדרימלטן רעליגיעזן געמיט. אַ ציטער איז דורכגעלאָפן איבער מיינע גלידער. אַזאַ רעליגיעזן עקסטאַז און פרומע התפעלות האָב איך שוין לאַנג נישט געזען.

עס האָט געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק, ווי אָט די עדה ייִדן זאָלן געווען זיין פאַראייניקט אין איין גרויסן רצון אַרוסצובאַגלייטן די אומשטערבלעכע נשמה, וואָס וועט באַלד פאַרלאָזן דעם גוססדיקן גוף.

זעענדיק, אַז איך בין דאָרט איבעריק און נישט ווערט אַנטיילצונעמען אין אַזאַ דערהויבענער אויפגאַבע, האָב איך זיך אויפגעהויבן און גענומען אַרויסשאַרן זיך ביי די ווענט ביז צו דער טיר.

לאַנג בין איך אויף דער גאַס געשטאַנען און זיך צוגעהערט צו די קולות, וואָס האָבן זיך פון יענעם צימער געטראָגן און האָבן זיך אויסגעמישט מיטן טאָג־טעגלעכן שטאָטישן הו־האַ. אַוועק בין איך פון דאָרט מיט דער מיינונג, אַז דער אַלטער לייביש וועט יענע נאַכט נישט איבערלעבן.

.2

ווען איך כאַפּ זיך אַמאָל אַראָפּ אין יענער געגנט, ווערט מיר עפּעס אַזוי מאָדנע אויפגעלייגט אויף דער נשמה. איך נעם דאָרט אַרומבלאָנקען איבער די גאַסן און געסלעך, וואָס ליגן נאָך עד־היום און דרימלען, פונקט ווי זיי האָבן גע־דרימלט מיט אַ 30 יאָר צוריק.

עס האָט זיך דאָרט גאָרנישט געענדערט. די זעלבע שטיינער אויף די גאַסן, די זעלבע קוטיקע טראָטואַרן. ביי די ביידע זייטן — צוויי ברייטע רינ־שטאָקן, וואָס ציִען זיך פון גאַנץ ווייט און פאַלן־אַריין ביי יעדן ראָג אין די „באָקאַס דע טאָרמענטאַ" (שטורעם־מיילער) מיט גערודער און געפּילדער. קיין ניי־מאָדערנע געביידע זע איך דאָרט נישט. די זעלבע נידעריקע הייזקעס פון קאָלאָניאַלן סטיל מיט גראַטעס אויף די פענצטער. דאָ און דאָרט פּוסטעווען נאָך עד־היום נישט־פאַרבויטע ערד־בלאָקן, באַוואַקסן מיט שטעכלקעס און קראָפּעווע. ס'האָבן זיך נאָך נישט געפונען קיין בעלנים אויף יענע עפּעס פאַרעלטערטע „טערענאָס". אַ גערוך פון געקאָכטע זייף גיט מיר אַ שלאָג אין די נאָזלעכער. איך דערמאָן זיך, אַז דאָ דאַרף זיך געפינען ערגעץ די זייף־פאַבריק. איך דערזען זי, יאָ, ס'איז די זעלבע, — עס זאָל פעלן אַ האָר.

דורך דעם אויטאָמאָביל־פענצטער זע איך דעם 19ער טראַמוויי, וואָס לויפט צום צענטער און באַלד קומט־אָן דער 23ער, וואָס קומט פון דאָרטן אויף דער צווייטער ליניע.

אויף ביידע טראַמווייען בין איך אַמאָל געפאָרן הין און צוריק פון דער אַרבעט.

עס ווערט באַלד ווידער שטיל, אָבער פון צייט צו צייט הערט זיך דער כאַראַקטעריסטישער ווייַנענדיקער פייַף פון אַ פּאַראָוויק אויף דער „טראַטשאַ אַנגאָסטאַ”־ליניע, וואָס ליגט העט־ווייט ביי פּוענטע אַלסינאַ.

וויפל מאָל פלעג איך אין די שלאָפלאָזע נעכט ליגן אויף מיין געלעגער און זיך צוהערן צו יענעם טרויעריקן פייַף און עס האָט אַזוי גענאָגט ביי דער נשמה...

איך בלייב שטיין אינמיטן קוואַרטאַל, ווו מיר האָבן אַמאָל געוווינט. אָט איז טאַקע דאָס שטיבל, וואָס שטייט שוין האַלב איינגעפאַלן. עס זעען זיך אַרויס די רויטע ציגל פון דער וואַנט, דאָרט, ווו די ליים איז אָפּגעפאַלן. עס מאַכט דעם איינדרוק ווי אַן אָפענע ווונד.

פון די פענצטער מיט רעשטן פון שויבן, וואָס קוקן־אַרויס צו דער גאַס, ווי גרויסע אויגן־לעכער פון אַ מענטשלעכן שאַרבן, אָטעמט־אַרויס אַ שרעקלעכע פּוסטקייט.

נישט איינמאָל האָט זיך ביי די דאָזיקע פענצטער געפּאָרעט דער אַלטער לייביש דער גלעזער. אַ ייִד, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט געוואָלט שיידן מיטן אָנטאָן און קליינשטעטלדיקן היטל, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער היים.

מיט אַזאַ הולך און בכבודיקער באָרד און פּיאות, טראָגנדיק אין איין האַנט זיין קעסטל קלאַפּערגעצייג און אונטער דעם צווייטן אָרעם — שויבן אַריינצושטעלן, פלעגט מען אים באַגעגענען אין די געסלעך פון פּאַרקע פּאַטריסיאָס.

פאַר די פאַרבענקטע „גרינע” האָרעפּאַשניקעס, וואָס האָבן געוווינט אין יענעם געגנט, איז זיין דערשיינען אַנטקעגן אין גאַס געווען עפּעס אַ מאָדנע אַנגענעמע באַגעגעניש.

עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז זייער היים איז גאָר נאָענט פון דאַנען, און אַז דער טיפּישער ייִד קומט נאָר־וואָס אָן צופוס פון דאָרטן, כאָטש נעם אָפּ אַ גרוס פון די אייגענע.

האָט עמעצער זיך אָפּגעשטעלט מיט אים רעדן, פלעגט ער דערציילן, אַז ער איז אָנגעקומען אַהער קיין אַרגענטינע אומגעריכט. אַז ער איז אַוועק פון זיין כערסאָנער גובערניע־שטעטל מיט נאָך ייִדן צו פאָרן קאָלאָניזירן ארץ־ישראל. פון אָדעס זענען זיי מיטן ים אָנגעקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווו זיי האָבן שוין געפונען אַ היפּשע צאָל ייִדישע עמיגראַנטן, וואָס האָבן ווייטער נישט געקאָנט פאָרן.

עטלעכע חדשים האָט זיך לייביש, דער נאָר־וואָס פאַרהייראַטער יונגערמאַן, געוואַלגערט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיט זיין שווער און שוויגער, אויסגעשטעלט, ווי אַלע יענע עמיגראַנטן, אויף דער הילף פון דער דאָרטיקער ייִדישער קהילה,

אַ סך האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, אַ טייל האָבן זיך דערשלאָגן ווייטער.

ער, לייביש, נישט קאָנענדיק זיך דערשלאָגן קיין ארץ־ישראל, האָט ער אויך געוואָלט זיך אומקערן אהיים, פאַרקערעווען דעם דישעל אויף צוריק, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן. אָבער זי, די באַשערטע זיינע, האָט אויסגעפירט.

נחמן מיזשעריצקי

— אויב דו ווילסט אַהיים — האָט זי צו אים געטענהט, גט מיך אָפּ. איך וויל פאָרן מיט טאַטע־מאַמע קיין אַרגענטינע.

אַזוי האָט לייביש קיין אַנדער אויסוועג נישט געהאַט און איז מיטגעריסן געוואָרן מיטן קליינעם שטראָם קיין אַרגענטינע, אַלס קאַנדידאַט אויף באַראָן־הירש־קאָלאָניזאַציע.

ער איז צוגערעכנט געוואָרן צו זיין שווער און שוויגערס משפּחה, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ פיר דערוואַקסענע בחורים מיט געזונטע הענט צו ערד־אַרבעט.

ער אַליין איז געווען ווייט פון צו זיין אַן אויסטויגער צו ערד־אַרבעט. אַן איידעלער יונגערמאַנטשיק ביים שווער אויף קעסט, איז ער מיטן פאָרן קיין ארץ־ישראל אויסן געווען נישט אַזוי די עבודת־האדמה גופא, ווי צו באַטרעטן דאָס לאַנד פון אונדזערע אבות און צו לעבן דאָרט אַפילו אַ פּויעריש לעבן, אָבער אָטעמען די זעלבע לופט, ווי זיי אין די צייטן פון מלכות יהודה.

ער האָט פון קינדווייז אָן געחלומט פון ארץ־ישראל. דער ציוניזם איז פאַר אים געווען עפּעס אַ מין הייליקע באַוועגונג, וואָס וועט ברענגען די גאולה. אין דעם האָט ער געגלייבט באמונה שלימה.

דערפאַר איז ער אַזוי דערשיטערט געוואָרן, ווען מ'האָט אים געצוואונגען אײַ־בערצוואַנדערשן זיין מאַרשרוט. אַ דערשלאָגענער איז ער אַרומגעגאַנגען אויף דער שיף, וואָס האָט אים געפירט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל קיין מאַרסעל, אַנשטאָט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל קיין יפו.

סוף יאָר 1891 האָט די שיף „פּאַמפּאַ“ אַראָפּגעלאָזט לייבישן אויף דעם אַרגענטינער באָדן אונטער אַ ברענענדיקער זון, אַנשטאָט אונטער אַ פאַרוואָלקנטן רעגנדיקן ארץ־ישראלדיקן ווינטער־הימל.

יאָרן זענען אַזוי אַוועק. זיי האָבן זיך פאַר לייבישן אויסגעוויזן ווי אייביקייטן. אויף די פעלדער פון אַ פרייי לאַנד, אויך דאָ, אויף דער אַרגענטינער ערד, איז אײַן און דער זעלבער קאָלאָניע מיט זיין שווער, האָט ער זיך געהאַלטן שטאָל און אײַזן ביי זיינע פרומע מידות. זיין האַרץ האָט געוויייקט, ווען ער האָט צוגעזען ווי זיינע שוואָגערס נעמען־אָן די זיטן פון די „פּונדיקעס“ (גאַוטשאָס). נישט קענענדיק זיך צופּאַסן צו יענעם אַרט לעבן און זייענדיק שוין אַ באַיאָרטער טאַטע פון פינף טעכטער, אָן קיין איין זון, באַשליסט ער, זיך צו באַזעצן אין בוענאָס־איירעס, נאָך אַ פאָר צענדליק יאָריקן געראַנגל קעגן אַלערליי שלעק און פורעניות, וואָס אַ קאָלאָניסט האָט דאָן געמוזט אויסשטיין.

אַן אַ פאַך אין האַנט, איז אים דאָ איינגעפאַלן צו ווערן אַ גלעזער...

אַ געפיל פון גרויס מיטלייד פלעגט מיך אַרומנעמען, ווען איך פלעג אים פלוצים דערזען מיט זיין עכט־ייִדישלעכער פיגור, זיך אַרומדראַפּען ביי אַ ראַנד פון אַ פענצטער. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער טוט עס, געצוואונגען פון איי־נעם, וואָס שטעלט אים אויס אין אַ פענצטער אויף חוזק...

— די אַלטע, — פלעגט ער זאָגן, — האָט מיר אָפּגעטון אויף טערקיש. זי האָט מיך אַוועקגעוואָרפן אויף דער עלטער. זי וועט זיך שוין קיינמאָל צו מיר נישט אומקערן. סוף־כל־סוף האָט זי אירס אויסגעפירט. איך וועל מוזן גיין צו איר.

פון זינט די אַלטע איז געשטאָרבן, האָט ער נאָר געהאַלטן אין איין איבער־חזרן די דאָזיקע טענה און אויף זיין פּנים פלעגט ליגן אויסגעגאָסן אַ ביטערער שמייכל. די ברעגן פון זיינע צעקנייטשטע אויגן־דעקלעך פלעגן ווערן רויט און וואַסערדיק.

.3

לייביש, דער גלעזער פון פּאַטריסיאָס, פלעגט מיר קומען פאַר די אויגן, ווי איך פלעג נאָר איבערקרייצן די גאַס סאַן כואַן. ביז אין יענעם זומערדיקן פאַרנאַכט, ווען איך האָב אים געטראָפן אויף זיין טויטן־בעט.

קיין קרוב האָט זיך נעבן אים נישט געפונען, נאָר עפּעס אַן אַמאַליקער ווילד־פרעמדער צוזעער, וואָס האָט צוריק מיט אַ סך יאָרן זיך אַרומגעטראָגן מיט זיסע חלומות, איז איצט געזעסן ביי זיין צוקאָפּנס.

זיין צושטאַנד האָט אויסגעזען ווי בעת די לעצטע עטאַפּן פון אַ לעבן, וואָס צאַנקט, וואָס גייט־אויס ווי אַ פאַרלאָזטער נר־תמיד, אויף וועמען עס קוקט זיך קיינער נישט אום.

אויף מאָרגן גאַנץ פרי, איידער איך בין געפאָרן אין שפּיטאָל, האָב איך באַ־שלאָסן אָפּצושטאַטן נאָך אַ וויזיט דעם אַלטן לייביש, וועמען איך האָב שוין גע־האַלטן פאַר אַ זיכערן בר־מינן.

איך האָב אַפילו געבראַכט מיט זיך אַ נישט־אויסגעפילטן טויטן־שיין.

ווען איך האָב איבערגעטראָטן די שוועל פון זיין צימער, האָב איך זיך פון גרויס איבערראַשונג אַ וואַקל־געטון אויף צוריק... גלייך ווי נעכטן זאָל דאָ גאָר־נישט געווען פּאַסירט, איז זיך לייביש געזעסן ביים טיש און האָט אַריינגעקוקט אין אַ ספר... אויף זיין טיש איז געשטאַנען אַ קליין רוסיש סאַמאָוואַרל, וואָס האָט געהאַלטן אין זידן. נעבן דעם אָפענעם ספר איז געשטאַנען אַ גלאָז טיי. דאָס בעט איז געווען פאַרבעט און דאָס שענקל מיט ספרים איז געווען ברייט צעעפנט.

לאַנגזאַם האָט לייביש אויפגעהויבן זיין קאָפּ פון ספר און נישט שטאַרק איבערראַשט, האָט ער אַ ווילע אויף מיר געקוקט.

ער האָט דערנאָך אַראָפּגענומען די ברילן פון זיינע אויגן, אויסגעגלייכט די יאַרמולקע אויף זיין קאָפּ, אַ גלעט־געטון די גרייז־גרויע באָרד און אַ פרעג געטון אויף שפּאַניש:

— ווער זענט אירז

— ווער איך בין, פרעגט איר? — האָב איך זיך געווענדט אויף יידיש — איך בין געקומען זען וואָס איר מאַכט. אייערער אַן אײדעם האָט מיך צוגעשיקט, אַז איך זאָל אייך באַטראַכטן.

— וואָס? ווידעראַמאָל דאָס זעלבע? וואָס ווילן זיי פון מיר מיט דאָקטוירים?

— האָט ער ווי צו זיך אַליין זיך געכעסט. — נו, אַז איר זענט שוין געקומען, זיצט — האָט ער מיט אַ געמאַכטן שמייכל אַ זאָג־געטון. — אַלע מאָל דאָס זעלבע. אַ גליק, וואָס איך שלעפּ מיך איצט נישט אַרום אין גאַס. אין אַ געוויסן מאָמענט גיט מיר אַ שווינדל אין קאָפּ. איך שלעפּ זיך קוים צו צום בעט און ווען איך כאַפּ זיך אויף, דערציילט מען מיר, אַז איך האָב פאַרבראַכט אַ מעת־לעת אָדער צוויי אויף יענער וועלט... איך הייב נישט אָן געדענקען, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט. מ׳מעג אַפילו מיך צעשניידן אויף שטיקער. איך זאָג אייך דעם אמת, „פּאַניע דאָקטער״, אַזוי לייכט זיך אַריבערפּעקלען אויף דעם עולם־האמת איז דאָך אַ פאַרגעניגן.

ער האָט זיך אַזוי כסדר געוויצלט און געקייכט פאַר געלעכטער.

— נישט איינמאָל האָבן שוין מיינע שכנים מיט מיר ווידוי געזאָגט און אַפילו נאָך מיר געזאָגט תהילים ברבים, דערציילן זיי. אָבער איך קער זיך צוריק, מען וויל מיך דאָרט נישט.

אַ ווײַלע בין איך אַנטקעגן אים געזעסן אָן לשון און געטראַכט פון די אָן אַ שיעור קאַפּריזן, וואָס די נאַטור שפּילט מיט אונדז אָפּ.

לייבישעס פאַל איז געווען איינער פון יענע, וואָס דערוווּיטערן אַ מענטשן פון די לעבעדיקע אויף געציילטע שעהן אָדער טעג, גלייך ווי די נשמה זאָל וועלן פרוּוון, צי עס לוינט זיך טאַקע פאַרלאָזן אַט־אָ דעם ערדישן טאַראַראַם, זי קריגט, ווייזט־אויס, חרטה און קערט זיך צוריק אום, אָבער סוף־כל־סוף וועט זי...

— הייסט עס טאַקע — האָב איך פּלוצים דערהערט לייבישעס שטימע, — אַז די אַלטע מיינע וויל מיך דאָרט נישט, אַז זי וואַרפט זיך מיט מיר... פונדעסט־וועגן בעט איך אייך, „פּאַניע דאָקטער״, ווען די „שעה״ וועט קומען, זאָלט איר זיך נישט איילן מיך באַטראַכטן פאַר אַ מת. געדענקט — האָט ער מיט דעם וויז־פינגער פון זיין רעכטער האַנט געטייטלט, — איר זאָלט זען, אַז מ׳זאָל מיך נישט באַגראָבן אַ לעבעדיקן...

***

עס איז נישט אַוועק קיין מאָנאַט ווי מ׳האָט מיך צו אים אַרויסגערופן.

לאַנג, לאַנג בין איך געזעסן נעבן זיין בעט. זיינע פינף טעכטער און איידעמס זענען געשטאַנען אַרום אים מיט פאַרוויינטע אויגן.

געקליבענע דערציילונגען

קיין שאָרך פון זיין אָטעמען האָט זיך נישט געהערט, קיין סימן פון לעבן האָט זיך נישט געמערקט.

איך האָב מיינע אויגן נישט געקאָנט אָפּרייסן פון זיין רעכטער האַנט, וועמעס פינגער זענען געווען איינגעצויגן. בלויז דער ווייז־פינגער איז געווען גלייך אויסגעשטרעקט, ווי איינער, וואָס וואָרנט אָדער דראָט מיט נקמה...

אויף דעם מזרח־פראָנט

1.

ער איז נישט געווען סתם אַ נעגער. עפּעס אַ נאַקעטער בראָנזענער מאָנסטער איז געלעגן פאַר מיינע אויגן. די געשוואָלענע הענט און פיס האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון פיר אויסטערלישע קלעצער. דער בויך אויפגעשוואָלן ווי אַ באַרג, האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, דאָס האָט ער געאָטעמט שווער מיט זיין גאַנצן גוף. דאָס פּנים זיינס האָט אויסגעזען ווי אַ שוואַרץ בלויע מאַסקע דורך וועלכער עס האָבן אַרויסגעקוקט צוויי טאָמעוואַטע אויגן פאַרלאָפן מיט בלוט. עס איז געווען אַ שרעק אַ קוק צו טון אויף אים.

אָט מיט אַזאַ מין חולה, האָט מען מיר מכבד געווען אויף איינעם פון די פינף בעטלעך וואָס מען האָט מיר אָפּגעגעבן אין דער צוויי און צוואַנציקסטער פּאַלאַטע פון שפּיטאָל אַלוועאַר.

דאָס איז געווען מיט אַ זעכצן יאָר צוריק, ווען איך בין נאָך גאָר אַ יונג דאָקטערל געווען. אַ שפּאָגל נייער, ערשט פון דער נאָדל אַרויס, ווי מ׳זאָגט ביי אונדז.

דערזעענדיק אַזאַ שווערן חולה אויף מיין אומדערפאַרענער אחריות, בין איך שטיין־געבליבן אַ צעטומלטער לעבן יענעם בעטל און געטראַכט: גאָט מיינער, וואָס טוט מען אים? עפּעס אַ האַלב טוץ נעמען פון קראַנקייטן זענען אַרויפגע שווומען אויף מיין זכרון און איך האָב נישט געוווסט וועלכע איך זאָל אים צושרייבן. אַ לאַנגע צייט בין איך אַזוי געשטאַנען און געטראַכט ביז דער אונטער־שעף איז אָנגעקומען. אַ ווויל מענטשל, וואָס איז מיט אַלעמען אַ גוט־ברודערל און שטענדיק אַ פריילעכער.

— וואָס שטייסטו אַזוי פאַרטראַכט? — פרעגט ער מיך.

— אַ צו ערנסטער חולה פאַר מיר, — הב אַאיך אים געענטפערט מיט אַ טרויעריקן טאָן; פאַרגעסט נישט, אַז עס איז נאָך אַפילו קיין מאָנאַט נישט וואָס איך פּראַקטיציר אין אַ שפּיטאָל.

— נו, איז וואָס? האָסט דען אים שוין באַטראַכט? — האָט ער לאַכנדיק, אין דער שטיל אַ פֿרעג־געטון.

— איך ווייס גאָר נישט ווי אַזוי מ׳גייט צו צו אים. איך זאָך איז אָפּגעבן עקזאַמען אין פֿאַקולטעט און אַן אַנדער זאַך איז צוגיין צו פּראַקטישער אַרבעט.

— אמת, דו האָסט רעכט. פֿון פֿאַקולטעט גייען מיר אַרויס אַזוי רוי.

עס איז גאָר אַ פֿאַרברעכן פֿאַר אַ נאַר־וואָס נעענדיקטן דאָקטערל אָן פּראַקטיק צו באַהאַנדלען קראַנקע. דאָך זענען אַ סך, ווי נאָר זיי באַקומען דעם דיפּלאָם, לאָזן זיי זיך אַוועק אויף די פּראָווינצן, ווייט פֿון דערפֿאַרענע וועג־ווייזער. דער שפּיטאָל אונטער דער אויפֿזיכט פֿון דערפֿאַרענע לערער איז פֿאַר דעם נייעם דאָקטער אַזוי נוצלעך, פּונקט ווי רוי־שטאָף פֿאַר דעם אינדוסטריאַל.

פֿאַר אַ פֿאַכמאַן איז אַ טעות, נישט מער ווי אַ טעות; פֿאַר אַ מעדיקער, אָבער, איז אַ טעות אַ פֿאַרברעכן, אָפֿטמאָל אַן אמתער מאָרד.

זע, צום ביישפּיל, דיין איצטיקן פּאַציענט; מ׳האָט אים געבראַכט אָהער פֿון דעם שטעטל וואָס טראָגט אַזאַ שיינעם נאָמען ווי „וועניאַדאָ טוערטאָ (בלינדער הירש), דער קאָלעגע פֿון וועניאַדאָ טוערטאָ האָט זיך גאָר קיין עצה מיט אים נישט געקענט געבן. און דאָ ווערסטו זען, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט ער ווערן גאָר אַן אַנדער מענטש. דו וועסט אים אַפֿילו נישט דערקענען.

אַ פֿאַרגאַפֿטער האָב איך מיך צוגעהערט צו מיין קאָלעגע, וואָס האָט אַזוי פֿיל פּראַקטיק, אַז ער איז אַזוי פֿעסט און זיכער אין אַלץ וואָס ער זאָגט און טוט.

מער ווי אַ שעה האָבן מיר זיך אָפּגעפּאָרעט ביים חולה. מיט ציטערדיקע הענט האָב איך געמוזט טון צום ערשטן מאָל דאָס וואָס מיין שעף האָט מיר געהייסן. ער איז געשטאַנען און האָט געקנעלט מיט מיר ווי מיט אַ חדר־יינגל. עס האָט זיך גערדאַכט אַז מיין ערשטער רבי, לייבעניו דער מלמד, וועלכער האָט מיט מיר געלערנט דעם אלף־בית אין חדר, און האָט קיינמאָל דעם קאַנטשיק נישט אַרויסגעלאָזט פֿון האַנט, איז אויפֿגעשטאַנען תחית־המתים און האָט זיך פֿאַרשטעלט איצט פֿאַר אַ קליניק־שעף. צי אפֿשר איז „דער" גאָר עפּעס אַ גלגול פֿון יענעם... יענעם „קפּדן".

דאַכט זיך גאָר אַ ווייל מענטשל, האָב איך איצט אַ טראַכט־געטון. אָבער אַז עס קומט צום לערנען איז ער אַ געפֿערלעכער. ער האָט איצט נישט גערעדט, נאָר געשריגן אויף מיר.

— נישט אַזוי האַלט מען דעם „ביסטורי" אויף צו אויפֿשניידן דעם אָדער; שוטה איינער! האָט ער געליאַרעמט, בקול־רם און האָט צוגעטופּעט מיט די פֿיס.

איך בין אָפּגעגאַנגען מיט שוויס, איידער איך האָב דערלעבט זען דעם אויפֿגעשניטענעם אָדער פֿון דעם נעגערס אָרעם און דאָס שוואַרצע בלוט זיינס וואָס האָט פֿון דאָרט אַ שטראָם־געטון, האָט פֿאַרפֿלעקט מיין נאָר־וואָס אויסגע־

וואַשענעם און אויסגעפּרעסטן ווייסן כאַלאַט. איך האָב אין יענעם מאָמענט, מיטן מעסער אין האַנט אויסגעזען ווי אַ קצב פון מענטשן־פלייש...

נאָך דער „סאַנגריאַ" (בלוט־לאָזונג), האָט מיר דער שעף געוויזן וואָס מען דאַרף דעם חולה פאַרשרייבן און מיר זענען אַרויס דערנאָך אָפּכאַפּן דעם אָטעם. איך, פון מיין עבודת־פּרך ביים חולה, און ער, פון אַזוי פיל קנעלן מיט מיר.

2.

מיט אַ מאָדנעם אומגעדולד בין איך אויף מאָרגן גאַנץ פרי געלאָפן אין שפּיטאָל. איך האָב דעם קראַנקן געפונען אַ סך בעסער. זיינע געשוואָלענע הענט און פיס זענען אָפּגעגאַנגען, ער האָט געאָטעמט פרייער, און עס איז כמעט אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן זיין טונקל־בלויער קאָליר. ער איז אָבער נאָך געלעגן אַ באַוווסטלאָזער. איצט האָב איך אין אים דערזען שטריכן פון אַ ייִדיש פּנים. פון צייט צו צייט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון זיין הינערפּלעט און האָט זיך גענומען אַרומקוקן, ווו ער איז אין דער וועלט; אָבער באַלד איז ער ווידער פאַרזונקען געוואָרן אין אַ טיפן שלאָף. אומזיסט האָב איך אין יענעם פרימאָרגן געוואַרט צו קענען ביי אים אָפּנעמען די אַנטעצעדענטן פון זיין איצטיקער קרענק, ווי מען טוט עס מיט יעדן חולה. איך האָב צו אים געפּרוווט אַ רעד טון אויף ייִדיש, דאַן האָט ער זיך אָפּגערופן מיט אַ מאָדנעם שמייכלענדיקן בליק אויף מיר, אָבער קיין לשון איז נישט געקומען, גלייך ווי זיין צונג זאָל נישט וועלן פאָלגן זיך באַפעל צום רעדן.

אויף דעם דריטן פרימאָרגן האָב איך אים שוין געטראָפן זיצן אויף זיין בעט און רעדן געמיטלעך מיט זיין שכן, דעם רוס, וואָס איז שוין געווען אַ תושב אין דער פּאַלאַטע.

— איר זענט אַ ייִד? — האָב איך אים גלייך אַ פרעג־געטון.

— געוויס אַ ייִד, האָט ער טרוקן אָפּגעענטפערט און האָט צוגעגעבן.

— אַ ייִד, וואָס קערט זיך אום צום צווייטן מאָל פון יענער וועלט.

— עט, נו, האָב איך אַ זאָג־געטון. עס איז נישט אַזוי די מעשה — איר זענט נאָר צוגעקומען צום גרענעץ פון דער וועלט מיט יענער וועלט, אָבער עס ווייזט אויס, אַז אייער „זאַגראַניטשנער" פּאַספּאָרט האָט נישט געטויגט; האָט מען איך מיטן עטאַפּ אָפּגעשיקט צוריק אַהער.

ביי די רייד האָט ער אויסגעשאָסן אַזאַ געלעכטער, אַז ער איז זיך אַזש פאַרגאַנגען. עס האָט אים אויסגעפּעלט אָטעם און אויף זיין פּנים האָט זיך אַרויפגעצויגן יענע שוואַרץ־בלויע מאַסקע מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן, וואָס איך האָב ביי אים געזען דעם ערשטן פרימאָרגן.

אַ דערשראָקענער בין איך געשטאַנען און מיט אַנגסט צוגעזען ווי זיין גאַנ־צער קערפּער ווערט ווי אָפּגעגאָסן מיט אַ בלויען טינט און אַט־אַט ענדיקט ער זיך... אָבער צום גליק איז אונטערגעלאָפן דער „קאַבאַ" מיט אַ זאַק זייער־שטאָף (אָקסיכענאַ) און האָט אים דערמונטערט.

עס האָט לאַנג געדויערט ביז ער איז צו זיך געקומען און האָט אַ מאַך־געטון:

— נו? האָט איר שוין הער דאָקטער באַגעגנט אַזאַ שטרויענעם העלד ווי איך? לאַכן איז דאָך געזונט, האָט דאָך אונדזער שלום־עליכם געזאָגט, דאָקטוירים הייסן דאָך בפירוש לאַכן.

— אייער געלעכטער געפעלט מיר גאָרנישט, האָב איך גלעטנדיק זיין פאַר־שוויצטן שטערן, אַ זאָג־געטון, — באַרויקט זיך און מאָרגן וועלן מיר נאָך אַ מאָל זיך דורכשמועסן.

— מאָרגן וועט איר צוקומען צו מיר?

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע? איך בין דאָך אייער מעדיקער.

— איך ווייס! מיר דאַכט זיך, אַז מאָרגן איז ראש־השנה. ווערליק איך זע, זענט איר אַן אמתער ייִד... וועט איר טאַקע מאָרגן קומען צו מיר?

— איר ווייסט דאָך, — האָב איך געזאָגט, — אַז פּיקוח־נפש...

— איז דוחה שבת, האָט ער אונטערגעכאַפּט... קומט מאָרגן וועלן מיר זיך דורכשמועסן...

3.

מיט אַ ברייטן לשנה־טובה, האָט ער מיך אויפגענומען יענעם ראש־השנה־פרימאָרגן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז קיינמאָל גאָר שלאָף נישט געווען, אַזוי גוט האָט ער אויסגעזען.

איך האָב מיך אַוועקגעזעצט לעבן זיין בעט און נעמענדיק זיין האַנט צו אָפּציילן דעם פולס, האָב איך אים פאַרזיכערט, אַז ער איז אויסער געפאַר.

— איך דאַנק אייך, מיין פריינד, האָט ער אַ צופרידענער געזאָגט — וועל איך הייסט עס די ימים־נוראים אויך איבערקומען.

— וואָס עפּעס אויך איבערקומען? — האָב איך פאַרוואונדערט אים אַ פרעג־געטון.

— אַלע יאָר, ווי און וווּ איך זאָל מיך נישט געפינען, פאַל איך אַריין אין אַזאַ מאָדנעם מרה־שחורה צושטאַנד, ווען עס דערנענטערן זיך די ימים־נוראים־טעג, אַז ווען איך לעב זיי איבער בשלום פיל איך מיך ביי געבוירן.

— אַ, איר זענט אַ קאַבאַליסטישער אַבערגלויבער.

— עס איז אַ פאַקט און איך האָב פאַר וואָס צו זיין אַזוי געשטימט.

אזוי רעדנדיק האָט ער עפּעס געגומען נישטערן הינטער זיין צוקאָפּנס, און האָט פון דאָרט אַרויסגענומען אַ פּאַק פּאַפּירן. פאַרזיכטיק האָט ער דעם פּאַק צעבונדן און עס האָט זיך פון דאָרט עפּעס ווי אַרויסגעשיילט אַ קאַרטע. ער האָט זי מיר דערלאַנגט און אַ זאָג־געטון:

— אין די טויזנטער זענען אַזעלכע קאַרטעס צעטיילט געוואָרן צווישן די דייטשישע און עסטרייכישע יידן נאָך דער מלחמה.

קוקט זיך צו, וואָס פאַר אַ בילד דאָס איז, אָבער לייענט פריער איבער דאָס קעפּל.

מיט גרויסע אותיות איז געווען אָנגעשריבן אַלס טיטל: „ראש השנה ה׳תרע״ה.

דאָס בילד האָט פאַרגעשטעלט פאָלגנדיקס:

אויף אַ פעלד, אונטערן פרייען, פאַרוואָלקנטן הימל און אַרומגערינגלט מיט אַ קרייז פון קאַנאָנען און קופּקעס אויפגעשטעלטע ביקסן, שטייט אַ רעגימענט פון דייטשישע זעלנער. דאָס דערקאָנט מען אויף זייערע קאַסקעטן און מונדירן. דאָס רוב פון זיי טראָגן אויף זייערע מונדירן טליתים און האַלטן אין די הענט... סידורים. אין זייערע פּנימער איז קאָנטיק, אַז זיי טוען תפילה מיט גרויס כוונה. אַנדערע פון זיי טוען עס אָן טליתים. עס מאַכט עפּעס אַ קרענקלעכן איינדרוק דער דאָזיקער קאָנטראַסט; דאָס הייליקע קלייד אַנטקעגן דעם בלוטדורשטיקן דייטשן מונדיר. אַלע שטייען זיי אויסגעשטעלט אין רייען מיטן פּנים צום מזרח. דאָרט אין מזרח־זייט ביי אַן עמוד, אָנגעטאָן אין אַ קיטל און אַ טלית מיט אַ חזנישע יאַרמלקע אויף דעם קאָפּ, שטייט דער שליח־ציבור און דאַוונט פאַר דעם עולם. לינקס אַביסל אָפּגערוקט פון דעם עמוד געפינט זיך אַן אָפענער ארון־קודש מיט צוויי רייניקייטן...

— עס איז זייער אַן אינטערעסאַנט בילד, האָב איך צום קראַנקן אַ זאָג־געטון. עס וועט אין דער צוקונפט זיין אַן עדות, ווי וויט יידן האָבן מיט זייער בלוט און פלייש פאַרטיידיקט די ערע פון דייטשלאַנד. ווער קאָן אָבער באַגרייפן וויפל רוסישע, ענגלישע און פראַנצויזישע ברידער זייערע זענען דורך זיי געפאַלן אויף דעם שלאַכטפעלד. און פאַרקערט...

— אַט טאַקע וועגן דעם ווען מיר רעדן, האָט ער געזאָגט.

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אַן זיין צוקאָפּנס און האָט אָנגעפאַנגען:

— עס איז געווען אין מאָנאַט סעפּטעמבער פון 1915, מ׳האָט מיר אויסגעטאָן מיין סטודענטישן אינזשיניער־מונדיר און מ׳האָט אויף מיר אַרויפגעצויגן דעם רוסישן סאָלדאַטסקען שינעל און כמעט גלייך אָפּגעשיקט צום רוסיש־עסטרייכישן פראָנט.

איך האָב איבערגעלאָזט אין דער היים אַלטע טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן גע־פירט אַ באַשיידן באַלעבאַטיש לעבן. מיין פאָטער האָט פאַרמאָגט אַ צוקער־

זאוואָד נישט ווייט פון קיִעוו, פון וועלכן עס האָבן געצויגן חיונה אַ סך ייִדישע און קריסטלעכע פאַמיליעס.

איך, אַלס בן־יחיד, ווייל עס האָט זיך ביי זיי קיין קינדער נישט געהאַלטן, בין געווען זייער איינציק אויג אין קאָפּ. איז געקומען די מלחמה און האָט ביי זיי דאָס דאָזיקע אויג פון קאָפּ אַרויסגעריסן.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענעם מאָמענט פון מיין געזעגענען זיך מיט זיי. ביז מ׳וועט מיר לייגן שערבלעך אויף די אויגן, וועט אין מיינע אויערן נישט אויפהערן צו קלינגען דאָס יאָמערלעכע וויי־געשריי פון מיין פאָטער וואָס האָט אָפּגעהילכט אין דעם גרויסן גערדיכטן וואַלד הינטערן שטעטל, פאַרביי וועלכן עס האָט זיך אַוועקגעטראָגן דאָס פערד און וועגעלע מיטן בן־יחיד צו דער שחיטה — ביז איך בין נישט פאַרשוווּנדן געוואָרן פון זיינע אויגן, איז ער געשטאַנען אויף דעם פרייען פעלד אין יענעם פאַרנאַכט; און זיינע קולות האָבן מיר דורכגעלעכערט דאָס האַרץ.

מיין מוטער, אַ צעבראָכענע פון אַ סך שלאָפלאָזע נעכט, איז געבליבן אין שטוב אָן מאַכט, ליגן אויפן בעט. זי האָט איר „קאָנצערט״ אָפּגעגעבן אין שטוב...

4.

האָט איר שוין, הער דאָקטער אַמאָל געהערט דונערן, אין אַ שיינעם טאָג פון סוף זומער? דער הימל איבער אייער קאָפּ איז לויטער, די זון שיינט מיט פראַכט אויף גאָטס ערד וואָס איז באַשאַפן געוואָרן צום געניס פאַרן מענטשן, און דאָ הערט איר פּלוצים דונערן פון אַלע זייטן. העט־ווייט אויף דעם האָריזאָנט רויכערט זיך, אויף וויפל אייערע אויגן קענען פאַרכאַפּן. ביינאַכט, הינטערן אויסגעשטערנטן הימל קומט יעדער דונער באַגלייט מיט ריזיקע צונגען פייער, וואָס פּראַלן אַרויס פון טייוולאָנישע מיילער פון דאָרט, וווּ די ערד באַהעפט זיך מיטן הימל. ליגנדיק לעבעדיקערהייט באַגראָבן אין אַ טראַנשיי, ווענדעט איר אייערע אויגן צום הימל און עס דוכט זיך אייך, אַז אָט אַ די מילדע שטערן וועלן אָט־אָט באַלד אַראָפּנידערן אין אַ האָגל פון פייער. עס נעמט אייך אַרום אַ שרעק וואָס לאָזט נישט רוען, אָדער פאַרקערט, אַ פאַרלאַנג אַנדרימלט ווערן אויף אַלע אייביקייטן. אָט אַזוי זעט אויס דאָס שלאַכט־פעלד הינטערן פראָנט.

יענע נאַכט האָט זיך דער הימל פאַרצויגן מיט אַ דיקער כמאַרע און אַ שווערע פינצטערניש איז געלעגן אויף דעם שלאַכטפעלד. די קאַנאָנען זענען עפּעס יענע נאַכט שטום געוואָרן — אַזאַ רויִקע נאַכט האָבן מיר שוין לאַנג נישט געהאַט. אָט־אָ די טויטע שטילקייט האָט עפּעס געלאָקט און גערעגט די אויסגעמאַטערטע נערוון. מיר זענען געשטאַנען מיט די ביקסן געצילט צום פראָנט אַרויס־

קוקנדיק צו דער ים־פינצטערניש וואָס איז שווער געלעגן אויף מיין געמיט, און דאָ פאַלט אָן אַ חשק צו איינדרעמלען... וואָס לאָזט נישט שטיין אויף די פיס. פון צייט צו צייט פאַלט מיין קאָפּ אַנידער אויף דעם באַיאָנעט וואָס ליגט ביי דער זייט. פלוצים שטעלט זיך מיר פאָר ווי אַנטקעגן מיר שפּראָצט פון דער ערד אַרויס אַ מענטשלעכע פיגור איינגעהילט אין תכריכים. מיט לאַנגזאַמע טריט דערנעענטערט זיך אָט־אָ דער געשפּענסט און איך דערקאָן אין אים מיין טאַטנס גרייז־גרויען פּנים. גאַנץ נאָענט דערהער איך מיין טאַטנס קול:

— הער מיך אויס, זון מיינער. היינט איז די ערשטע נאַכט פון ראש־השנה. פאַר זון־אונטערגאַנג בין איך צו קבר־ישראל געקומען. זיי זיכער אַז דו וועסט ניצול־ווערן פון דער מלחמה. אָט האָסטו אַ סידורל און זאָלסט געדענקען מיין יאָרצייט...

— העי, העי, זשידאָק, וואָס גראַבלסטו ביי מיר אונטער דער ביקס? — האָב איך אויפכאַפּנדיק זיך, דערהערט פון מיין שכן, דעם רוסישן סאָלדאַט.

— גאָרנישט, גאָרנישט ברודער, — האָב איך נישט טויט און נישט לעבע־דיק אָפּגעענטפערט. איך בין אַנדרימלט געוואָרן, האָט זיך מיר עפּעס געחלומט...

— איז דאָס מעגלעך? מיין פאָטער איז טויט? די מלחמה האָט אים מקצר־ימים געווען, האָב איך געטראַכט.

איך בין שוין די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, און האָב זיך עטלעכע מאָל באַוואָשן מיט טרערן.

ווען עס האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, האָט דאָס פעלד אויסגעזען ווי איבערגעצויגן מיט אַ ווייסן וואַטאָוון דעק. אַרום מיר זענען עפּעס אַלע געווען ווי פאַרשיכורט.

און אין דער לופטן האָבן זיך געטראָגן פאַרשידענע קלאַנגען פון פייגל און פעלד־חיות וואָס האָבן אַזוי אַרום מקבל־פּנים געווען דעם נייעם טאָג, פּונקט ווי אין דער צייט פון שלום ושלווה אויף דער וועלט. אין יענעם פרימאָרגן האָט יענער אָרט גאָרנישט אויסגעזען ווי אַ שלאַכט־פעלד. אונדזער רעגימענט איז געלעגן באַהאַלטן הינטער דעם דינעם טומאַן, וואָס האָט מיטן זון־אויפגאַנג אָנ־געהויבן צעגיין און דאָס גרינע פעלד האָט זיך אַנטפּלעקט, זאַפטיק, פריש און פרוכטבאַר.

פלוצים איז די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ טראָמפּייט־סיגנאַל, אַ באַפעל צו אַטאַקירן דעם שונא. עס האָבן אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן פון דער ערד מענטשלעכע קעפּ און באַלד האָט אָנגעהויבן גרילצן און קנאַלן אין דער לופטן. עס איז געוואָרן אַ געלויף, אַ שיסעריי, די ערד האָט אַ ציטער געטון, דאָ און דאָרט האָבן שראַפּנעלן די ערד אויפגעריסן און ריזיקע קנוילן רויך און שטויב האָבן זיך צום הימל געטראָגן, צוזאַמען מיט מענטשלעכע אָפּגעריסענע אבֿרים. פון צווישן דעם גיהנום פייער, רויך און שטויב האָבן זיך אַנטקעגן אונדז

אַרויסגעשליכט די דייטשישע שדים־סילועטן מיט די באַיאָנעטן „נאַ שטיקי״, באַגלייט פון ריזיקע שווערע האַרמאַטן. עס האָט אויף אונדז געזומען פאַלן אַ האָגל פון פייער ווי אויף סדום ועמורה. —

וויפל צייט האָט אָט דער גהינום געבושעוועט געדענק איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז ווען עס איז שטיל געוואָרן, האָב איך מיך געפונען שטיין אין אַ לאַנגע רייע פון אַנטוואָפנטע רוסישע סאָלדאַטן, אַרומגערינגלט מיט באַוואָפנטע דייטשע זעלנער.

5.

דעם קראַנקנס רייד זענען מיט אַמאָל איבערגעהאַקט געוואָרן. ער האָט זיך מיטביידע הענט אַ כאַפּ־געטון ביים האַרצן און זיין פּנים איז געוואָרן בלאַס. זיינע אויגן האָבן געקוקט פאַרלוירן.

— וואָס איז אייך? — האָב איך אויסגעשריגן.

— שוין, עס איז פאַריבער, — האָט ער נאָך אַ טיפן זיפץ אַ זאָג־געטון. אָפטמאָל פּאַסירט עס מיר: איך דערפיל אַ שטאַרקן קלעם ביים האַרצן, אַז איך דערזע דעם טויט פאַר די אויגן. אַ גליק וואָס עס געדויערט נישט מער ווי אַ סעקונדע...

אין יענעם מאָמענט איז צוגעגאַנגען די באַרמהאַרציקע שוועסטער מיט אַ פלעשל „דיכיטאַלין״. זי האָט אָפּגעציילט צען טראָפּן אין אַ לעפל וואַסער און האָט דעם חולה איינגעגעבן.

— ער איז זייער אַ געהאַרכזאַמער חולה, האָט די שוועסטער זיך געווענדט צו מיר... — ווו האָט זיך צו אים גענומען אַזוי פיל שפּראַכן? — האָט זי זיך געחידושט. מיט מיר רעדט ער פראַנצויזיש, מיט זיין שכן, דעם רוס, רעדט ער רוסיש. מיט דעם מאַסאַזשיסט — דייטש, און מיט אייך רעדט ער אַן אַנדער דיאַלעקט. ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער האָט זי אונדז איבערגעלאָזט און איז אַוועק צו די אַנדערע אינטערנירטע.

דער קראַנקער האָט זי באַטראַכט, באַגלייט מיט די אויגן, און נאָכהער אַ זאָג־געטון:

— זי מאַכט מיר דערמאָנען אין יענער בעלגישער מאַנאַשקע, וואָס האָט מיך אַזוי באַדינט ווען איך בין געלעגן אַ „גראַניעטער״ (פאַרוווּנדעטער) אין מיליטער־לאַזאַרעט אין דער שטאָט ליעזש (בעלגיע).

— וואָס? איר זענט פאַרוווּנדעט געוואָרן? — האָב איך אים אַ פרעג־געטון.

— הערט־זשע וואָס ווייטער האָט פּאַסירט, — האָט ער ווי וועלנדיק אַנציִען

דעם איבערגעריסענעם פאָדעם פון דער געשיכטע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דערציילן:

— איידער די דייטשן האָבן אונדז געטריבן צום „פּלעץ״ האָבן זיי אונדז, די רוסישע, געגעבן אַ שטרענגן באַפעל צו באַגראָבן די געפאַלענע אויף דעם שלאַכטפעלד. און באַלד האָבן מיר זיך גענומען צו דער אַרבעט. אין איין הרף־עין איז אויסגעגראָבן געוואָרן אַ גרויסע קרקע און די טויטע זענען געשליידערט געוואָרן אַהין ווי געפגרטע שרצים. אָן אונטערשיד: דייטשישע אָפיצירן צוזאַמען מיט רוסישע כאַכלאַצקע פּאַראָבקעס אין שינעלן, זענען דאָרט אין דער אַלגעמיינער קרקע געלעגן געאָרעמט מיט צעשמעטערטע שאַרבנס, אויפגעריסענע הערצער, צעשניטענע בייכער מיט די געדערים אין דרויסן. ווי פאַרסמטע מיז זענען מיר געלאָפן הין־און־צוריק מיט די פגרים. פּלוצים בין איך אַ פאַרמאַטערטער געבליבן שטיין ביי אַ שרעקלעכער דערשיינונג: לעבן אַ קאַלוזשע בלוט איז געלעגן אַ האַלבער קערפּער פון אַ דייטשישן זעלנער איינגעהילט אין אַ... אַ... טלית!

אַ צעחושטער האָב איך מיך אָנגעבויגן גאַנץ נאָענט צו אים. ער האָט נאָך געזשיפּעט. אין דעם טיכל בלוט האָבן זיך געוויקעט שטיקער פלייש און צעשמעטערטע ביינער פון זיינע פיס.

— ברודער! — האָב איך נישט מיט מיין קול אויסגעשריִען צו אים אויף ייִדיש, — שטאַרק זיך, וועסטו געראַטעוועט ווערן.

דאַן האָבן זיך זיינע האַלב־טויטע אויגן אויפגעעפנט און מיט זיינע לעצטע כוחות האָט ער אַרויסגעשטאַמלט:

— ווער ביסטו?... אַ ייִד?... האָב זשע אויף מיר רחמנות. נאַ, דערשיס מיך אָדער דערוואָרג מיך.

איך האָב אָנגענומען אין מיין האַנט אַן עק פון דעם טלית און מיר האָבן זיך ביידע אַ ווײַלע שטום אָנגעקוקט.

— מיר האָבן תפילה געטון צו גאָט, —האָט ער שטיל געשעפּטשעט,— אַז אונדזערע גנאַדיקע קייזערס פראַנץ־יאָזעף און ווילהעלם זאָלן דעם קריג געווינען, האָבן אונדז די רוסן אָנגעגריפן.

ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פעלד און האָט אַ זאָג געטון:

— קוק ווי זיי ליגן דאָרט אַלע, טויט... אַפילו נישט אוספּייעט די טליתים אויסצוטון.

ער האָט זיך איינגעקלאַמערט אין מיינע הענט און האָט זיי צוגעטראָגן צו זיין האַלדז — דערוואָרג מיך! ברודער, האָט רחמנות... האָב רחמנות... — האָט ער זיך געבעטן...

ווען ער האָט מיך אָפּגעלאָזט, איז ער געלעגן טויט.

אין יענעם מאָמענט האָט איבער מיין קאָפּ אַ שטאַרקער דונער געטון און איך האָב פאַרלוירן דעם באַוווסטזיין.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָב איך זיך אויפגעכאַפּט אין אַ שפּיטאָל־זאַל צווישן פאַרוואונדעטע. דאָס איז געווען מיין ערשטער צוריקקער פון יענער וועלט.

— זאָל שוין זיין גענוג — האָב איך צום קראַנקן אַ זאָג־געטון, — לאָזט אַ ביסל איבער אויף מאָרגן, איר זענט מיד פון אַזוי פיל רעדן.

ביים אַוועקגיין האָב איך מיך באַגעגנט מיטן שעף.

— איר זעט, דאָקטער, — האָב איך אַ צופרידענער צו אים זיך געווענדט — דער צוועלפטער זעט אויס פּולקאָם געזונט. איר האָט געהאַט רעכט.

— אַ־יאָ? — האָט ער אַ שמייכל־געטון — אָבער פריי זיך נישט, יונגער־מאַן. אַט־אַט די לייט גזען אַוועק אַן אַ זיי־געזונט. פּונקט אין יענעם מאָמענט ווען דאָס לעבן גיט צו זיי אַ שמייכל, פאַרגלוסט זיך זייער האַרץ אויף אייביק אָפּצו־שטעלן. לאָמיר בעסער גיין מיטאָג־עסן. עס איז שוין שפּעט.

אויף מאָרגן, דעם צווייטן טאָג ראש־השנה, ווען איך בין אַריין אין דער פּאַלאַטע, האָב איך געטראָפן זיין בעטל ליידיק.

דער „קאַבאַ" האָט מיר דערציילט, מיט אַ ממזרישן שמייכל אויף זיין פּרצוף, אַז באַלד נאָך מיין אַוועקגיין, ווען מ׳איז געקומען דערלאַנגען דעם קראַנקן דאָס עסן האָט מען אים געטראָפן זיצן אַ טויטן אין דער זעלבער פּאָזע ווי איך האָב אים איבערגעלאָזט. אין זיינע אויסגעטריקנטע הענט האָט ער שטייף געהאַלטן דאָס פּעקל פּאַפּירן מיט דער קאַרטע. מיט גרויס מי, האָט מען ביי אים דאָס פּעקל פון די הענט אַרויסגעריסן צו פאַרברענען דאָס, צוזאַמען מיט זיין אַנטאָן.

פון יענעם ראש־השנה זענען אַוועק זעכצן יאָר. דער קראַנקער און די געשיכטע וואָס ער האָט מיר דערציילט זענען מיר אַרויס פון זינען. געוואָלט האָט אָבער דער צופאַל, אַז זיין געדעכעניש זאָל פאַראייביקט ווערן אין מיין זכרון.

דאָ נישט לאַנג, ביי אַ גאַליציאַנער שניידער, אין וויזשאַ־קרעספּאַ, האָב איך באַגעגנט העגנען אויף אַ וואַנט פון זיין „טאַזשערל" דאָס בילד אין גרויסן פאַר־מאַט, וואָס יענער קראַנקער האָט מיר געוויזן מיט זעכצן יאָר צוריק. אַ פאַרגלי־ווערטער בין איך געבליבן שטיין אַנטקעגן דעם בילד. שטיל, בלחש, האָב איך געגומען שעפּטשען „אל מלא רחמים"... פאַר די קדושים און די געלייטערטע וואָס קומען איצט אום אויף קידוש־השם דורך די היינטיקע דייטשישע רוצחים. און ווען איך האָב מזכיר געווען די נשמות פון די געהרגעטע, געשאָכטענע און מיט גאַז־פאַרגיפטעטע ברידער אונדזערע, איז מיר ענג געוואָרן אין האַלדז, און צוויי הייסע זודיקע טרערן האָבן זיך מיר אַראָפּגעקייקלט פון מיינע אויגן.

זיידל, דער נאַראָדיטשער

1.

— האָט קיין פּאַראיבל נישט — האָט זיך די פּרוי אָנגערופן צו מיר, ווען איך האָב נאָר איבערגעטראָטן די שוועל.

די שוויגער איז נאָר־וואָס אַנטשלאָפן געוואָרן; איך וואָלט זי נישט געוואָלט אויפוועקן, אַז איר זאָלט זי באַטראַכטן. שוין פיר נעכט, אַז מיר שלאָפן נישט צוליב איר קרעכצן און שרייען. איך האָב מורא, אַז אויב זי וועט זיך אויפכאַפּן, וועלן מיר היינטיקע נאַכט אויך האָבן אַ ביטערע. איך האָב נאָר־וואָס גערעדט דורכן טעלעפאָן, אַז איר זאָלט נישט קומען. אָבער איר זענט שוין געווען אַרויס־געפאָרן, אַנטשולדיקט מיר.

איך בין געבליבן שטיין אויף דער שוועל און באַטראַכט דאָס ביסל אָרעמ־קייט, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען. זי, די פרוי, וואָס האָט גערעדט צו מיר, האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ שווינדזוכטיקער. צוויי שוואַרצע רינגען אַרום אירע פאַרמאַטערטע אויגן האָבן צוזאַמען מיט אירע איינגעפאַלענע באַקן עדות געזאָגט, אַז זי לעבט נישט קיין האַניק ביי איר מאַן. אויף אירע הענט האָט זי געהאַלטן אַ קינד פון אַ יאָר צוויי, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ צוקונפטיקן אידיאָט, ווייל אַזאַ שטעמפּל איז געלעגן אויף זיין פּנימל.

פון סופיט איז אַראָפּגעהאַנגען דאָס עלעקטרישע לעמפּל, וואָס האָט קוים באַלויכטן דאָס צימער. אין מיטן צימער — אַ פיר־עקיקער טיש מיט פיר בענק־לעך, און ווייטער זענען געשטאַנען בלויז בעטן מיט צונויפגעוואָרפן בעטגעוואַנט. אויף איינעם פון די בעטן מיט פאַרזשאַווערטע אייזערנע פאַרענטשעס, וואָס עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט פאַלן זיי איין, איז געלעגן איינגעקאָרטשעט אין אַ שמאַטאָון אָנטאָן, די אַלטע שוויגער.

דאָס שוואַרצע טיכל, וואָס איז געווים יאָרנלאַנג נישט אַראָפּ פון איר קאָפּ, איז איצט געווען אַביסל פאַרריסן און האָט אַנטפּלעקט אַ גרייז־גרויען קאָפּ מיט צעשויבערטע האָר.

אַ זשמוט פון אַט די האָר איז געווען איינגעפלאָנטערט צווישן אויסגעדאַרטע צעדרייטע פינגער פון דער לינקער האַנט, וואָס די אַלטע האָט געהאַט צוגע־קוועטשט צו איר ברוסט. דאָס פּנים אירס צו דער וואַנט, איז געלעגן אין שאָטן און האָט אַריינגעכאַרכלט אין דעם פאַרפּעצטן קישן אַריין ביים צוקאָפּנס.

— פאַרוואָס האָט איר מיך פריִער נישט גערופן? — האָב איך אַ פרעג־געטון דער פרוי.

— וואָס איז דען דאָ וואָס צו פרעגן? — האָט זי מיט פאַראַכטונג אַ זאָג־געטון, — איך האָב דען געהאַט פאַר וואָס צו רופן אַ דאָקטער? מיר האָבן אַלץ געמיינט, אַז מען וועט זיך קאָנען באַגיין אָן אייך. אָבער, סוף־כל־סוף... אויף דעם רוח געפינט זיך... האָב איך אייך אַרויסגערופן.

זי האָט מיר צוגעוואָרפן דעם דאָזיקן קאָמפּלימענט מיט אַ גאַל־ביטער שמייכעלע אויף איר פאַרוועלקט פּנים און מיינענדיק, ווייזט אויס, אַז איך בין „עפּעס" אויסן פאַר מיין טרחה, האָט זי אויסגעשטרעקט איר האַנט מיט עטלעכע פּעזעס און האָט זיי אַ פּאָכע־געטון פאַר מיינע אויגן.

— באַהאַלט דאָס געלט, — האָב איך צו איר אַ זאָג־געטון... — איצט איז ניין אַזייגער אין אָוונט, אַרום איינס ביינאַכט וועל איך דורכפאָרן דורך דאַנעט, אויב מיין הילף וועט זיך פאָדערן, זאָלט איר לאָזן אָנגעצונדן דאָס לעמפּל, און זעענדיק דורך דעם פענצטער, אַז ס'איז ליכטיק, וועל איך אַריין. אויב נישט, וועל איך פאָרן, ווייטער מיין וועג.

— ווי איר ווילט. איך דאַנק אייך, — האָט זי איצט שוין אַביסל מילדער און פאַרשעמט אָפּגעענטפערט.

ווען איך בין אַרויס אין דרויסן, בין איך אַ ווײלע שטיין געבליבן, ווייל איך האָב עפּעס אין יענעם מאָמענט פאַרלוירן דאָס אָריענטאַציע־געפיל. ביסלעכווייז האָב איך מיר אַרומגעזען, אַז איך געפין מיך אין אַן איין־קוואַדראַ געסל. פון איין זייט די שורה הייזער און פון דער אַנדערער זייט דער פינצטערער און פאַרלאָזטער בנין פון דער „פאַבריקאַ וואַסענאַ".

דאָס געסל טראָגט אַ נאָמען וואָס קאָן דינען פאַר אַ סימבאָל.

2.

נישט מער ווי אַ האַלבע קוואַדראַ פון דער ראַשיקער גאַס „סאַן כואַן", די זעלבע, וואָס די „גרינגע", נאַר־וואָס געקומענע פלעגן רופן צו יענער צייט, די צווײ־גאַרנדיקע טראַמווייען־גאַס, ליגט עס, דאָס געסל „באַרקאַלאַ". אַ נאָמען פון אַ נעגער, אַ זון פון פאַרשקלאַפטע עלטערן, געבוירן אין מענדאָסאַ. לאָרענסאָ באַרקאַלאַ האָט אָבער געהאַט דאָס גליק צו קומען אויף דער וועלט, ווען עס האָבן

געדאַרפט שלאָגן די לעצטע שעהן פון דער שפּאַנישער הערשאַפט אויף די ברעגן פון לאַ פּלאַטאַ טייך. פרייערע ווינטן האָבן אָנגעהויבן בלאָזן אויף די שפּאַנישע קאָלאָניעס פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ אין מזרח־זייט, ביז אַריבער די אַנדן־בערג אין מערב זייט.

פּונקט ווי די זון שיינט־אויף אין מזרח און ברעגנגט מיט זיך אַ נייעם ליכטיקן טאָג, אַזוי האָט דעם 25סטן מאַי פון 1810 אַ שטראַל־געטון מיט ליכט פון פריי־הייט, און די פאַרשקלאַפטע קינדער זענען דערקלערט געוואָרן פריי אין יאָר 1813.

אָנקומענדיק אין מיליטער־דינסט, האָט דער באַפרייטער באַרקאַלאָ זיך אויס־געצייכנט מיט זיינע מיליטערישע פעיִקייטן און איז געשטיגן פון איין ראַנג צום צווייטן, ביז ער איז געוואָרן אַ קאַראַנעל.

מיט מסירת־נפש און בראַוווּר, האָט באַרקאַלאָ געקעמפט קעגן די אינערלעכע און אויסערלעכע אַרגענטינער שונאים און איז געפאַלן טאַקע ווי אַ העלדישער סאָלדאַט אויפן שלאַכטפעלד. דערפאַר איז זיין נאָמען פאַראייביקט געוואָרן, כאָטש מיט אַן איין־קוואַדראַ־געסל אין בוענאָס־איירעס.

עס איז אָבער באַשערט געווען, אַז זיין נאָמען, אויסגעקריצט אויף די פיר ראָג־געביידעס פון געסל, זאָל אין פאַרלויף פון אַ סך יאָרן צוזען מענטשלעכע עלנט און פּיין הינטער די ווענט און אַרום דער געביידע פון דער „פאַבריקאַ וואַ־סענאַ״, וואָס האָט געהאַט איר הויפּט־אַריינגאַנג אין יענעם געסל.

איצט גרענעצט זיך דאָס מיט דעם שפּאָגל־נייעם שפּאַציר־גאָרטן, וואָס הייסט „פּלאַסאַ מאַרטין פיעררא״.

קיין שפּור, קיין זכר איז דאָרט נישט פאַרבליבן פון דער „פאַבריקאַ וואַסענאַ״, וואָס האָט אין פאַרלויף פון אַ יאָר צוואַנציק געפּוסטעוועט. ביז דאָ נישט לאַנג האָט יענער דריי־גאָרנדיקער בנין געדינט אַלס אַ סימבאָל פון שקלאַפן־צייטן. אַ מאָדערנער פּיראַמיד, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צו דער גאַס דורך אַן אַ שיעור פענצטער מיט אויסגעהאַקטע שויבן.

די אויגן־לעכער פון אַ מענטשלעכן שאַרבן רופן ביי מיר געוויס נישט אַרויס אַזאַ גרויל ווי יענע פון קוילן דורכגעלעכערטע שויבן.

די פּוסטקייט, וואָס האָט אַרויסגעאָטעמט פון דאָרטן, האָט אָנגעפילט די אַרו־מיקע לופט מיט עפּעס עקלהאַפטעס: אַז די דורכגייער פלעגן זיך צואיילן און דורכלויפן וואָס גיכער יענעם קוואַרטאַל, איינהאַלטנדיק בעת־מעשה דעם אָטעם.

זעלטן, זעלטן פלעגט זיך איינער אָפּשטעלן און אַריינקוקן דורך אַן אויסגע־האַקטער שויב. דאַן פלעגט זיך פאַר זיינע אויגן אַנטפּלעקן אַ סך זאַכן, וואָס האָבן מיט זייער שטומער שפּראַך, עדות־געזאָגט פון מענטשלעכן שווייס און בלוט־פאַר־גיסונג אין דעם לעבנס־קאַמף.

דאָ און דאָרט זענען געשטאַנען קאַלך־אויוונס, אין וועלכע עס האָט זיך גע־

דוכט, אַז עס טליִעט נאָך היינט עפּעס פון יענעם גהינום־פייער, וואָס האָט פאַר־וואַנדלט אַמאָל דורך טעג און נעכט, אייזן אין שטאָל.

די נפשות, וואָס האָבן זיך אַרום זיי געפּאָרעט האָבן אַפילו ווינטער־צייט גע־אַרבעט האַלב־נאַקעט. זייערע לייבער האָבן זיך געברענט און געבראָטן אַנטקעגן יענע שמעלץ־קעסלען. ווי רויטע שדים אין אַ ווילדן קאַראַהאָד האָבן זיי אויסגעזען ביי דער אַרבעט.

פון צייט צו צייט פלעגט אַ רויטע ברענענדיקע פליסיקייט אַרויסשטראָמען פון ערגעץ. דאָס האָבן מעכטיקע הענט געעפנט אַ זייטיקן אַרויסגאַנג פון אויוון, דורך וועלכן דער צעשמאָלצענער טשוגון האָט זיך אַריינגעגאָסן אין פאַרשידענע אויסגעאַרבעטע פאָרמען. פאַרלאָזט זענען געשטאַנען אַ סך יאָרן די קאָוואָדלעס, אויף וועלכע עס האָבן אַמאָל געליאַרעמט מעכטיקע האַמערס אויף פייערדיקן אייזן.

ביי טאָג און ביינאַכט האָט דאָרטן געהאַמערט און געדונערט, אַז די ערד האָט געציטערט.

הין און צוריק זענען געלאָפן דורך די גאַסן ריאַכאַ און וויזשאַ אורקיסאַ, אַנגעלאָדענע טשאַטעס (לאַסט־וועגענער), פון וועלכע מ׳האָט געקאָנט אַראָפּלייענען דעם נאָמען „וואַסענאַ״ מיט בלוט־רויטע, גרויסע בוכשטאַבן.

דאָס האָבן זיי אָוועקגעפירט די אייזערנע סחורה צו די גרויסע סקלאַדן, וואָס „וואַסענאַ״ האָט געלאָזט אויפבויען אויף יענער זייט „ריאַטשוועלאַ״.

ווען אָט דאָס טייכל זאָל אין אַ געוויסן טאָג באַקומען לשון, וואָלט עס דער־ציילט פון שרעקלעכער נויט און פּיין, וואָס מענטשן האָבן געליטן אַרום זיינע ברעגן, ווייל דאָרט האָבן טאָקע געוווינט אין שטיבלעך צונויפגעקלאַפּט פון בלעכענע קעראָסין־פּושקעס, וואַסענאַס אַרבעטער.

אַלע אומות פון דער גאָרער וועלט זענען געווען פאַרטראָטן אין יענער פאַבריק. אַ מיש־מאַש פון לשונות האָט מען דאָרט געהערט, ווען די אַרבעטער האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד אַרום דעם בנין אין דער שעה פון מיטאָג־עסן.

שווער איז געווען צו אונטערשיידן איינעם פון צווייטן, ווייל זייערע אויסגע־שמירטע פּנימער און זייער אָפּגעריסענער און פאַרלאַטעטער הילוך האָט זיי גע־געבן עפּעס אַ מאָדנעם ענלעכן אויסזען, גלייך ווי איין שוואַרצע בייזע מאַסע וואָלט זיי אין אַ פינצטערער שעה אויף דער וועלט געבראַכט.

אַ שטראָם פון אָפּגעלעבטע מענטשלעכע שאָטנס, פלעגט די פאַבריק דריי מאָל אין מעת־לעת אויסשפּייען צום איין־קוואַדרע געסל „באַרקאַלאַ״ נאָך דעם הייזעריקן פייף, וואָס האָט זיך פון וואַסענאַס פאַבריק טרויעריק צעטראָגן איבער דער גאַנ־צער געגנט.

3.

אַנטקעגן דער פאַבריק, אויף באַרקאַלאַ, אין אַ קליין שטיבל מיט גראַטעס אויף די פענצטער, לויט דעם קאַלאָניאַלן סטיל, ענלעך צו די שטיבלעך, וואָס מען זעט נאָך עד־היום אויף באַלקאַרסע, אין דער געגנט פון „סאַן טעלמאָ״, האָט אין יענער צייט געוווינט אין איינזאַמקייט אַ מענטש אין די דרייסיקער. זיין הויכע ברייט־ביינערדיקע פיגור, זיינע שטייפע און פעסטע אָרעמס, זיין פאַרפלאַמט פּנים האָט ביי מיר אַרויסגערופן עפּעס אַ מאָדנעם געפיל, ווען איך האָב אים צום ערשטן מאָל דערזען. ביז איך האָב אים נישט דערהערט רעדן, האָב איך נישט געוואָלט גלייבן, אַז ער איז אַ ייִד.

מיר האָבן דאַן געוווינט אין געגנט פון „פּאַרקע דע לאָס פּאַטריסיאָס״, צווישן אַ קליינער געמיינדע ייִדן האַרעפּאַשניקעס, וואָס האָבן געאַרבעט ביי קאַסימירא גאַמעז, אין דער גאַרבאַרניע. זיי האָבן דאָ געפירט אַ „סאָלטערסקע״ לעבן.

כמעט אַלע שבת אין אָוונט פלעגן זיי זיך פאַרזאַמלען ביי אונדז אין שטוב און פאַרברענגען אין אַ היימישער סביבה, ביז נאָך האַלבער נאַכט. „אים״ פלעג איך באַגעגענען זיך אַרומבלאָנקען איינער אַליין אין די זונטיקדיקע פאַרנאַכטן אין דעם פּאַרק.

איינמאָל האָט מען אים אויך געבראַכט צו אונדז און מ׳האָט אים פאַרגעשטעלט פאַר מיין פאָטער ע״ה. אַזוי אַרום איז ער אויך געוואָרן אַן אָפטער אַריינגייער צו אונדז. מען האָט אים גערופן „זיידל דער נאַראָדיטשער״. ער איז געווען דער איינציקער ייִד, וואָס האָט געאַרבעט ביי וואַסענאַן.

מען האָט זיך דערוווּסט, אַז אין דער היים איז ער געווען אַ קאָוואַל. ער האָט דאָרט הינטער זיין שטעטל אויף דער „סלאָבאָדע״ געהאַט אַן אייגענע קוזשניע, אין וועלכער ער פלעגט אַרבעטן פון באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט. ער האָט שטענדיק צו־טון געהאַט מיט שיכורע מוזשיקעס, מיט רוסישע כאַמסקע אויסוווּרפן. מאַנכעס מאָל האָט ער אויך געמוזט שעהנלאַנג אַרבעטן אומזיסט פאַר „נאַטשאַלס־טווא״ און נאָך יעדן טאָג אַרבעט פלעגט ער אַריינפאַלן אַ טויט־מידער אין שטוב, און ווי אַ געהרגעטער אַנטשלאָפן ווערן ביי דער אָרעמער וועטשערע. ערשט אין די שבתים און יום־טובים האָט ער זיך געקאָנט אַרומקוקן אויף זיין פרוי און די צוויי קינדער.

דערווייל האָבן זיך די יאָרן גערוקט.

איינמאָל, אין אַ געוויסן טאָג, האָט ער באַקומען אַ גרוס פון זיינעם אַ קוזין אויך פון פאַך, אַ קאָוואַל, וואָס איז אַוועק קיין נאָרד־אַמעריקע, אַז יענער האָט זיך דאָרט דערשלאָגן צו אַ פאַך, וואָס ברענגט אים גרויסע פאַרדינסטן. ער איז גע־וואָרן אַ טעכניקער פון אויטאָמאָבילן אין פילאַדעלפיע און איז אַ מענטש מיט לייטן גלייך.

פון דאַן אָן, איז ביי זיידלען דעם נאַראַדיטשער געבוירן געוואָרן דער געדאַנק זיך אַוועקצולאָזן אין דער וועלט, און ער האָט געגומען חלומען פון יענעם לאַנד, ווו מ׳קלייבט די דאָלאַרן מיט דער זשמעניע ממש.

אַ לאַנגע צייט האָט ער אין דער שטיל זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק, ביז ער האָט מער נישט אויסגעהאַלטן און האָט דעם סוד אַנטפּלעקט פאַר שיינדלען, זיין פרוי.

אַראָפּרעדנדיק זיך פון האַרצן, האָט זיידל דערציילט פאַר מיין פאָטער מיט טרערן אין די אויגן:

— אין יענער נאַכט, ווען איך האָב אָפּגעמאַכט מיט מיין שיינדלען, אַז איך פאָר אַוועק, האָב איך געחתמעט מיין אורטייל צו אייביקן אָפּשייד. זי האָט מיך אויסגעהערט און געשוויגן. שטענדיק האָט זי פון דאַן אָן געקוקט אויף מיר מיט טרויעריקע בליקן. אַזוי שטיל, שטומערהייט, האָט זי מיר געהאָלפן איינפּאַקן; שטומערהייט, גלייך ווי דאָס לשון זאָל ביי איר געווען אָפּגענומען ווערן, האָט זי מיך באַגלייט צום באַן...

דאָרט אויפן „פּלאַטשטאַד״, אין מיט פון דעם מענטשן־אַנגעלויף און געפּילדער, האָט זי אירע טרויעריקע אויגן נישט אַראָפּגענומען פון מיר און געשוויגן.

— רעד, שיינדעלע, איך בעט דיך. זאָג, אַז איך זאָל נישט פאָרן. בלייב אין דער היים, — האָב איך זיך ביי איר געבעטן און זי האָט געשוויגן. און אויף איר קוקנדיק זענען אויך מיינע צוויי קינדער, אַ יינגל און אַ מיידל, געשטאַנען שטום.

אַ פאַרשטיינערטע, מיט פאַרלאָפענע אויגן, האָט זי אויפגענומען מיין לעצטן קוש.

ווען די באַן האָט גערירט, האָט זיך מיר עפּעס אין האַרצן אָפּגעריסן. עס איז מיר באַלד איבערגעלאָפן דער געדאַנק, אַז איך וועל זיי שוין מער נישט זען.

— פאַרוואָס רעדט איר אַזוי? — האָט מיין פאָטער געפּרוווט באַרויקן זיידלען, וואָס האָט אין יענעם מאָמענט געכליפּעט ווי אַ קליין קינד, — ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועט די וועלט ווערן אָפן און איר וועט זיך קאָנען דורכשרייבן מיט אייער פרוי און קינדער. שוין לאַנג, אַז איר האָט נישט קיין בריוו פון זיי? — האָט מיין פאָטער דריייסט אַ פרעג־געטון.

— וועלכער בריוו? וואָס בריוו? — האָט ער אויסער זיך פון פאַרצווייפלונג אַ מאַך־געטון מיט זיינע פעסטע הענט. — ווען איך בין דאָ אַראָפּ פון שיף, האָב איך מיך ערשט דערוווּסט, אַז עס האָט אויסגעבראָכן די מלחמה, און שוין. אויף וויפל בריוו איך האָב געשריבן, האָב איך קיין ענטפער נישט באַקומען.

— אָבער, איך פאַרשטיי נישט, — האָט, נאָך אַ קורצער פּויזע, מיין פאָטער אים אַ פרעג־געטון — ווי קומט איר גאָר אינגאַנצן אַהער? איר האָט דאָך געזאָגט, אַז איר האָט אַ קוזין אין נאָרד־אַמעריקע, אין פילאַדעלפיע.

— יאָ, מיין פריינט, — האָט ער שאָקלענדיק מיטן קאָפּ געשטאַמלט, — מיין

מאַרשרוט איז טאַקע געווען אַהין, קיין פילאַדעלפיע, אָבער קומענדיק קיין ברעמען, האָט מען מיר פאַרדרייט דעם קאָפּ מיט אַרגענטינע, וואָס האָט געקאָסט ביליקער.

אַזוי אַרום בין איך פאַרוואָרפן געוואָרן אַהער, אין אַ ווילד־פרעמד לאַנד, אָן פריינד.

— נו, זאָל שוין זיין גענוג, זיידל! — האָט מיין פאָטער אים געטרייסט — איר וועט דאָ נישט פאַרפאַלן ווערן. גייט אַהיים און באַרויקט זיך.

— אוי, מיין פריינט, איך קאָן אָן איר נישט לעבן, — איז ער וויינענדיק אויף אַ קול אַרויס אין דרויסן. ביי מיין פאָטער האָבן זיך אויך באַוויזן טרערן.

4.

עס איז געווען אין אָוונט פון 31סטן דעצעמבער פון 1918. מיט גרויס ענטו־זיאַזם און יובל האָט בוענאָס־איירעס זיך געקליבן צו פייערן דעם ערשטן ניי־יאָר נאָך דעם איראָפּעישן בלוט־באָד.

באַלד, נאָך זון־אונטערגאַנג האָבן זיך שוין אויף די גאַסן געלאָזט הערן און זען די „פּעטאַרדאָס", וואָס האָבן פאַרהילכט די אויערן, צחאַמען מיט אַ סך קנאַ־קענדיקן פייערווערק.

דער אָוונט איז געקומען נאָך אַ הייסן קאָכעדיקן טאָג. נישט קענענדיק איינ־זיצן אין די ענגע צימערן צוליב דער דושנעקייט, וואָס די פייכטע היץ האָט פאַר־אורזאַכט, זענען די איינוווינער פון פאַרקע דע לאָס פּאַטריסיאָס, קינד־און־קייט, געזעסן אויף די טראָטואַרן אין דרויסן און געפאָכעט מיט דער נשמה און גע־לעכצט נאָך אַ ווינטל, וואָס זאָל כאָטש אַביסל אָפּקילן די „ריטשקעס" שוויס וואָס האָבן זיך פון יעדן יגעגאָסן.

אין יענעם אָוונט איז מיין פאָטער אומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן עס־צימער און געהאַלטן אין איין איבערחזרן, אַז זיידל דער נאַראַדיטשער איז שוין לאַנג נישט געווען ביי אונדז אין שטוב, מ'וואָלט געדאַרפט געוואויר ווערן וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אים.

— גיי שוין, גיב אַ קוק וואָס ער טוט דאָרטן, — האָט מיין פאָטער מיך געבעטן און איך האָב טאַקע גלייך געפאָלגט.

דאָרט, אויף באַרקאַלאַ, אין זיין צימער, איז געזעסן אַ פאַרשוין אין אַ קויטיקן אויסגעלאַטעטן מלבוש.

אָנגעשפאַרט מיט בײדע עלנבויגנס אָן טיש, האָט ער זיך געהאַלטן מיט ביידע הענט ביים קאָפּ. זיין אויסגעשמירט פּנים, צוליב זיין אַרבעט, האָט אין ערשטן אויגנבליק זיך נישט געלאָזט דערקענען אונטער דער שוואַכער שיין פון קאַניצל, וואָס האָט געררייכערט אויפן טיש.

דער פֿאַרשוין איז געזעסן ווי אַ באַנומענער, פֿאַרכאַפּט אין עפּעס וועד ווייסט וואָס פֿאַר אַ משוגעת. ער האָט זיך אַפֿילו פֿון אָרט נישט אַ ריר־געטון. ווען איך בין צו אים גאַנץ נאָענט צוגעגאַנגען, האָב איך מיך גוט געמוזט צוקוקן, ביז איך האָב אים דערקענט; עס איז נישט געווען קיין אַנדערער ווי זיידל, וואָס איז האַלב מענטש געוואָרן, גאָרנישט דער זעלבער. אויפֿן טישל איז געשטאַנען אַ פֿלאַש „אַכענכאַ״, איינע פֿון די מעכטיקסטע אַלקאָהאָל־גיפֿטן, וואָס האָט אַ טויט־ביטערן טעם, וואָס פֿירט אָבער אַריין דעם טרינקער אין אַ וועלט פֿון אנגענעמע אילוזיעס. דעם טרינקערס מוח ווערט פֿון די ערשטע טראָפּנס אַזוי אויפֿגערייצט צום גוטן, אַז דער שיכור ווערט זוי דורך אַ כישוף אַרויסגעריסן פֿון זיין מרה־שחורהדיקער וועלט און גייט־איבער אין אַ סביבה פֿון לויטער פֿאַרגעניגן, פֿון פּראַכט און גלאַנץ.

וואָס שענערע און בעסערע איינדרוקן דער מוח האָט אויפֿגעכאַפּט אין פֿאַר־לויף פֿון לעבן, אַלץ מער תענוג פֿאַרשאַפֿט דער „אַכענכאַ״ דעם קרבן וואָס גיט זיך אים איבער. ווי עס פּאַסירט מיט סך אַזעלכע גיפֿטן, ווערט דער אָרגאַניזם צוגע־ווינט און מיט דער צייט דאַרף דער טרינקער באַנוצן אַלץ מער „אַכענכאַ״ אויף צו באַקומען דעם פֿאַרלאַנגטן עפֿעקט.

זיידל האָט, ווייזט אויס, אין יענעם ניי־יאָר אָוונט, אויסגעטרונקען דעם ביטערן טראָפּן ביזן דנאָ. די פֿלאַש און דאָס גלאָז אויף זיין טישל זענען געשטאַנען ליידיק, און ער האָט אויסגעזען שרעקלעך שיכור.

פֿון צייט צו צייט האָט זיך זיין פֿאַרשוואָלענער שיכורער פּנים העסלעך פֿאַר־קרומט, נישט אָפּרייסנדיק זיינע אויגן פֿון רויכנדיקן קאַניצל. ער האָט בעת־מעשה הייזעריק אַרויסגערעוועט שיינדלס, זיין פֿרויס נאָמען. ער האָט זי גערופֿן, פּונקט ווי זי זאָל זיך געפֿינען נאָענט נעבן אים.

מיט זשעדנעקייט און ליידנשאַפֿט האָט ער זיך געבעטן ביי איר, אַז זי זאָל אים נישט אַזוי גיך איבערלאָזן... ווען נישט ווען, האָט ער מיט עקסטאַז אויסגע־ברומט:

— וואָס איילסטו זיך אַזוי, טייערע? רעד, שיינדעלע, וואָס שווייגסטו? שטענדיק שווייגסטו...

ער איז פֿון מינוט צו מינוט געוואָרן נערוועזער און זיינע הענט האָבן גע־נומען אַרבעטן אַרום זיינע אויגן, ווי איינער, וואָס וויל עפּעס זען קלאָר און דערזעט נישט.

פּלוצים האָט זיך פֿון דרויסן, דורך דער אָפֿענער טיר פֿון זיין צימערל דער־הערט אַ גרויסער מאָדנער טומל, ענלעך צום זשום פֿון אַ ריזיקן בינשטאָק. גלייך ווי די גאַנצע שטאָט זאָל געווען פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ נעסט פֿון בינען. דאָס האָט זיך אין דער לופֿט געטראָגן דאָס פּייפֿעריי פֿון אַלע פֿאַבריקן פֿון בוענאָס־איירעס, פֿון די שיפֿן ביים פּאָרט, פֿון די לאָקאָמאָטיוון אויף די באַן־ליניעס. אַ קנאַלן פֿון פּעטאַרדעס און פֿייערווערק צוזאַמען מיט רעוואָלווער־שאָסן, באַגלייט

אין יענעם מאָמענט דעם אויסגאַנג פון 1918 און דעם אָנקום פון 1919. עס איז געווען פונקט צוועלף ביינאַכט...

אין יענעם מאָמענט האָב איך געזען ווי זיידל ווערט אויסער זיך פון צאָרן, וואָס דאָס פּייערן פון ניי־יאָר שטערט אים, אפנים, אין זיין איינזאַמען גן־עדן. האָט ער מיט זיינע פויסטן זיך צוגעקוועטשט די אויערן, אַז די אויסערלעכע קלאַנ־גען זאָלן נישט שטערן די אינערלעכע, וואָס דער אַלקאָהאָל האָט אין אים אַרויס־גערופן.

אַ צעטומלטער און שטאַרק אויפגערעגטער, האָט ער געקוקט אין אַלע זייטן מיט צעשראָקענע אויגן, ווי איינער זוכט אַ שונא וואָס לויערט.

מיך האָט ער זיכער נישט געזען, כאָטש זיין בליק איז נישט איינמאָל געפאַלן אויף מיר. ער האָט זיך געריסן פון בענקל, ווו ער איז געזעסן, אַפנים געוואָלט לויפן, אָבער עס איז געווען אומזיסט זיין אָנשטרענגונג. קאָנטיק, אַז די אומזיכט־באַרע קראָפט פון דעם „אַכענבכאָ" האָט אים שטאַרק געהאַלטן צוגעקלעמט צום בענקל. אַ מאָדנער גוראַנגל איז אַנטשטאַנען צווישן אים און אָט דער גיפטיקער מאַכט, וואָס פריער ברענגט זי פרייד און תענוג און נאָכהער פּענטעט זי דעם געפאַנגענעם און וואַרפט אים אין אָפּגרונט.

אַ פּאַרמאַטערטער, נאָך אַ שרעקלעכער עפּילעפּטישער קאָנוולסיע, איז זיידל אַנידערגעפאַלן אויפן פאָל מיט אַ געדיכטן שוים אויף די ליפן.

אַ דערשיטערטער בין איך אַרויס פון דאָרט און אַ לאַנגע צייט בין איך גע־שטאַנען אין דרויסן אין דעם איין־קוואַדרע־געסל, באַרקאַלאַ.

5.

אין אַן ענלעכער פאַרלעגנהייט, וואָס האָט מיר געבראַכט אויפן זכרון די געשיכטע פון זיידל דעם נאַראָדיטשער, בין איך געבליבן שטיין אויף דעם זעלבן פּלאַץ אויף באַרקאַלאַ, יענעם אָוונט, מיט יאָרן שפּעטער, ווען מ'האָט מיך אַרויס־גערופן צו דער אַלטער פּרוי. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ערשט נעכטן האָט דאָס פּאַסירט. פון איין זייט די נידעריקע הייזקעס מיט די גראַטעס אויף די פענצ־טער, ווי אַ טורמע־קאַמער, און פון דער צווייטער זייט דער קאַשמאַרנער בנין פון דער „פּאַבריקאַ וואַסענאַ". דעם גאַנצן אָוונט איז מיר זיידל נישט אַרויס פון גע־דאַנק. די פּראַגע, ווו ער איז אַהינגעקומען נאָך די יאַנואַר־געשעענישן, האָט מיך דעם גאַנצן אָוונט נישט אָפּגעלאָזט.

באַלד נאָך יענע געשעענישן פון 1919 האָבן מיר זיך אַרויסגעצויגן אין צענ־טער און פון זיידלען האָבן מיר שוין מער גאָרנישט געוווּסט.

דאָס אומקערן זיך צו יענעם אָרט, ווו איך האָב אים צום לעצטן מאָל באַ־

געגנט אין אַזאַ דערדריקטער לאַגע, האָט עפּעס מיט אַ מאָדנע עקשנות זיידלס געשטאַלט מיר געוואָרפֿן פֿאַר די אויגן. איך האָב אין קיין אַנדער זאַך גאָר שוין נישט געקאָנט טראַכטן. איך האָב קוים דערלעבט די שעה, וואָס איך האָב פֿאַר־שפּראָכן דורכפֿאָרן פֿאַרביי יענעם געסל.

דערזעענדיק, אַז אין פֿענצטער איז ליכטיק און די דרויסן־טיר איז אָפֿן, בין איך אַריין אין יענעם צימער, וווּ איך בין מיט עטלעכע שעה פֿריִער געוועזן. דאָס, וואָס איך האָב אין יענעם מאָמענט געזען, האָב איך נישט דערוואַרטעט.

די יונגע פֿרוי, וואָס האָט מיט מיר פֿריִער גערעדט, איז איצט געליגן פֿאַר־זונקען אין אַ געשמאַקן שלאָף. דאָס קינד מיטן אידיאָטישן פּנימל איז געזעסן נעבן איר אויפֿן בעט און געפּאַטשט מיט ביידע הענטלעך אויף דער פּרויס אַנטבלויזטער ברוסט. צופֿוסנס פֿון דער פֿרויס בעט זענען געלעגן אין אַ קלענער בעטל נאָך צוויי קינדער פֿון אומגעפֿער אַ יאָר פֿינף אָדער זעקס. זיי זענען געשלאָפֿן אויס־געלייגט ווי די פֿיגורן פֿון אַ קאָרט: אַ קעפּל ביי יעדער פֿאַרענטשע. געראָטן איינס אין דעם צווייטן ווי צוויי טראָפּנס וואַסער. איז דאָס זיכער געוועזן אַ צווילינג, אַ זייער אָפֿטע ביאָלאָגישע דערשיינונג אין אָרעמען גראַד פֿאַמיליעס.

לאַנג בין איך געשטאַנען און באַטראַכט דאָס דאָזיקע פּאָרל, שיין ווי די וועלט, וואָס שלאָפֿט אַזוי אומשולדיק. וויפֿל נויט און דחקות וועלן זיי אויסשטיין ביי אַזעלכע עלטערן?

און די אַלטע? איך האָב אַ קוק געטון אין יענעם ווינקל. איצט איז די אַלטע געלעגן מיטן פּנים צום סופּיט. קיין כאָרכל און קיין שאָרך האָט זיך פֿון איר נישט געהערט.

איך בין צוגעגאַנגען נעענטער. זי האָט געהאַלטן אירע אויגן אָפֿן און געקוקט גלאָט אַזוי אין דער וועלט אַריין, ווי אַלע, וואָס פֿאַרלאָזן די זינדיקע ערד.

אַרום איר אָפֿענעם ציינלאָזן מויל האָבן זיך גרויסע גרינע פֿליגן פֿראַנק און פֿריי געאָמפּערט. זיי זענען מחנותוויַז אַריין און אַרויס פֿון יענעם אָפֿענעם מויל, וואָס האָט ביים לעבן יאָרנלאַנג גערעדט און געשריִען; איצט איז דאָס שטום און שרעקלעך אָפֿן...

— זי איז אויסגעגאַנגען, ווייזט אויס, אָן איבעריקן רעש, האָב איך גע־טראַכט. קיינער ווייסט דאָ אַפֿילו נישט, אַז זי איז טויט. זאָלן זיי שלאָפֿן. זיי וועלן צייט האָבן זיך צו דערוויסן מאָרגן.

איך האָב אויסגעשטרעקט די האַנט צום קנעפּל צו פֿאַרלעשן דאָס לעמפּל, האָב איך דערזען אין ראַנד פֿון דער טיר זיידלס געשטאַלט.

— זיידל?! — האָב איך פֿאַרוווּנדערט אַ פֿרעג־געטון אין דער שטיל, גלייך אים אין פּנים אַריין.

— ניין, — האָט ער איבערראַשט אָפּגעענטפֿערט, — איך בין נישט זיידל.

ווער זענט איר, וואָס איר דערמאָנט מיין טאַטנס נאָמען? ווי קומט איר ביי מיר אין שטוב אַזוי שפּעט ביינאַכט?

— די אַלטע איז אייער מאַמע? שיינדל, הייסט זי? — האָב איך אים גע־פרעגט, שטייענדיק שוין מיט אים אויפן טראָטואַר.

— יאָ, פון וואַנען קענט איר אונדז אַזוי? — האָט ער ווידער פאַרחידושט געפרעגט, און זיין קול האָט געקלונגען פונקט ווי זיין פאָטער ווידלס שטימע.

— איך האָב נאָר אייער פאָטער אַליין געקענט, אָבער איר זענט אַזוי ענלעך צו אים. ווען זענט איר געקומען פון איראָפּע?

— דעם 12טן מאַרץ פון 1919. פון מיין טאַטן האָבן מיר נאָר דערהאַלטן איין בריוו פון דאַנעט, אין וועלכן ער האָט געשריבן ווו ער אַרבעט און ווו ער וווינט. די פיר יאָר מלחמה האָבן זיך געענדיקט, האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג קיין אַרגענטינע, וואָס וועט זיין, וועט זיין. אָבער דאָ האָבן מיר דעם טאַטן שוין נישט געטראָפן. ער איז ווי אין וואַסער אַריין, קיינער ווייסט פון אים נישט. אין זיין צימערל האָבן מיר דאָ געטראָפן ליגן אויף זיין בעטל זיין אַנטועכץ, וואָס ער האָט מיטגענומען פון דער היים. די מאַמע האָט אויך געפונען אין אַ קעשענע אירס אַ בריוו, וואָס זי האָט אים געשיקט. דעם איינציקן בריוו, וואָס ער האָט באַקומען, וויזט אויס. אין יעדן ווינקל פון צימער האָט די מאַמע געפונען עפּעס, וואָס האָט איר געגעבן האָפענונג, אַז דער טאַטע וועט צוריקקומען.

— קינדער, האָט זי וויינענדיק און לאַכנדיק אין ערשטן טאָג צו מיר מיט מיין שוועסטער געזאָגט — דער טאַטע וועט זיך אומקערן. מיר וועלן דאָ וווינען ביז דער טאַטע וועט קומען.

די צייט איז געגאַנגען און דער טאַטע איז נישט געקומען.

— איר וועט זען, קינדער, — האָט די מאַמע שטענדיק ווי אַ פון זינען־גע־רירטע איבערגעחזרט — ווען די פאַבריק קעגנאיבער וועט אָנהייבן גיין, וועט דער טאַטע קומען. אָבער די פאַבריק איז געשטאַנען און געפּוסטעוועט.

מיט דעם געדאַנק און האָפענונג, האָט זי געלעבט צוגעבונדן ביזן היינטיקן טאָג צו דעם געסל, ווו מיין טאַטע האָט אָפּגעריכט גלות.

מיין שוועסטער וווינט אין דער פּראָווינץ און איך האַלט־אויס די מאַמע, אַ גערירטע פון זינען. אין קיין אַנדער דירה קאָן איך מיט מיין ביטערער אָרעמקייט נישט וווינען. איך קום ערשט פון דער אַרבעט.

אַ ווײַלע איז ער אַנטשוויגן געוואָרן און ווי ער זאָל זיך אין עפּעס געוואָרן דערמאָנען ,האָט ער אַ מאַך־געטון:

— יאָ, ווי־זשע קומט איר אַהער אַזוי שפּעט ביי מיר אין שטוב?

— אייער פרוי האָט מיך אַרויסגערופן צו אייער מאַמען. איך בין אַ דאָקטער. איך בין דאָ געווען ניין אַזייגער אין אָוונט, איז די אַלטע געשלאָפן, האָב איך אָפּ־

געלייגט מיין וויזיט אויף איצט, אָבער... איך האָב אייער מאַמען איצט געטראָפן טויט.

— וואָס רעדט איר?! הער דאָקטער, — האָט ער אויסגערופן און זיך געוואָלט לאָזן לויפן אין שטוב אַריין.

— מאַכט נישט קיין געפּילדער, — האָב איך אים איינגעהאַלטן — אייער פרוי און די קינדער שלאָפן, זיי וויסן נישט.

דאַן איז ער געבליבן שטיין נעבן מיר און האָט אין דער שטיל געוויינט.

און ווען איך האָב געוואָלט אַוועקגיין, איז ער מיר אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז און געיאָמערט און געקלאָגט און מיר האָט זיך געדוכט, אַז דאָס קלאָגט און יאָמערט אַזוי ציידל דער נאַראָדיטשער, אויף זיין אייביקן וואַנדערוועג פון עולם־התוהו.

ליבע און נדן

דער טעלעפאָן האָט נישט אויפגעהערט צו קלינגען. ענדלעך האָט ער גענומען דאָס טרייבל צום אויער. זיין פּנים איז געוואָרן טרויעריק ערנסט. אַ מאָמענט האָט ער זיך איינגעהערט און דאַן האָט ער עס מיר אויסגעשטרעקט מיט דער פאָלגנדער באַמערקונג:

— הער אָקאָרשט דיבורים!...

איך האָב דערהערט אַן אויפגעשרויפטע, היסטערישע פרויען־שטימע, וואָס האָלט אין איין שיטן קללות און זידלערייען אויף זיין חשבון. איך האָב אָפּגעהאַקט די קאָמוניקאַציע, און אַ פאַרוווּנדערטער געפרעגט:

— ווער איז זי, און וואָס וויל זי?

— עך! האָט ער מיר געענטפערט. דאָס איז בעאַטריס, וועלכע איז אַראָפּ פון זינען, און זי פאַרפאָלגט מיך טאָג ווי נאַכט. גאַנץ מעגלעך, אַז זי וועט נאָך ווען אַריין אַהער מיט אַ רעוואָלווער און וועט אַ סוף מאַכן צו מיין פאַסקודנער עקזיס־טענץ. דערווייל באַנוגנט זי זיך מיט זידל־ווערטער; מיט איבערשיקן מיר אויפן טעלעפאָן איר פאַרציע קללות צוויי מאָל אַ טאָג — אינדערפרי און אין אָוונט. אַמאָל, זייער זעלטן, פאָלט איר איין צו קלינגען דריי, פיר פאַרטאָג, מיך אויפרייסן פון שלאָף. אַלזאָ, ווילסטו וויסן, פריינט, ווער זי איז און וואָס דאָס באַטייט? — הער און איך וועל דיר דערציילן.

איך האָב זיך מיט איר באַקענט מיט יאָרן צוריק. איך בין דאַן נאָך געווען אַ גימנאַזיסט. איר ברודער איז געווען מיין שול־חבר. איך האָב געוווינט אין ראַנע־לאַזש, אַ קליינע באַן־סטאַציע, וואָס ליגט אויפן מיטוועג פון דער באַן־ליניע בוענאָס־איירעס־לאַ פּלאַטאַ. פאַרן אַהיים האָב איך שוין נישט געהאַט קיין צוג. דער זייגער האָט געשלאָגן צוויי, האָט מיך דער חבר איינגעלאַדן איבערצושלאָפן אין זיין היים. ליגנדיק דאָרט אַ וואַכעדיקער אויפן געלעגער — מיין חבר איז באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן — האָב איך דערהערט קולות פון צוויי פרויען. דאָס געשפּרעך האָט זיך דערטראָגן פונעם צווייטן צימער און איך האָב געהערט אָט דעם מין דיאַלאָג:

— ווידעראַמאָל איז דיין זונדל געקומען שפּעט און האָט נאָך געבראַכט מיט זיך עפּעס אַ שלימזל.

— שטענדיק ביסטו ברוגז אויף דיין ברודער; איך ווייס נישט, וואָס דו האָסט צו אים!

— אַזוי? גאַנץ פרי פאַרן מיר אָפּ קיין מענדאָסאָ אויף צוויי חדשים און ער זאָל זיך עס אַפילו אין דעם דערמאָנען. אַרומגעשלעפּט זיך אַ גאַנצע נאַכט און קוים מיטן לעבן אַהיים געקומען צווי דעם זייגער!

— דאַרפסט נישט פאַרגעסן, טאַכטער, אַז ער האָט היינט געגעבן עקזאַמען.

— וואָס פאַר אַן עקזאַמען? ער דערציילט דיר שקרים — אַזוי שפּעט גיט מען נישט קיין עקזאַמען!

די יונגע, מעלאַדיש מיידלשע שטימע האָט מיך גערייצט. זי וואָלט מיך געווען אַנגעפילט מיט הימלישער פרייד, ווען נישט דער גאַליקער טאָן אירער. ענדלעך איז געוואָרן שטיל פון יענער זייט וואַנט. מיין פאַנטאַזיע האָט געמאָלן די אייגנטי־מערין פון דער שטימע אין געשטאַלט פון אַ געטין.

מיט די ערשטע זון־שטראַלן האָב איך מיך אויפגעכאַפּט. ווירקלעך איז דאָס מיידל געווען אַ פּרעכטיקע. אַ צעטומלטער האָב איך אַ מאָמענט אויף איר גע־קוקט. זי איז נישט איבערראַשט געוואָרן פון מיין פלוצימדיקער אָנוועזנהייט, און אַ זיסער שמייכל האָט באַלויכטן איר פרייש, זאַפטיק פּנים. איך האָב מיך פאַר איר פאַרניגט און ווי אַ גנב, האָב איך זיך פון דאָרט אַרויסגעכאַפּט.

אויף דער שטילער גאַס ווו עס איז נאָך אינגאַנצן נישט געהאַט צערונען דער דינער נעפּל פונעם ניי־געבוירענעם טאָג, בין איך געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטער. איך האָב דערפילט אַז זי האָט מיך געפאַנגען, אַז אַלע מיינע געדאַנקען זענען פול מיט איר. אַ טייל פון מיין לעבן וואָלט איך אין יענעם מאָמענט געווען אָפּגעגעבן, ווען איך זאָל זי נאָכאַמאָל געוווען קענען זען. אָבער איך האָב געמוזט איילן צו דער באַן, און כ׳האָב זיך געפילט אַ צעקלעמטער.

אַ פאַרחלומטער בין איך געקומען אַהיים. איך בין אַריין אין שטוב ווי אַ נאַכט־וואַנדערער — אַ גלייכגילטיקער צו מיין אַרום. ערשט ווען מיין מוטער, וואָס איז אַן אומרויקע אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, איבערטראַכטנדיק פון מיר, האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און האָט מיך געפרעגט: „ווו ביסטו געווען?״, ערשט דאַן בין איך צוריק געקומען צו מיין באַוווסטזיין. איך האָב באַרויקט מיינע עלטערן. כ׳האָב זיי דערציילט אַז די סיבה פון מיין נישט קומען אַהיים שלאָפן איז געווען דער עקזאַמען. אַזוי ווי ער האָט זיך געענדיקט שפּעט, האָב איך שוין נישט געהאַט קיין צוג און האָב געמוזט בלייבן שלאָפן ביים חבר, און אַז מיין צעטראָגנקייט איז אַ רעזולטאַט פון טראַכטן וועגן דעם קומענדיקן עקזאַמען.

ווי אַן אייביקייט האָבן זיך פאַר מיר געצויגן יענע צוויי מאָנאַטן, וואָס בעאַטריס האָט פאַרבראַכט אין מענדאָסאָ. איך פלעג כמעט יעדע וואָך קומען צום חבר, נישט

אַזוי צוליב אים, ווי כדי צו זיין ביי „איר" אין שטוב. מיינע אַנגסטן האָבן זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט ווען זי האָט אין אַ בריוו צו איר ברודער אים געשריבן ווי קאָמיש איך בין געווען יענעם פרימאָרגן, ווען איך האָב זי צום ערשטן מאָל דערזען, און דעם גוטן איינדרוק וואָס ס'האָט אויף איר געמאַכט מיין ראָמאַנטישער רעווע־ראַנס ביים אַוועקגיין. אין יענע יִנגלשע יאָרן בין איך דערפון געווען גליקלעך, אַננעמענדיק די ווערטער פאַר אַ רמז פון איר אינטערעס צו מיר.

זי איז צוריקגעקומען און ענדלעך האָב איך דערלעבט דעם מאָמענט ווען מיין חבר האָט מיך פאַר איר פאָרגעשטעלט. ביזן טויט וועל איך נישט פאַרגעסן יענעם טאָג. מיין פרייד האָט נישט געהאַט קיין ברעג. אַ באַגייסטערטער, האָב איך קיין אויג נישט אַראָפּגענומען פון דער גרויסער שיינקייט. מיר האָבן, ווי אַלטע באַ־קאַנטע געגערעדט פון טויזנט זאַכן. איר טעמפּעראַמענט איז געווען עפּעס אַ נער־וועזער און איר רייץ און פּראַכט האָבן ווי געגרופן מ'זאָל איר ליבן.

פון יענעם טאָג איז זי מיר פעבליבן איינגעקריצט אין האַרצן און וואָס ווייַ־טער האָבן זיך אונדזערע הערצער מער פאַרשטאַנען און דערנעענטערט. איר מו־טער, אַן אלמנה, און איר ברודער, מיין חבר, האָבן דאָס געזען און זענען מסכים געווען אויף אונדזער ליבע.

עס זענען אַוועק אַ פּאָר יאָר. איך האָב געלערנט מיט מער חשק און התמדה. בעאַטריס איז פאַר מיר געוואָרן אַן אומדערשעפּטער קוואַל פון באַגייסטערונג און ענערגיע. פאַר מיינע עלטערן האָב איך דאָס געהאַלטן בסוד און זיי האָבן אויף מיר געקוקט ווי אויף אַ פון גאָט געבענטשטן טאַלאַנט — אין פאַקולטעט בין איך געווען פון די אויסגעצייכנטע סטודענטן. מיין חבר דערוויל, אַלס איטאַליענער, האָט געמוזט אָפּפאָרן צום מיליטער־דינסט קיין איטאַליע און בעאַטריס מיט איר מוטער זענען דאָ געבליבן עלנדע. דאָס האָט געמאַכט נאָך מער אינטים מיין באַ־ציִונג צו זיי. נישט איינמאָל דערמאָן איך מיך אין יענע עטלעכע יאָרן וואָס זענען געווען די גליקלעכסטע פון מיין לעבן. ווען איך פאַרגלייך זיי מיט מיין איצטיקער לאַגע דאַרף איך צעקלאַפּן מיין קאָפּ אויף שטיקער. ווייל שולדיק בין איך אַליין, וואָס כ'האָב נישט געוווּסט ווי אַזוי צו האַנדלען ווען עס איז געקומען די געלעגנ־הייט.

ער איז אַ ווײַלע געבליבן שטיל. דאַן איז ער פּלוצים אויפגעשטאַנען פונעם שטול וואָס האָט זיך געפונען לעבן טעלעפאָן־טישל, איז אַריין צו זיך אין קאַבי־נעט און איז באַלד צוריקגעקומען מיט אַ פּעקל בריוו. ער האָט זיי מיר איבער־געלייענט איינס נאָכן אַנדערן און האָט דערביי מיר אַ זאָג געטון: אויף די אַלע בריוו האָב איך איר קיין איין וואָרט נישט געענטפערט, נאָכדעם ווי דער קאָפּ איז מיר פאַרדרייט געוואָרן מיט לעאָנאָרן.

— כ'האָב גאָר פאַרגעסן צו פרעגן, — האָב איך געזאָגט — ווו איז לעאָנאָר מיטן קינד?

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן שטול און האָט ווייטער גערעדט מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע:

עד, לעאָנאַר, לעאָנאַר! זי איז דאָך דער גורם פון אַלע מיינע צרות. ווי איך האָב שוין פריִער דיר געזאָגט, האָבן מיינע עלטערן געוווינט אין ראַנעלאַזש. פון אַט דעם קליינעם באַן־וואָקזאַל גייען אַרויס אין פאַרשיידענע ריכטונגען עטלעכע אַס־פאַלטירטע שאָסייען. יעדער וועג לויפט העט־העט־ווייט און ווערט פאַרלוירן ערגעץ אין אַ קליין געדיכט וועלדל. פון צווישן די געדיכטע ביימער סטאַרטשעט אַרויס דאָס ווינטמיל־רעדל פון אַ פּאָמפּע, וואָס דרייט זיך מאָנאָטאָן טאָג און נאַכט. ווינטער־צייט טראָגן זיך דורך שנעל די צוגן פאַרביי דעם קליינעם וואָקזאַל און ווערן באַלד פאַרשוווּנדן, גלייך די ערד זאָל זיי איינשלינגען. יעדעס מאָל וואָס אַ באַן קומט אָן, ווערט אויף אַ סעקונדע איבערגעריסן די שטילקייט וואָס הערשט דאָרט. ווען עס דערנעענטערט זיך אָבער דער זומער, הייבן אָן די ענגלישע בעלי־בתים שענקען מער אויפמערקזאַמקייט אָט דעם וואָקזאַל, וואָס זעט אויס ווי אַ שיין קינ־דער־שפּילעכל, וועלכעס עמעצער האָט פאַרלוירן אויפן וועג. זומער־צייט שטעלן זיך אָפּ, אַ פּאָר מאָל אין טאָג פּאַסאַזשיר־צוגן און מענטשן גייען אַרויס פון די וואַ־גאָנעס, אויף וועלכע עס וואַרטן שוין צווייִ־רעדערדיקע וועגעלעך, וואָס פירן זיי אַוועק איבער די פאַרשידענע אַספאַלטירטע וועגן.

**
*

דאָרט וווּ ס'ענדיקט זיך איינער פון אָט די וועגן, שטייט אַ גרויס פירעקיק הויז, אַרומגערינגלט מיט אַ סך ברייט־פאַרצווייגטע ביימער. יעדעס פענצטער וואָס קוקט אַרויס צו דער שיינער געגנט, געהער צו אַ באַזונדער פיין אויסמעב־לירטן צימער. דאָס הויז איז געבויט אין קאָלאָניאַלן סטיל. דאָרט וווּ ס'הייבט זיך אָן די אַלייע וועלכע פירט צו יענעם גוט, שטייט אַ שילד מיט גרויסע אותיות: „רעקרעאָ וועלקאָם". דאָס דאָזיקע גוט האָט אַמאָל געהערט צו מיינע עלטערן. פונעם פרילינג ביז שפּעט אין האַרבסט, פלעגן אַ סך רייכע איינוווינער פון בוענאָס־איירעס און לאַ פּלאַטאַ קומען אַהין פאַרברענגען. דאָס איז געווען אַן אָפּרו־אָרט פונעם שטאָטישן טאַראַראַם. מיין פאָטער און מוטער האָבן שווער גע־האָרעוועט און באַדינט די רייכע געסט, וואָס פלעגן זיך וואַלגערן אונטער די שאָטנס פון די ביימער מיט צעבראַסטעטע ברוסטן און אויפגעבלאָזענע בייכער, לאַזנדיק זיך וווּלגיין, בעת טויזנטער אַרבעטער און אָנגעשטעלטע האָבן אויף זיי געאַרבעט אין זייערע פאַבריקן און קראָמען. מיט דער צייט האָבן מאַר דעל פּלאַטאַ, נעקאָטשעאַ, מיראַמאַר און אַנדערע באָד־פלעצער אָנגעהויבן אָפּצוציִען די דאַטשניקעס. נישט בלויז די רייכע אַריסטאָקראַטן זענען אַהין געפאָרן, אויך די קליינבירגער האָבן זיך אַ לאָז געטון אין די נייע מקומות און אונדזער האָטעל

האָט אָנגעהויבן פּוסטעווען. מיר האָבן דערפילט אַ דוחק אין פּרנסה. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און מ׳האָט געמוזט אָנקומען נאָך הלוואות. איך האָב צו־געזען ווי מיין פאָטער זאָרגט און ערגערט זיך פון דער שלעכטער לאַגע. איך האָב מיטן לעבן, געוואָלט אים העלפן און האָב געאַרבעט אַלס קעלנער אין דער צייט פונעם זומער־סעזאָן. איך האָב געטריי באַדינט דאָס ביסל קונדן, וואָס פלעגן נאָך צו אונדז קומען אויפן זומער. כ׳האָב געמוזט אויסשטיין אַלע קאַפּריזן פון די אויפגעקומענע נגידים. מער פון אַלע איז מיר דערגאַנגען די יאָרן אַ צוואַנציק־יעריק מיידל, אַ ציטערדיקע ביי אירע עלטערן. זי האָט זיך מיט מיר געשאָפן ווי מיט אַ שקלאַף. די פאַמיליע צו וועלכער דאָס טעכטערל האָט געהערט האָט גע־הייסן זשאַרדאַנאַ. און אַלע האָבן זיי דערקוטשעט, אָבער זיי זענען געווען אַלטע קונדן און גוטע צאָלערס, האָב איך געדולדעט און געשוויגן.

ווינטער פלעג איך ווידער לערנען און באַזוכן דעם פאַקולטעט, די שפּי־טעלער און, אָן דעם אַז מיינע עלטערן זאָלן וויסן, ענגער פאַרקניפּן מיינע באַציונ־גען מיט דער שיינער בעאַטריס.

איינמאָל אין אָוונט, אַרויסגייענדיק מיט איר פון אַ טעאַטער, האָבן מיר באַגעגנט אַ פריינט, וואָס האָט אונדז ביידע באַגעגנט קאַלט, נישט גריסנדיק אַפילו. פּלוצים האָט זי צו מיר געזאָגט מיט אַ טרויעריקער שטימע:

— איך האָב עפּעס אַזוי מורא.

— פאַרוואָס? — האָב איך געפרעגט אַ פאַרוואונדערטער.

— אויך דו זאָלסט אַמאָל נישט מיך פאַרבייטן אַ גלייכגילטיקער, אַט אַזוי ווי דער געוועזענער גוטער ברודער דיינער...

— איך ווייס נישט, עפּעס שרעקט זיך מיין האַרץ אַז אונדזער גליק וועט נישט לאַנג געדויערן.

— אָך, פאַרוואָס זאָגסטו עס; וואָס איז עס דיר פּלוצים איינגעפאַלן?

איך האָב איר געמוזט פעסט צוהאַלטן זי זאָל נישט אומפאַלן, אַזוי שלעכט האָט זי זיך דערפילט.

— באַרויק זיך, טייערע, — האָב איך געפרווט איר זאָגן — וואָס טראַכסטו פון אַזעלכע נאַרישקייטן.

— שוין באַלד זעקס יאָר ווי איך ליב דיך, אָבער דו רעדסט מיט מיר קיינמאָל נישט פון דיין פאַרגאַנגענהייט, — האָט זי געזאָגט. — דו ביסט פאַר מיר אַ רעטעניש. מיטאַמאָל פאַרשווינדסטו אויף אַ שטיק צייט, ווי אין וואַסער אַריין. דו זאָלסט מיך אַפילו באַקענען מיט דיינע עלטערן. נישט אַנדערש נאָר דו שטאַמסט פון גרויסן יחוס און איך שטיי זיי נישט אָן.

איך האָב געפרווט זיך פאַרענטפערן, האָב געוואָלט איר אַלץ אויפקלערן, אָבער זי האָט אויסגעשריגן:

— נישש אַצינד! עס איז שפּעט. איך האָב שוין לאַנג באַדאַרפט זיין אין שטוב. און זי איז אַוועק.

פאַרנדיק אַהיים האָב איך דעם גאַנצן וועג געטראַכט פון דעם וואָס זי האָט געזאָגט. נו, אַז זומער־צייט פלעג איך פאַרפאַלן ווערן איז דאָך געווען אמת — איך האָב געהאָלפן מיין טאַטן, אַרבעטנדיק פון אינדערפרי ביז אויפדערנאַכט. אָבער אַז איך בין פאַר דער צייט ווי דערוויטערט געוואָרן פון איר; אַז עס האָט מיך נישט אַזוי געצויגן צו איר, וועגן דעם האָב איך אַפילו נישט געקלערט...

עס איז שוין געווען גאַנץ שפּעט אין אָונט, ווען איך בין געגאַנגען איבערן אַספּאַלטירטן וועג אַהיים. עס איז געווען אַ נאַכט פון אַנהייב פרילינג. דאָס פעלד האָט געשמעקט מיט ניי־געבוירענע פרישע שפּראָצונגען. דאָס לייכטע ווינטל וואָס האָט געבלאָזן איבערן פעלד איז פול געווען מיט כלערליי בלומען־בשמים און דאָ און דאָרט האָבן געפינקלט אין דער לופטן ליכט־פליגעלעך.

צוקומענדיק צום הויז, האָב איך באַמערקט ליכט אין מיין פאָטערס שרייב־צימער. איך האָב פון דרויסן אַריינגעקוקט און האָב דערזען מיין פאָטער זיצן ביים שרייב־טיש, אַ פאַרזאָרגטן. אַ סך פּאַפּירן זענען געלעגן פאַר אים אָנגעוואָרפן אויפן טיש.

— אַזוי שפּעט שלאָפסטו נאָך נישט, טאַטע? — האָב איך אים געזאָגט, ווען כ׳בין אַריין אין שטוב.

— עס שלאָפט זיך נישט, זון — האָט ער מיר געענטפערט. די לאַגע איז ביטער, קיין פרנסה איז נישטאָ און מיר זענען פאַרזונקען אין חובות. ווען עס געשעט אַ נס און ס׳קומען מאָרגן עטלעכע פאַמיליעס; עס איז שוין אָנהייב סעזאָן. דאָ ליגן פאַר מיר חשבונות וואָס מ׳דאַרף באַצאָלן.

און אַזוי ווייטער און דאָסגלייכן, האָט מיין טאַטע מיט מיר גערעדט.

צומאָרגנס זענען טאַקע געקומען אַ פּאָר פאַמיליעס. איינע פון זיי איז געווען די פאַמיליע זשאַרדאַנאָ מיט זייער טאָכטער לעאָנאָר. אַ גאַנצן טאָג האָב איך אָפּ־געהאָרעוועט שווער, ווי געווינלעך אַ קעלנער. ביינאַכט האָט פּאַסירט אַן אויסער־געוויינלעכע זאַך מיט דאָן זשענאַראָ זשאַרדאַנאָ עס איז שוין געווען שפּעט ווען מ׳האָט אונדז אַלע אויפגעוועקט פון שלאָף. די פרוי זשאַרדאַנאָ און איר מיידל האָבן געמאַכט אַ גרויס געפילדער, רופנדיק נאָך הילף. דאָן זשענאַראָ איז געזעסן אויף זיין בעט און האָט שווער געאָטעמט. זיין פעטער גוף האָט זיך האַסטיק געטרייסלט, זיינע אויגן זענען געווען ברייט צעעפנט. פון זיין האַלדז האָט זיך געהערט אַ שוידערלעך כאָרכלען. פון צייט צו צייט האָט ער זיך פאַרהוסט, אַרויסלאָזנדיק רויטן שוים פון מויל. איך האָב באַלד דערזען ביי וואָס ס׳האַלט, און האָב אַ זאָג געטון צו מיין פאָטער:

— ער איז געפערלעך, מ׳טאָר קיין מאָמענט נישט פאַרלירן. ברענגען אַ דאָקטער אין אַזאַ שעה איז אויסגעשלאָסן.

— גיך, ברענג אַ גאַל־מעסער, — האָב איך געזאָגט מיין טאַטן.
איך בין צוגעגאַנגען און האָב דעם קראַנקן אָנגענומען ביים פּולס.

אַלע מענטשן וואָס האָבן זיך געפונען אין צימער, האָבן מיט שרעק און מיטלייד צוגעקוקט ווי דער חולה ראַנגלט זיך ביטער מיטן טויט. אַזאַ אַטאַקע מאַכט דעם איינדרוק ווי דער קראַנקער וואָלט זיך געטרונקען אין אייגענעם בלוט. דעם איבערפלוס פון בלוט אין די לונגען טאָר קיין דאָקטער נישט דולדן קיין איבעריקע מינוט.

פאַר אַלעמען אין די אויגן האָב איך מיך גענומען צו דער אַרבעט. כ׳האָב אַרומגעבונדן דעם קראַנקנס לינקן אָרעם, און מיט דעם גאַל־מעסער האָב איך גענומען שניידן דאָרט ווו עס דאַרף ליגן אַ דיקער אָדער פון דער האַנט. דער קראַנקער האָט קיין ווייטיק נישט געפילט, אָבער קיין בלוט איז נישט געגאַנגען. דאָס איז שוין טאַקע געפערלעך. אַלע האָבן געקוקט מיט שרעק. עס איז אַנטשטאַנען אַ מאָמענט פון אומבאַשרייבלעכע אַנגסטן. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין צימער. ס׳האָט זיך בלויז געהערט דאָס כאָרכלען פונעם חולה און אָפּגעהאַקטע ווערטער: אוי, כ׳שטאַרב, כ׳שטאַרב, אוי־אוי־אוי!

דערזעענדיק אַז ס׳גייט נישט קיין בלוט בין איך אַליין אויך געוואָרן איבערראַשט. מיין האַרץ האָט אָנגעהויבן האַסטיק צו קלאַפּן. איך האָב טיפער איינגעשניטן דאָס מעסער. אין טיפן שניט, אונטער דעם שמאַלץ, האָט זיך באַוויזן אַ בלויער פאַס. אָט איז דער אָדער! האָב איך נישט מיט מיין קול אויסגעשריגן. אָבער עטלעכע מאָל איז ער פאַרשוווּנדן ווען איך האָב אים מיטן מעסער געוואָלט אַטאַקירן, גלייך ער זאָל וועלן אויסמיידן אַ שטאַרקערן שונא. אויף מיין קערפּער איז אַרויסגעטראָטן אַ קאַלטער שוויס, דער מאָמענט האָט מיר אויסגעוויזן אַן אייביקייט. דעם קראַנקן איז פון מאָמענט צו מאָמענט געוואָרן ערגער. דער פּולס האָט געקלאַפּט שוואַכער און שוואַכער. פּלוצים האָב איך דערפילט אַ וואַרעמען שפּריץ אויף מיין פּנים. דאָס מעסער האָט זיינס געטון און האָט איבערגעשניטן דעם אָדער. אַ פאַרמאַטערטער האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן בענקל און האָב געזען ווי דאָס בלוט שטראָמט און דעם קראַנקנס לאַגע ווערט בעסער, זיין אָטעם פרייער און דאָס כאָרכלען שטילער. ער האָט אויף מיר געקוקט מיט דאַנקבאַרקייט.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז אים אינגאַנצן געוואָרן גוט. אַלע האָבן אויף מיר געקוקט מיט באַגייסטערונג און מיינע עלטערן ווי אויך פּרוי זשאַרדאַנא מיט איר טאָכטער האָבן געווינט פאַר פרייד.

— מיט וואָס קען איך אייך אָפּצאָלן? — האָט מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, צו מיר געזאָגט דאָן זשענאַראָ און פון וואַנען קומט צו אייך אַזעלכע דערפאַרונגען? גיי ריכט זיך אויף אַ פּשוטן קעלנער.

— מיין זון לערנט אויף דאָקטער; ער העלפט מיר נאָר זומער־צייט, — האָט אים מיין פאָטער געענטפערט.

די ווערטער האָבן פולשטענדיק געענדערט די באַציִונג פון די זשאַרדאַנאָס צו מיר. באַזונדערס איז אַנדערש געוואָרן די טאָכטער, וואָס פלעגט זיך מיט מיר ביז דאַן שאַפן גלייך איך זאָל זיין איר משרת.

און ווינט יענעם טאָג, האָב איך אויך אויף מיין פאָטער באַמערקט אַ גרויסע ענדערונג. ער איז געוואָרן מוטיקער און יעדן טאָג האָט ער געזוכט צו פאַרבינדן אַ שמועס מיט מיר. אָבער יעדעס מאָל האָט ער עס אָפּגעלייגט אויף שפּעטער. ענדלעך האָט ער זיך צו מיר געווענדט מיט פאָלגנדע ווערטער:

— ווען רעכנסטו צו ענדיקן?

— אין אַ זעקס מאָנאַטן אַרום.

— און וואָס רעכנסטו צו טון נאָכדעם?

— איך האָב נאָך וועגן דעם נישט געטראַכט.

— עס איז שוין צייט, זאָלסט יאָ וועגן דעם אַ טראַכט טון. אָבער איך וועל דיר איינשפּאָרן די טרחה. עס אַרבעט זיך אַ פּלאַן.

אַ פאַרוווּנדערטער האָב איך געקוקט אויף מיין פאָטער און אים געפרעגט וואָס ער מיינט.

— דו ווייסט גאָרנישט, זון, — האָט ער אָנגעהויבן, וואָס פאַר אַ רושם דיין אָפּראַטעוועז זשענאַראָן האָט געמאַכט. איך האָב אַ גרויסע האָפענונג אַז דו וועסט זיין אַ גוטער דאָקטער, אָבער... כדי דו זאָלסט זיך איינאָרדענען מוז מען האָבן געלט און דאָס מיין, ווי דיר איז באַקאַנט, זון, פעלט מיר. אַלזאָ, זון, הער: זשע־נאַראָ איז זייער רייך און דו געפעלסט אים פאַר אַן איידעם — אָט דאָס איז דער פּלאַן.

מיין פאָטער האָט די לעצטע ווערטער אַרויסגערעדט מיט שטאַרקער עמאָציע.

— אָבער, וואָס רעדסטו? טאַטע! און די פריילין לעאָנאָר, גייט זי אויך איין אויף דעם געשעפט? — האָב איך לאַכנדיק געפרעגט.

— נו, געוויס. זי האָט זיך נישט לאַנג צוריק פאַרקלאָגט פאַר איר מוטער אַז זי האָט דיך שוין אַ צייט ליב, אַז זי האָט געוווּסט אַז דו ביסט אַ סטודענט, אָבער דו ביסט גלייכגילטיק צו איר. נו, אַ פרוי האָט דאָך אויך איר שטאָלץ און ווען אַ בחור האַלט זיך אַזוי פון דער ווייטנס...

— איך וועל זיך באַטראַכטן, טאַטע, — האָב איך געענטפערט און בין אַוועק צו זיך אין צימער.

אין יענער נאַכט איז בעאַטריסעס געשטאַלט נישט אָפּגעטראָטן פון מיינע אויגן. אַזאַ צייט האָב איך זיך אַרומגעפירט מיט איר און כאָטש כ'האָב מיט איר נישט גערעדט פון חתונה האָבן, איז זי געווען זיכער אַז סוף־כל־סוף וועלן מיר זיך פאַראייניקן. איך האָב אַלץ געוואַרט און אָפּגעלייגט דעם מאָמענט, פאַרצו־

שטעלן איר מיינע עלטערן. און ווען אונדזער מאַטעריעלע לאַגע וועט זיך ענדערן האָב איך נישט געוווּסט. כ׳האָב פאַרלוירן די גאַנצע האָפענונג צו קענען פאָרזעצן מיין לערנען, און כ׳האָב אויך אָנגעהויבן זיך דערווייטערן פון בעאַטריסן; אַצינד, קומט דער פאַרשלאָג פון מיין טאַטן. אויב איך זאָל אים אָפּוואַרפן, ווערט אָפּגע־האַקט מיין קאַריערע. זי איז אָרעם און לעבט מיט דער מוטער פון אַ קליינער פּענסיע וואָס דער פאָטער, אַ רעגירונגס־באַאַמטער, האָט זיי איבערגעלאָזט. פונעם ברודער, זינט ער איז אַוועק קיין איטאַליע, איז נישט געקומען קיין ידיעה — ווי אין וואַסער אַריין. בקיצור, איך האָב חתונה געהאַט מיט לעאָנאָרן. עס זענען זייט דאַן שוין אַוועק פינף יאָר און אַט איז דער סך־הכל:

פונעם גרויסן נדן וואָס איך האָב באַקומען האָב איך אַ היפּשן חלק אוועק־געגעבן מיינע עלטערן אַ קורצע צייט נאָך דער חתונה. זיי האָבן זיך געפרייט און איך האָב באַלד דערזען אַז כ׳בין אַריינגעפאַלן. לעאָנאָר האָט זיך געצייגט צו זיין היסטעריש. פון דער קלענסטער קלייניקייט האָט איר אָנגעכאַפּט ספּאַזמען און זי האָט געשפּילט סצענעס. זי האָט פון מיר געפאָדערט גרויס עשירות און איז געווען פאַרשווענדעריש. זי האָט נישט פאַרשטאַנען אַז אַלס יונגער דאָקטער דאַרף איך אַרבעטן צווישן די אָרעמע און זיך באַנוגענען מיט קליינע פאַרדינסטן. איר פירונג האָט געבראַכט דערצו, אַז אַ פּאָר יאָר נאָך דער חתונה זענען מיר געבליבן אָן גאָרנישט. אונדזערע באַציִונגען האָבן זיך פאַרשאַרפט; זי האָט מיך פאַרקלאָגט פאַר אירע עלטערן אַז איך בין אַ טויגעניכטס און האָט פאַרסמט די לופט אַרום מיר. ביז ענדלעך האָט זי מיטן קינד מיך פאַרלאָזט און איז אַוועק צו אירע עלטערן.

בעאַטריס איז פאַר צרות אַראָפּ פון זינען און, ווי דו האָסט געקענט הערן, שיקט זי מיט אירע ברכות אויפן טעלעפאָן, אינדערפרי און אין אָוונט.

נו, געוויס זעט זי מיך אין איר קראַנקער פאַנטאַזיע, ווי אַ רוצח וואָס האָט חרוב געמאַכט איר לעבן און צוגערויבט דאָס הייליקסטע פון איר נשמה.

אַ בייזע ירושה

.1

דער זייגער האָט געשלאָגן פיר. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט. אין שלאָף האָב איך דערהערט דאָס טיר־גלעקל קלינגען, נאָר אַט האָט עס אויפגעהערט און ווידער איז געוואָרן שטיל. פון די נאָענטע צימערן האָט זיך דערטראָגן דאָס שטילע אָטעמען פון די שלאָפנדיקע שטוב־מענטשן. אין דרויסן איז געווען ווינטער. דער ווינט האָט מאָנאָטאָן געוואָיעט און האָט ווי איינגעוויגט מיט זיין טרויעריקן ניגון. דאָס וואַרעמע געלעגער האָט ווייך אַרומגעהילט און אָנגעפולט מיט אַ זיסן פאַרגעניגן. עס איז אַזוי גוט צו שלאָפן איצט. ס׳האָט זיך מיר בלויז אויסגעדאַכט, אַז מ׳קלינגט.

דין! דין! ד—י—ן!

פלוצים האָט זיך דאָס גלעקל צעקלינגען מיט אַ ליאַרעם. עס האָט מיך צעטרייסלט ווי אַן עלעקטרישער שטראָם זאָל געווען דורכנעמען מיינע אַלע גלידער.

— אָ, גאָט, וואָס פאַר אַ פאַרשאָלטענע פּראָפעסיע — מ׳לאָזט נישט רויק זיך אויסגעשלאָפן די נאַכט.

איך האָב מיך געראַנגלט מיטן שלאָף, אָבער ענדלעך האָב איך זיך אָנגעטאָן און געעפנט די טיר. פאַר מיר איז געשטאַנען אַן אַלטער פאַרצווייפלטער מענטש. ער האָט מיך גערופן צו אַ חולה מסוכן.

.2

אין דרויסן איז געלעגן אַ שווערער, געדיכטער נעפל. די גאַסן־לאָמטערנעס האָבן אין נעפל אויסגעזען ווי ריזיקע אויגן־בעלמעס. איך האָב פון צייט צו צייט געמוזט זיך אָפּשטעלן, ווייל מיין באַגלייטער האָט קוים געפּלאָנטערט מיט די פיס און איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין נעפל, אין וועלכן מ׳האָט גאָרנישט געזען

פאַר זיך. דעם אַלטנס געשטאַלט האָב איך נישט באַמערקט. בלויז די מאָדנע שמאַטעס וואָס האָבן אַראָפּגעהאָנגען פון זיין קערפּער און האָבן געפלאַטערט אין ווינט האָבן זיך מיר געבאַמבלט פאַר די אויגן. זיין פיגור וואָס קריכט אַלע ווײַלע אַרויס פונעם געדיכטן נעפּל זעט אויס ווי אַ נישט דאָיק געשפּענסט.

— עס איז נאָך ווייט צו גיין? — האָב איך אים געפרעגט.

— אָט דאָרט, לעבן קלויסטער, — האָט ער אַ מורמל געטון.

— זאָגט מיר דעם נומען פון אייער הויז, וועל איך אַליין גיכער אַהין אָנקומען.

— וואָס טויג אייך אַ נומער, אַז איר וועט צו מיר סיי־ווי נישט טרעפן.

— וואָס הייסט איך וועל נישט טרעפן?

— מיין צימער געפינט זיך אויפן אויבערשטן שטאָק פון אַ קאָנווענטיזשע. וואָס פאַרמאָגט נישט ווייניקער פון זעקס־און־פערציק צימערן. עס איז דאָרט איצט פינצטער ווי אין אַ תפיסה. איר זענט געוויס נישט געוווינט צו אַזעלכע געדרייטע טרעפּ; מ׳קען דאָרט ברעכן דעם קאָפּ.

— ווער איז ביי אייך קראַנק? — האָב איך אים געפרעגט, נאָכדעם ווי מיר זענען אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג און האָב געפּרוווט אים אַריינקוקן אין פּנים.

— מיין ברויטגעבעריןֹ, אַ מיידל פון ניינצן יאָר.

ער האָט אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר פאַרצווייפלטע, אויסגעלאָשענע אויגן און איך האָב דערזען זיין איינגעשרומפּן, אָפּגעלעבט פּנים.

— יאָ, — האָט ער פאַרגעזעצט מיט אַ פאַרשטיקט הייזעריק קול — מיין ברויטגעבערין איז געפערלעך קראַנק. שוין אַריבער אַ וואָך צייט אַז זי גייט קראַנקערהייט צו דער אַרבעט... זי האָט געוואָלט דערציִען ביז יום־טוב... איר בעל־הבית איז אַ ייִד, פאַרשטייט איר. ערב יום־טוב דאַרף מען אַרויסענדיקן די אַרבעט. — ווי קען מען איינמיטן דערינען קראַנק זיין. דאָנערשטיק און פרייטיק וועט זיין ראש־השנה, שבת און זונטיק איז דאָך אויך יום־טוב, וועט צייט זיין צו קורירן זיך. — אַזוי האָט געזאָגט צו איר דער אויפגעקומענער בעל־הבית וואָס ציט דעם דם־התמצית פון זיינע אַרבעטער.

ער האָט אַראָפּגערוקט דאָס היטל איבערן שטערן, האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער, אָפּנים איך זאָל זיך נישט זען זיין פאַרקרימטע צורה. אַ ווײַלע האָט ער געשוויגן און איך האָב בלויז באַמערקט ווי זיינע אַקסלען טרייסלען זיך.

— האָט איר נישט קיין קלענערע קינדער? — האָב איך געפרעגט.

— איך האָב געהאַט נאָך דריי עלטערע ייִנגלעך, זענען צוויי געשטאָרבן, און דער דריטער... הלוואי וואָלט ער שוין אויך געשטאָרבן. שוין פערצן יאָר ווי ער ליגט צוגעשמידט צום בעט — נישט ער לעבט און נישט ער שטאַרבט.

— וואָס רעדט איר?

— דאָס וואָס איר הערט, דאָקטער, אַן אומגליק איז אויף מיר געקומען. מיינע קינדער גייען אין דער ערד אַריין פון אַ מחלה פאַר וועלכער די דאָקטאָריע האָט בלויז געפונען אַ נאָמען: „מיאָפּאַטיאַ" רופן זיי אָט די קרענק, אָבער קיין רפואה פאַר איר האָבן די דאָקטוירים נישט. זיי זאָגן אַז מיינע קינדער זענען „קלאַסישע עקזעמפּלאַרן" פון דער קרענק. אַ באַרימטער פּראָפעסאָר פון נערוון־קראַנקע איז אַזוי באַגייסטערט געוואָרן וואָס גאָט, ברוך־הוא, האָט אים צוגע־שיקט אַ זעלטענע קאָלעקציע פון עכטע מיאָפּאַטן. איך קען אייך פאַרזיכערן אַז מיינע דריי קינדער האָבן מיך שוין געמאַכט פאַר אַ ספּעציאַליסט פון דער דאָזי־קער פאַרשלעפּטער קרענק. זיי אַלע זענען ביים געבוירן ווערן, געווען קינדער בריליאַנטן — אַן אַ שפּרענקעלע אויפן קערפּער, אָן אַ פעלער. אָבער ווען זיי זענען אַלט געוואָרן זעקס יאָר, צום טאָג, האָבן זיי אָנגעהויבן קרענקן. זיי האָבן פון מיר געמאַכט אַ תל. איך בין געווען פאַרמעגלעך. מאַיאָנטקעס האָב איך מיך געלאָזט קאָסטן — און אַרויסגעוואָרפן. מיט אַ ווייטיק אין האַרצן האָבן מיר צו־געזען ווי אונדזערע אומשולדיקע עופהלעך הייבן אָן ווערן פּאַראַליזירט נאָך איידער זיי לערנען זיך אויס צו שטעלן אויף די פיסלעך.

ביים ערשטן קינד האָבן מיר געמיינט, אַז מיר האָבן זיך צו־שפּעט אַרומ־געקוקט. עס איז שטענדיק געווען לעבעדיק און פריילעך און פלוצים האָבן מיר דערזען אַז דעם קינדס פנימל האָט זיך פאַרענדערט.

— גיב נאָר אַ קוק וואָס פאַר אַ פנים ס'קינד האָט! — האָב איך מיך אַמאָל אָנגערופן צו דער פרוי. וואָס איז געשען?

— וואָס זעסטו דען אויף אים? — האָט די פרוי אַ צעשראָקענע אָפּגע־ענטפערט.

— זעסט נישט, ווי ער זעט אויס! ער קוקט אויף מיר מיט אַזעלכע מאָדנע אויגן!

זי האָט געכאַפּט דאָס קינד אויף די הענט און מיך האָט זי אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם. דאָס קינד האָט זיך דערשראָקן און האָט זיך צעוויינט.

דאָס בלוט איז אונדז פאַרגליווערט געוואָרן אין די אָדערן. פון זיין מיילעכל האָט זיך אַרויסגעריסן אַ שלוכצן און וויינען, אָבער זיין געזיכט איז געבליבן אומפאַרענדערט. צווי תמעוואַטע אויגן האָבן ווי גלעזערנע געגלאָצט אויף אונדז...

— אָ, גאָט! — האָב איך נישט מיט מיין קול אויסגעשריגן, — ווער האָט עס אַרויפגעצויגן אַזאַ שוידערלעכע מאַסקע אויף אונדזער קינד?!

מיין אָרעמע פרוי איז געבליבן ווי פאַרשטיינערט. איך וועל ביזן טויט נישט פאַרגעסן יענע נאַכט. אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר ביידע אָפּגעזעסן ביים קינדס בעטעלע. ווען ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן זענען זיינע פּאַראַליזירטע אויגן געבליבן אָפן. זיי האָבן זיך שוין מער קיינמאָל נישט צוגעמאַכט...

.3

דער אַלטער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ ראָג און האָט זיך צו מיר אָנגערופן:

— האָט קיין פּאַריבל נישט, הער דאָקטער, איך מוז איבערכאַפּן דעם אָטעם. די פיס האַקן זיך מיר אונטער.

זיין שמאַטישע פיגור איז אַוועקגעפאַלן אויפן טראָטואַר. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אַרום און אַ שוואַכע מאַטע שיין וואָס איז געקומען פון דעם נאָענטן גאַס־לאַמטערן, האָט געשפּאָלטן דעם נעפּל און שוואַך באַשיינט די דאָזיקע מאָדנע סצענע.

— עס פעלט מיר מער נישט נאָר ער זאָל דאָ אויסגיין, — האָב איך געטראַכט.

אַ ווײַלע איז ער געלעגן און האָט שווער געאָטעמט, ענדלעך האָט ער זיך אויפגעזעצט און האָט ווייטער גענומען רעדן:

— איך וועל זיך באַלד פילן בעסער.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און זיך גענומען שלעפּן איבער דעם טראָטואַר. „מײַנע קינדער זענען געקראָכן ווי ווערים" — האָט ער געזאָגט. „זיי האָבן זיך געדראַפּעט אויף די גלײַכע ווענט, אויף טישן און אויף בענק, ווען די מיאַפּאַטיע האָט ביי זיי אויסגעטריקנט די מוסקולן פון די הענט און פיס. די איינציקע וואָס איז מיר פאַרבליבן גאַנץ, ווערמען די דאָזיקע קרענק האָט געשוינט, איז מיין ניינצן־יעריק מיידל, צו וועמען איך פיר אייך אַצינד. זי איז קראַנק. איר וועט פאַרדינען אַ מצווה, ה׳ דאָקטער".

.4

דער אַלטער האָט מיט זיין לעצט ביסל כוחות אַ שפּאַר־געטון דעם שווערן טויער פון דער קאָנווענטיזשע צו וועלכער מיר זענען דערווייל צוגעקומען. ער האָט זיך געעפנט מיט אַ הילכיקן סקריפּ. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס פירט ער מיך אַריין אין אַ שטאַל. ער האָט מיך גענומען פאַר דער האַנט און האָט אַ זאָג־געטון:

— גייט מיר נאָך פאַרזיכטיק. דאָ איז פינצטער ווי אין אַ קבר. לאַנג זענען מיר אַזוי געגאַנגען אין דער פינצטער צווישן אַן אַ שיעור פאַרמאַכטע טירן. קיין מענטשלעכער שאָרך האָט זיך פון ערגעץ נישט דערטראָגן. בלויז הענער האָבן ערגעץ געקרייעט אויף טאָג. מיר האָבן געקלעטערט איבער גליטשיקע טרעפּ ביז מיר זענען אַריין אין אַ ווייט פאַרוואָרפענעם צימער. ביים אַריבערטרעטן די שוועל האָט אַ זעץ־געטון אין פנים אַ שטאַרקער רויך פון נאַפט. אויף אַ פיר־עקיקן טיש,

וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך זענען געשטאַנען צוויי מעשענע לייכטער וואָס זענען באַלייגט געווען מיט צעלאָזענעם חלב פון אויסגעגאַנגענע שבת־ליכט. לעבן די לייכטער איז געשטאַנען אַ נאַפט־לעמפּל, וואָס האָט מער געררייכערט ווי געלויכטן. אַ ווײַלע בין איך געשטאַנען ביי דער טיר, אַ צעטומל־טער, ווי שטענדיק ווען איך פֿאַל אַריין אין אַ ווילד־פֿרעמדער סביבה. דער אַלטער האָט זיך אַ פֿאַרמאַטערטער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ בענקל, וואָס איז געשטאַנען לעבן אַן אַלטער שאַפע מיט אַן אָפּגעבליאַקעוועטן שפּיגל. אין שפּיגל האָב איך דערזען זיך דערנעענטערן צו מיר אַ פֿרוי, וואָס האָט זיך מיר פֿאָרגעשטעלט אַלס די מוטער פֿון דער קראַנקער. איר קאָפּ גרויע האָר איז געווען אינגאַנצן צעשויבערט. דאָס פּנים דאַר און געל ווי פֿון פּאַרמעט. אירע גרויסע אויגן איינגעאַרבן טיף אין קאָפּ. דער קערפּער איינגעשרומפּן און די קליידער האָבן פֿון איר אַראָפּ־געהאַנגען — מיט איין וואָרט: אַ קראַנקע מוטער פֿון קראַנקע קינדער.

זי האָט מיך צוגעפֿירט צו דער קראַנקער.

אויף אַ נידעריק בעטל איז געלעגן די טאָכטער מיט אַריבער פֿערציק גראַד היץ.

— צינדט אָן אַ ליכט און ברענגט עס צו אַהער — האָב איך באַפֿוילן דער מוטער.

— אייער טאָכטער איז שוין קראַנק אַ צוועלף טעג. דאָס איז אַ טיפֿוס. עס וועלן אַוועק נאָך אַ צוועלף טעג, וועט די היץ פֿאַרשווינדן און, אויב עס וועט נישט צופֿאַלן קיין נייע קרענק, וועט זי נאָכדעם געזונט ווערן.

—איך בעט אייך, דאָקטער, — האָט די מוטער געזאָגט — וואָס פֿאַרשרייבט איר פֿאַר אַ רעצעפּט?

— גאָרנישט.

— וואָס הייסט? גאָט איז מיט אייך. איז שוין גאָר קיין רפֿואה נישטאָ פֿאַר איר? — האָט זי שמערצלעך אויסגעשריגן.

— נישט דאָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגן. איר קערפּער איז פֿעיִק צו באַ־קעמפֿן די שלאַפֿקייט אָן שום אויסערלעכער הילף. מיר דאָקטוירים שפּילן ביי דער קרענק גאָר אַ קליינע ראָל. דער עיקר איז היטן די דיעטע און לייגן אייז צום בויך, וועט זי אין אַ פּאָר וואָכן אַרום געזונט ווערן.

— אוי, גאָט, — האָט אויסגעשריגן די מוטער. נעם זי ביי מיר נישט צו! זי איז ביי מיר, דאָקטער, דאָס איינציקע אויג אין קאָפּ. נאָך יום־טוב האָבן מיר גערעכנט זי חתונה צו מאַכן. איר חתן איז נישטאָ אין בוענאָס־איירעס. ער פֿאָרט אַרום איבער דער פּראָווינץ האַנדלען. ער שטאַרבט פֿאַר אירע טריט, ווען ער קומט קיין בוענאָס־איירעס זעט ער זיך מיט איר ביי מיינער אַ קוזינע. ווי זאָל איך אים אַהער פֿאַרבעטן?...

איך בין פון דאָרט אַרויס איינגאַנצן אַ צעקלעמטער און דער עפּיזאָד האָט זיך מיר אויף שטענדיק איינגעקריצט אין זכרון.

מענטשלעכע לײדן; מענטשלעכע טראַגעדיעס.

— —

זיבן יאָר זענען זינט דאַן אַוועק. אַנדערע קראַנקע, אַנדערע לײדן האָבן מיך געהאַלטן פאַרנומען פון אינדערפרי ביז אָוונט. און אין איין פרימאָרגן האָב איך געטראָפן אין אַ וואַרט־זאַל פון אַ נערוון־קליניקן שפּיטאָל אין אונדזער שטאָט בוענאָס־איירעס, זיצן אַ יונגע פרוי מיט אַ זעקס־יאָריק קינד אויף די הענט. אויף דעם קינדס פּנימל איז געלעגן די שרעקלעכע מיאָפּאַטיע־מאַסקע...

דאָס איז געווען יענץ מיידל צו וועמען איך בין גערופן געוואָרן ביינאַכט, בעת זי האָט געברענט פון טיפוס־פיבער.

די בייזע ירושה פון אירע ברידער איז אַריבער צו אירע קינדער.

געוועזענע מענטשן

.1

אין אַ שײנעם אַפּריל־טאָג, זײענדיק אונטערוועגס צו די „קאַטאַראַטאַס דעל איגואַסו", האָב איך איבערגעלאָזט קרובים, באַגלײטער מײנע אין האָטעל און אַלײן גענומען שפּאַצירן איבער פּאָסאַדאַס, די הויפּטשטאָט פון דער צפון־טערי־טאָריע מיסיאָנעס.

דער קאָלאָניאַל־סטיל פון אירע בנינים מיט גראַטעס אויף די פענצטער, די קרומע געסלעך, דער דרימל וואָס איז געלעגן אויף יעדן פּנים וואָס איז מיר אַנטקעגן געקומען, האָבן מיך דערמאָנט אין מײנע גרינע יאָרן; ווען איך האָב אַרומגעבלאָנקעט איבער די שטילע אָפּגעשטאַנענע געסלעך פון דער געגנט „פּאַרקע דע לאָס פּאַטריסיאָס" אין בוענאָס־אײרעס, מיט פערציק יאָר צוריק.

באַקאַנט איז יענער בוענאָס־אײרעסער ווינקל דאַן געווען מיטן נאָמען „קאָ־ראַלעס", און אַן אײנדרוק האָט ער אויף מיר געמאַכט ווי אין סלאַבאָדע, הינטער מײן געבורטשטאָט וואָס איך האָב פאַרלאָזט אין רוסלאַנד.

אָבער באַזונדער זענען מיר אײנגעקריצט געוואָרן אין זכרון דאָס ביסל קאָראַלעסער ייִדן, וואָס מיר האָבן דאָ געטראָפן אָפּריכטן זײער גלות, אָפּגעריסן פון זײערע הײמען. אונדזער שטוב אויף דער גאַס טשיקלאַנאַ, איז געווען עפּעס אַ מין צוזאַמענקום־ווינקל אין וועלכן יענע פאַרוואָגלטע האָרעפּאַשניקעס האָבן זיך פאַר־ווײלט אין די שבתדיקע אָוונטן און אין די זונטיקדיקע בײטאָגן. דאָרט האָבן זײ זיך געפילט הײמיש און ברידערלעך־פאַרבונדן, כאָטש זײ זענען אַהער געקומען פון גאַנץ פאַרשידענע רוסישע קאַנטן.

שפּאַציר איך איצט, נאָך די אָפּגעלאָפענע פערציק יאָר איבער פּאָסאַדאַס און עס קומען מיר אַרויף אויפן זכרון אײניקע קאָראַלעסער ייִדן, וואָס איך האָב אַמאָל געקענט. זײ קומען מיר ממש פאַר די אויגן. אָט זע איך ליאָווען דעם בעַ־סאַראַבער, אַ הויכער ברײט־בײניקער ייִד, אַ גבור, מיט אַ רויטער געקרײזלטער טשופּרינע, מיט אַ פעטן קאַרק, וואָס האָט קײנמאָל נישט פאַרפעלט אַ שבת־צו־נאַכט.

גאַנצע נעכט פלעגט ער אָפּזיצן און רעדן מיטן טאַטן וועגן פאַרשידענע זאַכן, צו וועלכע איך האָב מיך קנאַפּ־וואָס צוגעהערט. ער האָט זיך דאָ צו קיין פּאַך נישט צוגעפּאַסט און דאָס ביסל וואָס ער האָט פאַרדינט פלעגט אים קוים קלעקן אויף זיין אייגענעם געברויך. דערווייל האָט די פרוי און קינדער זיינע, דאָרט אין סקוליע געהונגערט, און ער איז דאָ אַרומגעגאַנגען און זיך געוויצלט און דערציילט פאַר אַלעמען אַנעקדאָטן. ער האָט בעת־מעשה אָפּגעחוזקט פון דער גאַנצער וועלט בכלל און פון „אַמעריקע גנב״ בפרט.

נאָכן יאָר 1914 איז ער געוואָרן אַ פרייער פויגל, אָן אַ עול פון אַ משפּחה. ער איז מיט אַמאָל נעלם געוואָרן און קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס פון אים איז געוואָרן.

אין אַ ווינקל פון אונדזער עס־צימער פלעג איך כמעט יעדן שבת אין אָוונט טרעפן זיצן אָפּגעזונדערט צוויי פאַרדעכטיקע פאַרשוינען: דאָס זענען געווען מאַיער דער געשטופּלטער און לייזער דער שוואַרצער קאַטער, מיט די פלינקע אייגעלעך — אויף זיין רעכטער באַק האָט ער געהאַט עפּעס אַ קיילעכדיקן צייכן, די גרויס פון אַ רוסישן זעקסער. צווישן זיך האָבן זיי שטענדיק גערעדט אַראַביש. זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט ווי ייִדן פון פּאַלעסטינע. בנימינקע, אונדזער לאַנדסמאַן האָט געהאַלטן, אַז זיי זענען אמתע אַראַבער וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט אַ ביסל ייִדיש פון די חלוצים, וואָס זענען געקומען קיין ארץ־ישראל פון פּוילן. ער האָט זיי אַליין געזען האַנדלען מיט סחורות, וואָס זיי טראָגן אַרום פאַרקויפן אין לאַ באָקאַ אויף אַ טראָג־טישל, און שרייען איבער די גאַסן: „אַ װענטע, אַ װענטע״, (צו צוואַנציק, צוואַנציק...), אַ שטיקל סחורה, הייסט עס... וואָס נאָר אַראַבער פאַרנעמען זיך מיט דעם. ווער עס האָט זיי צו אונדז געבראַכט האָט קיינער נישט געוווּסט. שפּעטער איז מען געוווּיר געוואָרן, אַז מאַיער דעם געשטופּלטן האָט מען געפונען אַ געסמטן ביי זיך אין צימערל און דער שכן זיינער דער „שוואַרצער קאַטער״, ווי מיר פלעגן רופן זיין חבר לייזער מיטן צייכן אויף דער באַק, איז ווי אין וואַסער אַריין.

אַזעלכע דערינערונגען פון מיינע גרינע יאָרן האָב איך מיר דערמאָנט גייענדיק איבער די געסלעך פון פּאַסאַדאַס, אין יענעם בייטאָג. דער הימל איבער מיסיאָנעס האָט געגליט פונקט ווי אין בוענאָס־איירעס אין מיטן יאַנואַר. טיר און פענצטער זענען געווען אָפן און ביים פאַרבייגיין יעדע דירה האָט אַ שלאָג געטון אויף מיר גערוכן פון פאַרשוויצטע לייבער און פון שיריים, אַרום וועלכע עס האָבן געזשומעט און זיך געראַיעט אָן אַ שיעור פליגן.

די היץ איז געווען פאַרעדיק. אומדערטרעגלעך. איך האָב מיך קוים דער־שלעפּט צו דער פּלאַסע און זיך פויל און שווער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ באַנק אין דעם שאָטן פון אַ צעצווייגטן בוים.

אַ ווײַלע האָב איך דעם אָטעם אָפּגעכאַפּט און גענומען באַטראַכטן דעם גאַנצן אַרום. דאָ האָט אַלעס מיר דערמאָנט אין דעם פּאַרק, וואָס ליגט אויף יענער

זייט קאַסעראַס, אין קאַראַלעסער געגנט. עס זאָל פעלן אַ האָר. ווידער האָבן מיט אַ באַזונדערער עקשנות זיך געגומען יאַוועץ און אַרויסקריכן פון ערגעץ שוין לאַנג־פאַרגעסענע פיגורן און געגומען שוועבן פאַר די אויגן.

אויף אַזאַ באַנק האָב איך געטראָפן אין יאָר 1916, זיצן אין קאַראַלעסער פּאַרק זיידלען דעם נאַראַדיטשער וואָס האָט געאַרבעט אין וואַסענאַס אייזן־פאַבריק. איך האָב מיט אים געוואָלט פאַרבינדן אַ געשפּרעך, אָבער ער איז געווען טויט־שיכור.

זיידל איז געווען אַן אַרבעטסזאַמער, גוטער מענטש און שטערבלעך פאַר־ליבט אין דער פרוי, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין דער היים אויף דער צייט... די בריוו פון זיין פרוי פלעגן אָנקומען אויף אונדזער אַדרעס, דערפאַר איז ער געווען אַן אָפטער אַריינגייער צו אונדז. זיין בענקען אַהיים איז געווען חוץ לדרך הטבע. ער האָט זיין פרוי קיינמאָל פון געדאַנק נישט אַרויסגעלאָזט און שטענדיק גערעדט פון איר. זיין חנהלען האָט ער פשוט פאַרגעטערט. ער האָט זיך דאָ קיינ־מאָל דאָס לעבן נישט פאַרגונען. פון גיין אין טעאַטער „אָלימפּאָ", אויף פּועירעדאָן, אָדער אין סאַלאָן „גאַריבאַלדי" אויף קוזשאָ (היינט סאַרמיענטאָ), ווו מ'פלעגט אויפפירן גאָלדפאַדנס היסטאָרישע פּיעסעס, איז גאָר קיין רייד נישט געווען.

געוווינט האָט ער אין אַ בוידעם־צימערל אין דעם איינקוואַרטאַלנעם געסל באַרקאַלאַ, אַנטקעגן דער פאַבריק ווו ער פלעגט אַרבעטן חוץ די ניין שעה, אויך איבער־שעהן, אַריינצוכאַפּן מער געהאַלט אין דער „קינסענאַ", אַלץ צוליב חנהלען מיטן קינד וואָס דאַרף ערשט געבוירן ווערן. אַזוי פלעגט ער זאָגן פון דעם ערשטן טאָג אָן, וואָס ער איז אָנגעקומען און באַלד געקראָגן אַרבעט ביז די זיבן מאָנאַטן, וואָס לויט זיין חשבון האָט שוין דאָס קינד געדאַרפט געבוירן ווערן. יענע טעג איז ער אַרומגעגאַנגען אַן אַ קאָפּ און פאַרזאָרגט, בפרט ווען דער בריוו פון איר איז אין פאַרלויף פון אַ פּאָר חדשים נישט אָנגעקומען. יעדן טאָג, ווי נאָר זיידל האָט געענדיקט די אַרבעט, איז ער אַריינגעפאַלן צו אונדז נישט טויט, נישט לעבעדיק, אַ פרעג געטון אויף אַ בריוו.

דער גליקלעכער מאָמענט איז ענדלעך געקומען. מיר האָבן געמיינט, אַז ער איז פון זינען אַראָפּ פון גרויס פריידי. דער פרוי זיינער איז איינגעפאַלן צו אָפּ־שטעמפּלען אויף דעם בריוו דעם נאָר־וואָס געבוירן קינדס רעכטע הענטעלע. ער האָט דעם בריוו געדריקט צום האַרצן, געקושט און געשלונגען יעדעס וואָרט באַזונדער, געלאַכט און געוויינט אויף אַ משונהדיקן קול, אַז עס האָט זיך אונדז אַלעמען געשטעלט טרערן אין די אויגן.

עס זענען אַוועק אַ פּאָר יאָר. קלייבנדיק אַ סענט צו אַ סענט, האָט ער אָפּ־געשפּאָרט אויף אַ שיפסקאַרטע און אַנדערע נייטיקע זאַכן. אָבער עס איז אויס־געבראָכן די מלחמה פון 1914. די לעצטע בריוו אירע וואָס ער האָט באַקומען זענען געווען פון דעם רוסיש־עסטרייכישן גרענעץ־שטעטל נאָוואָסעדליצע און

שוין, ווי אין וואַסער אַריין. ער, זיידל, האָט זיך נאָר פאַרגעשטעלט, אַז זי מיטן קינד זענען אין דער מלחמה־בהלה אומגעקומען ערגעץ ביי יענער זייט גרענעץ. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן יאוש. גאָר נישט געלאָזט זיך טרייסטן און באַרויקן. ער האָט אין אונדזער שטוב געקלאָגט און געוויינט. זיינע באַזוכן זענען געוואָרן אַלץ זעלטענער און זעלטענער, ביז ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין שיכרות. ביי אונדז אין שטוב האָט מען עס נישט געוואָלט גלייבן, אָבער דעם פאַקט האָב איך אַליין קאָנסטאַטירט, טרעפנדיק אים אין אַזאַ צושטאַנד זיצן אויף אַ באַנק אין פּאַרק.

— זיידל! וואָס מאַכט איר? — האָב איך אים אַ פרעג געטון.

— אַ, וואָס, חנהלע? — האָט ער אַ רעוו־געטון, אויסשטעלנדיק אויף מיר אַ פּאָר אויפגעריסענע אויגן... זיין פאַרשיכורטער מוח איז געווען פאַרנומען מיט זיין פרוי און קינד. פון זיין ברייט־צעעפנטן מויל האָט אויף מיר אַ שלאָג־געטון אַ געריך פון וויין, וואָס האָט זיך בשעת־מעשה ביי אים אין מאָגן געקאָכט...

אינמיטן נאַכט, ווען עס האָבן גענומען ליאַרעמען די סירענעס פון די פאַבריקן, פייפן די פּאַראַוואָזן אויף די וואָקזאַלן, און רעווען די שיפן ביים פּאָרט, באַגלייט מיטן קנאַל פון פייערווערק און רעוואָלווער־שאָסן אין דער לופט. (אין יענעם הרף־עין, ווען דאָס יאָר ניינצן־אַכצן האָט זיך געענדיקט, און דער ווייזער פון דער צייט האָט זיך אַ רוק־געטון צום אָנקומענדיקן יאָר), האָט זיך זיידל דער נאַראַדיטשער געטרונקען אין דעם סם־המוותדיקן געטראַנק אַכענבאַ, ביי אים אין צימערל. זיין איינגעפאַלן באַוואַקסן פנים האָט אויסגעזען שרעקלעך אויפֿ־געגעגט. אָנגעשפּאַרט מיט זיינע הענט און איינגעפּלאָנטערט אין זיין צעשויבער־טער טשופּרינע, האָב איך אים געטראָפן רעדן צו דער וואַנט. איך האָב נישט געוואָגט אים שטערן אין זיין דעליריום־צושטאַנד; איך האָב געוואַרט אַ ווײַלע, ביז ער איז אַנידערגעפאַלן אויף דעם פּאָל, באַהערשט פון אַ שווידערלעכער ספּאַזמע מיט אַ געדיכטן שוים אויף זיינע ליפּן.

אָן אַן אָטעם בין איך געלאָפן אַהיים אָנזאָגן דעם טאַטן וואָס פון זיידלען איז געוואָרן.

זיינע אומגעקומענע ביינער אין יענע טראַגישע יאַנואַר־טעג זענען אַפילו צו קבר־ישראל נישט געבראַכט געוואָרן.

***

ווי פון אַ קאָשמאַר האָב איך מיך אויפגעכאַפּט אויף דער באַנק אין פּאַרק פון פּאָסאַדאָס, ווען אַ יינגל פון אַ יאָר זעקס איז צוגעלאָפן און האָט גענומען זוכן דאָרט זיין פילקע, וואָס האָט זיך פאַרקייקלט נעבן מיר.

— נאָך אַלעמען — האָב איך אַ טראַכט־געטון צו זיך אַליין, צו וואָס זיך דער־מאָנען אין אַזעלכע אומאָנגענעמע זאַכן, וואָס האָבן זיך פאַרלאָפן מיט כמה וכמה יאָרן צוריק.

איך האָב מיך אויפגעהויבן פון מיין אָרט און זיך פאַרנומען אויף אַ שמאָלער אַלייע וואָס האָט געפירט באַרג־אַראָפּ צום ברעג פון טייך פּאַדאַנאַ.

2.

איך בין געבליבן שטיין נעבן אַ קליין גאַלפאַנדל, באַוואַכט פון אַ מאַטראָז.

דער פּאַראַנאַ, מיט זיין געלער מראה האָט זיך געהאַלטן שטיל. ער האָט אויסגעזען ווי אַ לאַנגער ריזיקער שפּיגל, צווישן אַרגענטינע און פּאַראַגווייַ.

איבער וויזשאַ ענקאַרנאַסיאָן, אויף יענער זייט טייך, איז געווען פאַרצויגן אַ בלויער דינער נעפּל; עס האָט געמאַכט דעם עפעקט פון אַ מיראַזש אַ „פאַטאַ־מאָרגאַנאַ", וואָס הענגט אין דער לופטן צווישן הימל און ערד און די טיפע מדבריות.

פּלוצלינג האָב איך דערהערט הינטער מיר עפּעס אַ גערודער, וואָס האָט מיך אַרויסגעריסן פון יענער פאַרכישופטער זעונג. ווען איך האָב מיך אומגעקערט מיטן פּנים צו דער יבשה האָב איך מיך אָנגעטראָפן אויף אַ מאָדנער פּאַנאָראַמע: אויף עטלעכע רויט־זאַמדיקע שטעגן, וואָס האָבן זיך געשלענגלט באַרג־אַראָפּ, האָבן זיך לאַנגזאַם געצויגן צום פּאָרט אָן אַ שיעור אויסטערלישע מענטשלעכע פיגורן. ווען זיי זענען צוגעקומען נעענטער האָב איך מיך געכאַפּט, אַז דאָס זענען פרויען... פרויען, איינגעהילטע אין שמאַטעס, וואָס טראָגן שווערע אָנגעלאָדענע טאָרבעס און פולע קאָשיקעס, אָנגעהאַנגען אויף זייערע אויסגעקרומטע פּלייצעס, און צעשויבערטע קעפּ.

אַ טייל פרויען זענען געווען ממש באַהאָנגען מיט אַזוי פיל משא, אַז מען האָט זיי גאָרנישט אַרויסגעזען.

שוואַנגערע פרויען האָבן מיט זייערע אויפגעטראָגענע בייכער, פּאַרויס זיך געשלעפּט מיט שווערע קלומעקעס אויף די רוקנס און אויף זייערע אָנגעפולטע ברוסטן. זייערע פּנימער זענען געווען פינצטער, נאַס און קויטיק ווי די אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע בגדים זייערע; ערטערווייז האָבן זיך אַרויסגעזען זייערע ברודיק זינדיקע לייבער.

ביי קיינער פון אָט די פאַרשוואַרצטע פרויען האָבן נישט געפעלט די גאָלדענע לאַנגע אויירינגלעך.

אַ סך פון זיי האָבן געהאַלטן אין די מיילער, צווישן די צעפוילטע ציין, בלעטער־ציגאַרן; אייניקע האָבן געררויכערט, אַנדערע האָבן די דאָזיקע ציגאַרן געקייעט און געלעקט ווי עפּעס זיסע קאָנפעקטן.

אין אַ לאַנגער רייע האָבן זיי זיך נאָכהער אויסגעשטעלט אַנטקעגן דעם גאַלפּאַנדל וואָס האָט געדינט אַלס צאָל־אַמט. זיי האָבן צווישן זיך גערעדט גוואַראַני, די שפּראַך פון דעם ווילדן שבט וואָס די קאָנקיסטאַדאָרן אַזשאַלאַס און איראַלאַ האָבן דאָ געטראָפן מיט פיר הונדערט יאָר צוריק.

איך האָב פאַרשטאַנען אַז דאָס זענען פּאַראַגווייער פרויען, וואָס קערן זיך אום פאַרנאַכט אַהיים.

— ווען קומט אַן פון דאָרט דאָס לעצטע שיפל? — האָב איך אַ פרעג־געטון דעם מאַטראָז וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך.

— זעקס אַזייגער, סעניאָר! — האָט ער, מיט אַ מיליטערישער אַכטונג טרוקן אָפגעענטפערט.

אין אַ ווײַלע אַרום בין איך שוין געשטאַנען אין אַ לאַנגער רייע, צווישן די ווילדע ווײַבער, פון וועמען עס האָבן זיך געטראָגן איבלדיקע גערוכן פון פאַר־שוויצטע לײַבער, פון צעקייטן טאַבאַק און פון הונגעריקע, פאַרשמאַכטע מײַלער און אין מײַנע אויערן האָט געגרילצט זייער ווילדער פלוידער.

לאַנג האָט געגומען ביז איך בין צוגעקומען צום באַאַמטן וואָס איז געזעסן בײַ אַ לאַנגן טיש אינעווייניק אין דעם גאַלפּאָנדל. ער, דער באַאַמטער, אַ קריאָזשאָ, מיט אַ דורכנעמענדיקן בליק, אַן אַ רעקל, אין אַ גרוי העמד, מיט קורצע אַרבל, האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט מיך אָפּגעמאָסטן ווי גרויס איך בין. ער האָט ווי אַרויסגעריסן בײַ מיר דאָס בוך פון האַנט, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט. ער האָט עס גענומען בלעטערן און אויסטרייסלען. איך האָב אים אַפּנים אויסגעוויזן פאַרדעכטיק. ענדלעך האָב איך פאַרנומען אַן אָרט אין דעם קליינעם שיפל וואָס האָט געדאַרפט אָפּגיין.

אַ האַלבע שעה האָט גענומען דאָס איבערקרייצן דעם פּאַראַנאַ. אַ היפּשע צײַט בין איך נאָך דעם אויסשטײַגן פון שיפל געשטאַנען אויפן צווייטן ברעג פון פּאַראַנאַ, באַהערשט פון עפּעס אַן אומאַנגענעמען געפיל.

עס האָט זיך מיר געדאַכט אַז איך בין פאַרשלעפּט געוואָרן אין אַ ציגײַנער־לאַגער.

איך גיי אָפּ אַ שטיקל וועג מיטן שטראָם פון אַ לאַנגער קאַראַוואַנע פּעקל־טרעגערינס, און ווער וואָס אַמאָל מער הינטערשטעליק. די פיס דינען מיר נישט, ביז איך בלײַב אין גאַנצן שטיין. ביסלעכווײַז זעצן זיך אויס די פרויען, מיט מיר געקומענע, אויף דער ערד, אויף טראָטואַרן, אויף די טרעפּ און גאַניקעס פון חורבות, וואָס פּוסטעווען דאָרט אַנטקעגן דעם פּאָרט.

אַזוי אויסגעזעצט, האָבן זיי אויפגעעפנט און צעבונדן זייערע קאָשיקעס און טאָרבעס און איינע האָט זיך געסטאַרעט איבערשרײַען די צווייטע. דער טומל איז געווען אומדערטרעגלעך, גלײַך ווי עס זאָל זיך געווען האַנדלען פון ווער ווייסט וואָס פאַר אַ מסחר אויף אַ ריזיקן יאַריד. עס זענען געווען נישט מער ווי זאַכן פון טאָג־טעגלעכן געברויך, ווי קאַרטאָפל, אייער, ציבעלעס, ברויט, זאָקן, טיכ־לעך, שטיקער געוואַנט און „מאַנדיאָקאַ" (לאַנגע און גראָבע זיסע קאַרטאָפל, וואָס וואַקסן נאָר אין די אַמעריקאַנער טראָפּיקאַלע מקומות).

די דאָזיקע האָרעפּאַשנע ווײַבער פון פאַרשידענעם עלטער, זענען געווען אַזוי ענלעך איינע צו דער אַנדערער, גלײַך ווי זיי זאָלן באַלאַנגען צו דער זעלבער משפּחה. מעגלעך, אַז ווײַל זייערע פּנימער זענען געווען בלויז הויט און ביינער,

האָבן זיי אָנגענומען דעם געשטאַלט פון אויסגעטריקנטע סקעלעטן. און סקעלעטן זענען ענלעך איינער צום אַנדערן.

אויף טריט און שריט זענען געזעסן אויף דער ערד מאַמעס מיט פּיצלעך קינדער, וואָס האָבן זיך געהאַלטן צוגעטוליעט צו זייערע אָנטבלויזטע ברוסטן און פון זיי אַרויסגעזויגן דעם דם התמצית.

— ווילסט עפּעס אַ טרונק? — רופט זיך אָן איינע, וואָס איז געזעסן ביי אַ טישל מיט גלעזער, אָנגעפולט מיט אַ מוטנער, גרינער פליסיקייט.

איך גיי ווייטער. איך ווער פריטשמעליעט פון דער ברענענדיקער זון און פון דעם טומל, וואָס טראָגט זיך אַרום מיר. עס דאַרשט מיך, אַז איך פּלאָנטער קוים מיט די פיס. איך פאַרקערעווע אין אַן אַנדער גאַס און דערזע פלוצים אַ שילד: „קאַ באַר סאַראַקאַבאַנאַ״.

איך דערשלאָג מיך קוים צו יענעם שענק און פאַל צו צו אַ טישל ווי אַ שיכור וואָס קאָן זיך שוין מער נישט האַלטן אויף די פיס. איך בין אין גאַנצן געווען אויסגעווייקט פון שוויס. איך האָב מיר מיט גרויס זשעדנעקייט צולגעכאַפּט צום קאַלטן געטראַנק וואָס דער קעלנער האָט מיר דערלאַנגט. איך האָב געטרונקען אַזוי לאַנג, ביז דער שרעקלעכער בראַנד אויף מיין אויסגעטריקנטן גומען האָט אָפּגעלאָזט. איך האָב דערפילט אַ דערקוויקנדיקע פרישקייט וואָס האָט זיך צע־גאָסן איבער אַלע מיינע גלידער, און עס איז מיר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן.

ערשט דאַן האָב איך מיך געכאַפּט, אַז איך געפין זיך נישט אַליין. מענער מיט טיפע שראַמען אויף די פּנימער, צייכנס אויף מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט איינמאָל געשלאָגן און צעממיתט, זענען געזעסן אין יענעם שענקל ביי טישלעך און האָבן געשיכורט. אויך דאָ האָט מען נאָר גערעדט גואַראַני. איינער פון זיי, וואָס איז געזעסן נישט ווייט פון מיר, פלעגט פון צייט צו צייט אויפשטיין פון זיין בענקל און האָט מער פון אַלע געליאַרעמט אויף יענער מאָדנער שפּראַך און האָט בעת־מעשה געפאָכעט מיט די הענט צו אַלע געסט. פון צייט צו צייט האָט זיך געדאַכט, ווען אָט־דער דאָזיקער פאַרשוין אַרויסרופן אַ געשלעג צווישן זיי. זיינע אויגן האָבן עפּעס מאָדנע געפינקלט און ווען נישט ווען, האָט ער אויך אויף מיר געוואָרפן אַ בליק וואָס איז אַבסאָלוט נישט געווען קיין באַרויקנדיקער.

אין אַ געווויסן מאָמענט האָט איינער פון זיי, וואָס איז די גאַנצע צייט גע־שטאַנען אויף דער שוועל, עפּעס געמאָלדן און באַלד האָבן זיך אַלע אויפגעהויבן, פאַרשאַרט זייערע צעפאַטלטע קודלעס אויף הינטן און איינציקווייז האָבן זיי זיך אָנגעהויבן אַרויסשאַרן. איך בין נייגעריק געוואָרן צו זען וואָס דאָ קומט פאָר און אויך איך בין אַרויס נאָך זיי.

אויף יענער גאַס דערזע איך אַ מאָדנע סצענע: אינמיטן אַ געדיכטן שטויב, וואָס איז אויפגעגאַנגען פון דער ערד, שלעפּט זיך אַ גרויסע מחנה פרויען אין שוואַרצן געקליידט מיט גרויע פאַטשיילעס אויף די קעפּ און קליינע בינטלעך

בלומען אין די הענט. אין דער שפיץ פון דעם המון גייט אַ יינגל פון אַ יאָר אַכט און טראָגט פאַר זיך אויפגעהויבן אַ הויכן און ברייטל טאָוול אויף וועלכן עס איז אויסגעמאָלן אַ שוואַרצער גרויסער צלם. איבער דער מחנה, אויף אַ פיר־עקיקער ברעט, טראָגט מען אַ קליין ארונדל, אַרומגעקלעפּט מיט בלוי פּאַפּיר און באַצירט מיט זילבער־פּאַפּירענע שטערנדלעך, וואָס בליאַסקען אַנטקעגן דער זון. איך גיי צו נעענטער און באַמערק אַז אין דעם קליינעם אויפגעעפנטן קאַסטן ליגן אַ פּיצל קינד. זיין טויט פּנימל איז געל ווי וואַקס און די אויגעלעך זיינע האַלב־אָפן און פאַרגלאָצט. אַ קלאָר ווייס ליילעכל דעקט דאָס צו ביזן האַלדז, די הענטעלעך פאַרלייגט אויפן הערצל, מיט אַ קליין צלמל פאַרשטעקט צווישן זיינע פינגערלעך. אַלע ווילע רייסן זיך אַריין אין יענער מחנה מענטשן פון דער גאַס און וואַרפן אַריין אין ארונדל געלט און צלמען זיך איבער.

אַזוי ווי איך שטיי און באַטראַכט אָט־די לוויה, דערפיל איך אַ לייכטן באַריר אין דער פּלייצע. איך קער מיך אום און דערזע פאַר מיר יענעם באַרעדעוודיקן פאַרשוין וואָס האָט זיך געפונען נאָענט נעבן מיר אין שענקל, און האָט געהאַט געפּאַכעט מיט די הענט צו די געסט. אַ ווילע קוקט ער מיך אָן און גיט אַ מאַך אויף... מאַמע־לשון:

— נאָט איך דאָס בוך, וואָס איר האָט פאַרגעסן אויף דעם טישל!

איך בלייב שטיין ווי אַ געפּלעפּטער און גיב אַ פרעג:

— וואָס? איר זענט אַ ייד?

— יאָ, אַ ייד, דאָס וואָס איר הערט! — ענטפערט ער קאַלטבלוטיק.

איך גלייב נישט מיינע אויערן. זיינע אויסגעסטאַרטשעטע קינבאַקן, זיינע מאָדנע קרומע אויגן און דער גאַנצער שיכורער פּנים זיינער, אָן אַ מינדסטן יידישן שטריך, ברענגט מיך אַריין אין פאַרלעגנהייט. איך קאָן פון אים די אויגן נישט אָפּרייסן. עס געדויערט אַ ביסל ביז איך קום צום וואָרט.

— אַ ייד, אַן איינגעבירגערטער ייד אין אַזאַ העק? — שטאַמל איך אַרויס צווישן אָט־די ווילדע ברואים?

— איר זענט כאָטש אַ מבין אויף זיי? — מאַכט ער צו מיר און זיין פּנים צעשמייכלט זיך. — באַמערקט, וואָס פאַר אַ זיטן און מנהגים זיי האָבן. דאָס וואָס איר האָט נאָר־וואָס צוגעזען איז נישט די אמתע לוויה פון אָט־דעם געשטאָרבענעם נפשל. איצט פירט מען דאָס צו אַ קרוב. דאָרט וועט היינטיקע נאַכט פאָרקומען דער ערשטער „וועלאָריאָ", וואָס טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַ פריילעכער אָוונט־אונטערהאַלטונג. מען שטעלט אַוועק דאָס טרומנעלע מיטן בר־מינן אינמיטן אַ גרויסן צימער, און ווי עס פאַלט נאָר צו די נאַכט הייבן זיך אָן יאָוועץ געסט וואָס זעצן זיך אויס אַרום דעם קעסטל; עטלעכע אימפּראָוויזירטע מוזיקער ברענגען זייערע גיטאַרעס און מ׳שפּילט, מ׳טאַנצט ביז אין ווייסן טאָג אַריין. אין אָנפאַנג גייט דער בעל „שמחה", דער פאָטער פון פאַרשטאָרבענעם קינד אַליין אַרום מיט

אַ גרויסע „מאַטע״ און „באַמביזשע״ און טראָגט דאָס פון מויל צו מויל. יעדער איינער זופט אַביסל ביז דאָס וואַסער ענדיקט זיך. דאָס דערקאָנט מען באַלד, ווען פון דער מאַטעניצע דערהערט זיך אַ מאָדנער שאָרך. מען ווילט ווידער אָן די „מאַטע״ און עס געדויערט אַזוי עטלעכע שעה. נאָכהער טיילט מען קליינע סאַנד־וויטשלעך פון ברויט און חזיר־פלייש און צולעצט קומט ווין אָדער ביר, מ׳עסט און מ׳שיכורט, מ׳זינגט און מ׳טאַנצט אונטער די טענער פון פאָלקס־מוזיק, צוגע־טופּעט צום טאַקט מיט די פיס... אויף מאָרגן אין אָוונט, גייט מען צו אַ דריטן קרוב אָדער אַנגעזעענעם שכן.

— וואָס פאַר אַ שמחה איז דאָס ביי זיי, אַז אַ קינד שטאַרבט?

— וואָס הייסט? דאָס פּיצל קינד איז דאָך אַוועק פון זיי אָן קיין שום באַ־גאַנגענע זינד. דאָס נשמהלע ייִנגס איז דאָך אַזוי ריין, לויטער און כשר, אַז מען האָט דאָך דאָ צו־טון מיט אַ מלאכל, וואָס קאָן דינען אַלס מליץ־יושר אויף יענער וועלט, פאַר אַלע וואָס זענען זיך מתעסק מיטן אומשולדיקן גופל וואָס זי האָש באַר־וואָס פאַרלאָזט. ווייל ווי איר קוקט זיי אָן, זענען זיי אויף אַזויפיל אבערגלוי־בעריש, אַז זיי מיינען באמונה־שלימה, אַז כל־זמן דאָס קערפּערל געפינט זיך צווישן זיי, שוועבט איבער דעם דאָס נשמהלע. דריי נעכט כסדר ווערט דאָס קערפּערל אַזוי באַוואַכט און מען איז זיך משמח, און ערשט אויף מאָרגן, נאָך דער דריטער נאַכט, קומט די גלאַוונע גרויסע באַגלייטונג צו זיין אייביקער רו.

— ווי פּרימיטיוו איז נאָך דאָס דאָזיקע לאַנד — האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט.

— און איר, מיין פריינט, פון וואַנען שטאַמט איר? איר זענט דאָ מיט אַ פאַמיליע, אָדער איר ווערט דאָ אַליין פאַרשוואַרצט?

ער האָט אַ ווײַלע שווייגנדיק מיך באַטראַכט און אַנגעמענדיק מיך אונטערן אָרעם ווי אַן אַלטן גוטן ברודער, האָט ער אַ מאַך געטון:

— קומט, ה׳ דאָקטער אַריין אין קאַפע, וועלן מיר זיך אַביסל דורכשמועסן.

איצט בין איך שוין אין גאַנצן געוואָרן אויסער זיך און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און אַ דערשיטערטער אַ פרעג־געטון:

— פון וואַנען קאָנט איר מיך? איך האָב אייך, דאַכט זיך קיינמאָל נישט געזען.

— איר האָט מיך שוין דווקא אַמאָל יאָ געזען, — האָט ער ווידער קאַלטבלוי־טיק אָפּגעענטפערט, — אָבער איר געדענקט נישט. איר זעט מסתמא אַזוי פיל מענטשן, אַז איר קענט זיי נישט האַלטן אַלע אויפן קאָפּ. איך, דאַקעגן, דערמאָן זיך אַ סך מאָל אָן אייך.

ביי די רייד זענען מיר אַריין אין שענק און זיך אַוועקגעזעצט ביים זעלבן טישל וווּ איך בין פריִער געזעסן. איצט איז אויסער אונדז ביידע, קיינער נישט געווען. דער קעלנער איז געשטאַנען ביים לאַנגן טיש פון יענער זייט און האָט

געגענעצט. אויף דער וואַנט האָט אַן אַלטמאָדישע קוקולקע אויסגעשלאָגן פיר בייטאָג.

מיין אויסטערלישער ייִד, האָט געהייסן דעם קעלנער דערלאַנגען אַ קאַווע פאַר מיר און עפּעס אַ קליין גלעזעלע מיט מוטנעם גרויען געטראַנק פאַר זיך.

— יאָ, דאָקטער, איך קאָן אייך שוין פון לאַנג; און ווי זאָל איך אַן אייך פאַרגעסן, — האָט ער באַטאָנענדיק זיינע ווערטער אַנגעהויבן רעדן מיט אַראָפּ־געלאָזטע אויגן, — אַז איך זע אייך אַפילו זייער אָפט אין מיינע קאָשמאַרן. אויך היינט, ווען איר זענט אַריין אַהער אין קאַפע, האָט אין מיר דאָס האַרץ אַ צאַפּל־געטון. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך חלום און כדי מיך איבערצוציגן אַז איך זע אייך אויף דער וואָר, האָב איך גענומען רעדן מיט מער אימפּעט און מיט אַלע מיינע אברים. ניין, איצט איז עס נישט קיין קאָשמאַר, נאָר אַ פריינטלעכע באַגעגעניש מיט אייך. און אויב איר האָט געדולד מיך אויסצוהערן וועל איך אייך עפּעס דערציילן.

און ער האָט פאָרגעזעצט:

— עס איז געווען אין אַ מילדן זומערדיקן פאַרנאַכט. זייענדיק דאָ אין וויזשאַ ענקאַרנאַסיאָן, צום ערשטן מאָל אין ניינצן אַכט און דרייסיק, צוליב מסחר, האָב איך באַמערקט זיך אַרומבלאָנקען איבער דער גאַס אַן אַלט פאָרפאָלק און אַ מיידל פון אַ יאָר אַכצן. דער הדרת־פּנים פון דעם ייִדישן זקן, דער ייִדישער חן וואָס איז געלעגן אויף דער אַלטער מוטער און ייִנגער טאָכטער, האָט מיר צוגעצויגן צו זיי. זייער אויסזען און זייער קליידונג פון דער אַלטער היים האָבן אַרויסגערופן אויפמערקזאַמקייט מצד די איינוווינער פון דעם שטעטל. די ווילדע ברואים, ווי איר באַטייטשט זיי, האָבן דאָס מיידל ממש מיט די אויגן געשלונגען.

דער גאַנצער צער און טרויער פון די פאַרוואָגלטע ברידער אונדזערע איז געלעגן אויף זייערע אָפּגעצערטע פּנימער.

— שלום־עליכם, — האָב איך אויסשטרעקנדיק מיינעביידע הענט צו זיי, מיט פרייד אויסגעשריִען.

— עליכם־שלום — האָבן זיי אַלע דריי מיט אַמאָל אָפּגעענטפערט און אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זייערע פּנימער.

— קודם־כל קומט אַריין אין קאַפע זיך אַביסל אָפּרוען, — האָב איך צו זיי געזאָגט.

איך האָב מיך דערוווּסט, אַז זיי זענען פון ביאַליסטאָק, אַז צוליב דעם מלחמה־געשפּענסט, וואָס הענגט איבער אייראָפּע, האָבן זיי זיך באַצייטנס געזען צו ראַטעווען פון גהינום. נישט קאָנענדיק זיך דערשלאָגן קיין נאָרד־אַמעריקע, ווו זיי האָבן אַ סך קרובים, האָבן זיי געמוזט בלייבן זייער מאַרשרוט.

— מיר האָבן קוים אויסגעוויינט וויזעס אַהער קיין פּאַראַגוואַי — האָט זיך דער אַלטיטשקער באַקלאָגט פאַר מיר, — ערשט היינט זענען מיר אָנגעקומען

און מיר בלאָנקען זיך דאָ אַרום... באַלד וועט די נאַכט צופאַלן און מיר האָבן נאָך אַפילו נישט ווי דעם קאָפּ אַנידערצולייגן. און זעט וואָס פאַר אַ גוטן גאָט מיר האָבן, האָט אונדז דער השם־יתברך צוגעשיקט אַ ייִד... אַ האַרציקן ייִד...

טרערן זענען געשטאַנען אין זייערע אויגן און איך האָב זיי באַרויִקט:

— אין מיין פענסיאָן וועט פאַר אייך זיין פּלאַץ. זאָרגט נישט, איך וועל שוין אייך נישט אָפּלאָזן ביז איך וועל אייך אַריבערפירן קיין אַרגענטינע. דאָ איז נישט פאַר אייך. אַרגענטינע האָט נישט נאָר אַ געזונטן ייִדישן ישוב, נאָר אַ סך לאַנדס־לייט אייערע זענען דאָרט פאַראַן.

זייערע פּנימער האָבן געשטראַלט פון גליק. אַ פּאָר וואָכן זענען אַריבער און פאַר דער גאַנצער צייט האָב איך פאַרבראַכט מיט זיי. גלייך ווי איך זאָל זיין זייערע אַ גאָר נאָענטער קרוב. זשעניע, די טאָכטער זייערע, אַ בילד־שיינע ייִדישע טאָכטער, האָט מיך באַצויבערט און איך, שוין אַ בחור אין די הויכע דרייסיקער, וואָס האָט קיינמאָל נישט געקלערט נאָך, צו בויען אַ פאַמיליע־לעבן, האָב פּלוצים דערפילט אַז די גינסטיקע צייט איז געקומען...

ביידע האָבן מיר שפּאַצירט איבער אָט־די אָפּגעשטאַנענע געסלעך און אונ־דזערע הערצער האָבן זיך פאַראייניקט און געחלומט פון אַ גוטער און גליקלעכער צוקונפט... יענע טעג וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן...

3.

מיין מיטשמועסער איז אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט אין אייך אָטעם אויסגעטרונקען דאָס גלעזעלע מוטנע געטראַנק, וואָס דער קעלנער האָט אים פריִער סערווירט. ער האָט זיך אַ ביסל פאַרהוסט און באַלד איז זיין פּנים פאַרענ־דערט געוואָרן: ער איז געוואָרן טויט בלאַס, צווײ שוואַרצע רינגען האָבן זיך באַוויזן אַרום זיינע אויגן, וואָס זענען שטיין געבליבן אין צווײ באַזונדערע ריכ־טונגען.

זיינע ביידע הענט זענען געבליבן ליגן ווי געליימט אויף דעם טישל, וואָס האָט זיך גענומען טרייסלען אַזוי, אַז אַלץ וואָס איז אויף אים געשטאַנען האָט גענומען גיין כאַדאַראַם.

— שרעקט זיך נישט — האָט אַ זאָג געטון דער קעלנער, וואָס איז גע־שטאַנען נעבן טישל — דאָס איז דער עפעקט פון דעם אַכענכאַ, באַלד וועט ער צו זיך קומען.

אַזוי איז עס טאַקע געווען. זיין גולם־צושטאַנד האָט אַפילו קיין מינוט נישט געדויערט, אָבער פאַר אַ דורכשניטלעכן צושויער וואָלט דאָס אויסגעזען אַן אייביקייט.

די עפילעפּטישע אַטאַקע פון מיין אומבאַקאַנטן האָט זיך געענדיקט און איי־דער ער איז אין גאַנצן צו זיך געקומען, איז זיין פּנים אַ היפּשע ווײַלע געווען העסלעך צעקרימט און באַגאָסן מיט אַ געדיכטן שווייס. ענדלעך האָט ער זיך אָנגערופן נישט מיט זיין קול:

— איר האָט עפּעס אויף מיר באַמערקט?

— יאָ, מיין פריינט, — האָב איך מיטפילנדיק געענטפערט.

— עס האָט לאַנג געדויערט?

— עטלעכע סעקונדן, נישט מער. מאַכט פון דעם קיין וועזן נישט, באַרויִקט זיך.

ער האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן זיין רעקל און האָט מיט אַ טיכעלע זיך אַרומגעווישט דעם שווייס פון זיין האַלדז און פּנים און די פּיאַנע פון בײדע מויל־ווינקלען. מיט אויסערגעוויינלעכער זשעדנעקייט האָט ער נאָכהער אין זיך אַריינ־געגאָסן דאָס גלאָז קאַלטע וואַסער, וואָס דער קעלנער האָט אים אויף גיך אונטער־געטראָגן. ערשט דאַן איז ער געבליבן זיצן מאַכטלאָז און באַרויִקט.

— איר האָט נאָר־וואָס איינגענומען אַזאַ סם־המוות, וואָס אין אונדזער פאַר־געשריטענער אַרגענטינע איז זי שוין לאַנג נישט בנמצא. פאַר וואָס, גוטער ברו־דער, טרינקט איר דאָס?

— איך קאָן שוין אָן דעם נישט לעבן. נישט שטענדיק מאַכט דאָס אויף מיר אַזאַ באַלדיקן שטאַרקן עפעקט. דאָס רוב ווירקט עס אויף מיר זייער גוט. עס ברענגט מיך אַריין אין אַ פריילעכער שטימונג און מיין זשעניעלע שטייט פאַר מיר אויף תחית־המתים.

— וואָס? זי איז דאָ געשטאָרבן?

— האָט געדולד, הער דאָקטער און הערט וואָס ווייטער האָט פּאַסירט.

ער האָט פאַררויכערט אַ ציגאַר און האָט גענומען צי:ען דעם איבערגעריי־סענעם פאָדעם פון זיין געשיכטע:

— פאַר דער גאַנצער צייט וואָס האָט געדויערט ביז די „סעדולאָס" און די לעגאַלע דערלויבעניש זאָל געמאַכט ווערן זיי אַריבערצובריינגען קיין פּאַסאַדאַס, בין איך דאָ, אין אָט דעם ווילדן ערד־ווינקל געווען ווי אין גן־עדן. בײדע האָבן מיר זיך דאָ אַרומגעבלאָנקעט צווישן שוואַרצע, וואָס האָבן גענומען קוקן אויף איר, אויף מיין בילד־שיינער זשעניע, ווי אויף אַ הייליקער מאַדאָנע. ווען זי פלעגט זיי, איבערהויפּט די פרויען, צווואַרפן איר ליבלעכן בליק מיט אירע פאַר־חלומטע טרויעריקע אויגן, פלעגן זיך די פרויען איבערצלמען.

אָבער אינמיטן מיינע גליקלעכע מאָמענטן פלעג איך באַהערשט ווערן פון עפּעס אַ בייזן אומעטיקן געפיל. עס פלעגט מיך באַפאַלן פּלוצים, אומגעריכט.

— וואָס איז מיט דיר? האָט זי איינמאָל אַ דערשראָקענע מיך געפרעגט.

— גאָרנישט, גאָרנישט, טייערע! — האָב איך זי געפּרוּווט באַרויִקן. אָבער

אין דער אמתן ביז איך אין יענעם מאָמענט געווען פאַרטראַגן און פאַרנומען אין פינצטערע געדאַנקען. אַ שלעכטער פאַרגעפיל, און מיין געוויסן האָט מיך געפּייניקט. ווי קאָן איך גאָר טראַכטן פון חתונה, ווען פון צייט צו צייט בין איך נישט מיט אַלעמען? ווען נישט ווען לייד איך פון באַוווּסטלאָזיקייט. אָן קיין שום מאָטיוו ווער איך פלוצים פאַרוואַנדלט אין אַ ליימענעם גולם וואָס גייט אַרום אויף אָן עולם התוהו. דער דאָזיקער צושטאַנד קען געדויערן טעג, איך ווייס דאַן נישט וואָס עס טוט זיך מיט מיר. איך גיב מיר גאָר אָפּ רעכענונג, אַז עפּעס האָט מיט מיר פּאַסירט נאָר דאַן, ווען איך דערזע מיך פלוצים אויף אַזאַ פּלאַץ וואָס איך ווייס נישט ווי אַזוי און ווען איך בין אַהין צוגעקומען. עס פאַרבלייבט נישט אין מיין זכרון די מינדסטע אָנונג פון דעם וואָס איך האָב פאַר דער גאַנצער צייט פון מיין באַוווּסטלאָזיקייט אָפּגעטון.

און איצט טראַכטן פון אַ פאַמיליע־לעבן, ווען... ווען דו ביסט נישט זיכער מיט דיר אַליין.

אָן אַ שיעור דאָקטוירים האָבן מיך באַהאַנדלט און איר, ה׳ דאָקטער אויך. שטענדיק די זעלבע מיטלען וואָס פאַרטעמפּען מיינע נערוון. איך טאָר אָן זיי זיך אַפילו איין טאָג נישט באַגיין, אַ נישט קומען מיינע אָנפאַלן זייער אָפט.

ער האָט אָפּגעווישט אַ טרער פון זיינע אויגן און האָט ווידער פאַרגעזעצט:

— איך האָב מיך איינגעאָרדנט אין בוענאָס־איירעס, אין געגנט פון פּלאַ־רעס, אין אַ גאַנץ פיינער דירה, פאַר מיר און באַוואָרנט מיט פּרנסה מיינע שווער און שוויגער. איך האָב זיי באַזאָרגט מיט אַ שניט־קרעמל צוזאַמען מיט אַ וווינונג נישט ווייט פון פּלאַסאַ פּלאַרעס.

אַליין האָב איך מיך גענומען מיט מער ענערגיע צו דער „קווענטע", צו מיין קליענטעלע איבער די פאַרשטעטלעך פון דעם גרויסן בוענאָס־איירעס. איך האָב געהאָפט אַז מיט דער צייט וועל איך אויפגעבן אָט די שווערע פּרנסה.

עס זענען עטלעכע חדשים אָפּגעלאָפן, דאָס פאַרהייראַטע לעבן, האָט זיך מיר געדאַכט, האָט אין מיר אַריינגעגעבן אַ נייע נשמה. איך האָב אָנגעהויבן מיך פילן וואָס אַ טאָג מער מוטיקער און אויפגעלייגט, מער ענטוזיאַסטיש, און באַקומען אַ פעסטן באָדן אונטער זיך, ווען איך האָב אין גאַנצן זיך אָפּגעלאָזט פון דאָקטוירים און רעצעפּטן וואָס פלעגן פאַרטעמפּן מיינע נערוון.

איך האָב אָנגעפאַנגען קוקן אויף דעם לעבן גאָר מיט אַנדערע אויגן. איך האָב באַקומען יענעם צוטרוי צו זיך אַליין, וואָס איך האָב אַמאָל, מיט יאָרן געהאַט.

אָבער... עס איז אַפילו קיין יאָר נישט אַוועק נאָך מיין חתונה. אין אַ גע־ווויסער נאַכט האָט דאָס פּאַסירט. זשעניע איז געווען אויף דער צייט. פלוצים אין מיטן שלאָף, כאַפּט זי זיך אויף מיט אַ שטאַרקן ווייטיק וואָס פאַרכאַפּט איר דעם אָטעם. איך מאַך ליכטיק אין שטוב און דערזע מיין פרוי איז פאַרביי, זי איז חרוב

— רוף מיר עמעצן אַריין, טייערע, איך שטאַרב! — שעפּטשעט זי קוים אַרויס.

— גאָט איז מיט דיר! — שריי איך אויס נישט מיט מיין קול. איך פֿאַל צו צו איר, איך זע אַז זי גייט אויס אונטער מיינע הענט.

איך טו מיך אָן און ווער צעטומלט און לויף אין דער וועלט זוכן אַ דאָקטער. אויף דער פינצטערער גאַס דערפיל איך, אַז עס נעמט מיר שווינדלען אין קאָפּ. עס קלינגען מיר אין די אויערן וואָס אַמאָל שטאַרקער יענע גלאָקן־קלאַנגען, וואָס זענען מיר אַזוי באַקאַנט; וואָס זאָגן מיר אָן, אַז אָט־אָט באַלד ווער איך אויס מענטש, נאָר אַ גולם, אַן אויטאָמאַט, וואָס ווייסט נישט ווו ער גייט און וואָס ער טוט. אָט באַלד וועט מיין צווייטער פאַרקריפּלטער „איך" מיך נעמען אַרומפירן אָן מיין וויסן און אָן מיין ווילן — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— —

ווען איך בין צו זיך געקומען, האָב איך מיך געפונען פאַרלוירן ערגעץ הינטער דער שטאָט, פונקט ווי אין די פריערדיקע אַנטלויף־אַנפאַלן. איך האָב מיך באַלד דערמאָנט אין מיין היים און מיין פרוי, אָבער איך האָב בשום אופן נישט געדענקט אַז זשעניעלע איז פלוצים קראַנק געוואָרן. ערשט ווען איך בין געקומען צו דער שטוב, האָב איך מיך דערוווּסט פון מיין גרויסן אומגליק.

איך האָב געטראָפן די דרויסן־טיר פאַרהאַקט. איך האָב גענומען רייסן די קליאַמקע און קלאַפּן אין דער טיר. אמת, עס איז נאָך געווען גאַנץ פרי אויף דעם פרימאָרגן, אָבער דאָך האָט דאָס דינסטמיידל שוין געדאַרפט זיין אויף. קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. פון צווייטן הויף שאַרט זיך אַרויס דאַניאַ גאַיעטאַנאַ מיט איר פעטלייביקן קערפּער און גוטמוטיקע קריאַזשע אויגן.

— אויב איך האָב קיין טעות נישט... דאָן סימאָן? האָט זי גענומען רעדן.

— וואָס איך זע?

— ווו זענען זיי, דאַניאַ?

— וועמען מיינסטן?

— וואָס הייסט, מיין פרוי? די דינסט? די אַלטע לייט?... יאָ... יאָ, ווו זענען זיי גאַטעניו! — האָב איך מיט אַ ציטערדיק קול גענומען צושטיין. אַ שרעקלעכער פאַרגעפיל איז איבערגעגאַנגען דורך מיין צוריק־באַקומענעם באַוווּסטזיין.

— דאַניאַ גאַיעטאַנאַ האָט אויף מיר געקוקט ווי אויף אַ משוגענעם.

— דו ווייסט נעבעך נאָך נישט... די זעלבע נאַכט וואָס דו האָסט זי איבער־געלאָזט אַליין איז זי שטאַרק איינגעפאַלן. די געוואַלדן פון דער דינסט האָבן מיך אויפגעוועקט און איך בין באַלד אַריינגעלאָפן צו דיר אין שטוב. דיין שיינע פרוי איז געלעגן אויף דער פּאָטיאָ נעבן דער דינסט צימערל. זי האָט קוים געזשיפּעט. איך האָב אַרויסגערופן דעם אַמבולאַנס פון דעם שפּיטאָל. מען האָט זי צוגענומען און זי איז מער נישט צוריק געקומען...

— וואָס רעדט איר, דאָניאַ! — האָב איך איר אָנגענומען פֿאַר בײדע אַקסל און געטרייסלט ווי אַ באַנומענע, דאָרט שטייענדיק אויף דער גאַס, וווּ מײַן אומגליק האָט געטראָפֿן.

— יאָ, מײַן קינד, עס איז געווען אַ פֿאַלשע פֿאַרבינדונג, נישט אויף דעם געהעריקן אָרט, פֿאַרשטייסטו מיך. אויסער דער געבורט־מוטער האָט דאָס אויפֿגעפּראַלט אין אַ שרעקלעכן אינערלעכן בלוט־שטורץ... און דו ביסט גאָר אין דער היים נישט געווען... נו, דו ביסט דאָך עפּעס אַ מאַנסביל, דאַרפֿסט דאָך קיינעם נישט אָפּגעבן קיין דין־וחשבון וווּהין דו פֿאַרקריכסט. אַזאַ שיינע פּרוי דײַנע געווען. אָבער... אָבער וואָס זע איך, קוק נאָר אָן אַ הילוך.

איך בין געבליבן שטיין אַ פֿאַרגליווערטער, אָן לשון און אָן לעבן, אַליין אויף דער גאַס. גאַיעטאַנאַ האָט אויסגעלאָזט צו מיר אַלע בייזע חלומות און איז אויף גיך אַרײַנגעלאָפֿן צו זיך אין שטוב.

— איצט, מײַן פֿרײַנט, — האָט נאָך אַ קורצער פּויזע אַ זאָג געטון מײַן מיטשמועסער — געפֿין איך מיך זייט אַ צען יאָר דאָ, אין ווידזשאַ ענקאַרנאַסיאָן. זשענייעס געשטאַלט שטייט מיר פֿאַר די אויגן; אין ערגעץ האָב איך צוליב איר געשפּענסט קיין מקום־מנוחה נישט געהאַט. נאָר דאָ, וווּ איך האָב זי צום ערשטן מאָל געזען, ווען איך טרינק מיך גוט אָן מיט אַכענכאָ, קומט זשעניעלע פֿון יענער וועלט און באַווײַזט זיך פֿאַר מיר אין איר פֿולן גלאַנץ און פּראַכט; אַ לעבעדיקע, אַ צערטלעכע. זי שײַנט אויף אין מײַן פֿאַרשיכורטער פֿאַנטאַזיע, פּונקט אַזוי שיין און אַזוי ליבלעך ווי איך האָב זי דאָ באַגעגנט ביי איר אָנקומען.

בעת מענטשן געפֿינען מיך ליגן אײַנגעגורעט ערגעץ אין אַ רינשטאָק, לעב איך איבער די גליקלעכסטע מאָמענטן פֿון מײַן ווערעמדיקער עקזיסטענץ. און נאָך אַ מעלה האָט אין זיך אָט דער סם־המוות, אַכענכאָ; אַז ווען איר טשוכעט זיך אויס און ווערט ניכטער, שוועבט נאָך גאָר אַ לאַנגע צייט אויף דער וואָר פֿאַר אייערע אויגן דער גן־עדן התחתון, וואָס איר האָט אין חלום דורכגעלעבט.

פֿאַר די אַרומיקע מענטשן זעט איר טאַקע אויס ווי אַ פֿאַרטראָגענע באַנומענע בריאה, אָבער וואָס גייט עס אייך אָן, אַבי... אַבי...

ער איז פּלוצים אַנטשוויגן געוואָרן אויף אַ ווײַלע און האָט נאָך דעם צוגעגעבן אין דער שטיל, אַרויסאָטעמענדיק וואָרט ביי וואָרט צו זיך אַליין:

— וועלכער שוואַרץ יאָר צווינגט מיך, אַז איך זאָל אַזוי פֿיל פּלוידערן?

די גאַנצע צייט האָב איך זיך באַמיט אים נישט איבערצושלאָגן, נאָכפֿאָלגנדיק בשעת זײַן רעדן אַלע זײַנע תנועות. ער האָט געדרייכערט אײַן ציגאַר נאָך דעם צווייטן און אין זײַנע קרומע, קאַסאָקע אויגן, האָט כסדר געגליט אַ פֿײַערל וואָס האָט זיך געטוקט ווי דאָס פֿלעמל פֿון אַ ליכט וואָס האַלט אין צאַנקען.

ענדלעך האָט ער זיך ווי אויפֿגעכאַפּט. אַ קוק־געטון אויף דעם וואַנט־זייגער און האַסטיק אַ זאָג־געטון:

— גייט, גייט שוין אַוועק פון דאַנען, עס ווערט שפּעט. דאָס לעצטע שיפל דאַרף באַלד אָפּגיין קיין פּאָסאַדאָס.

— עס איז דאָך ערשט פינף אָן אַ פערטל — האָב איך געזאָגט.

— דאָ איז פּאַראַגוויי, אָבער ביי אייך אין אַרגענטינע איז דער זייגער גע־רוקט אויף אַ גאַנצע שעה פאָראויס. טאָ פאַרנעמט זיך פון דאַנען וואָס גיכער! — האָט ער מיט חוצפה גענומען שרייען, — אַניט וועלן מיר זיך מוזן נאָך אַמאָל באַגעגענען דאָרט, ביים וועלאַריאָ פון דעם מלאכל.

אין איילעניש בין איך אַרויס פון דעם סאָראָקאַבאַנאַ־שענקל, איבערלאָזנדיק אים ביים טישל.

— מאָסאָ, טראַיגאַ אָטראָ אַכענכאָ! — האָב איך דערהערט זיין הייזעריקע שטימע ווען איך בין דער לעצטער אַריינגעגאַנגען אין שיפל.

דאָס מאָטאָרל האָט גענומען כריפען און ליאַרעמען. דאָס שיפל האָט זיך אַ הוידע־געטון אין דער ריכטונג צום אַרגענטינער ברעג.

אין געציילטע מינוטן אַרום, איז וויזשאָ ענקאַרנאַסיאָן פאַרוואַנדלט געוואָרן פאַר מיינע אויגן אין אַ פאַנטאַסטישן מיראַזש, וואָס הענגט אין דער לופטן איבער אַ מדבר.

דער פּליט פון מאַליאָרקאַ

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען אַזייגער צען אינדערפרי. עס איז געווען דער 21סטער סעפּטעמבער, „דער טאָג פון סטודענט". מען לערנט נישט אין פאַקולטעט.

דאָס צווייטע בעטל אַנטקעגן מיר, אין מיין צימער, איז שוין געשטאַנען ליידיק און נישט פאַרבעט. מיין מיטקוואַרטיראַנט, האַראַסיאָ פלאָרעס, אַ סטו־דענט פון זעקסטן קורס, איז שוין אַוועק, ווער ווייסט וווהין?

איך האָב אָנגעקלונגען און מיר געהייסן דערלאַנגען די קאַווע. איך פרעג דער באַלעבאָסטע: צי זי ווייסט עפּעס וועגן מיין שכן?

— קיינער פון אייערע חברים איז נישט געבליבן אין פּענסיאָן; היינט איז דאָך עפּעס אייער יום־טוב. ווי קומט עס וואָס איר זענט נישט מיטגעגאַנגען? — האָט זיך די אַלטע באַלעבאָסטע געחידושט.

— איך האַלט נישט פון אַזאַ יום־טוב וואָס איז ענלעך צו אַ מין קאַרנאַוואַל פאַר די סטודענטן — האָב איך געענטפערט, צונעמענדיק בעת־מעשה ביי דער אַלטער דאָס אָנבייסן.

יענער ערשטער פון די פרילינג־טעג איז אויפגעגאַנגען אַ צעשטראַלטער מיט דופטיקע ריחות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די קלאָוועלן, רויזן און זשאַס־מינען אין פולן בלי, אַרום דעם גרויסן „פּאַטיאָ אַנדאַלוס", וואָס האָט זיך געפונען אינמיטן דער גרויסער פּענסיאָן „אַנדאַלוסאַ" פאַר סטודענטן, נישט ווייט פון מע־דיצינישן פאַקולטעט.

איך האָב מיך אַרומגעבלאָנקעט איינער אַליין אַרום די פאַרהאַקטע טירן און נישט געוווּסט ווו זיך אַהינצוטון.

עס איז אויך דאַן אויסגעפאַלן יום־כיפור.

אין דער קאָלאָניע, ווו מיינע עלטערן לעבן, האָב איך געטראַכט, זענען איצט אַלע קאָלאָניסטן פאַרזאַמלט, ביי יעקב קויפמאַנען אין שטוב. דאָרט, אין קויפ־מאַנס דירה, איז דער לאַנגער „קאָמעדאָר" לכבוד ימים־נוראים פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ מקום־קדוש מיט אַן ארון־קודש. אַ ספר־תורה האָט ער מיטגעבראַכט פון זיין געבורטשטאָט ביאַליסטאָק.

איך דערמאָן מיך איצט, אַרומשפּאַצירנדיק איבער דעם הויף פון פּענסיאָן, אין די כל־נדרי־נעכט, ווען אַלע ייִדן פון די אַרומיקע קאָלאָניעס האָבן זיך פאַר־זאַמלט, מיטברענגענדיק גרויסע וואַקסענע ליכט, וואָס מ'האָט אויסגעשטעלט אויפן עמוד און אַרום די ווענט.

אַלטע ייִדן מיט ווייסע קיטלען און גרויסע טליתים האָבן דעם גאַנצן קיי־לעכדיקן מעת־לעת אַפילו פון זייערע ערטער זיך נישט גערירט און האָבן די גאַנצע נאַכט פון יום־כיפור נישט אויפגעהערט צו זאָגן סליחות און תהילים, בעת די יונגע באַלעבאַטים האָבן זיך אויסגעלייגט אויף דער גרויסער „פּאַטיאָ", ביז דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאַנגען, און מ'האָט דעם גאַנצן טאָג געדאַוונט.

נאָך נעילה, האָבן די ווייבער צוגעגרייט אַ טיש מיט לעקעך און בראָנפן און שפּעטער איז מען זיך צעפאָרן אַהיים.

***

זייענדיק אַזוי פאַרטיפט אין יענע דערינערונגען, האָט פּלוצים אַ בלענד־געטון גאַר מיינע אויגן אַ היפּשע צאָל אָנגעצונדענע ליכט, וואָס האָבן אַרויסגע־שיינט דורך אַ פענצטער פון אַ צימער, נעבן וועלכן איך בין פאַרבייגעגאַנגען. איך האָב מיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. איך געפין מיך נישט אויף קיין אַנדער פּלאַץ ווי אין דעם פּענסיאָן־הויז. ווען איך האָב מיך אומגעקערט צו יענעם פענצטער האָב איך באַמערקט ווי אײנציקווייז נעמען זיך די ליכט לעשן איינע נאָך דער צווייטער און אין אַ ווײלע אַרום גייט פון יענעם צימער אַרויס די באַלעבאָסטע מיט אַ שוואַרצן טול אויף איר קאָפּ.

— איך בעט אייך „סעניאָראַ", וואָס באַטייט עס? — האָב איך איבערראַשט זי אַ פרעג־געטון.

— גאַנץ פּשוט, — האָט די פרוי געענטפערט, — מיין מאַן ליגט שוין זינט אַ פּאָר יאָר אין שטוב קראַנק און קען נישט גיין אין קירכע בעטן, האָב איך פאַר אונדז געלאָזט מאַכן אַן אייגענעם „אַלטאַר" מיט אַלע מכשירים וואָס אַ קאַפּליצע דאַרף האָבן, און יעדן דאָנערשטיק און זונטיק קומט דאָס „פּאַטערל", וואָס איז נאָר־וואָס אַרויס פון דאַנען, אָפּצוריכטן אַ תפילה, היינט איז דאָך דאָנערשטיק...

— און אייער מאַן ווו איז? — האָב איך אַ פרעג־געטון.

— וואָס איר קענט אים נאָך נישט? — האָט זי עפּעס מיט אַ מאָדנעם פאַר־חידושטן טאָן אַ פרעג־געטון.

— ניין, אויב איר ווילט, „סעניאָראַ", שטעלט מיר אים פאָר — האָב איך זיך ביי איר געבעטן.

זי האָט אויפגעעפנט די טיר, פון וועלכער עס האָט אויף מיר אַ שלאָג־געטון אַ געדרוך פון ווייִרעך, פון רעצעפּטן און פון אויסגעלאָשענע ליכט.

שטייענדיק אויף דער שוועל האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ מאָדנע בילד:
אין איין זייט, אַ בעט. אין דער צווייטער זייט עפּעס אַ מין „אַלטאַר״ פון אַ קאַטוילישער קירכע, באַדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך, אַרומגעזוימט מיט זעלטן־שיינע שטיקערייען.
אויף ביידע עקן פונעם „אַלטאַר״ — צוויי מעשענע קאַנדעלאַברען מיט צוועלף ליכט. פון די קנייטלעך האָט זיך נאָך געטראָגן אַ דין רויכל, נאָר־וואָס אויסגעלאָשן. אויף דער וואַנט איבערן „אַלטאַר״ — אַ גרויס בילד פון אַ „מאָדנע מיטן קינד״, באַלויכטן פון אַ נר־תמיד, וואָס האָט אַרויסגעשיינט פון אַ ראָזעווען גלעזערנעם בעכערל, וואָס איז געווען אָנגעטשעפּעט צו דריי מעשענע קייטן, וועלכע האָבן זיך געצויגן פון סופיט אַראָפּ. אָן אָפענער לאַטיינישער ספר איז משופּעדיק געלעגן אויף עפּעס אָן אָנלען צווישן די צוויי קאַנדעלאַברען. אַרום דעם ספר האָב איך באַמערקט זיך וואַלגערן תפילה־באַנדן מיט שוואַרצע קאַרעלן און צלמלעך, אָן אַ שיעור קליינע מעדאַלן און קאַרטלעך פון הייליקע בילדער.
אויף דער וואַנט איבערן צוקאָפּנס פון בעט, וואָס איז געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט אַנטקעגן דעם „אַלטאַר״, אַ פּאָר מעטער אָפּגערוקט פון אים, איז געהאַנגען אַ בילד, וואָס האָט בלויז פאַרגעשטעלט יעזוסעס אויסגעמאַטערט פּנים מיט דעם דערנער־קראַנץ אַרום זיין צעבלוטיקטן שטערן.
פאַרכאַפּט פון אַזאַ קירכע־סביבה, בין איך שטיין־געבליבן אַ ווילע אין גרויס פאַרלעגנהייט.
— זעצט זיך, זעצט זיך יונגערמאַן! — האָב איך דערהערט אַ הייזעריקע שטימע. די ווערטער זענען אַרויסגעקומען אָפּגעהאַקטע און שווער אַרויסגעאָטעמטע.
איך האָב דערזען זיצן אויפן בעט, אָנגעשפּאַרט אָן אַ הויכן צוקאָפּנס, אַ געשטאַלט פון אַ מענטשן, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי שרעקלעך אָפּגעצערט, אַז דער פּליכעוואַטער קאָפּ זיינער האָט געמאַכט דעם איינדרוק (פון אַן אויסגעטריקנטן מענטשלעכן שאַרבן.
אַ פּאָר אויסגעגלאָצטע אַרויסגעשטאַרטשעטע אויגן האָבן פון זייערע לעכער אויף מיר געקוקט, און אונטער זיין אָפּגעראַזירטער ביינערדיקער גאָמבע האָט מען אַרויסגעזען אַ גרויסן געשוויר אויף זיין האַלדז, וואָס האָט זיך באַוועגט אַרויף און אַראָפּ ביי יעדן אָטעם־צוג.
כאָטש אין צימער איז געווען קיל, איז דער אַלטער מאַן געווען אָנגעטאָן אין אַ דינער ווייסער העמד, דורך וועלכער יעדער ריפּ באַזונדער האָט זיך אָנגעזען.
ער האָט זייער שווער געאָטעמט און אויף ביידע זייטן האַלדז האָבן זיך די אָדערן געשלענגלט און געצאַפּלט ווי אויפגעבראַוזטע בלויע מאָדנע יאַשטשערקעס...
— עס געפעלט איך מיין שטוב? — האָט ער אַ פרעג־געטאָן.
— יאָ, — האָב איך געענטפערט.

— מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך?

— איך שטודיר מעדיצין.

— עס פעלט אייך נאָך אַ סך צו ווערן אַ דאָקטער? — איז ער געוואָרן נייגעריק.

— איך בין אַריין אין פערטן יאָר. אויב עס וועט גיין גוט, האָב איך נאָך דריי יאָר צו ענדיקן דעם פאַקולטעט.

זיין אַקצענט איז געווען אַ העכסט שפּאַנישער.

— מעג איך אייך פרעגן, — האָט ער נאָך אַ פּויזע אַ מאַך־געטון, — צו וועלכער רעליגיע איר באַלאַנגט?

— איך בין אַ ייִד, — האָב איך אַנטשלאָסן געענטפערט, און אים גלייך אין זיין טויט־בלאַסן פּנים אַריינגעקוקט.

— וועט אייך נישט זיין אומבאַקוועם צו זיצן ביים זעלבן טיש מיט מיינע שטוב־מענטשן, מיין פרוי און טאָכטער?

— אַבסאָלוט נישט, וואָס פאַלט אייך איין אַזאַ זאַך? — בין איך צוגעשטאַנען צו אים, פילנדיק בעת־מעשה שוין אַביסל צו־שטעכיק זיין פאַרהער. איך האָב מיך אַרומגעזען, אַז איך בין מיט אים אַליין. די אַלטע איז שוין מסתמא לאַנג נעלם געוואָרן פון דאָרטן און זי פאַרעט זיך ערגעץ אין שטוב־זאַכן.

— גלאַט אַזוי האָב איך אייך עס געפרעגט — האָט ער געגומען שטאַמלען.

— זיי זענען אמתע און פרומע קאַטאָליקן.

— און איר וואָס זענט? — בין איך איבערראַשט געוואָרן.

— אין מיינע אָדערן פליסט ייִדיש בלוט. מיינע עלטערן שטאַמען פון די „טשועטאַס", פון אינדזל „מאַליאָרקאַ".

איך האָב באַמערקט, אַז דער אָפּגעלעבטער מענטש איז עפּעס מער מונטערער געוואָרן אין יענעם מאָמענט. עס האָבן זיך אַפילו געיאָוועט די פאַרבן אין זיין פּנים און חשק זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן...

— ווער זענען עס געווען די „טשועטאַס", ווי איר רופט זיי אָן? — האָב איך טשיקאַווע אַ פרעג־געטון, — גיט עס מיר צו פאַרשטיין, איך בעט אייך, אויב עס איז אייך נישט צו־שווער.

— אויב איר וועט האָבן געדולד וועל איך מיך אָנשטרענגען און איך וועל אייך דערציילן די געשיכטע פון מיינע אור־אור־עלטערן. זאָל עס דינען אַלס ווידוי פאַר מיין טויט, אויף וועלכן איך ריכט זיך. איך האָב שוין לאַנג אַרויסגעקוקט אויף אַזאַ געלעגנהייט. און פאַר וועמען קען מען נאָך זיך אַזוי מתוודה זיין מיט אַזאַ פאַרגאַנגענהייט, אויב נישט פאַר אַ ייִדן?

איך האָב עפּעס פּלוצים דערפילט אַזאַ מאָדנע נאָענטקייט צו אָט־דעם פרעמדן האַלב־טויטן מענטשן, אַז איך בין געבליבן זיצן אַ צוגעקאָוועטער צום בענקל, גרייט צו באַנעמען מיט אַלע מיינע רמ״ח אברים וואָס ער וועט שילדערן.

ער האָט מיך געבעטן איך זאָל אים אַוועקזעצן בעסער אויף זיין געלעגער, גלייך־מאַכן דעם צוקאָפּנס, אַרויפלייגן אויף זיינע אַקסלען אַ שאַל, וואָס איז גע־לעגן ביי אים צופוסנס, ווייל עס האָט מיט אים עפּעס אַ שוידער־געטון, און באַלד האָט ער גענומען רעדן מיט אַ פאַרשטיקט קול:

— אומגעפער אַ פינף און ניינציק קילאָמעטער אָפּגעטיילט פון דעם מזרח־באָרג פון דעם איבערישן האַלב־אינדזל, געפינט זיך די באַלעאַרן־פּראָווינץ, צע־ברעקלט אויף אַ גרופּע אינדזלען, פון וועלכע די גרעסטע זענען: מאַליאָרקאַ, וואָס ליגט צווישן נאָך צוויי קלענערע: מענאָרקאַ אויף צפון; איביסאַ אויף דרום. דאָן קומט פּראַמענטעראַ, קאַברעראַ און נאָך אַ באַדייטנדיקע צאָל קלענערע אינדזלען. די הויפּטשטאָט איז פּאַלמאַ דע מאַליאָרקאַ.

די דאָזיקע אינדזלען זענען איבערגעגאַנגען — פּונקט ווי דער גאַנצער אי־בערישער האַלב־אינדזל — פאַרשידענע אינוואַזאָרן: פריער די קאַרטאַגינעזער, נאָכהער די רוימער, די וויזיגאָדן, די וואַנדאַלן און — די אַראַבער.

אין יאָר 1229 האָט זיי דעראָבערט כאַימע דער ערשטער פון אַראַגאָן און אין 1479 זענען זיי אַנעקסירט געוואָרן צו דער קרוין פון קאַסטיליע, צוזאַמען מיט גאַנץ אַראַגאָן.

„צעזייט און צעשפּרייט איבער די באַלעאַרן־אינדזלען, — אַזוי האָט מיר מיין זיידע דערציילט, ווען איך בין נאָך גאָר אַ קינד געווען, — האָבן געלעבט, נאָך פון קדמונים הונדערטער מענטשן, וואָס האָבן זיך אונטערשיידט פון דער אַלגע־מיינער באַפעלקערונג צוליב זייער באַנעמונג, זיטן און אייגנאַרטיקן לעבן. דאָס זענען געווען קינדער פון אַ פאָלק, וואָס רוים האָט חרוב־געמאַכט און דעריבער האָבן זיי זיך אַ לאָז־געטון אין דער ברייטער וועלט און האָבן דערגרייכט די ברעגן פון שפּאַניע און די באַלעאַרן־אינדזלען.

זיי, די פאַרטריבענע פון זייער היימאַט, האָבן מיט זיך מיט געבראַכט נאָר אַ „קלייניקייט": די אמונה אין זייער איינציקן, אומזעבאַרן, אָבער אַלמעכטיקן גאָט און די לערע וואָס ער האָט זיי געגעבן; פאַראייביקט אין אַ ווערק, וואָס הייסט ביי זיי „טאָראַ". דאָס זענען געווען די ייִדן.

אויך „ער" — האָט מיין זיידע, אָנצייגנדיק מיט אַ פינגער אויף דעם בילד וואָס איר זעט דאָ צוקאָפּנס, ווייטער געשילדערט, — איז געווען אַ ייִד. די רוימער האָבן אים געקרייציקט, ווייל ער האָט זיך געהאַלטן פאַרן משיח, פאַר דעם גע־זאַלבטן מלך, וואָס די ייִדישע נביאים האָבן נביאות געזאָגט... פאַר אים, האָבן די רוימישע רוצחים אומגעבראַכט טויזנטער ברידער זיינע מיט דער זעלבער מיתה משונה ווי אים, צוליבן קאַמף פון זייער באַפרייונג. אויך די ערשטע אָנ־הענגער פון קריסטנטום האָבן אַ סך געליטן אונטער דער שווערער הערשאַפט פון די צעזאַרס.

אין רוים געפינען זיך נאָך עד־היום די חורבות פון דעם גרויסן אַמפי־טעאַטער „קאָליסעום״, אויף וועמעס אַרענע עס זענען טויזנטער קריסטן צעריסן געוואָרן לעבעדיקערהייט דורך לייבן און אַנדערע חיות־רעות... דאָרט האָבן די דעגענערירטע צעזאַרס און דער ווילדער המון זיך אַמוזירט, צוזעענדיק ווי מען קרייציקט און ווי מען פאַרברענט יידן און קריסטן... אָבער וואָס די צייט, מיין קינד, טוט־אויף, קען דער שכל נישט באַגרייפן. וואָס מער רדיפות די קריסטן זענען אויסגעשטאַנען, אַלץ מער האָט זיך די צאָל זייערע פאַרגרעסערט און אָט איז אויפגעשטאַנען איינער אַ קיסר מיטן נאָמען קאָנסטאַנטין דער גרויסער, וועל־בער, כדי צו קענען באַקעמפן זיינע שונאים אין דעם בירגער־קריג וואָס איז דאַן פאָרגעקומען אין דער רוימישער אימפּעריע, האָט ער אויפגעהויבן איבער זיין אַרמיי דעם צייכן פון קרייץ און האָט אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן נצחון. אַזוי אַרום איז קריסטנטום דערקלערט געוואָרן ווי די מלוכה־רעליגיע אין דער רוימישער אימ־פּעריע. און די יידישע רעליגיע איז פאַרבאָטן געוואָרן פאַר נישט־יידן. זי איז נאָר דערקלערט געוואָרן ווי אַ „דערלויבטע רעליגיע״.

דער אַלטער קראַנקער האָט אַ ווײַלע אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, אַ דריק־געטון אַ קנעפּל אין וואַנט ביי זיין צוקאָפּנס, וואָס האָט אָפּגעקלונגען ערגעץ אין אַ וויטן אָפּטייל פון יענער וווינונג. איך האָב באַמערקט ווי אויסגעטריקנט און צי־טערדיק זיין אויסגעשטרעקטע האַנט איז, לויטער הויט און ביינער. אַן אמתער דערוויל נאָך לעבעדיקער, בר־מינן.

זעענדיק אפנים ווי איך קוק אויף אים מיט אַזאַ אויפמערקזאַמקייט, האָט ער זיך אָנגערופן:

— איר זענט אַ מבין אויף מיר? איך מיין צי איר האָט שוין עפּעס אַן אַנונג אין מיין קראַנקייט?

— נו, געוויס. דאָס איז די „באַסעדאָף״־קראַנקייט, אָדער ווי די דייטשן רופן עס „די גלאָצאויגנקראַנקייט״. מ׳קען שטעלט אָט־דעם דיאַגנאָז, באַגעגענענדיק דעם חולה אין גאַס. פאַרוואָס האָט מען אייך נישט אָפּערירט דעם געשוויר וואָס איר האָט דאָ אויפן האַלדז, וואָס איז דער גורם פון אייער חולאת?

— פריער האָב איך נישט געוואָלט מיך לאָזן אָפּערירן און איצט ווילן די דאָקטוירים נישט. צו־שפּעט, זאָגן זיי, איך בין שוין אַ פאַרפאַלענער, אַן אַ האַרץ... היינט־מאָרגן אָדער ווען נישט איז, קען זיך דאָס אָפּשטעלן. איך האָב צופיל געהאָרעוועט אין מיין לעבן...

אונדזער געשפּרעך איז איבערגעריסן געוואָרן. די פרוי זיינע איז אַריינגע־קומען מיט עפּעס אַ קליין גלעזעלע מיט אַ מין רויטער משקה, וואָס דער חולה האָט אויף גיך אַראָפּגעשלונגען.

— הער מיך אויס, קאָנסעפּסיאָן, — האָט ער זיך צו איר אָנגערופן — היינט וועל איך מיט אייך צוזאַמען עסן ביים טיש.

— דער דאָקטער האָט שטרענג אָנגעזאָגט, אַז דו זאָלסט זיך פון בעט נישט רירן — האָט די פרוי מיט אַ בייזן טאָן אויסגעשריִען.

— דאָס איז געווען דאַן, ווען ער האָט מיך באַטראַכט, מיט אַ וואָך פריִער. אָבער איצט פיל איך זיך בעסער. דאָס עסן וועט מיר מער באַקומען ווען איך וועל זיצן ביים טיש...

— איך האָב מורא, סאַנטיאַגאָ, — האָט זי זיך ביי אים געבעטן.

— פאַרלאָז זיך אויף מיר, נאַרעלע... אַלפאָנסינאַ איז היינט שפּעט אויפגעשטאַנען, וועלן מיר מסתמא עסן אַרום איינס אַזייגער. איר זענט דאַקעגן, יונגערמאַן? — האָט ער זיך צו מיר געווענדט.

— ניין.

— אָבער סאַנטיאַגאָ, סאַנטיאַגאָ! דיאָס מיאָ! (גאָט מיינער!) — האָט זי פאַרצווייפלט מיט איר שפּאַניאָלישן אַקצענט, אויסגעשריִען.

— אָבער, שטאָבער, טו וואָס איך הייס דיך. דאָס אַמפּערן זיך מאַכט מיר ערגער, ווי דאָס עסן ווי אַ מענטש ביים טיש...

אַ פאַרביטערטע איז די אַלטע אַרויס און מיר זענען ווידער געבליבן אַליין. דאַן האָט ער זיך, אַ פאַרסאַפּעטער פון אויפרעגונג, זיך געפּרוווט אויפזעצן...

איך האָב אים נאָכאַמאָל געדאַרפט צורעכט־מאַכן דעם צוקאָפּנס. נאָך אַ קורצער פּויזע האָט ער ווידער גענומען ציִען דעם פאָדים פון זיין דערציילונג.

— איר האָט געהערט? איך הייס סאַנטיאַגאָ, סאַנטיאַגאָ נאַוואַראָ, נאָך מיין זיידן. ביי זיין לעבן האָט מען, ווי דער מנהג ביי קריסטן, מיר זיין נאָמען געגעבן. איך פלעג פון אים נישט אָפּטרעטן. ער האָט מיך שטאַרק ליב געהאַט.

איך האָב אים כסדר געהאַלטן פאַר זייער אַ פרומען קאַטאָליק. יעדן זונטיק און אין די חגא־טעג פלעגט ער מיך מיטנעמען אין קירכע „דאָס הייליקע גלויבן", וואָס איז געשטאַנען אין אַ געגנט אין מזרח־דרום־זייט פון דער שטאָט פּאַלמאַ דע מאַליאָרקאַ. ער פלעגט נישט נאָר תפילה־טון מיט גרויס כוונה, בעת דער גאַנצער עולם איז געווען אין קלויסטער, נאָר מיר פלעגן זיך נאָך דאָרט פאַרהאַלטן אַביסל לענגער. דאַן פלעגט ער זיך נעמען צום „סאַלמאָס", און זאָגן מיט גרויס באַגייסטערונג אויף אַביסל אַ העכער קול גאַנצע קאַפּיטלען. אייניקע פון זיי פלעג איך אים, ווען איך בין עלטער געוואָרן, שטענדיק נאָכזאָגן. ער האָט אַזוי געוואָלט. באַזונדערס פלעגט ער מיך יעדעס מאָל כמעט ווי ביינטן, אַז איך זאָל זאָגן וואָרט ביי וואָרט דאָס פיר־און־צוואַנציקסטע קאַפּיטל וואָס הייבט זיך אָן מיטן זאָץ: „סאַלמאָס דע דאַוויד".

צו „יעהאָוואַ" געהערט די ערד און איר פולקייט,
די וועלט און די וואָס וווינען אין איר.
וואָרים ער האָט זי געגרונטפעסטיקט אויף די ימים

און ביי די טייכן האָט ער זי אָנגעבריט.
ווער וועט אַרויפגיין אויף דעם „באַרג פון יעהאָוואַ"
און ווער קען שטיין אויף זיין הייליקן אָרט?
דער וואָס האָט אומשולדיקע הענט און אַ קלאָר האַרץ,
וואָס האָט נישט אויפגעהויבן זיין נשמה צו פאַלשקייט
און וואָס האָט נישט געשווירן צום באַטרוג...

— —

ווער איז עס דער האַר, — דער האַר פון כבוד?
„יעהאָוואַ", דער שטאַרקער, דער העלדישער,
„יעהאָוואַ", דער גבור מלחמה.

איינמאָל, אַרויסגייענדיק פון דער קירכע „דאָס הייליקע גלויבן", האָב איך אים אַ פרעג-געטון, מיין זיידן, הייסט עס:

— ווער איז דאָס אָט-דער יעהאָוואַ, וואָס ווערט אַזוי פיל דערמאָנט אין די סאַלמאָס?

— נאַרעלע, — האָט ער מיר איינגערוימט, ווי אַ סוד אין אויער, — האָסט דאָך געהערט: — ער איז דער, וואָס לעבט אייביק, נאָך פון דאַן, איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, דער אמתער האַר פון דער וועלט. געהייליקט זאָל זיין זיין נאָמען אויף אַלע אייביקייטן...

איך האָב אויף אים אַ קוק-געטון און דערזען, אַז זיינע אויגן זענען פייכט. ער האָט אויסגעזען ווי אַ הייליקער. זיין באָרד האָט אים געמאַכט ענלעך צו „סאַן פראַנציסקאָ דע אַסיס".

אָפּגייענדיק אַ שטיק וועג האָט ער זיך אָנגערופן צו מיר:

— זעסט? אין אָט-די געסלעך האָבן יידן געליטן אין פערצנטן יאָרהונדערט, האַלטנדיק זיך ווי שטאָל און אייזן ביי זייער אמונה. באַטראַכט נאָך יענע האַלב-איינגעפאַלענע מויער, דאָס איז אַ רעשט פון דער גרויסער געמויערטער וואַנט וואָס האָט אין יענער צייט אַרומגענומען אָט-דעם גאַנצן שטח.

דאָ האָבן יידן געלעבט און געשאַפן, אָפּגעזונדערט פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, וואָס פלעגט זיי פאַרפאַלגן.

דער גובערנאַטאָר פון מאַליאָרקאָ האָט זיי דאָ איינגעאָרדנט.

אָבער... דעם 2טן אויגוסט פון 1391 האָט זיך אַ גרויסער ווילדער המון אַריינגעריסן אין אָט-דעם „געטאָ" און געמאַכט אַ שרעקלעכע שחיטה אויף די יידן און זיי באַרויבט.

אין אַ צייט אַרום האָט די קריסטלעכע באַפעלקערונג געפאָדערט, אַז דאָס געריכט זאָל דערקלערן פאַר ליקווידירט אַלע חובות וואָס די קריסטן זענען שול-דיק געווען די יידן, און אַז מען זאָל דאָס צוגערויבטע פאַרמעגן נישט דאַרפן

אומקערן. צום שלוס זאָל מען פאַראורטיילן צום טויט די יעניקע וואָס וועלן זיך נישט לאָזן טויפן...

אין דער הייליקער וואָך פון יאָר 1435, האָט מען אין פּאַלמאַ דע מאַליאָרקאַ באַשולדיקט עטלעכע יידן אין האָבן כלומרשט חוזק־געמאַכט פון יעזוסעס ליידן אויף זיין „קרייץ־וועג צום גאָלגאָטאַ". האָט מען זיי פאַרמשפּעט צום פאַרברענען לעבעדיקערהייט אויף אַ שייטערהויפן אין „אויטאָ דאַ פע".

אָבער די שרעק פאַר אַזאַ גרויזאַמען אומקום האָט זיי געצוווּנגען צו לאָזן זיך שמדן... צוויי הונדערט יידן האָבן דערנאָך „פּריוויליק" זיך געטויפט אויף דעם אינדזל „סאַנטאַ עמיליאַ". ביסלעכוויז האָבן שוין אַלע יידן פון דער באַלעאַרן־אינדזל־גרופּע זיך אונטערגעגעבן...

דאַן האָט דער גובערנאַטאָר פון מאַליאָרקאַ פאַראָרדנט צו פאַרברענען אַלע סינאַגאָגעס צוזאַמען מיט אַלע ספרי־תורהס און ספרים פון תלמוד, וואָס מען האָט נאָר געפונען.

אַזוי זענען די באַלעאַרן־אינדזלען פּטור־געוואָרן פון דעם יודאַיזם. אָבער די ניי־געוואָרענע קריסטן זענען אינגאַנצן פון זייערע צרות נישט פּטור געוואָרן...

עס איז צוגעקומען נאָך אַ זידל־וואָרט אין דער שפּאַנישער שפּראַך, אַ מין צונעמעניש, וואָס האָט די געטויפטע פאַראומערט דאָס לעבן און כסדר זיי דער־מאָנט דעם „בידעריקן" אַפּשטאַם זייערן: „טשועטאַס" (יידלאַקעס) האָט מען זיי אַ נאָמען געגעבן, און טשועטאַס זענען זיי שוין פאַרבליבן אויף דור־דורות, אַפילו ווען זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין מער קאַטויליש ווי די ריינבלוטיקע קריסטן.

עס האָט דערגרייכט צו אַזאַ מדרגה, אַז מ׳האָט זיי בשום אופן נישט געלאָזט זיך אויסמישן מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, שוין אָפּגערעדט פון אַריינ־טרעטן אין אַ וואָסער נישט איז אָרדן פון די גייסטלעכע. און קיינער האָט זיך נישט געוואָלט משדך זיין מיט זיי, איבערהויפּט די מיוחסים־לייט ביזן היינטיקן טאָג...

מיט די רייד, האָט מיין זיידע, זיפצנדיק פאַרענדיקט צו דערציילן די גע־שיכטע פון זיינע אבות אבותיו, וואָס האָבן אַמאָל געלעבט אין די אָפּגעשטאַנענע געסלעך פון פּאַלמאַ דע מאַליאָרקאַ, אויף וועלכער מיר האָבן ביידע אין יענעם פרימאָרגן געשפּרייזט...

אַ באַזונדער טיפן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט מיין זיידנס פּטירה. די סצענע שטייט נאָך עד־היום פאַר מיינע אויגן.

אַ היפּשע צייט איז ער, ווי אויך איצט, אָפּגעלעגן אַ צוגעשמידעטער צו זיין טויטן־בעט. ער האָט נישט אַרויסגעלאָזט דעם „סאַלמאָס"־ספר פון זיינע הענט, טאָג און נאַכט האָט ער געהאַלטן אין איין זאָגן, ביז זיין לעצטע שעה האָט גע־שלאָגן. ער האָט אָנגעהויבן גוססן, אַלע קרובים זענען אַרום אים געזעסן אין יע־

נעם לעצטן טאָג זיינעם, ווען ער איז שוין געלעגן כמעט אין אַ באַוווסטלאָזן צושטאַנד.

מען האָט געבראַכט דעם הויפּט־גלח פון דער קירכע „דאָס הייליקע גלויבן“, ער זאָל תפילה טון, בעת מיין זיידע וועט אויסהויכן זיין נשמה. אָבער ווי נאָר דער גייסטלעכער איז צוגעגאַנגען צו אים, האָט דער זיידע ברייט אויפגעריסן די אויגן צום הימל און מיט זיינע לעצטע כוחות אויסגעשריגן:

— אין דיינע הענט, אָ, יעהאָוואָ! ענטפער איך איבער מיין נשמה.

און ער איז אויסגעגאַנגען...

דאַן איז דער „פּאַדרע“ דיאָניסיאָ (אַזוי האָט מען אים גערופן דעם גלח) אָפּגעשפּרונגען ווי אַן אָפּגעבריטער פון דעם טויטנס בעט און האָט מיט פאַראַכט־טונג אויסגערופן:

— דאַן סאַנטיאַגאָ נאַוואַראָ! דו האָסט קראַפּירט ווי אַ פאַרשאָלטענער ייִד, דיינע ביינער טאָרן נישט רוען צווישן די גערעכטיקע...

אין דעם זעלבן טאָג פאַרנאַכט־צו, האָט מען זיין קערפּער פאַרברענט אינ־איינעם מיט אַלץ וואָס האָט באַלאַנגט צו אים.

אונדזער משפּחה איז אָפּגעקומען מיט דעם, וואָס מען האָט אונדז פאַרטריבן פון שפּאַניע, נאָכדעם ווי מ׳האָט קאָנפיסקירט אונדזער האָב־און־גוטס.

אַלע קרובים מיינע זענען שוין אויף דער אמתער וועלט. נאָר איך קלעווע נאָך. איך בין דער לעצטער פון די פאַרטריבענע.

**

זייענדיק שוין אַ פאַרזעסענער בחור אין די טיפע פופציקער, אַן אייגנטימער פון אַן אָנגעזעענעם האָטעל אין מאַר דעל פּלאַטאַ, האָב איך מיר פאַרבונדן מיט אָט־דער פרוי, אַ געבוירענע אין סעווילאַ, אַן אמתע קריסטין, אַן אלמנה מיט אַ טאָכטער, וועלכע איז איצט אַ קופּלעטיסטן אין „טעאַטראָ עספּאַניאָל“.

איך בין מיט דער צייט קראַנק געוואָרן און אָט איז דער סך־הכל...

4.

אַלע פיר זענען מיר געזעסן ביים טיש אין אַ פּראַכטפולן עס־צימער. אַן אַ שיעור בילדער פון פעליפּע דעם צווייטנס צייטן; פון יענער גאָלדענער עפּאָכע אין שפּאַניע און אָנהייב פון איר דעקאַדענץ, האָבן פון די ווענט אַראָפּגעקוקט צו אונדז.

דער מאַלצייט איז צוגעגאַנגען שטיל. ער, דער קראַנקער, איז געזעסן אויבנאָן ווי איינגעקלעמט אין אַ פאַרצייטיקער שטול מיט אַ פיינעם אויסגעשניצטן אָנלען

און פון בײדע זײַטן פֿאַרענטשעס, װאָס האָבן דערגרייכט כמעט ביז זײַנע פּאַכ־װעס... ער איז געװען אײַנגעהילט אין אַ מין מאָדנעם ראָק פֿון פּורפּור־קאָליר, װאָס האָט אים געמאַכט אויסזען װי אַן אײַנגעשרומפּענער גלח...

בײַ זײַן זײַט איז געזעסן אַ יונגע פֿרוי, אָנגעטאָן אין אַן אײדעלן זילבער־װײַסן זײַדענעם קימאָנאָ, ברײט דעקאָלטירט. אויפֿן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ מין שלײער פֿון ראָזעװן קאָליר, װעלכער איז געװען פֿאַרדרײט װי אַ טורבאַן. דאָס פּנים אירס פֿאַרקרעמירט און אַביסל בלײַלעך באַפֿאַרבט אַרום די אויגן. אירע באַזוימטע אויגן מיט לאַנגע געבויגענע װיִעס, האָבן איר צוגעגעבן אַ מין קרענקלעך אָדער שטאַרק־פֿאַרמאַטערטן אויסזען. זי איז נישט געװען פֿון די שפּאַנישע שײנהײטן; זי איז געװען, װי מ׳זאָגט בײַ אונדז, אַן אַנטלאָפֿענע פֿון די מיאוסע און די שײנע נישט דעריאָגט, אָבער איר קערפּער איז געװען שלאַנק װי בײַ אַ קאַבאַרעט־טענצערין.

אַנטקעגן איר, אויף דער צװײטער זײַט, איז געזעסן די אַלטע מוטער אירע.

איך בין געזעסן אַנטקעגן דעם חולה, װאָס האָט מיט אַ מאָדנע זשעדנעקײט געשלונגען דאָס עסן, נישט אויפֿהײבנדיק זײַנע שרעקלעך־אויסגעשטאַרטשעטע אויגן. זײַן שאַרבן האָט מוראדיק געגלאַנצט אונטער דער שײַן פֿון דעם הענג־לײַכטער.

פֿון צײַט צו צײַט האָט זיך עמעצער פֿון זײ אַרויסגעכאַפּט מיט אַ װאָרט און באַלד װי חרטה געהאַט, װידער זיך פֿאַרטון אין עסן און אײַנשליסן זיך, װאַר־שײַנלעך, אין דעם אײגענעם אינערלעכן באַװוסטזײַן.

איך האָב אויך געטראַכט װעגן אים. ער, דער חולה מסוכן, אין װעמענס אָדערן דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן װאָס איך בין מחלל אַזאַ הײליקן טאָג... איך האָב דערפֿילט צו זיך אַלײן אַ מין פֿאַרװוּנדערונג און ס׳איז מיר געװאָרן שטאַרק אומעטיק אויף דער נשמה.

איך האָב אויך געטראַכט װעגן אים. ער, דער חולה מסוכן, אין װעמענס אָדערן עס פֿליסט ייִדיש בלוט, קלײַבט זיך צום שטאַרבן; מײנענדיק אפשר, אַז אַ מינוט פֿאַר יציאת־נשמה װעט ער, װי זײַן זײדע האָט געטון, זיך װענדן צום גאָט פֿון זײַנע אור־אור־עלטערן און אַזױ אַרום זיך שטעלן אויף דער מדרגה פֿון אַ בעל־תשובה...

מײַן בליק איז געפֿאַלן אויף אים אין יענעם מאָמענט, װען די בײדע פֿרויען האָבן פֿאַרלאָזט דעם זאַל. איצט איז ער געזעסן שטיל און אומבאַװעגט װי אַ פּאַרגליװערטער, עס האָט זיך געדאַכט אַז ער דרימלט אײַן. איך האָב אים נישט געװאָלט שטערן. איך בין אַװעק צו מיר אין צימער, עס האָט מיך באַפֿאַלן אַ שטאַרקע מידקײט, און נישט אויסטוענדיק זיך אַפֿילו בין איך אַנידערגעפֿאַלן אויף מײַן בעטל.

וויפל איך בין אָפּגעשלאָפן ווייס איך נישט. איך האָב מיך אויפגעכאַפּט דער־הערנדיק אין שלאָף אַ טומל, אַ געשריי, וואָס איז געקומען פון דער זייט, ווו דער קאָמענדאַנט האָט זיך געפונען. דאָרט אין די פאַרנאַכטיקע שאָטנס, וואָס זענען שוין געווען אויסגעלייגט אויף אַלץ, האָבן די צוויי פּרויען, ווי ווילדע מכשפות, געריסן שטיקער פון דעם אַלטן, געטרייסלט און געוואָרפן אים אַהין און אַהער. זיין נאַקעטער שאַרבן האָט זיך געשלײדערט אין אַלע זייטן, זיינע אויסגעשטאַרטשעטע אויגן זענען געבליבן פאַרגלאָצט צום הימל, און פון זיין וויסט און פינצטער אָפּענעם מויל האָט מער נישט געשלאָגן יענער סם־המוותדיקער גערוך וואָס טראָגט זיך פון אַ גוסס.

ער איז שוין פון לאַנג געווען טויט...

אַ מאַמע

.1

מיר האָבן זיך פאַרקליבן אַרום אַ טישל ביי אַ גלעזל קאַווע, נאָענט צום פענצטער וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום וואַלד. עס איז שוין געווען לאַנג נאָך װעטשערע. אַ שטיק אויסגעשטערנטער הימל האָט אַריינגעקוקט דורך דעם פענצטער, און אַ פולע לבנה האָט גאַנץ־העל באַלויכטן דעם אַרום פון האָטעל: דעם וואַלד, דעם גאָרטן, און העט־ווייט דעם באַרג „פאַן דע אַסוקאַר", מיטן גרויסן צלם אויף זיין שפּיץ.

מיין פריינד איז געזעסן אַ פאַרגאַפטער מיטן פּנים געווענדט צום דרויסן, וואָס האָט געשמעקט מיט פרישן לעבן. יעדעס ווינטל האָט עפּעס געבראַכט צו טראָגן אַ באַזונדער געשמאַקן ריח, וואָס האָט די נשמה דערקוויקט. עס האָבן זיך צו אונדז דערטראָגן דאָרט אויף דעם דריטן שטאָק פון האָטעל, די קלאַנגען פון אַ דזשאַז־אָרקעסטער, וואָס האָט אין יענער שעה געשפּילט אין דעם קאָמעדאָר, פאַרוואַנדלט איצט אין אַ טאַנץ־זאַל פאַר יונגוואַרג.

פון צייט צו צייט, ווען די מוזיק איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָבן מיר אויך געקענט הערן דאָס אויסשרייען פון די נומערן ביי דער רולעטקע. דאָרט, אַרום די טישן פון דער רולעטקע, האָט אין יענער שעה דער מענטשן־געראַנגל דערגרייכט די העכסטע אַקטאַווע. דורך דעם ברייטן קאָרידאָר ווו מיר האָבן זיך געפונען, האָבן זיך רייכע עלעגאַנטע דאַמען און מענער, פאַרלעכוויז אַוועקגעטראָגן, ווי געצויגן דורך אַ מאַגנעט, צו יענעם אָרט פון וואַנעט די אויסגעשריגענע נומערן האָבן זיך געהערט. עפּעס ווי בגנבה האָבן זיי, די פאַרלעד, פאַרלאָזט זייערע צימערן. אויף אייניקע פנימער איז געווען צו באַמערקן שטראַלן פון האָפענונג, אַנדערע האָבן זיך געהאַלטן שטייף און ערנסט, גלייך ווי זיי זאָלן גיין צו עפּעס אַ הייליקער פּראָצעסיע.

פלוצים האָב איך דערזען ווי מיין פריינט האָט זיך האַסטיק אַ הייב־געטון פון זיין אָרט, און איז צוגעלאָפן צו איינער פון יענע טירן. דאָרט איז געשטאַנען

אַ הויכער מאַן און געהאַלטן אין צושליסן די טיר; לעבן אים, אַ שלאַנקע בלאָנדע דאַמע, און צווישן זיי בײדע, אַ ייִנגל פון אַ יאָר אַכט.

— אָלאַ, אָלאַ, „דאָקטער".

דער אומבאַקאַנטער הויכער מאַן האָט אַ ווײלע אָנגעקוקט מײַן פרײַנד, אפנים זיך געוואָלט איבערצייגן אַז ער האָט קײן טעות נישט אין אים, און האָט דערנאָך אָפּגעענטפערט מיטן זעלבן פרײַנדלעכן, איבערראַשטן טאָן, אָבער מיט אַן ענגלישן אַקצענט:

— אָלאַ, אָלאַ, „דאָקטער".

זיי האָבן זיך הייס געדריקט די הענט, אָבער צו דער דאַמע האָט ער, מײַן פרײַנד זיך בלויז באַגוגנט מיט אַ העפלעכער באַוועגונג פון זײַן פיגור, אויף וועלכן זי האָט קוים אָפּגעענטפערט מיט נישט קײן איבעריקן פרײַנטלעכן זשעסט.

— וואָס זאָגט איר עפּעס אויף אײַער „באָי" (ייִנגל)? ער איז אײַערער, איר האָט אים דאָך אָפּגעראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט, — האָט דער מאַן לאַכנדיק גערעדט, אָנווײַזנדיק אויף דעם ייִנגל.

— וויל, וויל, — האָט מײַן פרײַנד אָפּגעענטפערט, אָנבייגנדיק זיך צום ייִנגל און ער האָט אים בעת־מעשה אַ לײַכטן קניפּ־געטון אין באַק.

— מיר גייען היינטיקן אָוונט אויספּרוּוון אונדזער מזל ביי דער רולעטע.

— האָט ווידער דער מאַן געזאָגט, דערפילנדיק ווי די דאַמע האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם. און מיט אַ הילכענדיקן „גוד באַי" זענען די געסט אַוועקגעגאַנגען און מײַן פרײַנד האָט ווידער פאַרנומען זײַן פּלאַץ ביים טיש.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי דערפרייט איבער אים? — האָב איך מײַן פרײַנד אַ פרעג־געטון.

— קום אַרויס אויף דער ראַמבלאַ, וועלן מיר וועגן זיי עפּעס רעדן — האָט מײַן פרײַנר אומרויִק געענטפערט.

מיר זענען אַרויס אין דרויסן שפּאַצירן אויף דער ראַמבלאַ. אונטער דער לבנה־שײַן האָט דער פּיריאַפּאַליסער ברעג אויסגעזען ווונדערבאַר אָנגענעם. שטילע כוואַליעס האָבן עפּעס מיט אַ באַזונדער צערטלעכקייט געגלעט די פּליאַזשעס. די שורה עלעקטרישע לאָמפּן האָבן געמאַכט דעם אײַנדרוק פון דער ווייטנס, ווי אַ לאַנגער שנור פּערל זאָל געווען אַרומזוימען דעם ברעג. העט־העט־ווײַט, ביים פּאָרט, האָט פון דעם טורעם־לײַכטער זיך געצויגן אַ לאַנגע ליכטיקע סטענגע וואָס האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט ווי אַ מעכטיקער ווײַזער איבער אַ ריזיקן זייגער־ציפערבלאַט. בײַטאָג זעט אויס דער פּיריאַפּאַליסער ברעג ווי אַ בוכטע. די דאָזיקע בוכטע, אַרומגערינגלט מיט וועלדער און בערג, האָט געמוזט אַמאָל דינען פאַר אַ מקום־מקלט פאַר ים־רויבערס אין יענע אַלטע צײַטן פון פּיראַטן און קאָנטראַבאַנדיסטן; איצט האָט די מענטשלעכע האַנט זי פאַרוואַנדלט אין אַ גן־עדן התחתון.

אַ לאַנגע צייט האָבן מיר שפּאַצירט און געשוויגן.ביידע האָט, ווייזט אויס, זיך נישט געגלוסט צו שטערן די הערלעכע שטילקייט וואָס אַרום יענעם ברעג האָט געהערשט. ענדלעך האָט זיך מיין באַגלייטער אָנגערופן:

—איך האָב היינטיקן אָוונט נישט געוואָלט באַרירן קיין שום טעמע וואָס האָט אַ שייכות צו קראַנקייט. אָבער דאָס באַגעגעניש מיט יענעם פּאַרפּאָלק און קינד רופן ביי מיר אַרויס אַן אומדערטרעגלעכן פאַרלאַנג, דיר צו דערציילן אַן אויסטערלישן פאַל פון פּסיכאָפּאַטאָלאָגישן כאַראַקטער וואָס באַהערשט יענעם געזינדל. אויב דו ווילסט וועל איך דיר עס דערציילן.

— פאַר וואָס נישט? — האָב איך אַ צופרידענער אויסגעשר:עןי.

און מיין פריינד איז צוגעגאַנגען צו דער זאַך:

.2

אומגעפער מיט אַ יאָר פיר צוריק, אין אַ געוויסער נאַכט, האָב איך מיך געלאָזט גיין, וווהין מ'האָט מיר נאָר־וואָס טעלעפאָניש אַרויסגערופן. די נאַכט איז געווען איינע פון יענע אויגוסט־נעכט, ווען די לופט איז דורכגעזאַפּט מיט אַ קאַלטע פייכטקייט וואָס קריכט אין די ביינער. פאַרלאָזן דאָס וואַרעמע געלעגער אין אַזאַ שלעכטן וועטער צוליב אַ קראַנקן, דאַרף מען פשוט האָבן אַן איבערמענטשלעכן רצון צו מקריב זיין זיך פאַר יענעם.

איך בין געגאַנגען אָנגעפּעלצט ביז איבער די אויערן, און געפילט ווי דער מאַנטל ווערט וואָס אַמאָל שווערער אויף מיר, צוליב דער פייכטקייט וואָס ער זאַפּט אין זיך אריין.

איך האָב בעת־מעשה געטראַכט, ווי מאָדנע לאַנגזאַם און אויסגעצויגן האָט די פּרויען־שטימע צו מיר גערעדט דורך דעם טרייבל פון טעלעפאָן אַזוי שפּעט ביינאַכט.

פון מיין שטוב צו יענעם „טשאַלעט", איז געווען נישט מער ווי ווי אַ מהלך פון פיר קוואַרטאַלן איבער אַן אַספּאַלטירטן שליאַך, צווישן צוויי רייען צוויי־גאָרנדיקע אַזוינע טשאַלעטן, דאָס רוב פון זיי באַוווינט פון ענגלענדער. דאָס שטעטל גופא טראָגט אַן ענגלישן נאָמען. איר דרום־טייל פון דער באַן־ליניע זעט אויס ווי עפּעס אַ פאַרכישופטער גן־עדן צוליב די פאַרשידענע און לוקסוסדיקע טשאַלעטן, אַרומגערינגלט מיט גערטנער וואָס בליִען שטענדיק.

איך אַליין האָב דאַן געוווינט צווישן די האָרעפּאַשניקעס אויף דער צפון־זייט באַן־ליניע, וואָס איז געווען פּונקט דער היפּוך אין אויסזען. מיין שטוב איז געשטאַנען אויף אַ ברודיק געסל צווישן הייזקעס ענלעך צו תפיסה־צעלן מיט גראַטעס אויף די פענצטער.

דאָרט האָט געוווינט דער „קריאָזשער" עלעמענט, פון וועלכן איך האָב גע־האָט אַ סך אַרבעט און ווינציק פרנסה. גאַנצע טעג ביז שפּעט אין אָוונט בין איך געווען פאַרנומען אין שטוב מיט פּאַציענטן וואָס די אַרבעט זייערע און נישטיקע געהאַלטן, האָט זיי נישט דערלויבט צו דערנערן זיך ווי געהעריק. פאַרפּינצטערטע און אויסגעדאַרטע מענטשלעכע שאָטנס האָבן טאָג־איין, טאָג־אויס דעפילירט דורך מיין אָרעמער קאָנסולטאַריע. דער סך־הכל פון יעדן טאָג איז געווען אַזאַ מינדערוויכטיקער, אַז עס האָט מיר נישט געקלעקט אַפילו אויף צו זאַט אָנעסן זיך. ווען־נישט־ווען פלעגט מען מיך אַרויסרופן. דאָס פלעגט פּאַסירן צוממיינסטן שפּעט ביינאַכט צו אַ דרינגענדיקן פאַל, ווייל דורך דעם טאָג, האָבן זיי געהאַט צייט צו רופן זייער שטוב־דאָקטער פון דער גרויסער שטאָט. איך פלעג אָבער פאַר דער דאָזיקער ביינאַכטיקער טרחה זיך הייסן גוט באַצאָלן.

***

אָט צו אַזאַ פאַל האָט מען מיך אין יענער נאַכט אַרויסגערופן. דער נאָמען און אַדרעס איז מיר שוין געווען באַקאַנט. און שפּאַנענדיק אַזוי איבער דעם אַס־פאַלטירטן שליאַך איז מיר דורכגעלאָפן אַ מאָדנער געדאַנק: איך האָב מיך פלו־צים דערמאָנט, אַז די פרוי האַמילטאָן, וואָס האָט נאָר־וואָס גערעדט צו מיר, מוז דאָך שוין זיין לאַנג געשטאָרבן. איך אַליין האָב דאָך אַמאָל פאַרזיכערט אַז אירע טעג זענען געציילטע. ביי מיין לעצטן וויזיט האָב איך דאַן געזאָגט צו איר מאַן, אַז איר פאַטאַלער מאָמענט וואַרט אויף איר, ביז זי וועט זיך באַפרייען פון איר שוואַנגערשאַפט.

צוליב מיין רייזע קיין איראָפּע, ווו איך האָב פאַרבראַכט אַ פּאָר יאָר, האָב איך אָן איר אינגאַנצן פאַרגעסן. איצט איז איר בלוטלאָזע געשטאַלטן אַרויפגע־שווומען אויף מיין זכרון. מיט מיין כח־הדמיון זע איך איצט אירע ברייט־אָפענע אויגן וואָס וואַרפן אַ שרעק. עס פלאָנטערט זיך אַנטקעגן מיר, איר טרייסלדיקער קערפּער.

פון איין אונטערזוכן צום צווייטן פלעג איך זי נישט דערקענען. פון טאָג צו טאָג איז זי ווי אַ ליכט אויסגעגאַנגען. איר לייב האָט געפיבערט, שטענדיק גע־גליט, בלויז דאָס האַרץ אירס האָט געקעמפט, זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן און דערציִען ביז דעם טאָג פון ווערן אַ געווינערן.

אין אַזאַ געפערלעכן צושטאַנד האָב איך זי איבערגעלאָזט ביי מיין אָפּפאָרן קיין איראָפּע.

אומגעקערט האָב איך מיך אין אַ פּאָר יאָר אַרום צו יענעם שטעטל, און זי איז מיר גאָר פון זינען אַרויס.

ערשט אין יענער נאַכט, ביים טעלעפאָן־טרייבל, האָב איך איר שטימע דער־

קענט. פלעגמאַטיש לאַנגזאַם האָט זי דריי מאָל איבערגעחזרט איר נאָמען און אַדרעס. דורך דעם טעלעפאָן האָט דאָס קול אירס אָפּגעהילכט ווי פון עפּעס אַ מין פּוסטן חלל, אַז עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז עס קומט פון איר קבר. ווען זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָב איך נישט געהערט אַז זי זאָל האָבן געווען איבער־געריסן די קאָמוניקאַציע, גלייך ווי דאָס טרייבל פון איר טעלעפאָן זאָל געווען בלייבן הענגען אין דער לופטן.

אַ ווײַלע בין איך געבליבן זיצן אין דער פֿינצטער אויף מיין בעט און זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל איך יאָ אָדער נישט פאַלגן אָט־אָ־די מיסטעריעזע שטימע וואָס רופט... ווען איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ געוויסן רעכענונג בין איך שוין געשטאַנען אַן אָנגעטוענער אין דרויסן.

3.

קיין שום בן־אדם האָב איך אויף יענעם וועג נישט באַגעגנט. די פינצטער־ניש פון יענער נאַכט איז געלעגן אויף מיין געמיט ווי אַ שווערע משא. פון די אַרומיקע סעדער און גערטנער האָט זיך צו מיר דערטראָגן דער גערודער פון די פלאַנצונגען, וואָס דאָס ווינטל האָט פון צייט צו צייט אויפגעטרייסלט. אויף דער באַן־ליניע, האָט מאַנעווורירט אַ פראַכט־צוג. זיין לאָקאָמאָטיוו האָט ווען־נישט־ווען אַ טרויעריקן אויסגעצויגענעם פייף־געטון, וואָס האָט געמאַכט דענקען אין עלנט און טיפער בענקשאַפט. ענדלעך בין איך צוגעקומען צו יענעם טשאַלעט.

אַ מאָדנער ציטער איז מיר דורכגעלאָפן איבער אַלע מיינע גלידער. באַמער־קנדיק אַז דאָרט איז פינצטער. איך האָב נישט געוואָגט אַנצוקלינגען, ווייל איך האָב אָנגעהויבן צווייפלען אין דעם, צו עמעצער זאָל מיר גאָר געווען אַהין אַרויסגע־רופן. איז דאָס געווען נישט מער ווי אַ האַלוצינאַציע? האָב איך מיר געטראַכט. דער דאָזיקער געדאַנק האָט מיך באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שוויס. אַזוי פאַנגט עס זיך אָן... האָב איך אַ טראַכט געטון. איך האָב דערפילט אַז די פיס ברעכן זיך מיר אונטער... אָבער פלוצים איז מיט אַמאָל ליכטיק געוואָרן אין גאַנצן אויבערשטן גאָרן.

— מען וואַרט דאָרט אויף מיר — האָב איך אויף אַ קול, ווי צו עמעצן אַ זאָג־געטון. און באַלד האָב איך שוין טאַקע אַ דריק־געטון דאָס קנעפּל ביים אַריינגאַנג. איך האָב געהערט ווי עס האָט דאָרט אינעווייניק אָפּגעקלונגען. וויפל צייט איך האָב געוואַרט ווייס איך נישט, איך ווייס נאָר אַז עס האָט ביי מיר אויס־געזען אַן אייביקייט, ביז איך האָב דערהערט טריט וואָס דערנענטערן זיך צו מיר.

— ווער איז? — האָב איך דערהערט מיסטער האַמילטאָנס קול.

— איך, דער דאָקטער, — האָב איך מיט אַ געמאַכט רויקן טאָן אָפּגעענט־פערט.

— אָ! דאָקטער, גאָט אַליין האָט איך צוגעשיקט אַהער, — האָט ער אַן איבערראַשטער אויסגעשריִען. נאָר־וואָס האָט זיך דאָס קינד אויפגעכאַפּט. מיר דאַכט זיך אַז ער איז געפּערלעך. אָבער... אָבער... איך האָב דאָך איך ערשט גע־וואָלט אַרויסרופן... וואָס פּאַסירט דאָ? — האָט ער פאַרוווּנדערט, אַרויפגייענדיק מיט מיר אויף די טרעפּ, אין דער שטיל געשטאַמלט. — ווער האָט עס איך געקאָנט צוויסן געבן פאַר מיר?

— אייער פרוי האָט מיך טעלעפאָניש אַרויסגערופן, — איז געווען מיין ענטפער.

— מיין פרוי? — זאָגט איר.

איך האָב באַמערקט ווי זיין פּנים איז בלאַס געוואָרן, און ער האָט זיך עפּעס אַ לייכטן וואַקל־געטון.

— אָבער לאָמיר פריִער זען דאָס קינד, — האָב איך נאָך אַ קורצע פּויזע אַ זאָג־געטון און אים אָנגענומען פאַרן אָרעם. מיר זענען אריין אין דעם קינדס שלאָף־צימערל.

אין אַ שיין בעטל, פיין אויסגעאַרבעט מיט אַ בראָנזענעם צוקאָפּנס־פּאַרענטשע און ביי בידע זייטן ניקלנע שטאַכעטן, האָט זיך דאָס קינד שרעקלעך געראַנגלט מיטן טויט. עס איז גאָר קיין ספק נישט געווען, אַז דער קרופּ האָט זיך באַזעצט אינעם קינדס העלדזל. ווי שטענדיק, געפינט זיך דאָס קינד אין אַזאַ צופאַל, אין פולן באַוווּסטזיין.

ביי יענעם קינד, וואָס איז שוין דאַן אַלט־געווען איבער פיר יאָר, האָט זיין קרופּ־צושטאַנד באַקומען אַ העכסט־דראַמאַטישע פאָרעם. זיינע צעשראָקענע אויגלעך זענען געווען אויסגעשטאַרטשעט פון זייערע אויגן־לעכער, דאָס מיילעכל ברייט אָפן, די ליפּעלעך בלוי און דאָס פּנימל בלאַס באַדעקט מיט אַנגסט־שווייס. פון דער טיפעניש פון זיין העלדזל האָט זיך געלאָזט הערן דער ספּעציפישער כאָרכל וואָס וואַרפט־אַן אַזאַ פּאַניק אויף די צושויער וואָס הערן דאָס. דאָס קינד איז נישט געלעגן פאַרטראַגן, נאָר געזעסן און געהאַלטן בידע הענטלעך אַרום האַלדז און פון צייט צו צייט האָט דאָס אַ הוסט־געטון, ענלעך צו אַ הייזעריקן בילן פון אַ הונט. מיסטער האַמילטאָן איז געשטאַנען אין זיין שלאָף־ראָק און האָט געציטערט, ער האָט געבראָכן מיט די הענט.

— ווי איז מיר? — האָט ער אויסגעשריגן, — טוט עפּעס, הער דאָקטער, איך בעט איך.

איך האָב פון מיר אַראָפּגעוואָרפן מיין פּאַלטאָ, אַרויסגענומען פון רענצל וואָס איך האָב מיטגעבראַכט: אַן אינסטרומענט אויף צו אַריינקוקן אין האַלדז. באַלד איז געקומען די איינשפּריץ־נאָדל וואָס עס פעלט ביי מיר קיינמאָל נישט אויס.

— איצט, — האָב איך באַפוילן — ברענגט מיר אַ שיסל הייס וואַסער מיט אַ האַנטוך פון קיך.

דער שטענדיק פלעגמאַטישער ענגלענדער מיט זיין הויכער פיגור, מיסטער האַמילטאָן, איז געשווינד אַוועקגעלאָפן און באַלד האָב איך באַמערקט אין ראַנד פון אַ צווייטער טיר די סילועט פון אַ פרוי. איך האָב מיינע אויגן נישט געוואָלט גלייבן: דאָס איז נישט קיין אַנדערע געווען ווי די פרוי האַמילטאָן, וואָס איך האָב געהאַלטן פאַר אַ געשטאָרבענע. לאַנגזאַם איז זי צוגעגאַנגען צום בעטל, און דער־זעענדיק וואָס דאָ טוט זיך, האָט זי, נישט איבעריק פאַרחידושט, אַ פרעג־געטון:

— וואָס געשעט דאָ, ה׳ דאָקטער?

באַלד וועט אים בעסער ווערן, ער האָט דעם קרופּ.

אַ פאַרטראַכטע איז זי געשטאַנען און האָט געקוקט אויף דעם קינד, וואָס אין איר קעגנוואַרט האָט עס באַקומען אַ פרייערע מינע.

— „מאַמי״! — האָט דאָס קינד צום ערשטן מאָל אַ וואָרט געלאָזט הערן. זי האָט געשוויגן. איך האָב אויף איר נישט באַמערקט דעם ציטער וואָס באַהערשט יעדער מאַמע ווען איר קינד איז אין געפאַר.

ווייטער איז זי געווען די זעלבע פרוי האַמילטאָן, וואָס איך האָב געקענט בעת זי איז נאָך געווען פולקאָם געזונט. קיין שפור פון איר קרענקלעכן צושטאַנד, פאַר מיין אָפפאָרן, איז איר פאַרבליבן. איך האָב נאָכגעפאָלגט אַלע אירע באַנע־מונגען. אָנגעטאָן אין אַ קימאָנאָ פון אָריענטאַלן סטיל, אירע בלאָנדע לאָקן וואָס זענען געלעגן שווער אויף אירע האַלב־אַנטבלויזטע קלאָר־ווייסע אַקסלען, איר שטייפער אַנגלאָ־סאַקסיש געזיכט, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעקוקט ווי פאַר־חלומט צוויי בלויע אויגן, האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק ווי זי זאָל זיין אונטער דער ווירקונג פון „סאָנאַמבוליזם״. אין יענעם מאָמענט איז אָנגעקומען מיסטער האַמילטאָן.

— וואָס זאָגסטו נישט, טייערע, אונדזער קינד איז קראַנק, — האָט ער זיך געווענדעט צו דער פרוי, אָבער מיר דאַכט, אַז עס ווערט אים בעסער.

— וואָס גייסטו טון מיט דער שיסל וואַסער? — האָט זי אַ פרעג־געטון, טרוקן און קאַלטבלוטיק.

— דאָס איז אויף צו מאַכן דעם קינד הייסע קאָמפּרעסן צום האַלדז, — האָב איך זיך אָנגערופן. — איך וועל אייך ווייזן ווי מ׳מאַכט עס. און האָב מיך גענומען צו דער אַרבעט.

— גוט דאָקטער, גענוג, איך וועל שוין דאָס אַליין טון, — האָט דער מאַן אַ זאָג־געטון, נאָכדעם ווי איך האָב עטלעכע קאָמפּרעסן איבערגעלייגט.

פאַרטיפט אין מיין אַרבעט האָב איך נישט באַמערקט ווי די פרוי איז נעלם געוואָרן.

— מאָדנע, — האָב איך מיר געטראַכט, — אַזאַ קאַלטע מאַמע האָב איך נאָך נישט באַגעגנט.

4.

עס האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג. מיסטער האַמילטאָן האָט מיך באַגלייט ביז צו דער טיר. דאָרט ביים אַרויסגאַנג פון שרייב־צימער, זענען מיר געבליבן שטיין. איך האָב אַ בליק־געטון אויף דעם שרייב־טיש און האָב געמאַכט אַ באַמערקונג:

— דאָס טרייבל איז אָפּגעטשעפּעט פון דעם טעלעפאָן, עמעצער האָט גערעדט פון דאָנען.

— אמת, — האָט מיסטער האַמילטאָן אומרויק באַשטעטיקט.

— הייסט עס, אַז איך האָב גאָר אַ טעות געהאַט אין אייער פרוי, ווען איך האָב אייך דאָן כמעט ווי פאַרזיכערט אַז אירע טעג זענען געציילטע.

איך האָב אַזוי אַרום געוואָלט אים אָפּווענדן פון דעם מאָדנעם פּלאָנטער־געדאַנק אין וועלכן איך אַליין האָב אים אַריינגעצויגן.

— ניין, — האָט ער געענטפערט מיט אַ טיפן זיפץ, — איר האָט קיין טעות נישט געהאַט. זי איז אין אַ קורצע צייט אַרום געשטאָרבן. אַ וואָך צייט נאָך דעם קינדס געבוירן ווערן, פונקט ווי איר האָט פאָרויסגעזאָגט. די־אַ איז מיין צווייטע פרוי, דער פאַרשטאָרבענערס צווילינג־שוועסטער. ווי צוויי טראָפּנס וואַסער זענען זיי געווען געראָטן איינע אָן דער אַנדערער, אָבער נאָר פיזיש: גייסטיק איז זי דער אַנטיטעזיס. יענע איז געווען ביים געזונט, שטענדיק מוטיק, פריילעך, גאַסט־פריינטלעך און אָפנהאַרציק. די גייט אַרום שטענדיק מוטלאָז, פאַרטראַכט, אָפּגעטיש און גלייכגילטיק צו אַלץ. איך האָב מיט איר געהייראַט, דערפילנדיק דעם לעצטן ווונטש פון דער פאַרשטאָרבענער. פאַר איר טויט האָט זי אונדז ביידע צוגערופן און האָט אונדז באַשווירן אַז מיר זאָלן חתונה האָבן, כדי דאָס קינד זאָל נישט האָבן קיין פרעמדע שטיפמוטער. מיט אירע לעצטע כוחות האָט זי אויסגעשריען: זאָלסט זיין אַ געטרייע מאַמע צו מיין קינד, דו הערסט? פון מיין פינצטערן קבר וועל איך פון אייך פאָדערן, אַז איר זאָלט אויף אים אַכטונג געבן. ווען אַ געפאַר וועט אים באַדראָען, וועט מיין נשמה פון יענער וועלט קומען און ליאַרעמען ביז די הילף וועט קומען.

רעדנדיק אַזוי איז זי אויסגעגאַנגען אויף מיינע הענט. די שוועסטער אירע, מיין איצטיקע פרוי, איז אַרויפגעפאַלן אויף איר און האָט איר וויינענדיק צוגעזאָגט, אַז זי וועט אַלץ מקיים זיין.

— איצט, ליבער פריינד, — האָט מיסטער האַמילטאָן, מיט טרערן אין די אויגן, אין דער שטיל גערעדט, — קענט איר מיר דערקלערן ווער עס האָט אייך אַהער אַרויסגערופן?? איך ווייס, אַז איר געלערנטע, גלייבט נישט אין איבערנאַטירלעכע זאַכן, אָבער...

— ניין, — האָב איך אים געזאָגט. דאָס איז נישט קיין איבערנאַטירלעכע זאַך. אייער איצטיקע פרוי אַליין האָט מיך דורך דעם טעלעפאָן אַרויסגערופן. זי האָט דאָס געטון, און זי וועט דאָס שטענדיק טון ווען אייער קינד וועט עפּעס שלעכטס געשען. אויב זי וועט זיין וואַך וועט זי דאָס טון מיטן פולן באַוווסטזיין, און אויב זי וועט שלאָפן, וועט זי דאָס פאַרווירקלעכן אונטער דעם אויטאָמאַ־טישן צושטאַנד וואָס הייסט „סאָנאַמבוליזם".

די לעצטע ווערטער פון אייער פאַרשטאָרבענער פרוי זענען טיף אַריין אין איר שוועסטערס נשמה, וואָס איז אַזוי ענלעך כּיי פיזיש און סיי גייסטיק, כאָטש אייך ווייזט זיך אויס, אַז די איצטיקע פרוי אייערע קלערט און פילט אַנדערש. אַזעלכע פאַלן זענען נישט קיינע זעלטנהייטן. עס איז גאַנץ מעגלעך אַז דאָס פאַרשטיקטע קול פון אייער קינד, איז אויפגענומען געוואָרן דורך איר אויטאָ־מאַטישן „איך", וועלכער האָט דורכגעפירט די זאַך, נישט איבערלאָזנדיק קיין מינדסטן שפּור אין איר זכרון. און זי טאָר פון דעם קיינמאָל נישט וויסן, — האָב איך אים געוואָרנט.

איך האָב באַמערקט אין מיסטער האַמילטאָנס פּנים, אַז איך האָב פון זיין האַרץ אַ שטיין אַראָפּגענומען...

פון דעמאָלט אָן, זע איך זיי ערשט איצט דאָ אין מיניאַפּאָליס, — האָט מיין פריינד מיר אַ שעפּטשע־געטון אין אויער, און איך בין מיך מודה, אַז אַ גרויל איז מיר איבערגעגאַנגען איבערן לייב ווען איך האָב זי דערזען. אויף איר פּנים, דאַכט זיך מיר, ליגט עפּעס אַזוינס וואָס מאַכט דענקען אין יענער וועלט.

צום ערשטן סדר

מיין פריינד האָט דערציילט:

מיר זענען אָנגעקומען קיין בוענאָס־איירעס אין זומער פון 1912. עס איז געווען אַ שיינער זונטיקדיקער פרימאָרגן. אויסער דעם טאַטן האָבן מיר דאָ קיינעם נישט געהאַט. די דראָזשקע מיט אונדזער געזינדל האָט זיך געטראָגן, קודם לענגאויס דעם פּאָרט, דערנאָך איבער די צענטראַלע גאַסן. פּאַרשידענע פּנימער פון פרעמדע מענטשן האָבן זיך אונדז געוואָרפן אין די אויגן. טראַמווייען, פּולי־געפּאַקטע, האָבן זיך רעשיק געטראָגן פאַרביי אונדז. דער טאַטע האָט אויף אונדז געקוקט מיט ליבלעכע אויגן. אָבער אויף דער מאַמען, אויף מיין עלטערער שוועס־טער און יונגערן ברודערל האָב איך באַמערקט אַ טרויעריקע מינע. אויך מיך האָט עפּעס געדריקט אויפן האַרצן. דאָס האָט געדאַרפט זיין דאָס געפיל פון פרעמדקייט, וואָס האָט זיך שווער געלייגט אויף אונדזערע געמיטער. צי אפשר איז דער אומעט געקומען פון דעם, וואָס מיר האָבן באַמערקט ווי דער טאַטע איז פאַר די פיר יאָר זיין אָן אונדז, אַ סך פאַרעלטערט געוואָרן. ווייסע פּעדימלעך, גאָר אין אַ גרויסער צאָל, האָבן דעם טאַטנס באָרד אַ סך העלער געמאַכט. יאָ, אַט־אַ־די באָרד איז פאַר דער צייט גרויער געוואָרן און אַ ביסל היפּש אונטערגעשוירן...

דער טאַטע פרעגט אונדז אויס, וויאַזוי ס׳איז אונדז געגאַנגען בעת דער רייזע, אויף די באַנען, אין די עמיגראַנטן־האָטעלן און אויף דער שיף, כדי אונדז צו הערן רעדן, אָבער עס גייט נישט. מיר ענטפערן מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער און מיר נעמען פון דעם טאַטן נישט אַראָפּ אונדזערע טרויעריקע בליקן.

ביי מיין שוועסטער פילן זיך אָן די אויגן מיט טרערן, און דאָס פאָרן גייט־צו שטיל. עס הערט זיך בסדר דאָס קלאַפּן פון דעם פערדס פּאַדקאָוועס און די רעדער אויף די שטיינער פון די גאַסן, איבער וועלכע מיר פאָרן.

מיר קריצן איבער ברייטע און שמאָלע גאַסן, אָבער וואָס אַמאָל מערקן מיר ווי די גאַסן ווערן אַלץ פּשוטער און אָרעמער. פון צייט צו צייט דערטראָגט זיך צו אונדז דאָס מאָדנע אויסגעשריי פון אַ גאַסן־הענדלער, אָדער די פאַרבענקטע מעלאָדיע וואָס אַ שלייפער פייפט־אויס אויף זיין בלאָז־אינסטרומענטל.

ענדלעך שטעלט זיך די דראָזשקע. מיר שטייגן־אָפּ נעבן אַ דירה.

— אָט דאָס איז אונדזער נייע היים, — רופט זיך אָן דער טאַטע. און מיר גייען אַריין אין שטוב.

עס איז אונדז מיט אַמאָל פריילעכער געוואָרן אויפן האַרצן. דער טאַטע האָט פאַר אונדז צוגעגרייט אַ סורפּריז. ער האָט אויסגעמעבלירט אונדזער נייע היים פּונקט ווי די אַלטע. עס זאָל פעלן אַ האָר. פונקט די זעלבע קאָמאָדע, דער זעלבער לאַנגער טיש, קיילעכדיק אין ביידע עקן, אַרומגעשטעלט מיט ענלעכע צוועלף בענקלעך. די זעלביקע סאָפקע ,די שאַפקע מיט ספרים; דער זעלבער הענג־לאָמפּ וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען איבער דעם טיש אויף דריי מעשענע קייטן; די ווייסע קולבע אאַ״וו. אַפילו דער שפּאַליר אויף די ווענט פון דעם עס־זאָל איז געווען פּינקטלעך ווי דאָרט. עס זענען געווען אויסגעהאָנגען אויף די ווענט און אויף די זעלבע ערטער די אייגענע בילדער, וואָס מיר האָבן געהאַט אין דער היים, בילדער פון צדיקים מיט שטריימלען, דאָס בילד פון רמב״ם מיט דעם טור־באַן אויף זיין קאָפּ. אַנטקעגן אים, אויף דער צווייטער וואַנט, משה מאָנטעפיאָרע מיט דער יאַרמלקע, געמאָלט אין פּראָפיל. איבער דער שאַפע מיט ספרים איז געהאנגען דער באַקאַנטער „מזרח״, וואָס שטעלט־פאָר ווי ייִדן זקנים דאַווענען ביים כותל־מערבי: פון איין זייט משה־רבינו מיט די לוחות אין האַנט און די צוויי שטראַלן וואָס ציִען זיך פון זיין געטלעכן קאָפּ און פון דער צווייטער זייט פון כותל־מערבי — אהרון־הכהן, אָנגעטון ווי ער שטייט ביי דער עבודה אאַ״וו.

— זלמן! — האָט מיט באַגייסטערונג אויסגעשריִען מיין מאַמע צום טאַטן — זייער קלוג האָסטו געטון. מיט ווייטיק האָב איך מיך געשיידט פון אָט־די אַלע מתנות, וואָס מ׳האָט אונדז געשאָנקען צו אונדזער חתונה. איך האָב אַלץ אויס־פאַרקויפט, און דו האָסט מיר זיי אַלע אומגעקערט, כדי איך זאָל מיך דאָ, אין דער פרעמד, דערפילן היימיש.

— זעט, קינדער, — האָט זי זיך מיט פרייד געווענדט צו אונדז — וואָס פאַר אַ ליבן און טייערן איינפאַל פון אייער געטרייען פאָטער.

ערשט אין אַ רגע אַרום האָבן מיר זיך אַלע איינגעקלאַמערט אין דעם טאַטן און אים באַדעקט מיט הייסע קושן, און טרערן פון פרייד האָבן זיך געקייקלט אויף אונדזערע באַקן.

***

ברייט און רעשיק איז שוין דאַן געווען די גאַס מאָנטע דע אָקאַ, די גרעסטע שטאָט־אַרטעריע, וואָס ציט זיך לענגאויס צום דרום אין דער געגנט לאַ באָקאַ. פון באַגינען ביז זשפּעט אין דער נאַכט אַריין לויפט הין און צוריק דער „צוויי־און־צוואַנציקער״ מיט גרויס אימפּעט און געפילדער. שווערע אָנגעלאָדענע לאַסט־

וועגענער האַמערן מיט זייערע ריזיקע רעדער אויף די גראַניט־שטיינער, פּאַראור־זאַכנדיק אַזאַ טומל, אַז עס שווינדלט אין קאָפּ.

פון צייט צו צייט דערהערט מען דאָס פייפן פון „סירענעס" ביים פּאָרט, ווייל נישט ווייט פון דאָרטן געפינט זיך דאָס „מויל פון דעם ריאַטשועלאָ", מיט וועלכן ער שמעלצט זיך צוזאַמען מיטן לאַ פּלאַטאַ טייך. פון דעם נעמט זיך דער נאָמען „לאַ באָקאַ", וואָס דער דאָזיקער געגנט טראָגט. זעלטן, זעלטן האָט מען אין אונדזער צייט, דאָרט באַגעגנט אַן אָנשטענדיק־געקליידטן מענטשן.

דאָס רוב פון די דורכגייער, זענען געווען קויטיקע פּאָרט־אַרבעטער מיט פּאַרמאַטערטע אויסגעשמירטע פּנימער און צעכראַסטעטע האָריקע ברוסטן. אָנגע־שיכורטע מאַטראָסן, האָבן זיך טאָג און נאַכט געוואַקלט און געזידלט אויף פאַר־שידענע שפּראַכן.

די אָפענע שענקן וואָס זענען דאָרטן געווען גאָר אין אַ היפשער צאָל, האָבן כסדר אַרויסגעשטויסן צו דער גאַס אַן עקלהאַפטיקן גערוך פון פאַרשוויצטע לייבער, שלעכט־פאַרדייעטן אַלקאָהאָל, באַגלייט מיטן הייזעריקן רעוון פון די שיכורים.

ביי די טירן פון שניט־קראָמען פון אָפּגעטראָגענע אַלטע אָנצוגן זענען גע־שטאַנען יונגע פריקאַזשטשיקעס מיט צעפּאַטלטע טשופּרינעס און האָבן געשריגן און טייל מאָל געשלעפּט די דורכגייער צו קויפן זייער סחורה.

אין די אָוונטן, האָט די גרינע שיין פון די גאַז־פּאַנאַרלאַך אַריינגעבראַכט אַ מין מאָדנעם אומעט־צושטאַנד, און די גאַס איז געוואָרן נודנע און אומדערטרעגלעך.

דאָרט, אויף מאַנטעס דע אָקאַ, גאַנץ ווייט פון די ייִדישע קוואַרטאַלן, האָט פאַר אונדז דער טאַטע געדונגען יענע ערשטע דירה, ווייל ער האָט אַרום יענער גאַס געהאַט צעזייט און צעשפּרייט זיין „קליִענטעלע". די שטוב איז אָבער געווען אַ באַקוועמע, און ווי איך האָב פריִער געזאָגט, אַ העכסט־היימישע סביבה.

אַלע פרימאָרגן פלעגט מיין פאָטער באַזאָרגן די שטוב מיט אַלעס וואָס אַזאַ הויזגעזינד דאַרף איבערן טאָג.

דריי מאָל אין וואָך פלעגט בייטאָג קומען אַ ייִדישער לערער מיט אונדז לערנען די אַרגענטינער שפּראַך. אַזוי האָט זיך צוביסלעך אויסגעוועפּט דאָס „גרינע" וואָס מיר האָבן געבראַכט פון דער היים, און אָט באַלד נאָך פּסח וועל איך אויך אָנהייבן טראַכטן וועגן תכלית.

דערווייל גרייט מען זיך שוין אין שטוב צו אַריינברענגען אונדזער ערשטן פּסח אין אַרגענטינע.

***

נישט האָבנדיק דערווייל קיין אָריענטאַציע אין מיין פּופצן־יעריקער עלטער. פלעג איך מיר אַרומבלאָנקען פּוסט און פּאַס איבער „לאַ באָקאַ". גאַנצע טעג

פלעג איך מיר וואַלגערן אין די גאַסן ווי אַן אמתער גאַסן־יינגל. איבערהויפּט האָט מיר געצויגן צום פּאָרט.

איינמאָל, אין אַ געוויסן בייטאָג, זיצנדיק, אָדער בעסער געזאָגט, ליגנדיק ווי אַ פּאַרכישופטער אָנגעשפּאַרט אָן איינע פון די אייזערנע גרויסע האָקעס, וואָס טשעפּען צו די שיפן צום פּאָרט, האָב איך דערהערט נעבן מיר אַ הייזעריקע שטימע אויף יידיש:

— העי, יאַטל, וואָס טוסטו דאָ אַלע טאָג?

איבערראַשט פון אַזאַ פּלוצימדיקן אויסגעשריי אויף מאַמע־לשון אין אַזאַ פאַרוואָרפענעם ווינקל פון „לאַ באָקאַ“, בין איך האַסטיק אויפגעשפּרונגען פון מיין אָרט, און איך האָב פאַר מיינע אויגן דערזען שטיין אַ מאַטראָס — אַ מאַטראָס וואָס רעדט יידיש? — האָב איך מיך געוווּנדערט.

— נו איז וואָס? — האָט ער אין אַביסל אַ שפּאָטישן טאָן אַ מאַך־געטון — איך רעד אויך ענגליש, שפּאַניש, רוסיש און פראַנצויזיש; פון דייטש איז שוין אָפּגערעדט.

— איך מיין, צי איר זענט אַ ייד — האָב איך אים ווידער אַ פרעג־געטון.

ער איז געבליבן שטיין אין עפּעס אַ מין פאַרלעגנהייט. איך האָב אים ערשט גענומען באַטראַכטן. ער איז נישט נאָר געווען דאַר, נאָר ממש אויסגעטרוקנט, הויט און ביינער איז געווען זיין פּנים און שטאַרק פאַרשוואַרצט איז געווען זיין הויט אונטער וועלכער עס האָבן זיך ביי די שלייפן געשלענגלט גראָבע אָנגעלאָפענע אָדערן. דאָס קיילעכדיקע היטל און דער מאַטראָסן־אָנצוג איז אויף אים געהאָנגען, ווי אויף אַ פויגל־פאַרטרייבער אין אַ פעלד. לאַנגזאַם האָט ער אַרויסגענומען פון זיין קעשענע אַ ליולקע. ער האָט זי אָנגעשטאָפּט מיט טאַבאַק, און נאָך דעם ווי ער האָט זי פאַרויכערט האָט ער אַ זאָג־געטון:

— קום, לאָמיר זיך אַוועקזעצן אויף דער פּריזבע, וועלן מיר רעדן.

אַ ווײַלע זענען מיר געזעסן שטיל און געקוקט ווי די שיפלעך הוידען זיך אויף דעם וואַסער, ווי די ים־פייגל פלאַטערן אין דער לופטן, און דערנאָך האָט ער אַ זאָג־געטון:

— דו רויכערסט? נאַ, אָט האָסטו אַ טערקישן ציגאַר. ער האָט בעת־מעשה מיר דערלאַנגט אַ ציגאַר־פּושקע.

— ניין, אַ דאַנק, איך רויכער נישט.

— אָ, לויט איך זע ביסטו נאָך אַ גרינינקער; גייסט אָנגעטאָן ווי אַ נאַר־וואָס אַראָפּגעקומענער פון שיף.

— ערשט אַ פּאָר מאָנאַטן אין לאַנד.

— דו ווילסט מיך פּאָלגן? — האָט ער מיר גלייך אין פּנים אַ זאָג־געטון, — זאָלסט מער נישט קומען אַהער.

— פאַר וואָס? — האָב איך מיר געחידושט.

— ווייל איך האָב אויף דיר רחמנות... זעסט? פון יענעם פענצטערל וואָס קוקט אַרויס פון מיין קאַבינע אויף דער שיף „קורלאַנדיאַ“ זע איך דיך קומען אַלע טאָג אַהער. עס ציט דיך צום וואַסער. אַנטלויף פון דעם ווי פון פייער — אויב נישט וועט דער ים דיך איינשלינגען ווי ער האָט מיך איינגעשלונגען. איך זע, אַז עס געפעלט דיר די פּאָרט־באַוועגונג. עס געפעלן דיר די מענטשן וואָס קלעטערן אויף די ענג־בריקלעך ביים פאַרבן די שיפן, די פיש־כאַפּערס, די ים־כוואַליעס וואָס לאַשטשען זיך צו די שיף־נעזער און שווענקען דעם ברעג, און די בריקן פון דעם פּאָרט, דער געדויש פון דעם וואַסער וואָס די גרויסע דאַמ־פערס שפייען פון זיך אַרויס; זייערע קיילעכדיקע פענצטערלעך געגליכן צו אָקסן־אויגן אויסגעשטעלט שורותווייז צום ים...

ער האָט עפּעס גערעדט מיט אַ טאָן פון אַ מענטש, וואָס איז באַהערשט פון משוגעת. זיינע איינגעזונקענע אויגן אין קאָפּ האָבן בעת־מעשה באַקומען מער גלאַנץ. און איך האָב מיך דערפילט אַביסל אומרויק פאַר אָט־דעם אומבאַקאַנטן.

אָבער, מאָדנע, דאָס אַלעס וואָס ער האָט אויסגערעכנט, האָט זיך מיר גע־דאַכט, אַז ער האָט עס איבערגעלייענט אויף מיין פּנים.

ער איז אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן. צום אָרט ווו מיר זענען ביידע געזעסן האָט זיך דערטראָגן אַ מיש־מאַש פון שטאָט־גערודער, פון איין זייט, און דער זשום פון די מאָטאָר־שיפלעך — פון דער צווייטער זייט. וועך־נישט־ווען האָט אַ „סירענע“ אַ מאָדנעם פייף געטון, ענלעך צו אַ קוויטש פון אַ ווילדער חיה; עטלעכע ווידערקלאַנגען האָבן איבערגעחזרט דעם דאָזיקן קוויטש, און עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די ווידער־קולות קומען פון די דעפּאָזיטן־בנינים אַרום פּאָרט.

אויסער אונדזביידן, האָט מען דאָרט קיין בן־אדם נישט געזען. ער, דער מאַטראָס, האָט ווידער גערעדט, דאָס מאָל מער געלאַסן:

— יאָ, ברודערל, אַלע ים־מענטשן זענען מיר געוועזענע וואַגאַבונדן. די לופט אויף דער יבשה קאָנען מיר נישט אָטעמען. ווי איך בין נאָר צום שכל גע־קומען, איז מיר די שטוב, די היים מיינע, דערווידער געוואָרן. גלייך ווי די סטעליע איבער מיין קאָפּ זאָל מיך געוועזן דריקן. איך האָב ליב געקראָגן דעם דרויסן, דעם פרייען הימל. דערפאַר פלעגט מען מיר נישט קאָנען איינהאַלטן אין שטוב און אין חדר. עס האָט מיך ווי מיט צוואַנגען געריסן אין דער פרייער וועלט. מיינע עלטערן האָבן פון מיר געקילט די ערד, ביז אין אַ שיינעם טאָג, צו 14 יאָר, בין איך אַנטרונען געוואָרן.

מיין ערשטער אַרויספאָר איז טאַקע געווען מיט אַ פישער־שיפל אויף דעם דניעסטער. און נאָכהער, אָבי דו מאַכסט נאָר דעם ערשטן שריט, ביסטו שוין אַ געפאַנגענער...

איך האָב געאַרבעט אויף אַן אַ שיעור גרעסערע און קלענערע ים־קרייצערס, איך האָב זיך אויסגעלערנט שפּראַכן און יעדער פּאָרט האָט איבערגעלאָזט טיפע שפּורן אויף מיין לייב און נשמה...

זעלטן, זעלטן ווען, פלעג איך מיך דערמאָנען אַן מיינע עלטערן, דאָרט אין רומענישן שטעטל. עס האָט אַביסל אַ קלעם־געטון דאָ־אָ ביים האַרצן, אויך אַמאָל אַ טרער געלאָזט אָבער... פאַרפאַלן.

אַרבעטנדיק אויף שיפן וואָס גייען פון אַמסטערדאַם קיין אַרגענטינע, פלעגט זיך מיר דאַכטן, אַז אָט־אָט, אין אַ שיינעם טאָג, וועל איך זיי באַגעגענען אויפ־שטייגן אין דעם אָדער אין יענעם אייראָפּעיִשן פּאָרט. דערמאָנענדיק זיך אַן זיי פלעגט זיך אויך צעגליִען אין מיר דער ייִדישער פונק וואָס טראָגט אַלע אומשטענדן, האָט נאָך ערגעץ געטליִעט אין מיין פאַרוואָלגלטער נשמה. דאַן פלעג איך אַראָפּגיין אין מיין קאַבינע און אַרויסנעמען פון טשעמאָדאַן דאָס סידורל און עס בלעטערן גאַנצע שעהן, שעפּטשען תפילות צום גאָט פון מיינע אבות.

ים־מענטשן, איבערהויפּט מאַנשאַפט פון פראַכט־שיפן, זענען בטבע רע־ליגיעז. ווען אַ שטורעם יאָגט זיך אַן אויף דעם ים און די שיף ווערט ווי אַ נישטיקער מולטער געשליידערט פון די ריזיקע כוואַליעס, דאַן מעגסטו זען ווי פון דעם קאַפּיטאַן ביז דעם פאַרשוואַרצטן קעסל־הייצער קניִען און צלמען זיך מיט אַ געבעט אויף די ליפּן. אין אַזעלכע אַנגסטלעכע מאָמענטן פלעג איך מיך אויך פאַרשליסן אין מיין קאַבינע און בעטן צום ייִדישן גאָט.

צוריק מיט אַ פּאָר יאָר האָב איך געאַרבעט אויף אַ פראַכט־שיף וואָס הייסט „קאַפּ טראַפאַלגאַר", וואָס האָט געמאַכט דעם פאַרקער פון פּוערטאָ דע קאַדיס און זיד־אַפריקע, — קאַבאָ דע בוענאַ עספּעראַנסאַ. אויף דער שיף האָבן זיך געפונען נישט מער ווי אַ דרייסיק רייזנדע חוץ די מאַנשאַפט. צווישן די רייזנדע, וואָס זענען באַשטאַנען פון קריסטן און מאַכמעדאַנער, איז אויך געווען אַ ספּרדישער ייִד וואָס האָט צוזאַמען מיט די מאַכמעדאַנער זיך איינגעשיפט ביים דאַקאַרער פּאָרט. בען סעניאָר, האָט דער ספרדישער מאַראָקאַנער ייִדישער סוחר געהייסן.

עס האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף דעם פינפטן מעת־לעת זינט די „טראַפאַל־גאַר" האָט פאַרלאָזט דאַקאַר. גאַנץ־ווייט פון דעם אַפריקאַנער ברעג איז די שיף אין יענעם מאָמענט געשטאַנען אויף אַ שטילן עקוואַטאָריאַלן וואַסער. ווייסטו וואָס עס איז פאָרגעקומען אין יענעם באַגינען־מאָמענט? גאַנץ איינפאַך: אַ ים־לוויה. אויף אַ לאַנגער ברעט איז געלעגן איינגעוויקלט ווי אַן עגיפּטישע מומיע דער קערפּער פון דעם ייִדישן סוחר בן־סעניאָר. זעקס מאַטראָסן האָבן אויף די שטאַנ־גען געהאַלטן די דאָזיקע מיטה, אויף דעם דעק מיט דעם צופוסנס פון בר־מינן צו דער פאַרענטשע פון שיף. אַן דער שפּיץ פון די רייזנדע, וואָס זענען אויפגע־שטאַנען אַזוי פרי צו אָפּגעבן דעם פאַרשטאָרבענעם זיין לעצטן כבוד, בין איך מיט דעם קאַפּיטאַן געשטאַנען. איך האָב געהאַלטן דאָס סידורל אין האַנט און

געזאָגט קדיש... קדיש געזאָגט נאָך אַן אומבאַקאַנטן, אין דער צייט ווען פון מיינע עלטערן ווייס איך אַפילו נישט ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען...

לאַנגזאַם, פּאַרזיכטיק האָט מען אויפגעהויבן דאָס ברעט ביים צוקאָפּנס און דער איינגעוויקלטער בר־מינן האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעגליטשט אין ים אַריין.

אַ קוואַל פון טרערן האָט זיך מיר געעפנט. איך האָב געוויינט, געוויינט ווי אַן אבל ביים אָפענעם קבר פון זיין פאָטער...

מיט די לעצטע ווערטער האָט זיך דער מאַטראָס געשטיקט; זיין קול איז געוואָרן שוואַכער ביז ער איז אינגאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן; די ליפּן פאַרקראַמפּט און די ברעגן פון זיינע אויגן־דעקלעך זענען פאַרוואַסערט געוואָרן.

— זאָגט מיר נאָר, איך בעט אייך... איר... איר... — דער מאַטראָס האָט מיר איבערגעשלאָגן:

— „אירץ״ מיך נישט, האָט ער נעבעכדיק זיך ביי מיר געבעטן, — רעד צו מיר ווי צו אַן עלטערן ברודער.

— נו, גוט, בין איך מסכים געווען — זאָג־זשע מיר נאָר, אויב דו האָסט זיך יאָ אַמאָל דערמאָנט אין דיינע עלטערן, פאַרוואָס האָסטו זיי נישט באַזוכט? אַמאָל אין אַ יובל אַפילו, וואָלט אויך געווען גוט.

— איך האָב עס טאַקע געטון, איינמאָל, ווען איך האָב מיך שטאַרק פאַר־בענקט נאָך זיי. דאָס איז געווען אומגעפער אַן אַכט יאָר נאָך מיין אַנטלויפן. אָבער איך האָב זיי שוין נישט געטראָפן אין מיין געבורט־שטעטל אין רומעניע. קיינער האָט מיר נישט געקאָנט זאָגן אויף געווי ווו זיי זענען אַהינגעקומען.

— ווייסטו גאָר וואָס? — האָב איך פּלוצים אויסגעשריִען — אפשר וואָלסטו מאָרגן אין אָוונט געקומען צו אונדז צום ערשטן סדר? מיר וועלן דיך אויפנעמען פאַר אַ גרויסן גאַסט; מיין טאַטע איז אַ פרומער און אַ גוטער מענטש.

ער איז געבליבן אַ ווײַלע זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געשוויגן. איך האָב געוואַרט. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט צו מיר. זיין אויסגעדאַרט פּנים האָט זיך גענומען קנייטשן און פאַלדעווען, עס איז געווען עפּעס אַ מאָדנער צוזאַמענשמעלץ פון געוויין און שמייכל. זיינע ליפּן האָבן געציטערט ווי ביי די וואָס שווידערן אין פיבער.

— נו? ענטפער, — האָב איך אים אָנגענומען מיט בײדע הענט פאַר די אַקסלען.

— יאָ, איך... וועל קומען... עס וועט מיר שטאַרק הנאה טון... שוין פאַר־געסן אַפילו די יידישע יום־טובים... נישט געזעסן ביי אַ יידישן טיש זינט איך בין פון דער היים אַנטלאָפן... פסח, די סדרים... אַ, איך געדענק ווי מיין פרומער טאַטע האָט זיי געפּראַוועט.

— האָסטו עפּעס אַן אַנדער אַנצוג? אַנישט מעגסטו קומען מיט דיין מאַ־טראָסן־אוניפאָרם. עס שאַדט נישט.

— יאָ, איך האָב אָן אַנצוג, אין וועלכן דו וועסט מיך אַפילו נישט דערקאָנען. איך זע אין אים אויס ווי אַ חסידישער יונגערמאַן...

— יאָ, האָט ער ווי צו זיך אַליין גערעדט, אַלע זיינע פּריוואַטע זאַכן האָב איך איבערגעגעבן דעם קאַפּיטאַן, אויסער זיין טלית און תפילין און זיין חסידישן אַנצוג האָב איך פאַר מיר באַהאַלטן. זיין טויט איז געקומען פּלוצים פון אַ האַרץ־שלאַג.

* * *

די זון האָט זיך אָנגעהויבן זעצן און לאַנגע שאָטנס האָבן זיך גענומען אויס־שפּרייטן אויף דעם לאַ פּלאַטאַ טייך. פון די שפּייכלערס האָבן אַרויסגעשטראָמט מענטשלעכע פיגורן, דאָס זענען געווען פּאָרט־אַרבעטער, וואָס האָבן פאַרלאָזט זייער אַרבעט. וואַקלדיקע, פאַרמאַטערטע האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט אין פאַר־שידענע ריכטונגען.

פון ערגעץ האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון אַ גרויסן גלאָק, דאַן האָט זיך מיין באַגלייטער, דער מאַטראָס, אַ הייב־געטון פון זיין אָרט און אַ זאָג־געטון:

— איך מוז שוין גיין. מען רופט מיך. גיב מיר דיין אַדרעס. מאָרגן צום סדר קום איך.

— ווי אַזוי ווילסטו זאָל איך דיך פאָרשטעלן פאַר מיין טאַטן? — האָב איך אים אַ פרעג־געטון.

— עס איז נישט נייטיק. מאַך זיך בעסער נישט־וויסנדיק, גלייך ווי דו קענסט מיך נישט — האָט ער געענטפערט, אַראָפּשפּרינגענדיק פון דער פּריזבע.

איך האָב אים געזען זיך איינשיפן אין אַ שיפל און געוואַרט ביז ער האָט געשווינד ווי אַ מאַלפּע זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף דער „קורלאַנדיאַ".

* * *

שיין, יום־טובדיק באַלויכטן איז געווען אונדזער וווינונג די נאַכט צום ערשטן סדר. עס האָט געפינקלט אין יעדן ווינקל. פון אומעטום האָט געשימערט דער גלאַנץ און פּראַכט פון דעם אָנגעקומענעם חג הפסח.

אויף דעם קלאָר־ווייסן געדעקטן טיש האָט די שיין פון דעם בליץ־לאָמפּ און געבענטשטע ליכט זיך פייערלעך אָפּגעשפּיגלט אין די זעקס פאַרשידענע קאָ־לירטע כוסות וויין. אַ געשמאַקער ריח פון פּסחדיקע מאכלים, דורכגעזאַפּט מיט כריין־ביטערקייט, האָט זיך געהאַלטן אין דער בחת־רוחדיקער לופט.

אויבנאָן ביים טיש האָט זיך דער טאַטע מתעסק געווען מיט צוגרייטן דעם סדר. אָנגעטאָן אין זיין קלאָר־ווייסן קיטל און סאַמעטענער יאַרמלקע, האָט ער אויסגעזען אין מיינע אויגן, אין יענעם מאָמענט, ענלעך צו איינעם פון די מסבין

בבני ברק, וואָס די הגדה דערציילט אונדז. אַ ליבלעכער שמייכל איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף זיין הדרת־פּנים־געזיכט, ווי אויף איינעם וואָס גאָט האָט אויפ־געריכט מיט אַלץ, וואָס זיין הערלעך האַרץ באַגערט.

אונטער די פאַרמאַכטע טירן און פענצטער האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט אַרום טיש. דער טאַטע האָט גענומען דעם כוס אין האַנט און האָט אָנגעהויבן מיט דעם באַקאַנטן ניגון פון קידוש:

— סברי מרנן ורב...

פּלוצים האָבן מיר דערהערט קלאַפּן אין דער דרויסן־טיר...

איך האָב אַ צאַפּל־געטון. און דער טאַטע האָט אין דער שטיל געפרעגט:

— ווער קאָן דאָס זיין? גיי גיב אַ קוק, דודל, — האָט ער זיך געווענדט צו מיין קלענער ברודערל.

מיין מאַמע האָט צוגעדעקט די כוסות און מיר האָבן אַלע אין דער שטיל געוואַרט.

—עפּעס אַ ייד שטייט ביי דער טיר, — האָט דודל גערעדט צום טאַטן, און פרעגט צי ער קאָן אָפּריכטן מיט אונדז דעם סדר.

— אַ, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן! — האָט דער טאַטע געענטפערט, און האָט זיך אַליין געלאָזט גיין צו דער טיר מקבל־פּנים זיין דעם אורח, וואָס איז געקומען אין אַזאַ געווונטשענעם מאָמענט.

— קומט, קומט אַריין! פריינט, כל דצריך ייתי ויפסח, — האָט אַ צופרי־דענער דער טאַטע געזאָגט. און באַלד האָט ער געדריקט די האַנט פון דעם אויס־טערלישן גאַסט, וואָס האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל.

מיט גרויס שפּאַנונג און נייגעריקייט האָבן מיר געקוקט אויף אים, ווען ער איז מיט לאַנגזאַמע טריט נאָכגעגאַנגען דעם טאַטן ביז צום אָרט, וואָס מיין פאָטער האָט פאַר אים געמאַכט ביי דער רעכטער זייט, און דער סדר האָט זיך אָנגעהויבן.

מיינע אייגענע אויגן האָב איך נישט געוואָלט גלייבן. איז דאָס דער זעלבער מאַטראָס, וואָס איך האָב נעכטן פאַרבעטן צום סדר? ניין, דער איז אַן אַנדערער. אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן שוואַרצן בגד, אַ שוואַרץ טיפּיש יידיש היטל אויף דעם קאָפּ, צוויי נישט זייער לאַנגע פּיאות ביי בײדע זייטן אויסגעדאַרטן, נישט באַ־בערדלטן פּנים, און אַראָפּגעלאָזטע, טיף אין קאָפּ איינגעגראָבענע אויגן; האָט דער אורח אויסגעזען ווי עפּעס אַ שעמעוודיקער בטלן, אָדער אַ יונגער, אויסגעהונ־גערטער ישיבה־בחור; אָדער גאָר אַ פון זיבעץ־געדירטער מקובל...

איך האָב פון אים מיינע אויגן נישט געקאָנט אָפּרייסן, ער האָט אויף קיינעם אַפילו קיין בליק נישט געטון, נאָר שטענדיק אַראָפּגעקוקט אין דער הגדה און נאָכגעשעפּטשעט דעם טאַטן... דאָס קול זיינס האָט מען נישט געהערט, נאָר זיינע אויסגעטרוקנטע צעקנייטשטע ליפּן האָבן זיך באַוועגט. אויטאָמאַטיש האָט ער זיך אויפגעשטעלט מיטן כוס אין האַנט ביי „והיא שעמדה לאבותינו“...

אין יענעם מאָמענט האָט מיין פאָטער עפּעס אַ זייטיקן בליק געוואָרפן אויף אים. ווער ווייסט וואָס ער האָט אַזוינס באַמערקט אויף דעם מאָדנעם אורח. וויל פון מינוט צו מינוט איז מיין פאָטערס פּנים מער ערנסטער און שטייפער געוואָרן...
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פּלוצים אינמיטן דער וועטשערע, האָט זיך דער אורח אויפגעהויבן פון זיין אָרט און אַ זאָג־געטון:

— איך מוז גיין. איך האָב מיך שוין דאָ צופיל פאַרזאַמט.

דאָס קול האָב איך דערקאָנט...

אָן אַ זייט־געזונט ווי עפּעס אַ שאָטן, אָדער אַ שוואַרצער געשפּענסט, האָט ער זיך לאַנגזאַם אַרויסגעשלייכט דורך דער טיר.

מיר האָבן אים אַלע באַגלייט מיט די אויגן, און ווען ער איז אַוועק, האָט מיין פאָטער אַ זאָג־געטון:

— אַ פאַרבלאָנדזשעטע נשמה, וואָס געפינט אין ערגעץ נישט קיין מקום־מנוחה. גאָט זאָל זיך אויף אים דערבאַרעמען. ווי ער טאָגט, דאָרט נעכטיקט ער נישט. איינער פון די גייסטער, וואָס וואַנדערן אָן אַ ציל און אָן אַן ענדע...

די גאַנצע נאַכט איז אויף מיר קיין שלאָף נישט געקומען, און באַגינען, ווען אַלע זענען נאָך געשלאָפן, בין איך געלאָפן צום פּאָרט ווי אַ ווילכער. ווען איך בין צוגעקומען צו יענעם אָרט, האָב איך שוין די שיף „קורלאַנדיא" נישט געטראָפן. אויף איר אָרט האָבן זיך אויף דעם וואַסער אַ מחנה ים־פייגל געאַמפּערט צווישן זיך, ווי בייזע קראָען איבער... מענטשלעכע רעשטן...

דער מלאך המות איז תמיד גערעכט...

די אַלטע איז פּלוצים אַנטשוויגן געוואָרן, נאָך איידער איך האָב אַרויסגענומען די נאָדל מיט וועלכער איך האָב איר נאָר־וואָס געהאַט איינגעשפּריצט אַ דאָזע מאָרפין. איר פּנים איז בלאַס און באַדעקט מיט אַ קאַלטן אַנגסט־שוויס. זי פאַר־לירט דאָס באַוווסטזיין. אירע אויגן ברייט־צעעפנטע, בלייבן מאָדנע שטיין; קוקנדיק אויף דער זייט, ווו איר טאָכטער שטייט ביים צוקאָפּנס. איר פּולס פאַרשווינדט פון אונטער מיינע פינגער. אויך דער אָטעם אירער שטעלט זיך אָפּ און עס דאַכט זיך מיר, אַז די אַלטע גייט אויס...

עס טויכט אויף אין מיין זכרון דער געדאַנק, אַז מענטשן האָבן מורא פאַר אַ דאָקטער, ווייל מען רעכנט אים אַלס אַ שטיקל שותף צום מלאך־המות. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער איז אַ רופא־חולים. אַזוי האַלטן זיי, די מענטשן.

איך בין נאָך דאַן געווען אַזוי יונג, אומדערפאַרן. ערשט אַ פינף, זעקס חדשים, נאָך מיין ענדיקן דעם מעדיצינישן פאַקולטעט. גאַנצע טעג פלעג איך דאַן אַרומגיין פוסט־און־פּאַס. בייטאָג קוקט זיך קיינער נישט אום אויף אַ יונגן דאָקטער, אָבער ווען עס פאַלט צו די נאַכט און אין די שפּעטע שעהן לויפן מענטשן אַרום אין די גאַסן און קלאַפּן אין דער טיר פון דעם ערשטן דאָקטער וואָס קומט זיי צו די אויגן. גרויס איז דאָס מעשענע שילדל ביי דער טיר פון דעם יונגן דאָקטער, עס בליש־טשעט פון דער ווייטנס, אַפילו אונטער דער שוואַכער שיין פון דעם גאַסן־לאַמטערן.

אַזוי בין איך, אין אַ געוויסער נאַכט, אַרויסגעריסן געוואָרן פון מיין מחיהדיקן וואַרעמען געלעגער, צום ערשטן מאָל צו אַ חולה.

די קראַנקע, אַן אָפּגעצערטע מיט אַן אויסגעמוטשעט פּנים, זעט מיר אויס אין די טיפע זעכציקער. זי איז באַהערשט פון אַ שרעקלעכער אַטאַקע אויף דער לעבער. איך נעם זי באַטראַכטן און געפין אויס, אַז אירע ביידע לונגען זענען שוין פון לאַנג אָנגעגריפן פון קאָך־באַצילן (טובערקולאָז). זי איז, הייסט עס, אַ באַצילן־טרעגערין און אַ באַצילן־פאַרשפּרייטערין.

דער מאַן אירער דערציילט מען מיר — איז פון דער זעלבער מחלה גע־שטאָרבן ווען ער איז נאָך קיין פערציק יאָר נישט אַלט געווען. אַ זון אירער איז צו

זעכצן יאָר געשטאָרבן פון אַ געהירן־אָנטצינדונג. און דאָ שטייט נעבן מיר נאָך אַ זון אירער פון אַ יאָר פינף־און־צוואַנציק און אָנטקעגן מיר, אויף יענער זייט בעט, ביים צוקאָפּנס פון דער קראַנקער פרוי, שטייט איר טאָכטער, אַ בילד־שיין מיידל מיט פאַרחלומטע, טרויעריקע אויגן.

אַנגעבויגן איבער דער אַלטער וואָס האַלט אין איין קרעכצן, שטיי איך און גיב איר איין מאָרפין און דאָ דערזע איך ווי זי גייט אויס אונטער מיינע הענט.

עס באַפאַלט מיך אַ שרעק. עפּעס אַ קליינינקייט... ביים ערשטן אַרויספאָר און שוין אַ טויטפאַל. און דאָ האָב איך נאָך אַפילו נישט דעם דיפּלאָם. עס האָבן פּשוט אויסגעפּעלט די „בידנע" צוויי הונדערט און פופציק פּעזעס פאַר אַרויסבאַקומען אים פון אוניווערזיטעט...

איך דערהער פּלוצים אַ ברום פון דעם זון, וואָס שטייט נעבן מיר:

— אַ צו שטאַרקע נאָדל, דאָקטער!

אַ ציטער גייט מיר דורך אַלע גלידער.

איך באַמי מיך צו באַהערשן און ווענד זיך מיט אַ מילדן טאָן צום בחור:

— מענטש איינער. איר זעט דען נישט, אַז דער מעדיקאַמענט ליגט נאָך ביי איר אונטער דער הויט? עס האָט נאָך נישט געקאָנט אויף איר ווירקן, נישט צום גוטן און נישט צום שלעכטן.

בעת־מעשה פיל איך, אַז דאָס האַרץ מיינס איז משוגע געוואָרן. עס לויפט און עס האַמערט, עס יאָגט זיך אין אַ ווילדן גאַלאָפּ.

אָך! נישט איין מאָל האָב איך אַזאַ משוגענעם געלויף פון מיין האַרץ געפילט, ווען איך פלעג אַן אויסגעמאַטערטער פון נישט גענוג דורעסענע טעג און שלאָפּ־לאָזע נעכט זיצן אויף דעם בענקל ביים עקזאַמען אַלס סטודענט, אַ ייד, אַנטקעגן אַ טריבונאַל פון שטרענגע פּראָפעסאָרן. אָבער יענער ערשטער עקזאַמען אַלס דאָקטער אָן אַ דיפּלאָם נאָך איבער אַזאַ געפערלעכן פאַל, איז פאַר מיר אַ צו גרויסער נסיון, אַז מיין האַרץ זאָל בלייבן גלייכגילטיק.

דאָס מיידל פאַלט־צו צו דער מאַמען מיט אַ יאָמערלעכן געוואַלד, אַז עס קאָן רירן אַפילו אַ שטיין...

עס עפנט זיך די טיר און עס גייט אַריין דער חתן אירער, וואָס זי האָט מיר פריער פאָרגעשטעלט.

— וואָס פּאַסירט דאָ?!

דער זון ענטפערט מיט אַ ביטערן שמייכל אויף זיינע ליפּן:

— דאָס „דאָקטערל" האָט „עקיוואַקירט" (טועה־געוועזן, הייסט עס). קוק אים נאָר אָן, ווי דערשראָקן ער איז. זיין פּנים זאָגט עדות און ער וויל מיר נאָך איינ־רעדן, אַז זי שטאַרבט צופעליק.

זיינע רייד שטעכן מיך ווי מעסער־שפּיצן, איך ענטפער נישט.

איך בין איצט פאַרנומען מיט אָפּראַטעווען די קראַנקע. איך טו עס מיט אַ

ווילדן פאַרלאַנג, איך בין געפּערלעך אויפגערעגט. איך ציטער פון קאָפּ ביז די פיס. עס געדויערט אַ היפּשע ווילע, ממש אַן אייביקייט, ביז כ׳דערשלאָג מיך צום פּאַסיקן אָדער, כדי אַריינשפּריצן אַ „קאַראַמינאַ״ און אידער איך ענדיק די אינ־זשעקציע געשעט דער נס מן־השמים:

עס באַווייזן זיך סימנים, אַז די קראַנקע פאַרבלייבט נאָך דערוויל אַ „היזיקע״, זי קערט זיך אום צום לעבן. עס יאָוועט זיך דער פּולס, עס הייבט זיך אָן באַוועגן אַרויף און אַראָפּ איר איינגעפאַלענע ברוסט. זי באַקומט צוריק אירע קאָלירן אין פּנים...

אין אַ ווילע אַרום הער איך ווי זי זאָגט צום מיידל:

— וואָס באַוויינט איר מיך? נישט אַזוי גיך ווער איך פּטור פון מיינע צרות, איך שטאַרב נאָך נישט.

לאַנגזאַם קערט זי זיך אום מיטן פּנים צו מיר. זי קוקט מיך אָן אַ ווילע און שעפּטשעט אַרויס:

— פּריער דערגייען זיי מיר די יאָרן און דערנאָך ווייַנען זיי.

***

מער ווי אַ שעה צייט בין איך דאָרט געזעסן מיט מיינע בליקן איינגעגעסן אין דער אַלטערס פאַרוועלקטן פּנים.

„זיי״ זענען אַלע געשטאַנען שטום און פאַרגליווערט, פּונקט ווי דאָס לשון און אַלע זייערע אברים זאָלן ביי זיי געווען אָפּגענומען ווערן.

פון דרויסן האָט זיך דערטראָגן דאָס יאָמערלעכע וואָיען פון דעם בייזן סוף אויגוסט־וועטער. פון דער נאָענטער קירכע „סאַן בערנאַרדאָ״ האָט דער טורעם־זייגער יעדע פערטל שעה אויסגעשלאָגן מיט פיר גלאָקן־טענער, וואָס האָבן טרויע־ריק אָפּגעהילכט אין מיין דערשלאָגענעם געמיט. פון צייט צו צייט האָט די אַלטע אַרויסגעפּליסטערט אַ פּאָר ווערטער, וואָס זענען מיר גאָר נישט אָנגעגאַנגען. מיין האַרץ איז געווען פאַרשטיינערט און פאַרביטערט. אין דער טיפעניש פון מיין נשמה האָט געבושעוועט אַ שרעקלעכער שטורעם, וואָס קיין דורכשניטלעכער בן־אדם איז נישט אימשטאַנד צו פילן.

ענדלעך, ווען איך בין שוין זיכער געווען, אַז די אַלטע איז שוין אויסער געפאַר, האָב איך מיך האַסטיק אויפגעהויבן פון מיין אָרט און אויף גיך צונויפ־געקליבן אַלע מיינע מכשירים, וואָס זענען געווען צעוואָרפן אויף דעם טיש און בין ווי אַן אָפּגעבריטער אַרויסגעלאָפן פון יענעם צימער, נישט אומקוקנדיק זיך אַפילו אויף דעם אומגעלומפּערטן בחור וואָס איז מיר נאָכגעלאָפן צו באַצאָלן פאַר דעם וויזיט. איך בין אים מוחל געווען די עטלעכע בידנע פּעזעס; זיי וואָלטן מיר סיי ווי נישט באַקומען.

אין דרויסן ביים טויער, איז געשטאַנען דער חתן; צו אים, האָב איך געפונען איצט פאַר אַ חוב זיך צו ווענדן:

— הערט אויס, יונגערמאַן. אויב איר וועט דאָס מיידל באַצייטנס נישט אַרויס־נעמען פון דאַנען, וועט די אַלטע זי נאָך איבערלעבן.

***

אין אַ געוויסן האַרבסט־טאָג, נאָך עטלעכע אָפּגעלאָפּענע יאָרן, באַגעגן איך די אַלטע זיך שלייכן מיט קורצע וואַקלדיקע טריט אויף דער גאַס. איך פאַל צו איר צו און נעם זי אַרום.

— וואָס מאַכט איר עפּעס, באָבע? ווי לעבט זיך עפּעס?

זי שטעלט אָן אירע אויפגעריסענע אויגן אויף מיר, אונטער איר האַנט וואָס זי שטעלט צו ווי אַ דעכעלע:

— ווער זענט איר?

איך דערמאָן איר יענע נאַכט.

דאַן רייסט זי זיך אַרויס פון מיינע אָרעמס און גיט מיט כעס אַ זאָג, טייט־לענדיק מיט אַ פינגער פון איר רעכטער האַנט:

— איך וועל איך האָבן צו געדענקען פאַר מיינע צוויי, יונג פון דער וועלט אוועקגעגאַנגענע קינדער! איר, נישט קיין אַנדערער, זענט געווען זייער מלאך־המוות. אין איין יאָר זענען זיי ביי מיר ביידע אויסגעריסן געוואָרן. ווען איר וואָלט מיך דעמאָלט געוווען לאָזן שטאַרבן, וואָלטן זיי זיך נישט געווען „זאַראַזעט" פון מיך „טשעכאָטקע".

ער איז געשטאָרבן פון אַ פּלוצימדיקן בלוט־שטורץ פון די לונגען און זי פון אַ „סוכאָטע" אין האַלדז, — ביידע אין איין יאָר... אין איין יאָר... און איר קלעווע נאָך...

מיט אומזיכערע, וואַקלדיקע טריט האָט זי קלאָגעדיק, זיך דערווייטערט פון מיר.

ווי אַן אָפּגעשמיסענער בין איך געבליבן שטיין און געטראַכט:

— אַ גרויס און טריף מזל האָט דער מלאך־המוות. ער נעמט צו די נשמה און גייט תמיד אַרויס דער גערעכטער. מען באַשולדיקט שטענדיק דעם דאָקטער.

דער אַפּטייקער

.1

אין יענע יאַנואַר־טעג, בין איך פּלוצים אַריינגעפאַלן אויף אַ היציקע שלאָפ־קייט, וואָס האָט מיך געהאַלטן צוגעשמידט צום בעט אין מיין איינזאַמען קוואַרטיר־צימערל, אין אַ געסל, אַ האַלבע קוואַדרע פון דעם „אַראָזשאַ־מאַלדאָנאַדאָ״. מיינע „דאָקטוירים״ זענען געווען חברים פון זעלבן פינפטן קורס מעדיצין ווי איך. זיי פלעגן יעדן אָוונט זיך פאַרזאַמלען ביי מיר אין צימערל און מאַכן איבער מיר קאָנסוליעס.

קיין אמתן דאָקטער האָב איך גופא נישט געלאָזט רופן, איך האָב מיך איבער־געגעבן צו מיינע אומדערפאַרענע קאָלעגן און זיך פאַרלאָזט אויף מיינע אייגענע פיזישע ווידערשטאַנד־פעיִקייטן.

ווען איך פלעג בלייבן מיט מיר אַליין, סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט, האָבן זיך צו מיר אין צימער געיאָוועט געסט פון יענער וועלט...

מענטשן פון דער אַלטער היים וואָס זענען שוין לאַנג אויף דעם עולם־האמת, אָדער גאָר העלדן פון איבערגעלייענטע געשיכטעס און ראָמאַנען האָבן זיך מיר כסדר געפּלאָנטערט פאַר די אויגן. אין מיין פיבער־צושטאַנד האָב איך טיילמאָל נישט געקאָנט אונטערשיידן צווישן טאָג און נאַכט, צווישן חלום און וואָר. צוויי שווערע פענכערס איז האָבן תמיד געפּרעסט מיין קאָפּ און בויך. פּילן פון „אוראָ־טראָפּין״ און „אַדרענאַלין״־טראָפּנס, זענען געווען מיינע איינציקע רפואות וואָס די באַלעבאָסטע פון פענסיאָן פלעגט מיר אונטערטראָגן פּינקטלעך צו דער באַשטימ־טער שעה.

— וואָס וועט ווערן פון דיר? — איז זי צוגעשטאַנען צו מיר אויף דעם צוועלפטן מעת־לעת. ווי אַזוי פאַרלאָזט מען זיך אויף אַזעלכע „שניעקעס״ ביי אַזאַ ערנסטע קראַנקייט? האָסט דאָך אַריבער 40 גראַד היץ! — האָט זי נישט מיט איר קול אויסגעשריגן, קוקנדיק אויף דעם טערמאָמעטער. — ניין, אַזוי קאָן עס ווייטער נישט גיין! מאָרגן וועל איך אַרויסרופן די „אַסיסטענסיאַ״ (אַמבולאַנס פון דער

גיכער הילף) און מ׳וועט דיר אָוועקפירן אין שפּיטאָל. אַט היינט וועלן דיינע חברים בכלל נישט קומען... עס האָט שטאַרק גערעגנט, דער צוגאַנג צו דער „פּאַראָקיאַ״ איז פֿאַרטרונקען.

איך בין געלעגן מיט אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק און געשוויגן. די באַלעבאָסטע האָט זיך אַרומגעדרייט אין צימערל צווישן די געשפּענסטער וואָס האָבן אַרום מיר געהוליעט אַ ווילדן קאַראַהאָד.

די נאַכט איז צוגעפֿאַלן און די שעהן האָבן זיך לאַנגזאַם געצויגן. די היץ אין צימערל איז געוואָרן שרעקלעך.

עס האָט מיך פּלוצים באַפֿאַלן אַ פֿאַרלאַנג צו לאָזן זיך לויפֿן, אַוווּ מיין צעהיצ־טער מוח וועט מיך טראָגן.

איידער וואָס ווען, און נישט וויסנדיק ווי אַזוי איך האָב דאָס געקאָנט טון, בין איך שוין געשטאַנען אָנגעשפּאַרט ביי אַ פֿאַרענטש ביים ראַנד פֿון מאַלדאָנאַדאָ.

2.

אַ שטילע, געדיכטע, ממש ווי מיט די הענט אָנטאַפּנדיקע פֿינצטערניש, איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַרום דעם מאַלדאָנאַדאָ ווען איך האָב מיך אַהין דערשלאָגן.

קיין סימן פֿון אַ שטערן אויף דעם פֿאַרכמאַרעטן הימל, קיין ברעקל שיין פֿון אַ פֿענצטער. בלויז דער באַלויכטענער ציפֿערבלאַט פֿון דעם טורעמזייגער אויף דער קירכע „סאַן בערנאַרדאָ״, האָט ווי אַ ריזיק בעלמע־אויג געקוקט פֿון דער וויטנס אין דער טיפֿער נאַכט אַריין.

די לאַמטערן־אָנצינדערס, וואָס כאַפּן־זיך אַרויס אַלע פֿאַרנאַכט, האָבן אָפּנים צוליב דעם שטורעם און שלאַקס־רעגן וואָס האָט אַ כליאַפּע געטון אין יענעם בין־השמשות, נישט באַוויזן אָנצוצינדן די גאַז־לאַמטערנעס אין יענער געגנט. פֿון צייט צו צייט, האָט מען געקאָנט באַמערקן פֿון וויטנס אַ ליכטיק שלענגל וואָס האָט זיך באַוויזן און איז דורכגעלאָפֿן, אַרויסלאָזנדיק דערביי אַ טרויעריקן און פֿאַר־בענקטן פֿייף. דאָס האָט זיך אַזוי אין איילעניש דורכגעטראָגן אַ ביינאַכטיקער שנעלצוג אויף דער באַן־ליניע האַרט ביים מויער פֿון דעם טשאַקאַריטאַ־צווינטער.

די לופֿט איז געוואָרן אָנגעזאַפּט מיט אַ שווערער הייסער פֿייכטקייט, ווו עס מאַכט זיך אין אַ זומערדיקן יאַנואַר־טאָג אין בוענאָס־איירעס, ווען די, פֿון דער זון־אָנגעגליטע גאַסן ווערן פֿאַרנאַכט־צו אָפּגעצוואָגן פֿון אַ רעגן.

איך האָב גענומען, מיט פֿולע לונגען אריינאָטעמען דאָס אָפּפֿרישנדיקע ווינטל, וואָס האָט געווייעט פֿון פֿעלד אויף יענער זייט אַראָזשאָ מיט אַ ריח פֿון פֿייכטע פֿלאַנצונגען. אויף ווייפֿל דאָס אויג האָט געקאָנט אויפֿכאַפּן, האָבן זיך אין דער לופֿטן געטראָגן ליכטיקע פֿינטעלעך, ווי עס וואָלט גערעגנט מיט פֿונקען פֿון הימל.

פאַר מיר, וואָס איך האָב ביז דעמאָלט געלעבט אין דער שטאָטישער אַט־מאָספערע, ווו מען זעט נישט קיין ליכט־פליגן, איז דאָס געווען אַ פאַרכאַפּנדיקע וווּנדערלעכע נאַטור־דערשיינונג.

פון אונטן, ביי מיינע טריט האָט דער שטילער וואַסער־געררויש זיך אויפ־געהויבן ווי עפּעס אַ מאָדנע סודותפולער געמורמל פון טויזנטער פאַרוואָגלטע נשמות וואָס וואַנדערן אַרום אויף דעם עולם־התוהו.

מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָב איך אָנגעשפּיצט אַלע מיינע חושים כדי אויפצוכאַפּן יעדן שאָרך וואָס איז אויפגעגאַנגען פון דער מאַלדאַנאַדאָ.

אַזוי שטייענדיק אָנגעקלאַמערט אין דעם פּלויט, ביים ראַנד פון דעם „אַראַ־זשאַ", האָב איך איינגעדרימלט. נאָך אַזוי פיל נעכט נישט שלאָפן און באַהערשט פון קאָשמאַרן, האָבן זיך מיר די אויגן געגומען פאַרמאַכן אין אַ זיסן געשמאַקן שלאָף...

אַ רעווע פון אַ דורכגעלאָפענעם לאָקאָמאָטיוו האָט מיך אויפגעוועקט. איך האָב מיך געגומען אַרומקוקן ווו איך בין אין דער וועלט. מיין גאַנצער קערפּער איז געווען אויסגעווייקט אין שוויס, מיין שלאָף־מאַנטל — פּיטש נאַס. דער הימל איז נאָך אַלץ געווען איינגעהילט אין שטאָק־פינצטערניש. בלויז אין מזרח־זייט האָט זיך דורכגעזיפּט אַ שוואַכע רויטע העלקייט: דאָס האָט דער בוענאָס־איירעסער צענטער מיט זיין עלעקטרישער באַלייכטונג אַזוי שוואַך באַשיינט דעם פאַרכמאַרעטן הימל.

צו טאָג איז נאָך גאַנץ ווייט געווען, די טורעם־זייגערס האָבן זיך פון פאַרשיידענע פּונקטן געלאָזט הערן אויסשלאָגנדיק צוויי.

דאָ, ביים ברעג פון מאַלדאַנאַדאָ, זענען די נידעריקע שטיבלעך געשטאַנען ווי איינגעטוליעט איינע אין דער אַנדערער, ווי צוזאַמענגעגאָסן אין איין שטיק שוואַרצע פאַרלאָזטע מאַסע. כמעט אין יעדן שטיבל זענען איצט געזונקען אין טיפן שלאָף ייִדישע קינדער. דאָס רוב פון זיי, זענען פון רוסלאַנד געקומען צו לויפן, געטריבן פון פּאָגראָמען און שריפות, דאָ האָבן זיי געפינען זייער מקום־מקלט.

גאַנצע טעג רייסט זיך דאָ צו דער גאַס אַרויס דורך די אָפענע פענצטער, דער ליאַרם פון די ניי־מאַשינדלעך, באַגלייט מיט האַרציקע תפילות, וואָס די וועלט־באַרימטע חזנים: סיראָטאַ, קוואַרטין, ראָזענבלאַט, פּינטשוק און אַנדערע, זינגען אַרויס פון אַ גראַמאָפאָן.

אין די שבתים און ימים־טובים זעט מען דאָ זקנים פון דער אַלטער היים וואָס גייען זיך לאַנגזאַם צו די עטלעכע שולן, וואָס געפינען זיך דאָ.

אין דער מיט פון אָט דער ייִדישער סביבה, שטייט די אַלטע קירכע „סאַן בערנאַרדאָ".

אין באַשטימטע חגא־טעג ציִען זיך צו איר, פון ווער ווייסט ווו, נישט אײ־בעריק גרויסע פּראָצעסיעס, אויף וועלכע די ייִדישע איינוווינער קוקן אָן שרעק. דאָ, אויף דער זעלביקער ערד וואָס מיט דריי הונדערט יאָר צוריק האָט זיך גע־טראָגן דאָס געשפּענסט פון טאָרקוועמאַדאַ, לעבן איצט קינדער פון ישראל, אָן מורא פאַר דער „סאַנטאַ אָפּיסיאָ" וואָס איז שוין לאַנג, לאַנג פאַרשוווּנדן.

וויפל צייט איך בין אַזוי געווען אַריינגעטון אין אַ ים פון מחשבות, ווייס איך נישט, נאָר אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זיך מיר געקומען דאַכטן, אַז נאָך עמעצער געפינט זיך דאָ נעבן מיר.

אַ שאָטן פון אַ מענטשן האָט זיך ווי אויסגעשטראַלט ביי דעם זעלביקן פּאַ־רענטש ווו איך בין געשטאַנען אַנגעשפּאַרט. עס האָט לאַנג נישט גענומען און אַ שווערער זיפץ האָט זיך פון דעם דאָזיקן שאָטן צו מיר דערטראָגן. באַלד זענען געקומען אַ פּאָר אָפּגעהאַקטע אַרויסגעשטאַמלטע ווערטער וואָס איך האָב נישט געקענט אויפכאַפּן — אָן אומדערטערוועלעכע, הייסע נאַכט — האָט ביי מיר נישט־ווילנדיק, אויפן קול, זיך אַרויסגעכאַפּט.

— אַ?... וואָס?... יאָ... — האָט אַ הייזעריקע שטימע אָפּגעענטפערט.

— עס איז גאָר אוממעגלעך איינצושלאָפן — האָב איך איצט שוין מיט מער כוחות אַ זאָג־געטון.

— די פייכטע היץ, דער שווערער לופט־דרוק, די ביינאַכטיקע משחיתים: די קאָמאַרן, פאַרביטערן דאָס לעבן דאָ אין די סוב־טראָפּיקאַלישע מקומות, — האָט דער שאָטן אַ זאָג־געטון און דערביי זיך דערנעענטערט צו מיר.

— אמת!

אין זיין אַקצענט, אויף שפּאַניש, האָב איך גלייך דערקאָנט אַז ער איז אַ ייִד.

עס האָט אַ בלישטשע־געטון אַן אָנגעצונדן שוועבעלע. ער האָט עס צוגע־טראָגן צו אַ ליולקע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין מויל.

ביים אָפּשיין פון קליינעם פייערל, האָב איך דערזען אַ געשטאַלט וואָס האָט מיך אויפגעשוידערט: עפּשטיין, דער אַפּטייקער פון מיין געבורט־שטעטל, וואָס איז שוין לאַנג טויט, איז דאָ געשטאַנען נעבן מיר... פּונקט אַזוי האָט ער אויס־געזען. אַ בלאָנדער זשמוט האָר איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויף זיין שטערן. אין זיינע אָנגעשיכורטע אויגן, האָט כסדר געגליט אַ מאָדנע פייערל. אָט די דייטשישע ליולקע איז קיינמאָל פון זיין מויל נישט אַרויס.

ער איז געווען אַ משומד, אַ צורר־יהודים. קיין ייִד איז אין זיין אַפּטייק נישט אַריינגעקומען. נאָר די פויערים, די נאַטשאַלסטווא און די פּריצים פון די אַרו־מיקע שטעטלעך און דערפער פלעגן קומען צו אים נאָך רפואות. ער האָט געהאַט אַ האַנט אין אַלע אָפּטע אָנפאַלן פון די גויים אויף ייִדישע קרעמער און סוחרים. ער האָט געהעצט און אויפגעקלערט דעם פויערישן המון קעגן די „באַטריגער", די ייִדן.

פאַרוואָס און פון וואַנען עס האָט זיך צו יענעם אויסוואורף גענומען אַזאַ פאַרסמטע נשמה, האָט קיינער נישט געוווּסט.

ווען די באָלשעוויקעס זענען אין 1919 אַריין צו אונדז אין שטעטל, האָבן זיי דערזען, ווי אַ גרויסע שוואַרצע מחנה קראָען איזדיעקעווען זיך אין מיטן מאַרק אויף אַן אויסגעקוילעטער מענטשלעכער מאַסע.

וויסט און שטיל איז געווען אַרום און אַרום. פון די פאַרלאָזטע, אויסגעראַ־בעוועטע הייזער, האָבן זיך דורך די אויסגעהאַקטע שויבן אַרויסגעריסן צום דרויסן, פעדערן פון צעריסענעם בעטגעוואַנט, וואָס האָבן זיך אויסגעמישט מיט די פלי־טערלעך פון דעם ערשטן שניי, וואָס האָט זיך שטיל און לאַנגזאַם פון הימל אַראָפּ־געלאָזט.

מוראדיק האָבן די קראָען געגרילצט, געקראַקעט און געפלאַטערט איבער די אומגעקומענע אין יענער טויטער סביבה.

די שחיטה איז טאַקע פאָרגעקומען אין אַ שבתדיקן פרימאָרגן. דאָס יונג־וואַרג איז זיך צעלאָפן, אויסבאַהאַלטן זיך אין די אַרומיקע וועלדער. די אַלטע לייט וואָס האָבן פונקט געדאַוונט אין די בתי־מדרשים, זענען פון די רוצחים אַרויסגעשלעפּט געוואָרן, אָט אַזוי ווי זיי זענען געשטאַנען אין די טליתים...

און אָט האָבן זיי, די באָלשעוויקעס געטראָפן ליגן איינגעהילט אין די טלי־תים אַנטקעגן עפשטיינס אַפטייק און צווישן אָט די טהורים וקדושים, ליגט אויך עפשטיין, דער משומד... פון צווישן זיינע איינגעקרעמפטע ליפּן סטאַרטשעט אַרויס די ליולקע, וואָס די פעטליורער כוליגאַנעס האָבן געלאָזט ביי אים שטעקן טיף אין גאָרגל.

3.

אָט אָ די פאַסירונג האָט באַזונדער קלאָר אויפגעלעבט אין מיין צעהיצטן מוח, בשעת איך האָב באַמערקט מיין אומבאַקאַנטן באַגלייטער נעבן מיר ביים ראַנד פון מאַלדאַנאַדאַ. און נאָך אַ קורצער פויזע האָב איך מיך אָנגערופן:

— דער הער ווינט מסתמא נישט ווייט פון דאַנען?

— יאָ — האָט ער קאַלטבלוטיק געענטפערט. — איך בין דער אַפּטייקער פון דער „פאַראָקיאַ".

אַן אומאַנגענעמע שוואַכקייט האָב איך דערפילט אין מיינע פיס. אַן אַנגסט־שווייס איז מיך באַפאַלן. די אָדערן אין מיינע שלייפן האָבן גענומען זיך צאַפּלען און פּיקען, און מיין האַרץ האָט משוגענערוויז אָנגעהויבן האַמערן. עס איז מיר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק אַז איך גיי פון זינען אַראָפּ.

— דער אַפּטייקער! זאָגט איר? — האָב איך אַ טויט־דערשראָקענער אַ שעפּטשע־געטון.

— יאָ, וואָס־זשע זענט איר אַזוי דערשראָקן, יונגערמאַן? — האָט ער אַ מאַך־געטון מיט אַ חוזק־שמייכלענדיקן טאָן.

— איר דערמאָנט מיך אין אייערן אַ קאָלעגע, וואָס די פּעטליורער האָבן דערמאָרדעט ביי אונדז אין שטעטל... און ווייטער... — האָב איך ווי צו זיך אַליין גערעדט — קאָן דאָך אַ מענטש אין אַ קרענקלעכן צושטאַנד דערזען זאַכן און געשטאַלטן וואָס זענען שוין לאַנג אויף דער וועלט נישטאָ. איך בין נישט מיט אַלעמען. איך פיבער זייט עטלעכע טעג.

— צי איר פיבערט, ווייס איך נישט, אָבער איך פאַרזיכער אייך, אַז איך בין נישט „יענעמס" אַ געשפּענסט. איך בין דער איינציקער אַפּטייקער פון דער געגנט, אַ לעבעדיקער צווישן אַלע לעבעדיקע... און איר ווער זענט? — האָט ער נייגעריק אַ פרעג־געטון.

— איך בין אַ סטודענט פון מעדיצין.

— הם... איצט פאַרשטיי איך שוין — האָט ער מיט גרינגשעצונג אַ מאַך־געטון — אַלע סטודענטן רעדן זיך איין, אַז זיי ליידן פון די פאַרשיידענע חולאתן וואָס זיי לערנען אין די ביכער... און אייערע יידישע סטודענטן ווערן אויך אָפּט־מאָל באַהערשט פון דער פאַרפאָלגונגס־משוגעת...

— איך פאַרשטיי נישט וואָס איר מיינט מיט דעם.

— איך וויל זאָגן, אַז נאָר עס דאַכט זיך זיי, אַז די קריסטלעכע קאָלעגן זייערע פאַרפאָלגן זיי...

— איר האָט אַ טעות, דאָס איז נישט קיין משוגעת אָדער סתם אַן איינרע־דעניש. ניין, דאָס זענען אמתע פאַקטן וואָס ווערן פאַרצייכנט טאָג־טעגלעך אין די שפּיטעלער. עס איז גענוג, אַז אַ סטודענט זאָל האָבן אַ יידישן פאַמיליע־נאָמען, מעג ער טראָגן דעם גרעסטן צלם אויף זיין ברוסט, מאַכט מען אים די לופט ענג און מען פאַרביטערט אים דאָס לעבן אין שפּיטאָל. מיינער אַ חבר האָט אין אַ געוויסן טאָג פאַר מיר זיך באַקלאָגט, אַז צוליב זיין יידישן נאָמען, האָבן אים זיינע קריסטלעכע שפּיטאָל־חברים פאַרשלעפּט אַהער צום אַראָזשאָ און אַ קאַלטער נאַכט און האָבן אים דאָ אין די קאַלטע שמוציקע וואַסערן אָפּגעטובלט. פון שלאָף האָבן זיי אים אויפגעריסן אין זיין צימערל אין שפּיטאָל, נאָך אַ שווערן טאָג פון פּראַקטיקאַנטן־אַרבעט. און ווייסט איר ווי אַזוי מען האָט דעם אומ־גליקלעכן אָפּגעטריקנט? גאַנץ איינפאַך: אדם נאַקעט, ווי די מאַמע האָט אים גע־האָט, האָט מען אים נאָך דעם באָדן אַנידערגעשליידערט אויף אַ אויסגעשפּריי־טער קאָלדרע און אָנגענומענדיק זי ביי אירע ברעגן, האָבן די פריילעכע יונגען אַזוי לאַנג דעם נאַקעטן נאַסן סטודענט געשליידערט אין דער לופטן ביז ער האָט פאַרלוירן דעם באַוווסטזיין. ערשט נאָך דעם דאָזיקן „שפּיל" האָב זיי אים אָפּגעפירט מיט אַן אַמבולאַנס צוריק אין שפּיטאָל. אַזאַ מערדערלעכע פאַרוויילונג וואָס מען רופט „על מאַנטעאָ", ברענגט אַריין די צושויער אין אַן אומזיניקן

און ביז גאָר ערגעטישן פאַרגעניגן־צושטאַנד, וואָס גרענעצט זיך מיט סאַדיזם. פון אַזעלכע סאַדיסטן וואָס איזדיעקעווען זיך איבער זייערע שוואַכע קרבנות קומען דערנאָך אַרויס מעדיצינער... און נאָך ווי איזדיעקעווען זיך!!!

ווען יענער פאַרפאָלגטער סטודענט איז צו זיך געקומען, האָבן זיינע העבּ־ קערס אים געצוווּנגען אונטערצושרייבן זיין דעמיסיע אַלס פּראַקטיקאַנט, אויב נישט מעג ער זיך ריכטן אויף בעסערע צייטן... און פאַרוואָס דאָס אַלץ? פאַרן איינציקן חטא וואָס ער טראָגט אַ ייִדישן נאָמען, כאָטש ער אַליין איז אַ פרומער קאַטאָליק...

— נו, און ער האָט נאָכגעגעבן?

— ער האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט! ער איז דערנאָך אָפּגעלעגן אויף לונגען־אַנצינדונג אַ שיינע פּאָר וואָכן. אַ דערשלאָגענעם באַגעגן איך אים כמעט יעדן טאָג אין פאַקולטעט. ער איז מער נישט דער זעלבער.

— אַ קריסט מיט אַ ייִדישן נאָמען? — האָט מיך באַגלייטער ווי צו זיך אַליין אַ זאָג־געטון.

— יאָ, ער האָט מיך געבעטן איך זאָל האַלטן זיין נאָמען בסוד.

— ער איז קראַנק געוואָרן נאָך יענער נאַכט? — האָט ווידער דער אַפּטיי־ קער מיט אַ מאָדנעם טרויעריקן טאָן אַ פרעג־געטון.

— אַזוי האָט ער מיר דערציילט. זיין ייִדישער פאָטער און קאַטוילישע מאַמע, ווייסן אַפילו נישט וואָס פאַר אַ טיײַולאָניש שפּיצל זיינע חברים האָבן אים אָפּ־ געטון... עס איז אים אַ וויטיק און אַ בזיון...

אַ לאַנגע ווײַלע זענען מיר בײדע געשטאַנען אָן לשון און מיר האָבן זיך איינער דעם אַנדערן נישט געזען. פּלוצים האָב איך דערהערט אַ מאָדנעם כאָרכל און אַ הוסט־אָנפאַל וואָס איז אים פון אים געקומען.

— וואָס איז אייך? — האָב איך אַ געשריי־געטון.

— ג־אָ־ר־נ־י־ש־ט, גאָרנישט, — האָט ער מיט אַ ציטערדיקן און פאַר־ שטיקטן קול אַרויסגעכאָרכלט — שטענדיק דאָס זעלבע, ווען עפּעס דענערווירט מיך...

— ווילט איר, אַז איך זאָל אייך אָפּפירן אַהיים? — האָב איך אים געפרעגט.

— ניין... ניין... עס דויערט נישט מער ווי אַ פּאָר מינוט...

עס איז ווידער שטיל געוואָרן. פון ערגעץ גאַנץ ווייט, טיף צווישן די וואָלקנס האָט אַ פלאַם־געטון אַ בליץ; באַלד אַ צווייטער און אַ דריטער און וואָס אַמאָל אַלץ נענטער און שטאַרקער. אי דעם גאַנצן העלן אָפּשיין פון די בליצן, אונטער די קנאַלן פון די וואָס אַמאָל שטאַרקערע דונערן, האָב איך מיך אַרומגעזען, אַז איך בין אַליין ביים אַראָזשאָ. ער, דער אַפּטייקער, איז נעלם געוואָרן, פּונקט ווי די וואַסערן פון דעם מאַלדאַנאַדאָ וואָלטן אים איינגעשלונגען.

עס איז מיר אין יענעם מאָמענט מאָדנע אומהיימלעך געוואָרן און אַזוי באַ־הערשט פון פּחד, האָב איך מיר אומגעקערט צו מיין פּענסיאָן־צימערל.

4.

עס איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט. נעבן מיין בעט איז געשטאַנען די באַלעבאָסטע און געקוקט אויף דעם טערמאָמעטער.

— ביסט אַזוי געשמאַק געשלאָפן — האָט זי געזאָגט — אַז איך האָב דיך נישט געקאָנט אויפוועקן. מיר דאַכט זיך אַז דו ביסט שוין געזונט, די היץ איז געפאַלן.

איך האָב מיך טאַקע געפילט ווי ניי געבוירן.

דורך דעם פענצטערל האָט אַ פרישער פרימאָרגן מיט אַ פּרעכטיקער זון אַריינגעשיינט. אַן אַ שיעור קלאַנגען פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן האָבן זיך פון גאַס געטראָגן. דעם דאָזיקן געררודער, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, האָב איך שוין גאָר, גאָר לאַנג נישט געהערט. אַלץ האָט מיר אויסגעזען אַנגענעם און היימיש. איך הער ווי עס גייט פאַרביי דער איטאַליענישער פיש־פאַרקויפער, וואָס באַט אָן זיין סחורה מיט אַ ניגון פון אַ נאַפּאָליטאַנישער „אַריע״. זיין טענאָר־שטימע פאַרגייט זיך אין אַ געזאַנג, פול מיט טרויער און בענקשאַפט. אין מיטן פאַלט אַריין דער מעסער־ און שערן־שלייפער, וואָס שפּילט אויס אַ האַרציקע סיציליאַ־נישע אומעטיקע מעלאָדיע, וואָס דרינגט אַריין מיט זיסקייט אין יעדן אבר, און אָט קומט דאָס באַקאַנטע אויסגעשריי פון דעם גרינס־פאַרקויפער און קאַרטאָפל־הענדלער.

— אין וועלכע עולמות האָב איך מיך אַרומגעטראָגן, וואָס איך האָב אַזאַ לאַנגע צייט אָט אָ־די אַלע זאַכן נישט געהערט?

איך האָב גאָרנישט באַמערקט ווי די באַלעבאָסטע פון פּענסיאָן באַטראַכט מיך און וואַרט, אַז איך זאָל איר ענטפערן:

— וואָס ביסטו אַזוי פאַרטראַכט? — הער איך ווי זי פרעגט מיך.

— אַ? יאָ... ענטפער איך צעטראָגן — איך וויל זיך דערמאָנען אין מיינע פּוסטע חלומות און קאָשמאַרן וואָס האָבן זיך מיר אָנגעפלאָנטערט פאַר דער לעצטער צייט...

— לאָז זיך שוין אָפּ פון אָט־די נאַרישע רייד. טראַכט נישט מער, האָסט שוין גענוג דאָ טאָג און נאַכט געפלוידערט, אָט האָסטו דיין אָנבייסן.

איבערלאָזנדיק דאָס עסן איז זי אַרויס פון צימער.

***

די ערשטע זאַך וואָס איך האָב געטון ווען איך האָב זיך איינגעאָרדנט, ווי אַ נאַרוואָס געענדיקטער דאָקטער, איז געווען: פּראָווען וויזיטן מיינע קאָלעגן און אַפּטייקערס פון דער זעלביקער געגנט.

קאַלט, מיט אַן אומצופרידענער מינע, האָבן מיך אויפגענומען מיינע קאָלעגן, די דאָקטוירים. דאַקעגן האָבן זיך די אַפּטייקערס צו מיר באַצויגן מיט גרויס דרך־ארץ און העפלעכקייט.

אין איינע פון יענע פאַרנאַכטן, בין איך צוגעקומען צו אַן אַפּטייק וואָס האָט זיך געפונען פונקט אַקעגן קלויסטער „סאַן בערנאַרדאָ". די אַפּטייק איז געווען פאַרמאַכט און אויף דעם אַראָפּגעלאָזטן אייזערנעם שטאָר האָט אַ קליין שילדל געמאָלדן: „געשלאָסן מחמת טרויער".

נעבן מיר איז פּלוצים אויסגעוואַקסן עפּעס אַ באַריידעוודיקע ייִדענע און האָט אַ ברום־געטון גלייך מיר אין פּנים:

— ער האָט באַקומען אַן אַפּאָפּלעקציע, דער משומד.

— וועמען מיינט איר? — בין איך געוואָרן נייגעריק.

— וואָס הייסט? דער אַפּטייקער! אַ שונא־ישראל געווען... די ערד זאָל אים גאָרנישט צונעמען! רבונו־של־עולם.

עפּעס האָט מיך אַ ציִ־געטון אַהין אויף די טרעפּ.

איך בין אַריין אין אַ גרויסן זאַל וווּ דער ארון מיטן בר־מינן איז געשטאַנען. זעקס „סיריאָס" (גרויסע קלויסטער־ליכט) אין הויכע קאַנדעלאַברען אַרום דעם ארון האָבן שוואַך באַלויכטן דאָס צימער. אין דער אָפענער טרומנע, צוגעדעקט ביז צום האַלדז מיט אַ קלאָר־ווייסן געקראַכמאַליעטן צודעק, איז געלעגן דער מת.

צווישן די פינגער פון זיינע טויטע הענט פאַרגליווערט אויף דער ברוסט, איז געווען אַריינגעשטעקט אַ גאָלדענער צלם. צוקאָפּנס איז געווען אַראַנזשירט אַ מין אַלטאַר פול מיט בילדער פון קאַטוילישע צדיקים. אין מיטן צווישן אַלטאַר און דער טרומנע — דער געקרייציקטער אין מענטשלעכער גרייס. זיין צעבלוטיקטע נאַקעטקייט האָט מוראדיק אַראָפּגעקוקט צום געטויפטן פאַרשטאַרבענעם ייִדן.

פיין פאַרקעמט און פאַרזיכטיק אָפּגעגאָלט איז דער אַפּטייקער מיט פאַר־מאַכטע אויגן געלעגן. קיין סימן פון פיזישע ליידן איז נישט געווען צו מערקן אויף זיין געל־בלאַסן איינגעשלאָפענעם געזיכט.

— ווי עבֿלעך ער איז צו יענעם משומד, וואָס די פּעטליורישע מערדערס האָבן דערהרגעט ביי אונדז אין שטעטל! — האָב איך געטראַכט — עס זאָל פעלן אַ האָר!

פון מיין באַגעגעניש מיט אים, ביים ראַנד פון מאַלדאָנאַדאָ, האָב איך גאָר־נישט געדענקט, איך האָב עס אינגאַנצן פאַרגעסן, ווי אין אַלע מיינע קאָשמאַרן.

די לופט פון יענער סביבה איז געווען אָנגעזאָפּט מיט אַ מיש־מאַש פון בלומען־ריח. אַ סך בלומענקרענץ זענען געווען אָנגעלייגט אַרום דעם ארון, אַרום די ווענט און אויף בענק. אין דער מיט פון אָט אָ־דעם בלומען־קרייז, האָבן זיך מענטשלעכע שאָטנס אַרומגעדרייט און סודותדיק צווישן זיך געשעפּטשעט. איי־ניקע פרויען האָבן געמורמלט תפילות, האַלטנדיק בעת־מעשה „ראָסאַריאָס"

(תפילה־שנורן) צווישן זייערע פינגער. אין אָט דער גוייִשער טרויער־סביבה, נאָך אַ געוועזענעם יידן האָב איך געזוכט עפּעס אַן „אייגענעם".

פלוצים איז מיר אַנטקעגן געקומען אַ חבר פון פאַקולטעט.

— אַך, פריינט! — האָט דער חבר אַ זאָג־געטון, דריקנדיק מיין האַנט — דו ביסט דער איינציקער קאַמעראַד, וואָס איז געקומען אָפּגעבן מיין פאָטער זיין לעצטן כבוד. איך בין דיר דאַנקבאַר.

— אַ לאַנגע צייט איז ער קראַנק געווען? — האָב איך אַ פרעג־געטון.

— ניין, דאָס איז געקומען אומגעריכט. גייסטיק איז ער אָבער שוין לאַנג נישט געווען מיט אַלעמען, איבערהויפּט פון זינט ער האָט זיך דערוווּסט, אַז איך בין אויס פּראַקטיקאַנט. איך ווייס נישט, ווער פון מיינע חברים האָט אים דער־ציילט וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט.

אַנומלט, אַרויסגייענדיק פון פאַקולטעט, האָב איך אים געטראָפן שטיין ביים טויער.

— ווי קומסטו אַהער, פּאַפּע?

— איך האָב דיך דאָ אָפּגעוואַרט — האָט ער מיט אויסערגעוויינלעכער הכנעה גערעדט צו מיר, — איך דאַרף מיט דיר זיך אַדורכשמועסן.

אויף זיין פאַרעלטערטן געזיכט איז געלעגן אויסגעגאָסן אַ טיפער טרויער און זיין קול איז געווען פול מיט אומעט.

— וואָס איז מיט דיר פּאַפּאַ? שוין אַ היפּשע צייט, אַז איך באַמערק אַ פאַר־דערונג אין דיין האַלטונג.

— מיר איז גאַרנישט, מיין קינד — האָט ער אַ געבויגענער מיט אַ ציטער אין זיין שטימע גערעדט, דיר האָב איך שטאַרק וויי־געטון. צוליב מיין פאַר־שאָלטענעם יידישן נאָמען וואָס איך האָב דיר געגעבן, האָבן דיך דיינע חברים געפּייניקט.

— ווער האָט דאָס דיר דערציילט, פּאַפּאַ?! — האָב איך איבערראַשט אויס־געשריִען — דו האָסט עס קיינמאָל נישט געדאַרפט וויסן.

— ווען דו ביסט געלעגן אין פיבער, בעת דיין לונגענאַנצינדונג, האָסטו אַליין אַלץ אויסדערציילט. אין ערשטן מאָמענט האָב איך געמיינט, אַז ס'איז נישט מער ווי דעליריום, אָבער אַ חבר דיינער האָט מיר אַלץ איבערגעגעבן. אַך! גאָט מיינער — האָט ער כליפּענדיק געשעפּטשעט, — די סצענע ווי אַזוי דיינע חברים האָבן דיך אין יענער קאַלטער נאַכט געטובלט אין דעם מאַלדאַנאַדאַ און נאָכדעם אַ נאַקעטן אין דער לופטן געשליידערט, שטייט מיר שטענדיק פאַר די אויגן. דו האָסט עס מיר נישט גאַרנישט דערציילט. אַליין געליטן און דאָס קיינמאָל מיר נישט פאַרגעוואָרפן. „איך האָב געדאַרפט אין גאַנצן אויסגעוואָרצלט ווערן פון מיין יידישן אָפּשטאַם" — האָט מיין פאָטער, וויינענדיק געשטאַמלט צו זיך אַליין,

— נאָר זאָרג זיך נישט מײַן קינד, איך וועל נישט רוען ביז איך וועל נישט פאַר־ריכטן די עוולה וואָס איך בין קעגן דיר באַגאַנגען...

— וואָס קלערסטו צו טון, פאַפּאַ? — האָב איך מיט רחמנות געפרעגט.

— איך וועל זען, אַז דו זאָלסט אַדאָפּטירן דײַן מאַמעס נאָמען. דאָס איז מעגלעך. איך האָב שוין אַפילו מיך באַראָטן מיט אַן אַדוואָקאַט וועגן דעם ענין.

— די מאַמע ווייסט, וואָס דו האָסט באַשלאָסן?

— ניין, דו אַליין דאַרפסט מיט איר וועגן דעם רעדן. זאָג איר, אַז פאַר אַזאַ אויפריכטיקן קאַטאָליק ווי דו ביסט, פּאַסט נישט דײַן ייִדישער פאַמיליען־נאָמען.

ווען מיר זענען שוין צוגעקומען גאַנץ נאָענט צו דער שטוב, האָט מײַן פאָטער מיך געוואָרנט, אַז וועגן אונדזער געשפּרעך טאָר מײַן מאַמע נישט וויסן.

פון יענעם טאָג אָן איז ער וואָס אַמאָל געוואָרן מער מעלאַנכאָליש, אָפּגעזונדערס און כסדר פאַרטראָגן און אויפגערעגט.

מײַן מוטער האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט, אַז דער טאַטע איז נישט מיט אַלעמען, ער גיט זיך נישט אָפּ ווי עס באַדאַרף צו זײַן צו דער אַרבעט אין לאַבאָראַטאָריע. ער באַהאַנדלט שלעכט די קונים וואָס קומען אין אַפּטייק...

— וועלכן סאָרט קונים באַהאַנדלט ער נישט גוט, ייִדן צי קריסטן? — איז מיר פּלוצים אײַנגעפאַלן צו פרעגן.

די מאַמע האָט אַ ווײַלע זיך פאַרטראַכט און שטיל געענטפערט:

— ייִדן... יאָ, ייִדן... ער זידלט זיי און יאָגט זיי ממש פון אַפּטייק... מערקווירדיק, ער איז אַמאָל געווען אַ ייִד. אַך, ווי פײַנט ער האָט זיי!

און ווי מיר זענען אַזוי געשטאַנען און גערעדט צווישן זיך, האָבן מיר דער־הערט אַ שטאַרקן קלאַפּ אויף די טרעפּ.

ווען מיר זענען צוגעלאָפן, האָבן מיר געטראָפן דעם טאַטן ליגן אויסגע־צויגן. ער האָט נאָך געקאָנט אויסשרײַען: „איך שטאַרב!" און איז באַלד אויס־געגאַנגען.

מײַן חבר איז ענדלעך אַנטשוויגן געוואָרן. דער גרויסער זאַל איז וואָס אַמאָל ענגער געוואָרן מיט ניי־אָנגעקומענע גוים. אויך אַ פּאָר גלחים האָבן זיך גע־יאָוועט. איך האָב מיך קוים דערשלאָגן צו דער טיר און אַרויס אין דרויסן.

פון קלויסטער „סאַן בערנאַרדאָ", קעגנאיבער, האָט אויף מיר אַ ווייע־געטון מיט אַ געשטאַנק פון ווײַרויך און פאַרשימלטע אָפּגעטער. לאַנגזאַם האָב איך געטראָטן אויף דעם שמאָלן וועג בײַם ראַנד פון דעם „אַראַזשאָ מאַלדאָנאַדאָ" און אין דעם געדיכטן נעפּל פון יענער נאַכט האָבן געשוועבט פאַר מײַנע אויגן די הייליקע געשטאַלטן פון ייִדן מיט גוייִשע נעמען: ווי דיעגאָ לאָפּעס דע פאָנסעקאָ, כואַן דע אַסעוועדאָ, מאַנועל באַוטיסטאַ פּערעס, פראַנסיסקאָ מאַלדאָנאַדאָ סילוואַ און אַנדערע וואָס האָבן אין דער שטאָט לימאָ, דעם 23סטן יאַנואַר פון 1639, אין דעם טאָג פון „סאַן אידעלפאָנסאָ" מקדש־השם געווען אויף די שײַטערהויפנס.

דער זייגערמאַכער פון „סאַן טעלמאָ“

1.

אָפטמאָל קומט ער מיר אַרויף אויף דעם זינען. איבערהויפּט אין מיינע שלאָפלאָזע נעכט, ווען עפּעס אַ לייכט ווינטל ברענגט מיר צו טראָגן דורך דעם אָפענעם פענצטער דאָס געקלאַנג פון די וואַנט־זייגערס פון מיינע אַרומיקע גאַר־נאָענטע שכנים, צוזאַמען מיט די בראָנזענע טרויעריקע קלויסטער־טענער פון די אַרומיקע קירכעס. ער טויכט אויף אין מיין זכרון און שטעלט זיך מיר פאַר די אויגן אין דער זעלבער שוידערלעכער פּאָזע, ווי איך האָב אים צום לעצטן מאָל דערזען.

***

געווען איז ער דער ערשטער, וואָס האָט אין אַ געוויסן ביטאָג אויף מיר אין קאָנסולטאַריע געוואַרט.

יעדעס מאָל וואָס איך האָב אויפגעעפנט די טיר פון מיין קאַבינעט פאַר אַ נייעם פּאַציענט, האָב איך אים געזען זיצן פאַרוקט אין אַ ווינקל, איינגעהילט אין זיין גראָבן ווינטער־מאַנטל מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער, גלייך ווי ער וואָלט געזעסן אין דרויסן, אונטער אַ ברענענדיקן פראָסט.

די טונקעלע ברילן, דאָס נישט וועלן זיך רירן פון אָרט כדי צו בלייבן אַליין דער לעצטער, דאָס האַלטן דעם פליכעוואַטן קאָפּ בסדר אַראָפּגעלאָזט און איינ־געגראָבן צווישן די צוויי אַנגעפּעלצטע אַקסלען, האָבן אויפן ערשטן בליק גע־ווירקט אויף מיר אומאַנגענעם.

איך וואָלט אפשר מגזם געווען, ווען איך וואָלט געזאָגט, אַז איך האָב פאַר אים מורא געקראָגן, אָבער עפּעס אימהדיקס האָט פון אים געווייעט.

אַזוי האָט זיך געצויגן איין שעה נאָך דער אַנדערער, ביז איך בין געבליבן מיט אים אַליין, ערשט דעמאָלט האָט ער זיך אויפגעהויבן פון אָרט, אויפגעהאַנגען אויף דעם הענגער דעם מאַנטל און דעם הוט, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט נישט

אַרויסגעלאָזט פון האַנט און צום סוף אָפּגעזאָטלט די ברילן פון זיין אַ ביסל אויסגעבויגן לענגלעכער נאָז.

עס האָט פאַר מיר זיך אַנטפּלעקט אַ לייכט איינגעהויקערטער מאַן מיט אַ פּאָר אויסגעשטאַרטשעט צעשראָקענע אויגן, וואָס האָבן אויף מיר געקוקט מיט דערוואַרטונג. ער האָט אויסגעזען פון אַ יאָר פערציק.

— ביטע, זעצט זיך — האָב איך צו אים אַ זאָג־געטון, ווען ער איז שטיין־געבליבן אַנטקעגן מיר פון יענער זייט שרייב־טיש, און מיר ביידע, נישט אַראָפּ־נעמענדיק די אויגן איינער פון צווייטן, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אונדזערע שטולן.

— כ׳זע, ה׳ דאָקטער, אַז איר דערקענט מיך נישט, — האָט ער אַרויסגע־שטאַמלט מיט אַ פאַרטעמפּטער שטימע, — איך האָב אייך באַלד דערקענט, כאָטש איר האָט זיך אַ היפּש ביסל געעלטערט.

— שוין לאַנג, אַז איך האָב אייך געזען? — האָב איך אים אַ פרעג־געטון.

— אומגעפער אַ יאָר 22.

— נו, דאָס באַרעכטיקט מיין פאַרגעסן. איר זייט שוין אויך נישט קיין יונ־גער מענטש — האָב איך טרוקן אָפּגעענטפערט. — ווי הייסט איר?

נאָך אַ ווײַלע קווענקלען זיך האָט ער אָנגעגעבן זיין נאָמען, וואָס איך האָב טאַקע תיכף אויסגעפונען פאַררעגיסטרירט אין מיין קלינישן טאָג־בוך.

— איר האָט מיך צום ערשטן מאָל באַטראַכט — האָט ער מיט מער מוט אָנגעהויבן רעדן — ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר 17. איך בין נאָר־וואָס גע־האָט אָנגעקומען פון רוסלאַנד. מיין פאָטער האָט מיך צו אייך געבראַכט, ווען איר האָט נאָך געווינט אויף קאַנינג. ער האָט טאַקע געוואָלט וויסן, צי מען האָט מיך צו אים אומגעקערט אַ געזונטן.

— וואָס הייסט „אומגעקערט“? — בין איך געוואָרן נייגעריק.

— איר פאַרשטייט, איך בין אַ הי־געבוירענער. ווען איך בין אַלט געוואָרן אַנדערהאַלבן יאָר, האָט מיין מאַמע זיך צעשיידט מיטן טאַטן און זי האָט מיך אַוועקגעפירט קיין רוסלאַנד אין איר געבוירן־שטעטל. פאַרוואָס זי איז זיך מיט אים צעגאַנגען ווייס איך עד־היום נישט. איך ווייס נאָר, אַז זי פלעגט דערמאָנען דעם טאַטן, ווען איך האָב איר דערקוטשעט און זי דערצאָרנט מיט מיינע קינדער־שע קאַפּריזן. זי פלעגט אים דערמאָנען מיט ביטערניש און נישט זעלטן אַפילו מיט אַ קללה. זי איז געווען זייער אַ שיינע, מיין מאַמע. ביי דעם זיידן מיט דער באָבען, פאַרמעגלעכע אַלטיטשקע, האָב איך זיך אַרומגעבלאָנקעט אָן אַ טאַטן, און איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס איז אויף דער שטוב געהאָנגען אַזאַ טרויער און אַזאַ אומעט און פאַרוואָס איך וואַקס אָן אַ טאַטן...

ער האָט אַ ווײַלע אָפּגעכאַפּט זיין קורצן אָטעם און נאָכדעם ווייטער פאַר־געזעצט:

— עס האָט אויסגעבראָכן די מלחמה פון 1914, שפּעטער די איבערקערעניש. הונגער, נויט, קעלט און מגיפות... אין אַ געוויסן פרימאָרגן, כאַפּ איך זיך אויף אין אַ שפּיטאָל־בעטל צווישן אַ סך אַנדערע פון מיין עלטער. צען יאָר בין איך אַלט געווען דאַן, ווען דער פלעק־טיפוס האָט אָפּגעראַמט פון דער וועלט מיין מאַמען מיט דער באַבען און זיידן. איך בין שפּעטער אַוועק פון יתומים־הויז, ווו קיין פריינטשאַפט איז צו די קינדער נישט געווען, און געוואַנדערט איבער פאַר־שידענע אַזילן, ביז וואַנען דער טאַטע האָט זיך דערוווסט וועגן מיר און מיך אַרויסגעפאָדערט דאָ אַהער, קיין בוענאָס־איירעס. ערשט דאָ, אין אַרגענטינע, האָב איך זיך דערוווסט, אַז מיין טאַטע האָט גענומען אַ רוסישע גויע פאַר אַ ווייב, וואָס האָט איינגעפּירט אַ גוייִש לעבן אין מיין נייער היים און נאָך אויסגעהאַנגען איקאָנעס אויף די ווענט. מיין טאַטע אַ „גוי"?! — האָב איך געטראַכט. — ער רעדט צו מיר יידיש. ער האָט צו מיר אויך געשריבן יידישע בריוולעך, זיין נאָמען איז אַ יידישער. אַלץ איז פאַר מיר געווען אומפאַרשטענדלעך פרעמד.

מיין פּאַציענט האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגערוט. עס האָט אים, קענטיק, אויסגע־פּעלט אָטעם, און דערנאָך, אויפהייבנדיק מאָדנע די אויגן, האָט ער מיט אַ באַ־זונדערס נעבעכדיקן טאָן צוגעגעבן:

— אויף דעם צווייטן טאָג האָבן זיי בײדע, דער טאַטע מיינער און די כאַכלאַצקע גויע, מיך געבראַכט צו אייך זען צי איך בין אַ געזונטער און שטאַר־קער „פּאַראָבעק"... און אָט, ה' דאָקטער, בין איך ווידער ביי אייך, נאָך אַזאַ לאַנגער צייט.

2.

נאָכן אויסהערן די דאָזיקע געשיכטע, דערמאָן איך זיך פּלוצים, ווער דער דאָזיקער אויסטערלישער גאַסט איז. האָסטיק הייב איך זיך אויף פונעם אָרט און נישטער אין מיין אַרכיוו. און אָט איז אַ דאַטע פון יאָר 1928, ווען ער איז רעגיסטרירט געוואָרן אין מיין חולאים־בוך אין דער קאַטעגאָריע פון געפערלעך־קראַנקע אויפן האַרצן. איך דערמאָן זיך, אַז דעמאָלט, ווען איך האָב אים באַטראַכט, בין איך געוואָרן איבערראַשט פון די שווידערלעכע סימפּטאָמען, וואָס זיין קראַנק האַרץ האָט אַרויסגעוויזן.

— עס האָט דיך ביז איצט קיין שום דאָקטער נישט געזען? — האָב איך אים דעמאָלט אַ פרעג־געטון.

— אַז איך בין קיינמאָל נישט געווען קראַנק! צו וואָס האָט מיך אַ דאָקטער געדאַרפט זען? — האָט ער דערשראָקן געענטפערט.

— ברענגט מיר אים מאָרגן אין שפּיטאָל אַריין, — האָב איך דעמאָלט אָנ־געזאָגט דעם טאַטן, — וועל איך אים לאָזן באַטראַכטן פון דעם פּראָפעסאָר.

דעם טאַטן זיינעם האָב איך שוין פון פריִער געקענט. ער איז געווען אַן אייגנטימער פון אַ גרויסער „קאָנוועגטיזשע". מען פלעגט אים זען אָפטמאָל זיך אַרומדרייען אין גאַס מיט אַ גרויסן הונט אויף אַ קייט, מעשה „פּריץ".

נאָך דעם פּראָפעסאָרס אונטערזוכונג, האָב איך דאָס בחורל מער פאַר מיינע אויגן נישט געזען.

עטלעכע מאָל איז ער מיר געקומען אויפן געדאַנק:

— געוויס, — האָב איך ביי זיך געטראַכט, — איז מקוים געוואָרן דעם פּראָפעסאָרס נביאות, אַז דער בחור וועט נישט דערציִען צו די צוואַנציק... און... דאָ זע איך אים גאָר זיצן ביי מיר אין קאָנסולטאָריע אַ לעבעדיקן, נאָך דעם ווי ס'זענען אַפּגעלאָפן 22 יאָר פון יענער צייט. איז דאָס מעגלעך? וואָס וואָלט איצט וועגן דעם געזאָגט דער פּראָפעסאָר? נו, יאָ, דער פּראָפעסאָר גופא איז אויף זיין אייגן האַרץ און אויף זיך אַליין אויך קיין מבין נישט געווען. ער פלעגט זיך נישט איינמאָל איבערנעמען אין קלאַס פאַר אַלע דאָקטוירים, אַז ער ליידט נאָך נישט פון פאַרעלטערטע אָדערן... נאָר אויפן אַנדערן טאָג, נאָך זיין לעצטן באַרימען זיך, האָט ער באַקומען אַן אַטאַקע אויפן האַרץ און דער גרויסער באַרימטער קאַרדיאָלאָג ראַנגלט זיך אַליין מיטן מלאך־המות אינמיטן נאַכט. ער שניידט זיך אַליין אויף אַן אָדער פון אַ האַנט. מיט אַלע זיינע לעצטע כוחות שאַרט ער זיך צו צום טעלעפאָן און כאָרכלט אַהין אַריין צו זיין בעסטן תלמיד און איידער יענער קומט אים ראַטעווען, איז דער פּראָפעסאָר שוין ווייט אָפּגעשיידט.

דאָס אַלץ איז אויפגעקומען אין מיין זכרון, ווען איך בין געזעסן פּנים אל פּנים מיט מיין אויסטערלישן פּאַציענט, וואָס האָט אין מיינע אויגן אויסגעזען ווי אַ גאַסט פון יענער וועלט.

— וואָס־זשע האָט איר די גאַנצע צייט געטון, גוטער ברודער? איר האָט זיך געדאָקטערט, געקורירט, מיין איך? — האָב איך אין אַ געמאַכטן רויִקן טאָן אים אויסגעפרעגט.

— וואָס האָב איך מיך דען געהאַט צו קורירן? — האָט ער מיט אַ קוויטשיק קולכל האַפערדיק אָפּגעענטפערט אויף מיין שאלה. — איך האָב מיך קיינמאָל נישט געפילט קראַנק און איצט אויך נישט.

— וו־אַ־אַ־ס?! — בין איך שוין געוואָרן נערוועזש אומגעדולדיק — טאָ וואָס־זשע זייט איר צו מיר איצט געקומען?

— איך וויל, אַז איר זאָלט מיך באַטראַכטן, הער דאָקטער... איך האָב זיך... באַרעכנט... ווי אין חומש שטייט: לא טוב היות האדם לבדו... איז איידער איך גיי חתונה האָבן, האָב איך זיך דערמאָנט אין איך, דעם איינציקן פריינד...

— נו, און אייער פאָטער?

— ער איז גלייך, ווי איך בין נאָר צו אים געקומען שטאַרקט פאַרהאַסט געוואָרן פון מיר. בין איך אַוועק פון אים און פון זיין גויע. איך האָב געשוואָרן,

אַז מיין „זוואַניע״ זאָל זיך ביי זיי נישט געפינען. איך האָב זיך אויסגעלערנט אַ פאַך. כ׳בין געוואָרן אַ זייגערמאַכער, אַ יוּוועליר. כ׳פאַרמאָג שוין אַ פיינעם „פּראָנט״ אין געגנט פון „סאַן טעלמאָ״.

ער האָט ווידער אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און בשעת־מעשה גענומען נישטערן אין זיינע קעשענעס.

— נאָט! — האָט ער מיר דערלאַנגט דאָס אָפּגעזוכטע קאַרטל, — דאָ האָט איר מיין אַדרעס און מיין טעלעפאָן.

און אַריינלייגנדיק צוריק אין די קעשענעס די אָנגעהויפנטע פּאַפּירן, וועקסלען, קבלות, האָט ער, ווייזנדיק אויף דעם קאַרטל, אונטערגעשטראָכן:

— דאָ אַרבעט איך און דאָ שלאָף איך... אַליין... צווישן וואַנט־זייגערס, וואָס פאַרהילכן דעם מוח... נאָר שוין צייט צו לעבן ווי אַ מענטש...

— נו, — האָב איך ווי צוריק־געענטפערט, — קומט, וועל איך באַטראַכטן.

מיר זענען אַריין אין קאַבינעט. ער האָט זיך נערוועזיש גענומען אויסטאָן און עס איז געווען צו מערקן, אַז דער מינדסטער באַוועג, וואָס ער מאַכט, רופט ביי אים אַרויס האַרצקלאַפּעניש און קורצן אָטעם. ער האָט זיך געפּרווט אויסציִען גלייך אויף דעם בעטל, אָבער באַלד איז זיין פּנים און פליכעוואַטער שאַרבן באַדעקט געוואָרן מיט אַ קאַלטן שווייס און אַ בלויער מראה. די אָדערן פון זיין האַלדז זענען אויפגעלאָפן און שטאַרק זיך געצאַפּלט. ער האָט זיך געמוזט באַלד אויפזעצן.

מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, האָב איך זיך צוגעהערט צו זיין ברוסטקאַסטן. זיין האַרץ איז געלאָפן משוגענערווייז. מיט דער צייט איז עס אַזוי גרויס „היפּערטראָפירט״ געוואָרן, אַז עס האָט פאַרנומען כמעט דעם גאַנצן ריפּן־שטאַנג. בשעת־מעשה האָב איך געטראַכט: גאָט מיינער, וויפל קאָן נאָך אַזאַ האַרץ אויסהאַלטן? אונטער מיין אויער האָט זיין האַרץ, ווו איך האָב זיך נאָר צוגעהערט, שוידערלעך געבלאָזן, געכריפּעט, געררוישט און זיך געיאָגט אין אַ ווילדן גאַלאָפּ.

— פילט איר זיך, הייסט עס, גאַנץ גוט, האַ? — האָב איך מיט איראָניע אַ פרעג־געטון.

— נו... ע... גאָר פולקאָם געזונט איז דאָך קיין בן־אדם נישט. האָב איך אַמאָל אַ שווערלעכן אָטעם, וואָס דויערט מינוטן, גיי איך אַביסל לאַנגזאַמער... איז וואָס? פון קינדערווייז אָן, זינט איך בין געקומען צום שכל, האָב איך אַ ביסל אַ קורצן אָטעם. נאָר, ווי איר זעט, לעב איך יאָקאָש. דערפאַר מיין איך, אַז דאָס חתונה־געהאַטע לעבן איז מער אַן איינגעהאַלטנס, נישט אַזוי שטורעמדיק.

— טאָ וואָס־זשע האָט איר זיך דערמאָנט אַזוי שפּעט?

זיינע קאָלירן אין פּנים האָבן זיך גענומען בייטן. ער האָט אַ ווילע געשוויגן, נישט געקאָנט אפנים, קומען צום וואָרט. פון מינוט צו מינוט איז קענטיק געווען,

אַז ער וועט אויפגעבראַוזט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב ערגעץ אָנגע־קלאַפּט אין אַ פֿאַרבאָרגענעם ווינקל פֿון זיין נשמה, וואָס ער האָט אפשר קיינמאָל נישט געוואָלט, מען זאָל עס אָנרירן. זיין שלעכט־אַנטוויקלטער גוף האָט זיך מער איינגעהויקערט און מיט אַ פֿאַרטעמפּטן קול האָט ער נעבעכדיק אַ זאָג־געטון:

— ווי איך זע, הער דאָקטער, האַלט איר מיך שוין פֿאַר אַן אָפּגעשלאָגענער הושענה... ביי די פֿערציק יאָר שוין אַ זקן, וואָס קאָן שוין נישט געניסן פֿון די ערדישע תענוגים... „שפּעט זיך דערמאָנט", זאָגט איר? און איך האָב אַלץ געמיינט, אַז איך וועל נישט פֿאַרשפּעטיקן. איך האָב טאַקע כסדר אָפּגעלייגט אויף שפּע־טער, כדי צו פֿאַרפֿעסטיקן קודם־כל, מיין עקאָנאָמישע פּאָזיציע; זי, די כלה מיינע, האָט געוואַרט און געוואַרט, איך זאָל זיך איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל דעצידירן. אַזוי פֿיל יאָרן זיך אַרומגעפֿירט מיט איר. און איצט — צו שפּעט?

איך האָב זיך גענומען פֿאַרענטפֿערן:

— נישט דאָס, מיין פֿריינט, האָב איך געמיינט. איך האַלט נאָר, אַז איר האָט זיך באַדאַרפֿט באַשליסן מיט אַ 15 יאָר צוריק, בכדי באַצייטנס קאָנען גע־ניסן פֿון חתונה־געהאַלטן לעבן... נו, אויב זי, די כלה אייערע, האָט אַזוי פֿיל געוואַרט, וועט זי האָבן געדולד נאָך אַביסל... דערווייל וועט „מען" זיך אַביסל אונטערקורירן...

און אַזוי רעדנדיק, האָב איך אים באַגלייט ביז צו די טרעפּ און געגעבן צו פֿאַרשטיין, ווי אַזוי צו נעמען די רעצעפּטן, וואָס איך האָב אים פֿאַרשריבן.

.3

פֿון יענעם טאָג אָן, פֿלעגט ער מיך פֿון צייט צו צייט באַזוכן. לאַנגע שעהן פֿלעגט ער אָפּזיצן ביי מיר אין וואַרט־צימער איינער אַליין און אָפּוואַרטן, ביז איך פֿלעג זיך אומקערן אַהיים פֿון מיינע וויזיטן צו קראַנקע. נישט איינמאָל פֿלעג איך פֿאַרציטערט ווערן, ווען איך פֿלעג אים דערזען פֿאַררוקט אַ דרימלענדיקן אין אַ ווינקל.

עס האָט זיך מיר דעמאָלט גענומען דאַכטן, אַז אויף זיין אָפּגעלעבטן פּנים און נאַקעטן האַרלאָזן שאַרבן, פֿלאַטערט דער טויט. איך האָב זיך געשראָקן פֿאַר דעם געדאַנק, אַז אין אַ ליאַדע מאָמענט קען ער נאָך, אַזוי דרימלענדיק, אויסגיין ביי מיר אין קאַבינעט.

— איך בעט אייך, — האָב איך זיך איינמאָל געווענדט צו אים — קומט מער נישט צו מיר, ווען איר פֿילט זיך עפּעס נישט גוט, רופֿט מיך אַרויס צו אייך, מעג זיין אַפֿילו אינמיטן דער נאַכט...

— וואָס איז? — האָט ער איבערגעראַשט, מיך נישט געלאָזט רעדן. —

איר האָט מורא געקראָגן פאַר מיר? — איך קום צו אייך, ווייל איך וויל נישט, אַז עמעצער זאָל זיך דערוויסן, אַז אַ דאָקטער קומט־אַריין צו מיר. עס קאָן נאָך, פאַרשטייט איר מיך, דערגיין צו מיין כלה, אַז איך בין אַ קראַנקער...

— ווי די מעשה זאָל נישט זיין, — האָב איך אַנטשלאָסן און שטרענג געענטפערט — וויל איך אייך דאָ מער נישט זען.

ער איז יענעם אָונט אַוועק פון מיר אַ ברוגזער. איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל אים שוין מער נישט זען.

.4

איבערשלאָפן רויק אַ נאַכט און נישט געשטערט ווערן פון טעלעפאָן־קלונג איז לאו כל רופא זוכה. די מורא פאַר אַ ביינאַכטיקן רוף איז פאַר אַן עלטערן דאָקטער עפּעס אַ מין אַנגסטלעכער געפיל, וואָס לאָזט זיך נישט שילדערן. דער עלעקטרישער שטראָם, וואָס רייצט אין מיטן נאַכט דאָס טעלעפאָן־גלעקל, גיט אומברחמנותדיק אַ טרייסל־אויף דעם דאָקטערס פאַרמאַטערטן גוף. דאָס האַרץ זיינס גיט זיך אַ צאַפּל און ער דערפילט אַ קראַמף אין די געדערים. אַמאָל איז דער דאָקטער גופא אויך נישט מיט אַלעמען, נאָר דער רופער וויל פון דעם נישט וויסן. ער מיינט, אַז אַ דאָקטער איז שטענדיק געזונט און דאַרף זיין גרייט צו לויפן, ווען מ׳דאַרף אים. עס טרעפט אויך, מען באַנוגנט זיך נישט מיט איין דאָקטער, נאָר מען טעלעפאָנירט צו עטלעכע מיטאַמאָל און ווער עס קומט דער ערשטער, יענער איז זוכה צו ווערן אויפגענומען און די אַנדערע בלייבן נעבעך שטיין כעני בפתח און קערן זיך צוריק אַהיים, פאַרשעלטנדיק די יאָרן פאַרן אויסקלייבן זיך אַזאַ הומאַניטאַרע פּראָפעסיע. אַ פאַרביטערטער לייגט ער זיך צוריק אַריין אין בעט און נעמט ציילן די שעהן, וואָס דער וואַנט־זייגער קלאַפּט־אויס, ווייל דער שלאָף קומט שוין נישט אויף די אויגן ביז אין וויסן טאָג אַריין.

— —

אין אַ געוויסער נאַכט, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, נאָך דעם ווי איך האָב אויסגעהערט, צענדליקער פּאַציענטן, נערוון־קראַנקע מיט אויסגעטראַכטע, איינגערעדטע קראַנקייטן און אַנדערע, אויך ערנסטע חולאים; נאָך דעם ווי איך האָב זיך געיאָגט אַ גאַנצן טאָג אויף טרעפּ פון דרייגאָרנדיקע דעפּאַרטאַמענטן־הייזער, בין איך אַהיימגעקומען אַזוי פאַרמאַטערט, אַז איך האָב אָן וועטשערע מיך אַ וואַלגער־געטון אויפן געלעגער און געשמאַק איינגעשלאָפן.

וויפל צייט איך בין אַזוי אָפּגעלעגן, ווייס איך נישט; דורכן שלאָף האָב איך עפּעס פאַרנומען דעם אַליאַרם פונעם טעלעפאָן־גלעקל. אָבער מיינע גלידער זענען געווען אַזוי מאַכטלאָז, די אויגן־לעפלעך אַזוי אָנגעפילט מיט בליי, אַז איך

האָב גאָרנישט געקאָנט רעאַגירן מיט אַן אבר. לסוף האָב איך מיך אויפגעכאַפּט, איך לייג־צו דאָס טרייבל צום אויער און דערהער אַ הייזעריקע שטימע, וואָס רופט מיט אָפּגעהאַקטע נישט־פאַרשטענדלעכע ווערטער. עס דערטראָגט זיך צו מיר אַ שוידערלעכער כאָרכל פון טרייבל אַרויס, באַגלייט מיט אַ שטאַרקן הוסט. בשום אופן קאָן איך נישט כאַפּן אַ וואָרט. אָן ספק, טראַכט איך, ראַנגלט זיך דאָרט עמעצער מיטן מלאך־המוות... ווער קאָן דאָס זײַן?

איך שטעל זיך פאָר אַ מענטש מיט צעשראָקענע אויגן, וואָס זעט דעם טויט פאַר זיך, טרינקט זיך אין זײַן אייגענעם בלוט, וואָס פאַרפּלייצט זײַנע אָטעם־רערן; איך הער דעם כאָרכל אונטערן בלוט פון זײַן ברוסט־קאַסטן; ער איז דאָרט אַליין אין זײַן גסיסה־מאָמענט; קיינער קומט אים נישט צו־הילף אין אַ שטאָט פון מיליאָנען מענטשן.

— ווער רעדט דאָרט?! — פרעג איך אין טרייבל אַרײַן. אָבער אָנשטאָט אַן ענטפער הער איך אַ שווערן אָטעם, אַ געררויש ווי פון אַ זודיקן קעסל, אין וועלכן עס פּראַלען־אויס טויזנטער וואַסער־בלעזלעך. עס טראָגט מיך פון בעט אַרויס. איך וואָלט געלאָפן, געפלויגן צו יענעם דאָרטן, וואָס איז אין סאַמע שרעקלעכסטן מאָמענט. עס קאָן דאָך זײַן, אַז יענער איז גאָר איצט אײַנגאַנצן אַליין. אָבער ווער איז ער? צו וועמען רופט מען מיך? איך קען זיך בשום אופן נישט אָריענטירן... מיטאַמאָל הער איך אַ טעמפּן קלאַפּ און עס ווערט שטיל.

איך קען דאָס טרייבל נישט אָפּרייסן פון אויער. איך האַלט קוים אײַן דעם אָטעם און וואָלט וועלן, איך וואָלט גערן וועלן, אַז אויך מײַן האַרץ זאָל נישט אַזוי האַמערן, בכדי צו קאָנען אויפכאַפּן דורך דעם טרייבל דעם מינדעסטן שאָרך, וואָס קומט פון דאָרט, ווו דער מלאך פון טויט האָט זיך נאָר־וואָס ספּראַוועט...

—...האַ? וואָס?... עס דאַכט זיך מיר, אַז איך הער עפּעס. יאָ, דאָס איז דער טיק־טאַק פון אַ וואַנט־זייגער, וואָס הענגט, אפּנים, נאָענט פון יענעם אָרט, ווו אַ מענטשנס לעבן איז נאָר־וואָס פאַרלאָשן געוואָרן. אָט זע איך אַפילו מיט מײַן כוח־הדמיון יענעם נאַרישן אומרו, וואָס טעלעבעדעט אַהין און אַהער און ציילט די סעקונדעס, וואָס גייען שוין אַליין אָפּ אָן דעם באַלעבאָס, וועלכער האָט אָנ־געצויגן דעם זייגער ווער ווייס וויפל יאָרן שוין.

פּלוצים דערהער איך דורך דעם טעלעפאָן, ווי דער זייגער צעקלינגט זיך מיט אַן אויסגעצויגענעם טרויעריקן טאָן, ווי אַ גלאָק פון אַן אַלטער קירכע. איך שוידער־אויף, ווען עס רייסן זיך אַרײַן אין דער טרויעריקייט אַנדערע טענער פון נאָך זייגערס. אַ מאָדנע געמיש־סימפאָניע פון קלינגענדיקע וואַנט־זייגערס, וואָס מאַכן אויף מיר דעם אײַנדרוק, ווי בייזע גלאָקן־קלאַנגען פון אַן אַ שיעור קלויסטערס, וואָס רופן צו אַ גרויסער חגא, אָדער גאָר צו אַ רײַכער לוויה אינמיטן נאַכט...

עס געדויערט אָבער נישט לאַנג און די טויטע שטילקייט נעמט ווידער הערשן, אָבער דער טיק־טאַק, טיק־טאַק לאָזט נישט אָפּ און ציילט אַ רגע נאָך אַ רגע.

מיטאַמאָל ווערט מיר קלאָר, וואָס דאָ איז געשען. איך דערמאָן זיך דעם זייגערמאַכערס רייד:

„שטענדיק אַליין צווישן וואַנט־זייגערס, וואָס פאַרהילכן מיר דעם מוח מיט זייער טיק־טאַק און מיט זייער קלינגענדיקן ליאַרעם... שוין צייט צו לעבן ווי אַ מענטש"...

— יאָ, — זאָג איך צו זיך אַליין, — דאָס איז דער זייגערמאַכער פון סאַן־טעלמאָ, וועמעס האַרץ עס האָט זיך איצט אָפּגעשטעלט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אומגעפער מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער, בין איך געשטאַנען אין יענעם זייגער־געשעפט. נעבן מיר — דער באַלעבאָס פון יענעם הויז פון סאַן טעלמאָ. איך האָב געזען, ווי דער האַלב־נאַקעטער, איינגעהויקערטער קערפּער פון דעם פאַרזעסענעם בחור, איז געלעגן אָנגעשפּאַרט אויפן ווערקשטאַט. אין זיין לינקער האַנט איז געווען איינגעקלאַמערט דאָס טעלעפאָן־טרייבל, די אַנדערע האַנט — אַראָפּגעהאָנגען ווי אַן אומרו, וואָס איז שטיין־געבליבן. זיינע אויגן ברייט־אויפגעריסן און פאַרגליווערט און צוויי רויטע שנירלעך וואַסער האָבן זיך געצויגן פוןביידע ווינקלען פון זיין פינצטערן אָפענעם מויל.

אַ בייזער צופֿאַל

ווי אַ ריזיקע איינגעפאַלענע חורבה האָט דער שפּיטאָל „סאַן ראָקע" אויסגעזעצן אין יענער נאַכט, אונטער דעם אויסגעשטערנטן הימל. ווי פאַנטאַסטישע שאָטנס אויסגעשטרעקט צו דער האַלבער לבנה האָבן זיי, די צענומענע ווענט, דעם איינדרוק געמאַכט. אויף די פּלעצער, האָט מען ביי דער שוואַכער לבנה־שיין, געקאָנט מערקן בערגלעך, איינס לעבן דעם צווייטן, ווי פרישע, נאָך נישט געצאַמטע קברים אויף אַ בית־עולם. פון דעם גאַנצן שפּיטאָל וואָס מ׳האָט געהאַלטן אין איבערבויען, איז נאָך דערוויל פאַרבליבן דער פּאַוויליאָן פון דער געבורט־אָפּטיילונג און דער קליינער קלויסטער. פון אַ קאָלירטן פענצטער פון אָט דער קאַפּליצע, האָט זיך געטיקט אַ פייערל, אַפּנים פון אַ נר־תמיד אַנטקעגן אַ הייליק בילד. דער גאַנצער אַרום איז געווען איינגעהילט אין אַ מין טויטע שטילקייט, און פון צייט צו צייט האָט זיך אַהין דערטראָגן דער גערויש פון דעם „זעכצענער" טראַמוויי, וואָס גייט אויף דער גאַס ריאָכאַ, אָדער פון דעם 84ער אויף מעקסיקאָ.

אין הויף, אויף אַ באַנק, פונקט קעגן דער טיר פון קאָרידאָר, וואָס פירט צו דער „מאַטערנידאַד" (מוטערשאַפט) זענען פינף ייִדישע יונגעלייט געזעסן און געוואַרט מען זאָל זיי אַריינרופן צו „טראַבאַכאָס פּראַקטיקאָס", (פּראַקטישע אַרבעט) וואָס איז באַשטאַנען אין צוזען באַשיינפּערלעך ווי אַ קינד ווערט געבוירן, נאָכפאָלגן דעם גאַנצן פּראָצעס אין דעם שווערסטן מאָמענט ווי אַ נייַ וועזן קלייבט זיך צו איבערטרעטן די שוועל פון לעבן אויף דער ליכטיקער וועלט.

די געבורט־פאַלן קומען פאָר מייסטנס ביינאַכט, דערפאַר זיצן אַמאָל אָפּ דאָרטן סטודענטן גאַנצע נעכט, ביז עס פאַרגלוסט זיך אַ געווינערין גיין צו קינד. אַמאָל איז דאָס וואַרטן אומזיסט, מוז מען אַ צווייטן אָדער אַ דריטן מאָל קומען, ביז גאָט העלפט...

אונדזערע פינף סטודענטן זענען שוין געזעסן און געוואַרט אַ היפּש ביסל שעהן. געוויינלעך האָט מען גערעדט, געפּלוידערט פון פאַרשיידענע זאַכן, פון מאַטעריעס פון עקזאַמענס, מען איז איבערגעגאַנגען, ווי דער שטייגער איז, צו פּיקאַנטע אַנעקדאָטן, וואָס האָבן אַרויסגערופן געלעכטער.

ריקאַרדאָ איז געזעסן אַביסל אָפּגעזונדערט פון דער חברה און נישט אָנטייל גענומען אין דעם דאָזיקן פלאַפּל, ער איז געזעסן פאַרטיפט ווער־ווייסט אין וועלכע מחשבות.

— וואָס ביסטו אַזוי פאַרטראַגן, ריקאַרדאָ? — האָט זיך בערנאַרדאָ אָנגערופן.

ריקאַרדאָ האָט זיך ווי פון אַ שלאָף אויפגעכאַפּט און אַ זאָג־געטון:

— נישט שטענדיק קען מען זיין אויפגעלייגט, גוטער ברודער. בפרט, ווען דו געפינסט זיך אויף אַזאַ אָרט וואָס דערמאָנען דיך זאַכן וואָס דו האָסט דורכגעלעבט און עס שווימען אַרויף אויף דיין דמיון טראַגישע בילדער.

— וואָס אַזוינס, אַ שטייגער? אַדרבה, לאָמיר הערן, — האָט לעאָן זיך אָנגערופן, צוטראַגנדיק דאָס אָנגעצונדענע שוועבעלע צום ציגאַר וואָס ער האָט געהאַלטן אין מויל — זאָל זיך אונדז דאַכטן, אַז מיר זיצן אין פינצטערן חדר בעת דער רבי איז אין שול ביי מנחה־מעריב און מיר דערציילן זיך מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט.

די חברה האָבן אַריינגענומען ריקאַרדאָן אין דער מיט; און ער האָט אָנגעהויבן:

— אָט אַזאַ מילדע פרילינג־נאַכט איז אויסגעפאַלן אין יענעם מוצאי יום־כיפור. מיין מוטער, זאָל לעבן, איז אַריינגעפאַלן אין שטוב אַ אויסגעמאַטערטע פון תענית מיט אַן אויסגעווייינט פּנים און פאַרשוואָלענע אויגן, מיט אַ פאַרטעמפּטן קול האָט זי אונדז, קינדער, אָפּגעגעבן דעם גוט יום־טוב, האָט אַוועקגעשטעלט דעם שווערן מחזור אין ספרים־שאַפע און מיר האָבן אין אַ געשפּאַנטער שטילקייט גענומען אָפּפאַסטן. דער טיש מיט די צוגעגרייטע מאכלים איז נאָר געווען באַלויכטן פון די צוויי אָנגעצונדענע ליכט אין די מעשענע לייכטער, — אַזוי האָט די מאַמע געוואָלט. זינט דער טאַטע איז נישטאָ אין דער היים האָט זי נישט דערלאָזט, אַז ס׳זאָל זיין צו פיל ליכטיק אין שטוב. אַפילו אין די יום־טובים.

— קינדער, — האָט זי טרויעריק גענומען רעדן אין מיטן עסן, — אין אַזעלכע הייליקע טעג ליגט אייער טאַטע אויף זיין טויטן בעט אין שפּיטאָל צווישן גויים.

אויך אַמאָל, אין דער אַלטער היים, דאָרטן אין רוסלאַנד, פלעגן מיר אין די ימים־נוראים פראַווען אונדזערע טישן אָן דעם טאַטן. אָבער דאָס איז געווען דערפאַר וואָס ער פלעגט זיין אַ שליח־ציבור, ערגעץ אין אַ דאָרף. ווען דער חודש אלול פלעגט קומען, פלעגט אונדזער שטוב אָנגעפילט ווערן מיט געזאַנג און תפילות, דאָס האָט אונדזער טאַטע זיך געגרייט צום עמוד דאַווענען פאַר אַ פאַר מנינים ייִדן וואָס לעבן אין עטלעכע נאָענטע דערפער צווישן גויים. אויף מאָרגן נאָך יום־כיפור, פלעגט ער קומען אַהיים אַ צופרידענער וואָס ער האָט מקיים געווען אַזאַ גרויסע מצוה.

היינטיקן חודש אלול איז אונדזער פאָטער אינטערנירט געוואָרן. יעדן דאָ־נערשטיק און זונטיק קומען מיר אים מבקר־חולה זיין אין שפּיטאָל „דוראַנד״. מיר זעען, אַז ער גייט אויס ווי אַ ליכט.

נעכטן, האָב איך מיט טרערן אין די אויגן זיך קוים איינגעבעטן, אַז מען זאָל מיך צו אים צולאָזן... ער האָט מיך שוין נישט דערקענט...

די מאַמע האָט זיך געשטיקט מיט די טרערן און האָט צוגעגעבן:

— איך האָב מורא, אַז... היינטיקע נאַכט...

— נו, זאָל זיין געזונט, מאַמע, — האָב איך מיך אָנגערופן — איך לויף שוין אין שפּיטאָל זען וואָס ער מאַכט, מיך וועט מען צולאָזן צו אים, ווייל איך בין דאָך אַ סטודענט פון מעדיצין.

איך האָב מאַרעקט, ווי די מאַמע איז געבליבן זיצן ווי אַ צעמישטע. אירע טרערן־אָנגעפּילטע אויגן זענען ברייט אָנגעשטעלט געוואָרן אויף מיר, צווי רויטע פלעקן האָבן זיך באַוויזן אויף אירע באַקן און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי מיט פאַרדרוס אַ זאָג־געטון:

— אויב אַזוי, האָסטו דאָך געקאָנט זיין אַלע נעכט אַ פּאָר שעה אַרום טאַטן. ער וואָלט זיך מחיה־געווען ווען עמעצער פון אונדז זאָל קאָנען זיין אַלע טאָג, אַפילו אַ ווײַלע לעבן אים.

זי איז צוגעפאַלן מיטן פּנים צום טיש און האָט ווײנענדיק געשעפּטשעט:

— אוי, קינדער, קינדער...

אויף איר קוקנדיק, האָבן זיך די צוויי שוועסטערן מײַנע אויך צעוויינט, פּונקט ווי מיין פאָטער זאָל שוין געווען ליגן פאַר אונדז אַ טויטער.

מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ און פייכטע אויגן, בין איך אַרויס פון שטוב, זיך געלאָזט גיין צום שפּיטאָל דוראַנד, אַכט קוואַדרעס פון אונדזער וווינונג.

די וויזשאַ־קרעספּער יידישע גאַסן זענען געלעגן שטיל, פּונקט ווי אונדזערע אַמאָליקע קליינע שטעטלעך אין רוסלאַנד, אין דער נאַכט פון מוצאי יום־כיפּור, נאָך דעם שווערן תענית.

די מאַמע האָט נישט געוווסט, — האָב איך געטראַכט, — אַז אַלע טעג, ווען איך האָב אַ פרייע מינוט, בין איך ביים טאַטן אין שפּיטאָל. איך קום אַהינצו ביי־טאָג, איך פאַל אַהין אַריין ביינאַכט, ווען עס בלייבט מיר נאָר איבער צייט, בכדי צו העלפן אים אין זיינע גרויסע יסורים.

דער „טומאָר״ וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אויף זיין רוקנביין האָט זיך וואָס אַמאָל טיפער איינגעשניטן אין דעם חוט־השדרה, ביז דער דאָזיקער נערוון־אַקס איז אין גאַנצן איבערגעשניטן געוואָרן (מיעליטיס טראַנסווערסאַ), אַזוי, אַז די אונטערשטע העלפט פון קערפּער, איז געוואָרן פולשטענדיק פאַראַליזירט און אַנעסטעזירט. ווי צוויי טויטע קלעצער זענען געלעגן זיינע פיס קאַלט און פאַר־גליווערט, מען וואָלט זיי געקאָנט אַפילו אויף שטיקער צעשנײַדן און קיין סימן

פון ווייטיק וואָלט מיין אומגליקלעכער טאַטע נישט געפילט. ער האָט אויך נישט געפילט זיינע אָרגאַנישע באַדערפעניש, און זייענדיקביים פולן באַוווסטזיין, קאָנט איר זיך שוין פאָרשטעלן, חברים, אַז דער טויט וואָלט אים געווען מער ניחא ווי אַזאַ לאַנגע גסיסה. מיינע אַלע געדאַנקען זענען געווען פאַרנומען מיט מיין טאַטן, זינט יענעם בייטאָג וואָס איך בין אומגעריכט צוגעקומען צו זיין בעט אין אַ מאָמענט ווען דער קאַבאָ האָט אים געהאַלטן אין אַרומרייניקן און קורירן זיין „עסקאַראַ דע דעקוביטאָ״ (אַ ווונד, וואָס ווערט אויף אַן אָרט פון קערפּער פון כסדר ליגן). בכלל איז יענע פּאַלאַטע פון קלינישע נערוון־קראַנקע געווען עפּעס אַ מין גהינום. אויף יעדן בעטל איז געלעגן אַן אָפּגעלעבטער מענטשלעכן שאָטן פאַר וועלכן די מעדיצין איז אומבאַהאָלפן. די אינטערנירטע האָבן אויסגעזען ווי סקעלעטן אין וועלכע עס טליִעט אַ פאַרשאָלטענע נשמה וואָס קומט אָפּ איר חיבוט־הקבר אויף דער וועלט. מען האָט דאָרט כסדר געהערט קרעכצן, פאַר־שטיקטע געוויינען און בייזע אַרויסגעפּראַלטע געלעכטערס.

אַ טייל קראַנקע, האָבן זיך כמעט האַלב־נאַקעטע געדרייט און געקאָרטשעט אויף זייערע אומריינע ברודיקע געלעגערס, ווי עפּעס פאַרקריפּלטע און צע־דרייטע באַשעפענישן. אַרויסלאָזנדיק בעת־מעשה מאָדנע מרוקעס, וואָס האָבן מיך אויפגעשוידערט. דורכשפּרייזנדיק צווישן בײדע רייען, האָט מען געקאָנט אויפכאַפּן פון יעדן בעטל אַ באַזונדער איבלענדיקן גערוך; דאָ, דער ריח פון אַסע־טאָן, דאָרט, פון אַן אייטערדיקער ווונד און אַ ביסל ווייטער — דער עיפּוש פון אַן איינגעריכטן, וואָס וואַרט אַז עמעצער זאָל אים אַרומרייניקן; און פון אַ טייל בעטן האָט זיך געטראָגן דער געשטאַנק פון אורין־באַנעצטע מאַטראַצן, אָדער פון אָנגעפולטע „פּאַפּאַגאַראָס״ (רענאַלן אַזעלכע, געמאַכט פון גלאָז אין דער פאָרם פון אַ פּאָפּוגיי) וואָס ליגן ביי די פּאַראַליזירטע קראַנקע צווישן די פיס...

און אין אַזאַ סביבה, טויזנט מאָל ערגער ווי אין הקדש, האָב איך געזען אָפּקומען מיין טאַטן זיינע לעצטע טעג און נעכט. ער האָט שטאַרק געליטן סיי פיזיש און סיי גייסטיק. ביז דעם לעצטן טאָג, איז ער געווען ביים פולן באַוווסט־זיין. און דער דאָזיקער טאָג, איז אויסגעפאַלן פּונקט יום־כיפּור. יענעם גאַנצן טאָג בין איך געווען לעבן אים. זיין איינגעפאַלן פאַרמעט־פּנים האָט אויסגעזען ווי פון וואַקס אויסגעגאָסן, קיין שטריך פון לעבן האָט זיך אויף זיין געזיכט געמערקט, די אויגן זענען מאָדנע אויף אַ זייט געבליבן שטיין און האָבן אַפילו קיין פּינטל נישט געטון. דאָס מויל זיינס איז געווען ברייט צעעפנט, ווי ביי אַלע ביי וועלכע די נשמה דאַרף אַרויס. בלויז דער ברוסטקאַסטן האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ און האָט נישט צוגעלאָזט דעם געדאַנק, אַז מיין טאַטע איז טויט.

אַרום האַלבן טאָג, האָב איך דערזען שטיין ביי זיין בעט דעם פּראָפעסאָר עסטעוועס, שעף פון יענעם גהינום... ער גופא, האָט אויסגעזען אין זיין ווייסן כאַלאַט און קיילעכדיק ווייס מיצל און גרוי בערדל, ווי אַ גייענדיקער בר־מינן

אין תכריכים, זיינע, אין קאָפּ איינגעזונקענע מיט שוואַרצן אַרומגענומענע אויגן, האָבן אויף מיר געקוקט.

— דו לײַדסט מער פון אים, — האָט דעם פּראָפעסאָרס אַלט און שוואַך קול ווי פון אונטערן דעק פון אַ טרומנע זיך געהערט. ער האָט מיך געגומען טרייסטן: — די זקנים און כראָניש־קראַנקע באַגעגענען דעם טויט מיט פרייד, ווייל ער ברענגט זיי אַ דערלייזונג און אַ דערלייכטערונג פון אַזאַ יסורימדיקער און שווע־רער לאַסט וואָס זיי קאָנען שוין נישט מער דערטראָגן. דאָקטער דזשאָן א. ריילע פון דעם באַרימטן לאָנדאָנער שפּיטאָל „גואי" זאָגט, אַז שטאַרבן איז נישט אַזוי שרעקלעך ווי מ'האָט אונדז געמאַכט גלייבן. דאָס רוב לײַדן די צושויער פון טויט מער ווי דער גוסס אַליין.

זיי שרעקן זיך פאַר דעם געדאַנק,אַז זיי וועלן אַזוי לײַדן ווען דער לעצטער מאָמענט זייערער וועט קומען. ביים געזעגענען זיך מיט זיינע פריינט און קרובים פילט אפשר דער גוסס אַ באַגער צו לעבן, אָבער נישט קיין פחד.

דער טויט — זאָגט דאָקטער אַלפרעד וואָרצעסטער, קאַטעדראַטיקער פון האַרוואַרד־אוניווערזיטעט, — קומט שטענדיק דעם שטאַרבנדיקן אַנטקעגן מיט אַ פּערפעקטן פאַרלאַנג זיך איבערצוגעבן צו אים. קיין אַנדער זאַך האָב איך אין פאַרלויף פון זיין לאַנגיעריקער פּראַקטיק נישט באַמערקט.

וויפל דער חולה האָט געליטן יסורים, גייען פאַרביי זיינע לעצטע שעהן דורך אַ פּעריאָד פון אויסערגעוויינלעכער שלווה, און אָפטמאָל, פאַלט ער אַריין אין עקסטאַז און אַנטציקונג. אַלע פּראָמינענטע באַאָבאַכטער זענען איינשטימיק, אַז דאָס לעבן ערב דעם טויט איז נישט בנמצא נאָר אין דער פאַנטאַזיע. אמת, עס טרעפט זיך אָפטמאָל, אַז אויף דעם געזיכט פון דעם גוסס באַווייזן זיך קראַמפּן וואָס צעקרומען עס און רופן אַרויס טיפן מיטלייד און שרעק ביי די צושויער, מיינענדיק אַז ער לײַדט שטאַרק, אָבער אין דער אמתן, פילט ער גאָרנישט.

די מינעס וואָס באַווייזן זיך פאַרן טויט זענען אומווילנדיקע מוסקולאַרע אָנ־געצויגנקייט אויף דעם פּנים פון וועלכע דער שטאַרבנדיקער האָט נישט דעם מינדעסטן באַגריף. פּונקט ווי עס באַווייזן זיך גרימאַסן אויף אַ נאָרמאַלן שלאָפנ־דיקן מענטשן, וועלכער פילט אַבסאָלוט נישט קיין ווייטיקן.

די בעסטע עדות, וואָס דאָס שטאַרבן איז, זענען בלי שום ספק די דאָק־טוירים וואָס האָבן געהאַלטן פאַרן טויט און האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט.

איינער פון זיי, וואָס האָט באַקומען אַ האַרץ־אַטאַקע פון וועלכע ער איז קוים מיטן לעבן אַרויס, האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיך דערפילט, ווי אין עפּעס אַ שי־כורן צושטאַנד, הגם זיינע באַוועגונגען, האָט זיך געדאַכט, דריקן אויס גרויסע יסורים.

דריי דאָקטוירים וועלכע מען האָט אָפּגעראַטעוועט פון געפאַר דערטרונקען צו ווערן, האָבן פאַרזיכערט, אַז נאָך דעם ערשטן פאַרלוירענעם קאַמף מיטן ים,

ווו זווי האָבן זיך געבאָדן, האָבן זיי געפילט אַן אַנגענעמען פאַרלאַנג אַנטשלאָפן צו ווערן. „וויליאַם הונטער", דער געניאַלער אַנאַטאָמיסט פון דעם אַכצנטן יאָר־הונדערט, האָט געשעפטשעט פאַרן אויסהויכן זיין לעצטן אָטעם־צוג: „ווען איך זאָל האָבן כוח צו האַלטן אַ פען אין האַנט, וואָלט איך געשילדערט ווי גרינג און ווי אַנגענעם איז דער מאָמענט פון שטאַרבן".

עפעס ענלעכעס האָט געזאָגט פאָל סקאַראָן, אַ פראַנצויזישער דיכטער, איידער ער איז אויסגעגאַנגען:

„אין גאָטעס ווילן, איך האָב מיר קיינמאָל בישט פאָרגעשטעלט אַז „דאָס" זאָל זיין אַזוי וווּנדערבאַר גרינג! אויב איך וועל נאָר געזונט ווערן, וועל איך דאָס אָפּשפּעטן פון דעם טויט, גאָטעניו".

די לעצטע טענער פון אַ האַרץ וואָס גייט זיך אָפּשטעלן, ווערן וואָס אַמאָל שוואַכער און דאָס בלוט פליסט וואָס אַ רגע ווייניקער דורך דעם קערפּער. דאָס לעבעדיקע פייערל הייבט זיך אָן וואָס אַמאָל מער לעשן. און עס ווערן פון מינוט צו מינוט אַלץ טעמפּער די חושים.

דערפאַר ווערן פאַרשווונדן, אין דעם לעצטן גסיסה־פעריאָד די שטאַרקסטע ווייטיקן וואָס דער חולה האָט געליטן און ער ווערט אַריינגעפירט אין אַ וועלט פון באַרמהאַרציקער שלום ושלווה.

מעגלעך, אַז ווען עס הייבט אָן צו פעלן דער זויער־שטאָף אין מוח, הערט מסתמא דער חולה קלונגען גלעקער וואָס עקזיסטירן נישט. אָדער עס נעמט בליצן פאַר זיינע אויגן, אפשר דערפילט ער זיך אין דעם מאָמענט אַביסל אומ־רויִק. אָבער ביסלעכווייז זינקט ער אין דער טיפער אייביקייט אָן יסורים און אָן קיין שום שפּירונג.

דאָס פאַרלירן דעם באַוווּסטזיין פאַרן טויט, איז נישט אַנדערש ווי עס קומט פאַר פאַרן נאַרמאַלן איינשלאָפן.

פּראָפעסאָר עסטעוועס האָט פאַר מיר געהאַלטן די דאָזיקע לעקציע וואָס וואָלט פאַר מיר געווען זייער באַלערנדיק און אינטערעסאַנט אין אַ קלאַס צווישן אַ גרויסער צאָל מיטשילער, אָבער שטייענדיק דאָ ביי מיין טאַטנס טויטן־בעט, זענען זיינע ווערטער געפאַלן אויף מיין געמיט ווי שווערע שטיינער. איך בין געשטאַנען מיט די אויגן אַראָפּגעלאָזט, ווי עפּעס אַ פאַראורטיילטער און אַ פאַר־שעמטער. נאָכדעם וואָס דער פּראָפעסאָר האָט אַביסל זיין אָטעם אָפּגעכאַפּט האָט ער זיך ווידער געלאָזט הערן מיט נישט קיין דאָזיקע שטימע, אָנווייזנדיק מיט אַ פינגער אויף מיין פאָטער.

— ער וועט אַריינציִען ביז אין דער נאַכט אַריין. דער מנהג איז, אַז די נשמה זאָל אַרויסבאַגלייט ווערן מיט דער הילף פון דער הייליקער רעליגיע...

איך האָב אויפגעשליידערט. נישט איין מאָל האָב איך די דאָזיקע צערעמאָניע דאָ אין דעם הקדש צוגעזען: פאַר אַלעמען אין די אויגן שטייט דער גלח ביים

צוקאָפּנס פון אַ גוסס. ער, דער גלח, גייט אָנגעטאָן אין אַ קאַטויילישן קיטל, אַ שמאָל טליתל און אין אַ רויטער יאַרמלקע, ער האַלט אין איין האַנט אַ צלם און אין דער צווייטער האַנט דאָס תפילה־ספרל און זאָגט פּסוקים פון „צדוק הדין" אויף זיין שטייגער; אויף דער צווייטער זייט בעט, אַנטקעגן דעם גלח, שטייט אַ מאַנאַשקע מיטן פּנים אונטער די פליגלען פון איר ווייסן שטייפן קאָלנער. אַ קאַנדעלאַבער מיט דריי אָנגעצונדענע ליכט, האַלט זי אין איין האַנט און אַ בעכער מיט „אַליעאַ־סאַגראַדאַ" (הייליקן בוימל) אין דער צווייטער.

לאַנג געדויערט די דאָזיקע סצענע וואָס יעדער אינטערנירטער קוקט צו, ווויסנדיק אַז אין אַ ליאַדע טאָג וועט זי פּאַרקומען ביי אים אַליין.

מען זעט ווי דער גייסטלעכער טינקט איין אַ פינגער אין דעם בעכער וואָס די מאַנאַשקע האַלט, און ער באַנעצט דעם קראַנקנס שטערן, די אויגן־דעקלעך, די ליפּן, און די פּיאַטעס. לסוף בייגט דער גלח זיך צו און שושקעט אַריין דעם גוסס אין אויער ווערטער וואָס קיינער הערט נישט און די „עקסטרעמאָאונסיאָן" איז געענדיקט.

דעם פּראָפעסאָרס רייד האָבן מיך אויפגעטרייסלט אין פיבער. איך האָב אויף אים אַ קוק־געטון און דערזען ווי זיין בר־מינן געשטאַלט באַקומט דעם אויס־זען פון עפּעס אַ מין מעפיסטאָפל, מיט אַ צעפּאַלדעוועטן שטערן, אויפגעהויבענע ברעמען און אויסגעשטאַרצטע אויגן און אויסגעשטשערעטע ציין.

— ניין, ניין! הער פּראָפעסאָר! מיר זענען נישט קיין קאַטאָליקן, האָב איך אויסגעשריען. ביי אונדז איז מען זיך אַנדערש נוהג...

— אַם... אומגלויביקע?... — האָט ער ווי צו זיך גערעדט — נעם־זשע אים אַהיים צו זיך, זאָל ער דאָרטן פּאַרענדיקן...

— נאָך זון־אונטערגאַנג, וועל איך דאָס טון, הער פּראָפעסאָר. איצט נישט, — האָב איך זיך ביי אים געבעטן.

ער האָט צוגערופן דעם קאַבאָ און האָט אים איינגערוימט עפּעס אין דער שטיל.

דער קאַבאָ האָט אָנשפּאַרנדיק זיך אויף דער פּאַרענטש פון דעם טאַטנס בעט און קוקנדיק בעת־מעשה אויף אים, אַ שאָקל־געטון מיטן קאָפּ, ווי איינער זאָגט: ער האָט פאַרשטאַנען און ער וועט עס טון.. און בײדע זענען זיי אַרויס פון דער פּאַלאַטע.

איצט האָב איך מיר פאַרנומען נישט אָפּצוטרעטן פון טאַטן ביזן סוף. מיט מסירת־נפש וועל איך רעאַגירן אויף יעטוועדן פּרוּוו צו פּאַרשוועכן זיין ײדישן כבוד אין אָט דעם יום־הדין.

ווי אייביקייטן האָבן זיך געצויגן די שעהן. איך בין וואָס אַמאָל מער אומ־רויִק און נערוועז געוואָרן. איך האָב געטראַכט: — ווען ײדן וועלן גיין פון די

שולן וועל איך גאָר קומען מיטן אַמבולאַנס, ברענגענדיק דעם טאַטן אין אַזאַ צושטאַנד? ווי, וואָס פאַר אַ בייזער גורל! ניין, איך קאָן דאָס נישט טון, איך קאָן דאָס ביי מיר נישט פועלן.

איך בין אַרויס פון שפּיטאָל ווען אין דרויסן איז שוין געווען טונקל און אין איך אָטעם בין איך געלאָפן אַהיים וואַרטן ביז די מאַמע וועט פון שול קומען. איך וועל איר געבן עפּעס אָנצוהערן. אָבער ווען איך האָב זי דערזען אַריינקומען, אַזוי צוזאַמענגעבראָכן, האָב איך ווידער מיך פאַרעקשנט און נישט געזאָגט איר, אַז דעם טאַטן האָב איך היינט געזען דעם גאַנצן טאָג אין אַזאַ עקסטרעמען צושטאַנד.

לויפנדיק צוריק אין שפּיטאָל, נאָך דער וועטשערע, האָב איך געטראַכט, אַז איך וועל שוין געוויס טרעפן מיין טאַטן אַ טויטן.

ווען איך האָב איבערגעטראָטן די שוועל פון דער פּאַלאַטע, האָב איך באַמערקט ווי דער קאַבאַ פאַרעט זיך ביים טאַטנס בעט. אויף דעם מאַטראַץ איז געלעגן איינגעוויקלט ביז איבערן קאָפּ מיט אַ ווייסן ליילעך מיין פאָטערס טויטער קערפּער. עס האָט פּלוצים אויפגעטויכט אין מיין זכרון עפּעס ענלעכס וואָס איך האָב מיט אַ פופצן יאָר צוריק געזען ביי אונדז אין קליינעם שטעטל:

מוצאי יום־כיפור, דער טאַטע איז אין דער היים נישטאָ. איך ווער אַנט־שלאָפן ביים טיש אין מיטן דער וועטשערע...

איך כאַפּ מיך אויף ביינאַכט, ערשט איך ליג אין בעט. די טיר פון אַלקער איז אַביסל אָפן. אַ מאָדנע שיין זע איך אין „סטאָלאָווע". איך קלעטער אַראָפּ פון בעט. דורך דער אָפענער טיר, דערזע איך אַ שרעקלעכע זאַך: אויף דער ערד ליגט אַ מענטש איינגעוויקלט אין אַ ליילעך. עס זען זיך אַרויס זיינע צוויי נאַקעטע פיאַטעס, אַרום זיין צוקאָפּנס ברענען ליכט...

— טאַטע! טאַטע! — שריי איך אַ דערשראָקענער, — מאַמע, ווי ביסטו?!

איך דערהער איר קול און דערזע זי, אָנגעשפּאַרט אין בעט ווו מיינע שוועסטערלעך און איך זענען געשלאָפן איז זי אויך געשמאַק איינגעדרימלט גע־וואָרן. איצט האָט זי זיך אויפגעכאַפּט.

דער טאַטע?! — פרעג איך אָנוויינענדיק אויפן דיל פון דער „סטאָלאָווע".

— חס ושלום, קינד, — כאַפּט זי מיך אַרום, דער טאַטע איז אין צווייטן אַלקער.

און זי דערציילט מיר, אַז אין דאָרף ווו ער האָט געדאַוונט די ימים־נוראים, איז ביים דאַוונען פּלוצים געשטאָרבן אַ דאָרפס־ייִד, האָט מען אים געבראַכט אַהער צו קבורה אויף אונדזער „גוטן אָרט"... ליגט ער דאָ ביי אונדז אין שטוב איבער די נאַכט.

עס באַווייזן זיך צוויי געזונטע דאָרפס־ייִדן וואָס זענען אפנים געזעסן אַרום דעם מת און איך באַרויִק זיך.

אָט־אָ די פאַסירונג איז מיר פלוצים געקומען אויפן געדאַנק, ווען איך בין אַריינגעפאַלן אַ פאַרסאַפּעטער אין דער פאַלאַטע און געזען אויף דער אמתן מיין פאָטערס גוף איינגעהילט אין ווייסן ליילעך. אַ בייזער צופאַל: אויך אין אַ מוצאי יום־כיפור. אין אַ גהינום צווישן גוים, אין אַ מקום באַהאַנגען מיט צלמים און איקאָנעס.

פאַרוואָס און פאַר וועלכע זינד איז עס אים געקומען?

מיין גאַנץ לעבן וועט דאָס מיר שטיין פאַר די אויגן. אָט־אָ דער שרעקלעכער און בייזער צופאַל.

אַ קאַפּריז

דער אַלטער האָט מיך אַריינגעפירט אין זאַל. ער האָט אָנגעצונדן דעם הענג־לאָמפּ און איז געבליבן שטיין ווי עפּעס אַ צעטומלטער אין גרויס פאַרלעגנהייט.

— האָט נישט קיין פאַריבל, פאַניע דאָקטער, — האָט ער אָנגעשטעלט זיינע וואַסערדיקע בלויע אויגן אויף מיר, און אינדערשטיל אַ זאָג־געטון — איך האָב נאָרוואָס נאָכאַמאָל צו אייך טעלעפאָנירט, אַז איר זאָלט קומען אַביסל שפּעטער... אָבער איר זענט שוין געווען אַרויסגעפאָרן.

ער האָט אַ קוק־געטון אויף דעם זייגער אין ווינקל און האָט ווידער זיך אָנגערופן:

— עס פעלט נאָך אַ דריי־פערטל שעה.

— אַ דריי־פערטל שעה צו וואָס? — בין איך נייגעריק געוואָרן.

דער אַלטער האָט אַ ווונק־געטון אין דער ריכטונג פון דערבייאיקן צימער און האָט מיט זיין טעמפּן ציטערדיקן קול געגומען מיר דערקלערן:

— זי איז די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, זי האָט נישט געקאָנט אָטעמען, ממש מיט דער נשמה געפּאָכעט, און דאָ איז דער מאַן אירער, מיין איידעם אונ־טערוועגס, איר שטוב־דאָקטער איז אויף וואַקאַציעס אין מאַר דעל פּלאַטאַ, האָב איך אייך געמוזט אַזוי פרי „מאַלעסטירן" (באַלעסטיקן). איך בין אָפּגעזעסן נעבן איר די גאַנצע נאַכט. איך האָב געמיינט אַז אָט־אָט ענדיקט זי זיך. איך האָב נאָך זי אין אַזאַ צושטאַנד קיינמאָל נישט געזען. נאָר צוריק מיט אַ האַלבער שעה, באַלד נאָכדעם ווי איך האָב אייך אַרויסגערופן, האָט זי זיך דערפילט אַביסל בעסער.

— פאַרדריי די „לוס", טאַטע — האָט זי זיך ביי מיר געבעטן, — לאָז מיך שלאָפן.

איך בין געבליבן זיצן אין דער פינצטער נעבן איר ביז איר האָט אָנגע־קלונגען.

דער אַלטער האָט זיך שווער אויפגעהויבן פון זיין שטול און האָט זיך אויף די שפּיץ פינגער צוגעשאַרט צו דער טיר וואָס פירט פון זאַל אין שלאָף־צימער.

ער האָט זי פּאַמעלעך אויפגעעפנט אַביסל און האָט זיך, שטייענדיק איינגעהוי־קערט, צוגעהאָרכט.

— אַ שאָד, אויף מיין וואָרט כ׳לעבן, אַן עבירה זי אויפצווועקן. די שלאָפט אַזוי געשמאַק, — האָט ער מיט גרויס הכנעה זיך צו מיר געווענדט, — זייט נישט ברוגז, דאָקטער, עס פעלט שוין נישט מער ווי אַ האַלבע שעה. זי האָט מיר אַזוי געבעטן אַז איך זאָל זי צורו־לאָזן אַ פּאָר שעה, אפשר האָט איר דערווייל אַן אַנדער חולה צו באַזוכן, ביז...

— איך וועל גערן וואַרטן, — האָב איך אָננעמענדיק זיין האַנט אַ זאָג־געטון — ביטע זעצט זיך אַנידער.

אַ וואַקלדיקער האָט ער זיך צוגעשלעפּט צו אַ קאַנאַפּע און האָט זיך אַן מאַכט אַראָפּגעלאָזט.

ער האָט אויסגעזען פון אַ יאָר פינף־און־זעכציק. ער האָט געטראָגן אַ שוואַר־צע יאַרמלקע אויף דעם קאָפּ און אַ שלאָף־ראָק, ענלעך צו אַן אַטלעסענע קאַ־פּאָטע, אַרומגענומען מיט אַ שוואַרצן גאַרטל.

אונטער זיינע צוויי גוטמוטיקע און נעבעכדיקע בלויע אויגן האָבן אַראָפּגע־האַנגען טאָרבעלעך ווי מיט וואַסער אָנגעפּולטע בלעזלעך. אַ געדיכט און אַרומ־געשערט דרייקאַנטיק בערדל און גראָבע וואָנצעס האָבן זיין אַלט פּנים צוגעגעבן אַ בכבודיקן אויסזען. — פּאָר אַזאַ זקן, — האָב איך בעת־מעשה געטראַכט — וואָלט אַבי ווער אַפילו אין פייער געלאָפן.

איך האָב גענומען אַרומשפּרייזן איבער דעם זאַל אויף ווייכע טייערע טעפּי־כער אַרום אַ לאַנגן טיש פון עכטן ניסן־האָלץ אין פראַנצויזישן סטיל, אַרומגע־רינגלט פון שטולן מיט גרינעם פּליוש אויסגעבעט.

דעליקאַטע ראָזעווע פּאַרהאַנגען מיט כלערליי אויסגעפּאַרבטע בלומען האָבן באַצירט די צוויי גרויסע זאַל־פענצטער.

די שיין פון דער נאָרוואָס אויפגעגאַנגענער זון האָט זיך אַריינגעזיפּט און באַגאָסן אַלץ וואָס האָט זיך דאָרט געפונען מיט אַ שלל פון פאַרב און גלאַנץ.

פון גלעזערנע אַלמערס האָט ווי דורך אַ כישוף, גענומען שימערירן מיט פינקלדיקע רעגנבויגן־קאָלירן פון דעם קרישטאָלענעם גלאָזוואַרג וואָס האָט זיך דאָרט געפונען.

אַ מאָדנער אָנגענעמער קלאַנג האָט ציטערנדיק אַ כוואַליע־געטון נאָענט פון מיר. דאָס האָט אין אַ ווינקל אַ טורעם־זייגער פון אַ מעטער די הויך, אויסגע־שלאָגן זעקס.

זיין ציפערבלאָט האָט אַ בלישטשע־געטון פאַר מיינע אויגן, בעת דער זיי־גער האָט געהאַלטן אין ציילן די שעה. אַ לאַנגער אומרו האָט זיך באַוועגט הין און צוריק, באַגלייט מיט אַ טיק־טאַק. אויף אַ ווײַלע האָב איך פאַרגעסן, אַז איך געפין מיך דאָ צוליב אַ חולה...

פּלוצים דערהער איך דעם אַלטנס פאַרשטיקט הייזעריק קול:

— היינט לאָז מיך צורו, גיטעלע, אונדזער טאָכטער איז שלאָף.

איך האָב מיך האַסטיק אַ קער־געטון און דערזען ווי דער אַלטער שטייט און רעדט צו דער וואַנט. אויסער אונדזביידן איז קיינער נישט געווען אין זאַל.

— מיט וועמען טענהט איר זיך אויס? — האָב איך אים אומישנע אַ פרעג־געטון:

— אַ?... וואָס?... הם... — האָט ער געגומען שטאַמלען, די מאַמע אירע, זאָל זיך מליצן, קומט מיר לעצטנס אָפטמאָל פאַר די אויגן.

—שוין לאַנג, אַז זי איז געשטאָרבן?

— איין־און־דרייסיק יאָר. אויף מיינע הענט איז זי אויסגעגאַנגען, דער טויט איז אויף איר געקומען פּלוצים, אומגעריכט. אין יענער ווינטער און פינצ־טערער נאַכט האָב איך מיך אויפגעכאַפּט. דורכן שלאָף האָב איך דערהערט איר גערעַנגל מיטן מלאך־המוות.

זי האָט געכאָרכלט ווי אַ נישט־דערקוילעטע באַשעפעניש און זיך געוואָרפן ווי איינע וואָס מען האַלט אין דערוואָרגן...

ווען איך האָב ליכטיק געמאַכט אין צימער, האָבן שוין אירע שיינע אויגן געקוקט פאַרגלאָזט און גאַרנישט געזען. פון איר אָפענעם מויל האָט געשלאָגן אַ געדיכטע רויטע פּיאַנע.

אויף מיינע באַנומענע קולות אינמיטן נאַכט, זענען זיך צונויפגעלאָפן שכנים. זיי האָבן מיך געטראָפן רייסן שטיקער פון איר לייב און ריטשען ווי אַ ווילדע חיה. זי געוואָלט אָפּשרייען...

דער אַלטער האָט מיט ביידע דלאָניעס אַ פיר־געטון איבער זיינע פאַרלאָ־פענע אויגן. עס איז געווען צו באַמערקן ווי ער שטרענגט זיך אָן צו בייקומען די שטאַרקע ספּאַזמע אין קעל. דאָס האָט אַ היבשע ווײַלע גענומען, ביז ער האָט נאָך אַמאָל צום וואָרט געקאָנט קומען:

— נו, זאָגט אַליין, פּאַניע דאָקטער, — האָט ער הייזעריק גענומען רעדן — קאָן מען אַרויסלאָזן פון זינען אַזאַ איבערלעבונג?

פלאָנטערט זיך כסדר איר געשטאָרבן פּנים פאַר מיינע אַלטע אויסגעלאָשענע אויגן. רעד איך צו איר, ווי צו אַ לעבעדיקע; האַלטן מיך מענטשן פאַר אַן עובר־בטל. אָפטמאָל רעדט זיך עפּעס אַליין אַרויס פון מיר וואָס איך גיב מיר אַפילו קיין חשבון נישט אָפּ. אָט האָט איר אַליין נאָר־וואָס געהערט ווי איך האָב צו איר גערעדט.

אַפילו רחלע, די טאָכטער אונדזערע, וואָס איר וועט באַלד באַטראַכטן, ביי־זערט זיך אויף אויף מיר וואָס איך בורטשע צו זיך אַליין.

וואָס זאָל איך טון? אַז וואָס מיין טאָכטער ווערט עלטער „סאַמעוועט" זי זיך מער אין „איר" און דערמאָנט זי מיר אויף טריט און שריט...

— שוין גענוג, — האָב איך אים איבערגעשלאָגן — עס איז שוין די צייט, לאָמיר אַריין זי באַטראַכטן.

אַ שווערע גערוך פון אַ פאַרשוויצט לייב האָט מיר אין נאָז אַ שלאָג־געטון, ווען מיר זענען אַריין אין שלאָף־צימער. עס איז דאָרט געווען שטאַרק טונקל.

דער אַלטער איז געגאַנגען פאָראויס, ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אין אַ פּיסל פון בעט אַזוי, אַז זיין איינגעהויקערטע פיגור איז צוגעפאַלן צום צופוסנס. אַ שאַרך פון געקראָכמאַליעטן בעטגעוואַנט און אַ שטילער סקריפּ פון מאַטראַץ האָט זיך דערהערט.

אויף דעם קלאָר־ווייסן קישן פון צוקאָפּנס האָט זיך אויסגעטיילט גאַנץ בולט דער פרויס קאָפּ.

איך בין געבליבן שטיין ביי דער טיר, ביז דער אַלטער האָט זיך דערשלאָגן צום נאַכט־טישל און אָנגעצונדן דאָס נאַכט־לעמפּל. ער האָט זיך אָנגעבויגן איר אַריינקוקן אין פּנים. און איז אַ לאַנגע ווײַלע שטיין־געבליבן אין אַ שטאַרק איינגעהויקערטער פּאָזע און געקוקט, ווי איינער וואָס גלייבט נישט זיינע אייגענע אויגן. דערנאָך האָט ער גענומען מורמלען צו איר:

— ווידער אַמאָל, גיטעלע? גיי, בעט איך דיך אין דיין דו אַריין. היינט בין איך פאַרנומען מיט רחלען, אונדזער טאָכטער. זי איז נעבעך שטאַרק קראַנק.

מיט גרויס מי האָט ער זיך אויסגעגלייכט און האָט זיך צו מיר געווענדט:

— נאָך אַ ווײַלינקע, פאַניע דאָקטער; זי איז מסתמא אין צווייטן צימער ביי די קינדערלעך. איך ווייס נישט ווי אַזוי האָט זי געקאָנט אַראָפּגיין פון בעט, אָט וועל איך זי אַריינרופן...

— רחלע, ווו ביסטו? — האָב איך געהערט זיין קול פון אַנדערן צימער.

אָבער רחלע איז שוין איצט דאָ געלעגן, פּונקט ווי מיט יאָרן צוריק די מאַמע אירע, מיט די שיינע אויגן פאַרגלאָזט און פון איר אָפּענעם מויל האָט געשפּאַרט אַ רויטלעכער שוים. איר קערפּער איז נאָך געווען אַביסל וואַרעם, אָבער אין איר ברוסקאַסטן האָט געהערשט אַ שטילקייט ווי אין אַ פּוסטער חורבה; דאָס האַרץ אירס איז אין דעם זעלבן עלטער ווי איר מוטערס, אויף אייביק אַנטשוויגן געוואָרן. אַ קאַפּריז אַזעלכער פון דער מאַמע־נאַטור.

איך האָב איבערגעצויגן מיט אַ ליילעך איר טויטן פּנים און בין אַוועק.

איבער יענעם גאַנצן קוואַרטאַל האָט דאָס קילע פרימאָרגן־ווינטל צעטראָגן דעם אַלטנס באַנומענע קולות. לויפנדיק איבער די צימערן, האָט ער געשריען:
„רחלע! רחלע, ווו ביסטו! רחלע־ע־ע...

די פּאַראַליזירטע און די היטערין

אונטער אַ באַרג שמאַטעס און אַ שווערער פּערענע, איז געלעגן די קראַנקע. מען האָט קוים אַרויסגעזען איר בלאַס איינגעשרומפּן אָפּגעצערט פּנים, מיט די האַלב־אָפּענע אויגן און ברייט־אויפגעריסן ציינלאָזן מויל.

— דאָס האָט איר מיך אַרויסגערופן צו איר אַזוי שפּעט ביינאַכט? — האָב איך זיך געווענדט צו דער פרוי, וואָס איז געשטאַנען נעבן מיר אַ צעשויבערטע ווי זי וואָלט נאָר־וואָס פון שלאָף אויפגעשטאַנען.

— ניין, נישט איך, אירס אַ טאָכטער האָט אייך טעלעפאָנירט. זי וועט דאַ באַלד אַריינקומען — האָט די פרוי געענטפערט און מיר צוגערוקט אַ בענקל. שוין עטלעכע מעת־לעת ווי די קראַנקע טוט נישט צו קיין אויג. זי רעדט, נישט־געשטויגן, נישט־געפלויגן. אָט וויינט זי, אָט לאַכט זי און אָט פאַלט איר איין, אַז מען זאָל זי אָנטאָן און לאָזן גיין צו איר מאַן, ער וואַרט אויף איר ערגעץ־ווו... און דער מאַן אירער געפינט זיך שוין איבער אַ חודש אויפן עולם־האמת.

— און איר? וואָס קערט איר זיך אָן מיטן חולה?

— גאָרנישט. אַ ווילד־פרעמדע בין איך איר. מ'האָט מיך געדונגען אַלס היטערין, מ'צאָלט מיר דערפאַר... דאָס איז אייגנטלעך נישט מיין פאַך. איך בין אַ נייטאָרין. כ'בין אַרויסגעפאַלן פון דער אַרבעט און קיין נייער „טאַזשער" מאַכט זיך נישט אַזוי לייכט...

די פרוי האָט ווייטער גערעדט, און איך האָב זיך דערווייל אַרומגעקוקט איבערן צימער. אויף די ווענט זענען געהאַנגען פאָטאָגראַפיעס פון יונגע פּאָרלעך אין חופּה־קליידער — אַ זכר פון אַמאָליקע געפּראַוועטע חתונות.

פון צווייטן צימער האָט, דורך דער אָפענער טיר, געוויעט מיט פאַרשימלטע ריחות. פון צייט צו צייט האָט זיך פון דאָרט דערטראָגן אַ הוילער שאָרך און אַ דין פּישטשען פון אַרומלויפנדיקע מייזלעך...

— ווי לאַנג, זאָגט איר, איז זי שוין קראַנק? — האָב איך אַ פרעג־געטון דער באַרעדעוודיקער פרוי, וואַרפנדיק אַ בליק אויף דער קראַנקער.

די וועכטערין האָט זיך צוגעשפּאַרט צום צופוסנס פון בעט און גערעדט, ווי פון פיבער פאַר זיך:

— שוין זעקס יאָר ווי זי גייט נישט אַראָפּ פון בעט. זי איז פּאַראַליזירט. דער מאַן אירער איז געווען דער געזונטער און זי — די קראַנקע. ער פלעגט אויפזיין גאַנצע נעכט ביי איר, נישט אָפּגעטראָטן פון איר בעט. בייטאָג פלעגט זיך אַריינכאַפּן אַ טאָכטער, איינע, אַ צווייטע, געהאָלפן דער קראַנקער איבערלייגן אַרומראַמען, געבערענגט עפּעס און אַוועקגעגאַנגען. מיט עטלעכע וואָכן צוריק איז דער אַלטער פּלוצים אַוועקגעפאַלן. מ'האָט אים אין געאייל אַוועקגענומען אין ייִדישן שפּיטאָל אויף „נאַסקע"... די טעכטער זענען געקומען צולויפן אין שפּי־טאָל אַריין. און אין יענער נאַכט טאָקע, ווען דער אַלטער איז געשטאָרבן, האָב איך פאַרנומען זיין אָרט ביי דער פּאַראַליזירטער. זי האָט יענע נאַכט כסדר געהאַלטן אין איין רעדן פון אים. פּלוצים האָט זי מיך מאָדנע דערשטוינט אָנגעקוקט און זיך היסטעריש צעשריגן:

— וווּ ביסטו געווען, צו אַלדי שוואַרצע יאָר?!

— וועמען מיינט איר? — האָב איך אַ פרעג־געטון און געפילט ווי אַ קעלט גייט מיר דורך... כ'האָב זי געוואָלט איבערלאָזן און אַוועק, נאָר עס האָט מיך עפּעס דאָ צוגעהאַלטן ווי מיט אייזערנע צוואַנגען. די קראַנקע האָט אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר אויפגעריסענע אויגן און אַ פליסטער־געטון:

— בייג זיך צו נעענטער זלמן. זע נאָר זע, ביסט דאָך דאָ לעבן מיר...

— זייט רויִק, סעניאָראַ. איך וועל אייך באַדינען, — האָב איך איר געזאָגט. ס'האָט איר פּלוצים גענומען שוידערן, קלאַפּן אַ צאָן אין אַ צאָן.

— ס'איז מיר קאַלט, זלמן, — האָט די אַלטע געשריבן און זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט.

— מיר איז קאַלט און ער כאַליעט דאָרט אויפן געלעגער אַליין... קום אַריין, זלמן, דערוואַרעם מיך אַביסל, איך גיי אויס פון קעלט.

די וועכטערין האָט אַ ווײַלע אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און וואַרפנדיק אַ זייטיקן בליק צו דער קראַנקער, האָט זי מיט מאָדנער צערטלעכקייט געגלעט דעם איבער־בעט, מיט אירע ביידע ציטערדיקע הענט, און נאָכהער פאַרגעזעצט מיט אַ טעמ־פּער שטים:

— איך האָב זי גענומען איינדעקן, אַרויפגעוואָרפן אויף איר אַלץ וואָס איז מיר נאָר צו דער האַנט געקומען. ענדלעך האָט זי זיך באַרויִקט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי דרעמלט איין. דאַן האָב איך פאַרלאָשן דאָס לעמפּל און זיך צוגע־שפּאַרט, ווי איצט דאָ צופוסנס און געטראַכט פון דעם אַלטן, וואָס גוססט דאָרט איצט אין שפּיטאָל. ווי ער האָט זיך עס געמוזט אָנליידן פון איר... די אַלטע האָט שווער געאָטעמט און געכאָרכלט ווי איינע וואָס האַלט ביים שטאַרבן... און אָט באַמערק איך, אַז זי בלייבט מיטאַמאָל שטיל, דער אָטעם אירער האָט זיך אָפּגעשטעלט. איך וואַרט אַ ווײַלע, קיין שאָרך קומט נישט פון איר. עס לויפט מיר דורך אַ געדאַנק: אפשר זי אויך... אין איין נאַכט... עס באַפאַלט מיך אַ פּחד. מיין

האַרץ, הער איך, קלאַפּט ווי ביי אַ גזלן, אַ צעשראָקענע נעם איך טאַפּן אין דער פינצטער. מיינע הענט ציטערן ביז זיי דערשלאָגן זיך צו איר צעשויבערטן קאָפּ. איר שטערן איז קאַלט און פייכט, מיין האַנט באַרירט איר מויל, דאָס מויל איז אָפן, עס קומט פון דאָרטן נישט קיין לופט.

— זי איז זיכער טויט, — שעפּטשעט פון מיר אַרויס דער געדאַנק. איך מאַך ליכטיק, די אויגן אירע זענען שטיק געבליבן פאַרגליווערט און ברייט אויפגעריסן. איך כאַפּ עפּעס אויף מיר אַרויף און וויל לויפן אין שפּיטאָל אַריין צו די קינדער און אַזוי שטייענדיק שוין אויף דער שוועל, דערהער איך אַ טיפן זיפץ, וואָס רייסט זיך ביי איר אַרויס. איך לויף צו, זי קוקט מיך אָן אַ ווייל, און באַלד צעשרייט זי זיך מיט אַ צוגעדושעט קול:

— האַ, וואָס? דו ביסט שוין דאָ, זלמן? ריר זיך צו מיר נישט צו... דו ביסט נאָך קעלטער פון מיר. אירע אויגן האָבן געקוקט ערגעץ ווייט, ווייט.

זי איז איצט געלעגן באַרויִקט און געשעפּטשעט פאַר זיך:

— ערשט נאָר־וואָס איז ער געווען לעבן מיר. ס'האָט פון אים געשלאָגן אַ קעלט, גאָרנישט זיין נאַטור... שטענדיק ווען עס באַפאַלט מיך אַ פראָסט, טוט ער זיך אויס און לייגט זיך אַוועק לעבן מיר... איך לעב אויף, ווען איך דערפיל זיין קערפּער... זיינע פעסטע אָרעמס נעמען מיך אַרום... ס'ווערט מיר וואַרעם אין אַלע גלידער... איצט בין איך אים אַפּנים נמאס געוואָרן, ער רירט זיך מער נישט צו צו מיר, ווי ער וואָלט זיך פון מיר געמיאוסט... און ביי די דאָזיקע רייד האָט זי זיך צעכליפּעט ווי אַ קינד...

די קראַנקן־היטערין האָט אָפּגעהאַקט, געבליבן שטיל. נאָכגעקלערט אַ ווײַלע, ווי זי וואָלט אַליין נישט געגלייבט אירע אייגענע רייד:

— איר הערט, דאָקטער, — האָט זי מיט אַ מאָדנעם סודותדיקן טאָן ווידער גענומען רעדן, — דאָס כליפּען אירס האָט מיר אַזוי דורכגענומען, אַז איך האָב גאָרנישט געטראַכט, זיך דערנענטערט צו איר און זיך אַריינגעשאַרט אונטערן באַרג בעטגעוואַנט און איינגעטוליעט זיך צו איר קאַלטן גוף...

אויפגעכאַפּט האָבן מיר זיך אַ שטיק נאָך האַלבן טאָג. אַרום אונדז זענען געשטאַנען די פיר טעכטער אירע מיט די איידעמס, פאַרטרויערט, נאָרוואָס גע־קומענע פון דער לוויה.

פון יענעם טאָג אָן, דאָקטער, האָט די קראַנקן־היטערין, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ מיט באַדויערן, ווייטער געזאָגט, נעכטיק איך דאָ מיט איר... אָפּטמאָל דאַכט זיך מיר, אַז איך ליג לעבן אַ טויטע, זי קומט אָבער אַלע מאָל אויף.

אַ פּאָר מאָל האָט געטראָפן, אַז איר האַלב־טויטער צושטאַנד האָט אָנגעהאַלטן לאַנג. ווי אַ משוגענע בין איך געלאָפן רופן אירע טעכטער. און ווען מיר זענען צוריקגעקומען האָבן מיר זי געטראָפן צוריק אַ לעבעדיקע, שוין אויפגעקומענע און אפילו אַ באַרעדעוודיקע... הייַנטיקע נאַכט האָב איך שוין מער נישט גע־

קענט אויסהאַלטן פון איר. אין מיטן דער נאַכט האָט זי געוואָלט איך זאָל זי אָנטאָן, זי וויל גיין צו איר מאַן... גיט אומישנע אַ קוק דאָקטער, ווי זי ליגט אָנגעטאָן... אַ טאָכטער אירע האָט מיך געהייסן כ'זאָל איר צוליב טון און אַרויפּ־ציִען אויף איר דאָס אָנטועכץ און אייך אַרויסרופן...

ביי די רייד האָט די וועכטערן אַראָפּגעשליידערט דעם באַרג שמאַטעס און די פּערענע פון דער קראַנקער. די פּאַראַליזירטע איז געלעגן אָנגעטאָן אין אַ ראָזע בלוזע מיט אַ ברוינער ספּודניצע. דאָס מאָל זענען די אויגן אירע אָפן, אָן לשון און אָן אָטעם. איר לינקער אָרעם איז געלעגן איינגעקאָרטשעט, שטאַרק איינגעפּרעסט צום ברוסט־קאַסטן מיט די פינגער פאַרקראַמט אין דעם בלוזקעלע, דער צווייטער אָבער און ביידע פיס — גלייך אויסגעצויגן.

איך האָב דער וועכטערין געבעטן, זי זאָל מיר צולייכטן מיטן עלעקטרישן לעמפּל. איך האָב זיך אָנגעבויגן איבער דער אַלטער און זי גענומען באַטראַכטן. קיין סימן פון לעבן, קיין שאָרך פון איר האַרץ האָט זיך נישט דערטראָגן צו מיין אויער.

— זי איז טויט — האָב איך אַ זאָג־געטון. מיר וועלן צוּוואַרטן אַ ביסל, אפשר... אפשר וועט זי נאָך אַמאָל אויפקומען.

כמעט אַ שעה צייט האָבן מיר ביידע נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון איר. זי האָט זיך אויף קיין האָר נישט געביטן. ווידער האָב איך געמאַכט דעם זעלבן עקספּערימענט מיט „אַטראָפּין”, אָבער איצט אין לינקן אויג. דער שוואַרצאַפּל איז געבליבן נישט פאַרענדערט. דער איבערגאַנג פון לעבן צום טויט איז פאָרגעקומען שטיל און אומבאַמערקט.

— איצט מעגט איר שוין זיכער זיין, אַז זי איז טויט — האָב איך מיך געווענדט צו דער היטערין.

אַ פאַרטראַכטע און קענטיק אומגלייביק, איז זי געבליבן שטיין ביים צו־קאָפּנס פון דער פאַרשטאָרבענער, ווען איך האָב פאַרלאָזט דאָס שטיבל.

ווען דאָס האַרץ ווערט חרוב

.1

איך בין געשטאַנען אין טויטן־שטיבל און האָב מיינע אויגן נישט געקאָנט אָפּרייסן פון דעם, וואָס איז געלעגן אויף דעם מאַרמאָרנעם טיש.

— יאָ, האָב איך מיך אָנגערופן צום וואַך־דאָקטער מיטן ווייסן כאַלאַט, וואָס האָט געוואַרט אויף מיין ענטפער — ער איז מיר קענטלעך.

— מען האָט ביי אים אין אַ קעשענע געפונען דיין וויזיט־קאַרטל, און אַזוי ווי קיין אַנדער דאָקומענט וואָס זאָל אידענטיפיצירן האָט מען ביי אים נישט געטראָפן, האָב איך דיך געהייסן רופן — האָט דער דאָקטער, מיין געוועזענער פאַקולטעט־חבר, גוט־ברודעריש צו מיר גערעדט, וועלנדיק אַזוי אַרום זיך פאַר־ענטפערן פאַר דער טרחה.

— עס מאַכט נישט, חבר, האָב איך אַ צוגעשמידטער מיט מיינע בליקן צום געשטאָרבענעם, אַ שעפּטשע־געטון, דער דאָקטער האָט ווייטער גערעדט:

— מ׳האָט אים געטראָפן אַ טויטן, זיצן אין אַ ווינקל פון דעם קאַפע אַנטקעגן שפּיטאָל. איצט דאַרפן מיר אים מאַכן די אויטאָפּסיע (פּאַלמעסן) און דו, חבר, וועסט מיר העלפן מאַכן דעם פּראָטאָקאָל. פּאַדין וועט אים אויפשניידן.

— ווען? — האָב איך אַ פרעג־געטון.

— אין אַ שעה אַרום, — האָט דער דאָקטער געענטפערט — דערווייל וועל איך אָפּערירן אַ פרוי וואָס מ׳האָט נאָר־וואָס געבראַכט מיט אַן אַטאַקע אויף אַפּענ־דיסיטיס. דו, האָסט עפּעס וואָס צו טון?

— ניין, איך וועל אַריין אין קאַפע עפּעס איבערכאַפּן.

— גוט, האָט דער דאָקטער אַ מאַך־געטון, אויפמאַכנדיק מיטן עלנבויגן די קליאַמקע פון דער טיר וואָס האָט געפירט צום אַרויסגאַנג.

איך בין געבליבן אַליין מיטן טויטן וואָס איז געלעגן אויף דעם מאַרמאָר־טיש נאָך אין אַנטועכץ. זיינע אויפגעריסענע אויגן זענען געווען אָנגעשטעלט אויף לינקס. אַזוי פלעגט ער ווען־נישט־ווען אַ בליק־טון אויף מיר ביים רעדן. ערשט

היינט אינדערפרי, דאָרט אין קאָפּע אַנטקעגן דעם שפּיטאָל, — האָב איך געטראַכט. — האָט ער זיך פאַרן טויט אַזוי מתוודה געווען פאַר מיר, הייסט עס, און איצט... דאָס מויל זיינס אַ ביסל אויף אַ זייט האַלב־אָפן, האָט אויסגעזען ווי אַ פינצטערע נאָרע. אַ שנירל בלוט האָט זיך געשלענגלט פון אינגעווייניק און כסדר אַראָפּגע־קאַפּעט פון רעכטן מויל־ווינקל אויף דעם טיש צו. ווו ס׳האָט זיך אָנגעקליבן אַ היפּש קאַלוזשקעלע אַרום וועלכן עס האָבן זיך געאַמפּערט און געזשומעט אַ מחנה גרויסע גרינגלאַנציקע פליגן. אַנדערע פליגן אַזעלכע, האָבן זיך פון מאָל־צו־מאָל אָפּגעשטעלט אַרום די צוויי ריטשקעלעך ווייס־געדיכטן שליים וואָס האָבן זיך געצויגן פון דעם טויטנס נאָזלעכער.

דער זשום פון די פליגן און דאָס פּאַלן פון טראָפּנס וואַסער פון ערגעץ אַ קראַן אין אַ פעסל אַריין, האָבן מוראדיק אָפּגעהילכט אין יענער שפּיטאָל־אָפּטיילונג ווו דער טויט הערשט אין זיין פולער פאַרגליווערטער מאַכט.

אויף די אַנדערע צוויי טישן זענען געווען אָנגעשטעלט סלאָיען פול מיט מענטשלעכע אברים, קאָנסערווירט אין אַ פאָרמאָל־פליסיקייט.

צוויי פון יענע סלאָיען האָבן באַזונדער געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט.

אין איינעם פון זיי האָבן זיך געוויגט שטיקער צעשניטענע געהירן וואָס האָבן אַמאָל געלעבט אונטער אַ מענטשלעכן שאַרבן און אָנגעפירט מיט דער גאַנ־צער קאָפּעליע וואָס אַ מענטשנס לעבן שטעלט מיט זיך פאָר. אַ מוח, וואָס האָט אַמאָל געדענקט, געחלומט, באַגערט, געפילט און געליטן, איז איצט דאָ געלעגן, ווער ווייסט פון ווען אָן, אין אַ סלאָי, פונקט ווי אַ איינגעמאַרינירטער הערינג אין אַן „אַלמאַסען".

אין דעם צווייטן סלאָי האָט זיך געוויגט אַ מענטשנס האַרץ... די פיר קע־מערלעך זיינע זענען געווען אָפּגעשניטן, אַזוי אַז מ׳האָט געקאָנט גאַנץ גוט דורך דעם גלאָז באַטראַכטן און שטודירן דעם גאַנצן אינערלעכן אַנאַטאָמישן האַרץ־געבוי.

איך האָב גענומען טראַכטן וועגן אָט־אָ־דעם וווּנדערבאַרן אַפּאַראַט, וואָס הייסט האַרץ.

מעכאַניש גערעדט, איז דאָס האַרץ נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַ פּאָמפּע וואָס טרייבט איבער דעם גאַנצן קערפּער דאָס בלוט. אַזוי אַרום, מאַכן אַ רייזע הין־און־צוריק אין ווינציקער פון אַ מינוט די פינף אָדער זעקס ליטער בלוט וואָס מיר פאַרמאָגן אין זיך.

אין פאַרלויף פון מעת־לעת נעמט דאָס האַרץ אַריין און שטויסט פון זיך אַרויס אומגעפער אַ צען טויזנט ליטער בלוט און אַנטוויקלט דערביי אַזאַ קראַפט, וואָס וואָלט געקאָנט אויפהייבן אַ משא פון אַ זיבעציק קילאָ אויף דריי הונדערט מעטער די הויך.

ווען אַ מענטש ווערט אַ בן־שבעים, האָט שוין זיין האַרץ אָפּגעקלאַפּט אַ צוויי טויזנט פינף הונדערט מיליאָן מאָל. שעה נאָך שעה, טאָג איין טאָג אויס, אַ יאָר נאָך אַ יאָר, סיי ביים פולקאָמען געזונט־צושטאַנד, סיי אין קריטישע פּער־יאָדן, אין שלאָף און אויף דער וואַך, אין ליידן און אין פריידן, אין מאָמענטן פון געניוס און אין מאָמענטן פון פיין, בעתן אויפפלאַם פון ליבע־געפילן אָדער האַס, מיט אַ זיכערער פּינקטלעכקייט ווי דער גאַנג פון דער צייט אַליין...

אַן עלעקטראָ־כעמישע קראַפט וואָס ליגט אין די ווענט פון האַרצן גופא, קאָמאַנדירט איבער אָט־דעם וווּנדערבאַרן אַפּאַראַט, וועמעס לעבעדיקע טענער מען קאָן שוין אויפכאַפּן פון די מוטערלעכע חדרי־בטן אַ פּאָר מאָנאַטן איידער דאָס קינד ווערט געבוירן. די דאָזיקער טענער ווערן אַנטשוויגן נאָר דאַן, ווען דער טויט לעשט אויס יענעם עלעקטרישן שטראָם.

דאַן ווערט די לעבעדיקע גוף־מאַטעריע פאַרוואַנדלט אין אַ נישטיקן חומר, וואָס ווערט צעפוילט און צעפרעסן פון אַ סך, אַ סך נידעריקע באַשעפענישן וואָס אַ מענטשנס אויג קען גאָרנישט באַנעמען...

— —

קוקנדיק אַזוי אויף יענעם חרוב־געוואָרענעם האַרץ אין סלאַי, איז מיר אַרויפגעקומען אויף דעם זינען אַ ליד פון אונדזער אומפאַרגעסלעכן דיכטער ח. נ. ביאַליק:

די מזוזה איז פּסול אין חורבה פון האַרצן,
דערפאַר טוט דער שד דאָרט אַ הוליע,
עס ברומען נישט־גוטע אין טאַנץ אין אַ שוואַרצן
און מאַכן דאָרט חוכא וטלולא.

איך האָב אויפגעשווידערט און געוואָלט צעשלאָגן מיינע געדאַנקען און זיי אַנוועגדן אין אַן אַנדער ריכטונג, אָבער די פאַרגליווערטע סביבה האָט מיך ווי געצוווּנגען צו קלערן פון טויט. איך האָב גענומען שעפּטשען שטיל כאָרכע מאַנ־ריקעס קלאָג־ליד:

„געדענקען זאָל די נשמה, וואָס דרימלט,
אויפלעבן זאָל דער מוח און דערוואַכן
צוקוקנדיק
ווי דאָס לעבן גייט אַוועק
און דער טויט קומט צו שלייכן
אַזוי שוויגנדיק"

— —

איך האָב מיך געכאַפּט, אַז איך שטיי ווידער ביי יענעם טיש, ווו דער בר־מינן ליגט און קוק אויף אַ מענטשן וואָס איך האָב מיט יאָרן צוריק פיל מאָל

באַגעגנט אויף די גאַסן און געסלעך פון פּאַרקע דע לאָס פּאַטריסיאָס, ווו מיר האָבן דאָן געוווינט.

2.

אויף דעם קרייצפּונקט, ווו עס קומען זיך צונויף די גאַסן: טשיקלאַנאַ, דעאַן פונעס, גאַראַי און אַרוראַ, שטייט אַ סטאַטוע וואָס פּאַראייביקט דעם יונגן פאַר־שטאָרבענעם אורוגווייער דראַמאַטורג פלאָרענסיאָ סאַנטשעס.

מיט אַ געבויגענעם לאַנגהאָריקן קאָפּ, אין אַ צעקנייטשטן אָנטאָן ווי עפּעס אַ בעטלער, שטייט דאָרט דער דענקמאָל פון דעם, וואָס דערשיטערט נאָך עד־היום דאָס בוענאָס־איירעסער טעאַטער־פּובליקום מיט זיינע ווערק: „מיין זון, דער דאָק־טער", „באַרג־אַראָפּ", „די טויטע" און אַנדערע.

ווען עס קומט מיר אויס פאַרבייצופאָרן יענעם אָרט, טויכט־אויף אין מיין זכרון שייקע דער „אַנאַרכיסט", וואָס פלעגט דאָרט שטיין און וואַרטן אויף דעם „דריי־און־זיבעציקער" אָדער „זעכצענער" טראַמווי, אײדער יענער מאָנומענט איז אוועקגעשטעלט געוואָרן.

געציילטע שפּאַן פון יענעם ראָג, אויף טשיקלאַנאַ, געפינט זיך אַן אַלטע פאַר־לאָזטע דירה, מיט אַ לאַנגער און ברייטער „פּאַטיאָ" (הויף) און וואַרט, אַפּ עמעצער זאָל זי אָפּקויפן און איבערבויען אויף אַ דעפּאַרטאַמענטן־בנין מיט מאָדערנע קליינע נידעריקע צימערלעך...

אין יענער דירה האָט געוווינט פאַר און בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה די פאַמיליע וואַרטמאַן.

אַן אמתער קיבוץ גלויות האָט אויסגעזען זלמן וואַרטמאַנס שטוב אויף טשיק־לאַנאַ אין געגנט פון פּאַרקע דע לאָס פּאַטריסיאָס.

איבערהויפּט אין די שבתדיקע אָוונטן. ווער פון די היימלאָזע האָט יאָ און ווער ס'האָט נישט געמוזט לשם פרנסה מחלל שבת זיין, איז געקומען אַהין צו דער מלווה־מלכה, וואָס פלעגט זיך פאַרציִען ביז גאַנץ טיף אין דער נאַכט אַריין.

די גרויסע „פּאַטיע" פון זלמנס דירה איז אין יענע אָוונטן געוואָרן פאַר־וואַנדלט אין אַ ציכטיקן סאַלאָן מיט אַ פיין־געגרייטן טיש ווי אויף עפּעס אַ משפּחה־שמחה. פאַרוואָגלטע און פאַרבענקטע ייִדן האָבן זיך דאָרטן דערפילט אין אַ העכסט פריינטלעכער און וואַרעמער סביבה אויף וועלכער זיי האָבן אַ גאַנצע וואָך געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד.

אויבן־אָן ביים טיש, פלעגט זיצן נאָך אין זיינע שבתדיקע בגדים און שוואַר־צער זיידענער יאַרמולקע, דער מכניס־אורחים, וועמען די היימלאָזע האָרעפּאַשני־קעס וואָס האָבן די גאַנצע וואָך געקלאַפּט אין דער שאַרניע ביי קאַסימיראָ אי גאָמעז, אָדער אין דער פאַבריק וואַסענאַ, האָבן גערופן מיט גרויס יראת־הכבוד ר' זלמן.

זיך ביסל אַרומגעשוירענע באָרד, האָט דאָך אין גאַנצן נישט אָפּגענומען ביי אים זיין אַמאָליקן הדרת־פּנים פון אַ ייד אַ למדן און ירא־שמים.

אַפילו שייקע דער סטעלמאַך, וועמען מ'האָט געהאַלטן פאַר אַן אַנאַרכיסט, וואָס פלעגט אַפטמאָל זיצן אין אָסטראָג, האָט אויך אָפּשיי פאַר יענעם גאָסט־פריינטלעכן מענטשן און האָט אים אויך גערופן „רב זלמן".

ער, שייקע, איז דאָרטן געווען אַ גאַנצער בן־בית. אַ קליינקייט. ער איז דאָך עפּעס רב זלמנס אַ תלמיד געווען אין דער אַלטער היים, און האָט נאָך געהאַט די זכיה צו אַראָפּנעמען רב זלמנען פון דער שיף.

יעדעס מאָל, ווען שייקע פלעגט זיך אומקערן אַן אויסגעדאַרטער פון דער „פּעניטענסיאַריאַ נאַסיאָנאַל", מיט עטלעכע ציין ווייניקער אין מויל, מיט אַ פּאָר שינאָקעס אַרום זיינע קורצזיכטיקע פאַרכמורעטע אויגן, האָט ער ביי די וואָרט־מאַנס אין שטוב געפונען אַ מקום־מנוחה. דאָרט, ווו ער האָט יעדן טאָג באַקומען צוזאַמען מיטן עסן און געלעגער אַ היפּשע פּאַרציע שטראָף־רייד מצד זלמנען גופא.

— וואָס וועט ווערן פון דיר? — פלעגט זלמן צושטיין צו אים; וואָס קומט דיר דערפון אַרויס? די וואַלגערסט זיך אין תפיסה און כאַפּסט קלעפּ און דו קלערסט גאָרנישט. האָב אויף דיר אַליין רחמנות, מיש זיך נישט אין פּאָליטיקע, אונדזערע אבות אבותינו האָבן אונדז געלערנט, אַז מיר דאַרפן זיין געטרייע אונ־טערטאַנער צו דעם וואָס רעגירט אין לאַנד ווו מיר געפינען זיך.

אַזוי האָט זלמן פאָטערלעך געטענהט זיצנדיק ביי דער „קאַטרע" אויף וועל־כער שייקע איז געלעגן אַ פאַרטראַגענער און אַ דערשעפּטער. — פאַרגעס נישט, אַז דו ביסט אַ ייד, האָט ער אים טייטלענדיק מיט אַ פינגער געוואָרנט.

— איך בין אַ מענטש מיט פּרינציפּן און אַ געוויסן, — פלעגט שייקע ווי אַ שוואַך פייגעלע אַ פּישטשע־טון, — און אַז אַ ייד איז וואָס? עס זיצן אין אָסטראָג פאַר פּאָליטישע ענינים, שפּאַניאָלן, איטאַליענער און אַפילו היזיקע.

— ס'איז נישט אַלצאיינס... דו קאָנסט, חלילה, ברענגען אַן אומגליק אויף אונדז. ווייסטו דען נישט, אַז מיר ייִדן זענען פאַראַנטוואָרטלעך איינער פאַרן צווייטן.

— די אומות העולם באַשולדיקן אונדז אַלעמען פאַר די שלעכטע מעשים וואָס אַבי־ווער, וואָס שטאַמט פון אונדז, באַגייט.

— ווייטער, אויף מדינת אַרגענטינע האָבן מיר זיך נישט וואָס צו באַקלאָגן... פאָלג מיך, שייקע, וואַרף אַוועק דיינע פּוסטע חלומות און ווער אַ מענטש מיט לייטן גלייך. ברענג בעסער אַראָפּ דיין ווייב און צוויי קינדערלעך און פיר אַ „סימיינעם" לעבן.

שייקע ליגט אַזוי אויסגעשעפּט פון די כוחות, אַז ער קאָן קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן. ער קוקט נאָך מיט זיינע פאַרזשמורעטע אויגן אויף זיין אַמאָליקן רבין וואָס זיצט נעבן אים איצט און רעדט צו אים מיט אַזוי פיל באַרמהאַרציקייט.

— רו זיך אויס, — נעמט זלמן ווידער רעדן — און גיי ווייטער צום פּאַרט, ווען אַ שיף קומט־אָן, זוכן צי עס געפינען זיך דאָרט לאַנדסלייט אונדזערע... הערסט שייקע? — האָט מיט אַ באַזונדער וואַרעמען מילדן טאָן, זלמן איצט זיך געווענדט צו אים: — ביסט טאַקע אַ כופר־בעיקר, דו האָסט אָבער אַ גוט האַרץ און אַ זעלטענע נשמה.

—אַ־יאָ? רבי, — כאַפּט זיך שייקע אויף ווי פון שלאָף.

— דו פאַרדינסט גאַנץ עולם־הבא מיט דעם וואָס דו ביסט מקריב גאַנצע טעג אַרבעט און לויפסט צום פּאַרט ווען אַ שיף קומט אָן. דו נעמסט זיי אַראָפּ, די גרינע, און דו אָרדנסט זיי איין מיט אַ דירה און אַרבעט און דו ביזסט זיי נאָך מקרב צו מיין הויזגעזינד.

— נו, איך טו דאָס נישט לשם עולם הבא... דאָס האַרץ... דאָס האַרץ טוט ווי אויף זיי...

אַ ווײַלע קוקן זיי זיך אָן מיט פאַרלאָפענע אויגן, אָן לשון, ביז חנהס קול לאָזט זיך הערן פון דער קיך אַרויס, אַז דער מיטאָג איז שוין גרייט.

3.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן פאַלט שייקע אַריין אַ פאַרסאָפּעטער צו די וואָרט־מאַנס אין שטוב מיט דער „לאַ פּרענסאַ" אין האַנט און שרייט:

— רב זלמן! רבי! ווו זענט איר ערגעץ? — ער לויפט פון איין צימער אין צווייטן. דערשראָקענע, לויפן אַרויס דאָס פאַרפאַלק פון קיך.

— וואָס איז געשען? — פרעגן זיי.

— איך קום פון צענטער. — מאַכט שייקע מיט זיין קורצן אָטעם — עס טוט זיך חושך, אַ פייער האָט זיך אָנגעצונדן אין אייראָפּע. הערט וואָס די „לאַ פּרענסאַ" ברענגט: צוליב עפּעס אַ דערמאָרדעטן פּריצל אין... אין סאַראַיעוואָ ווערט אַ מלחמה.

— דייטשלאַנד, עסטרייך און טערקיי פון איין זייט, ענגלאַנד, פראַנקרייך און רוסלאַנד פון דער צווייטער זייט.

— קוקט זיי נאָר אָן! — שרייט שייקע, אָנווייזנדיק מיט אַ פינגער אויף די פאָטאָגראַפירטע מלכים אין קריג: ווילהעלם, פראַנץ־יאָזעף, צאַר ניקאָלאַי אאַ"וו. זיי זענען די אונטערצינדער. ווי מערדער וואָלט מען זיי געווען געדאַרפט אָפּמאָלן נישט ווי זיי שטייען דאָ מיט זייערע קייזערלעכע אוניפאָרמען און מעדאַלן אויף זייערע טריפהנע הערצער.

די ידיעה פאַלט ווי אַ דונער אויף דעם פאַרעלטערטן זלמן וואָס שטייט מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, אָן לשון. חנה ברעכט די הענט און שעפּטשעט וויינענדיק עפּעס אין דער שטיל.

— מיט אַ צען יאָר צוריק, איז איר יונגערער ברודער געפאַלן אין דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, ביי מוקדען, אָדער אין פּאָרט־אַרטור. זי געדענקט גע־נוי ווי אַ סך זענען געפאַלן פון איר שטעטל און אַ סך האָבן זיך אומגעקערט קאַליקעס ביזן טויט.

ענדלעך האָט זיך זלמן אָנגערופן צו שייקען:

— זאָלסט זיי מיר אַלע צונויפרופן; צו מנחה זאָלן זיי קומען.

יענעם פאַרנאַכט, האָבן זיך קאַראַליסער ייִדן פאַרזאַמלט ביי זלמנען אין הויף, אַפילו די, וואָס האָבן שוין די פאַמיליע אַרויסגעבראַכט זענען מיט ווייב און קינדער געקומען.

ביי אַ פּאָר אָנגעצונדענע ליכט האָט זיך זלמן געשטעלט דאַווענען אַזוי ווי פאַר מנינים ייִדן אין אַ מקום קדוש. די שטימונג איז געווען אַזאַ דערדריקטע און טרויעריקע ווי נאָך אַ תענית צו ויחל.

בין מנחה למעריב, האָט זלמן אָנגעטאָן אַ טלית, גענומען רעדן פאַרן עולם אין אַ הייזעריקן טרויעריקן טאָן, זאָגנדיק, אַז... אַז אַן עת־צרה רוקט זיך אָן אויף אונדזערע ברידער אויף יענער זייט ים. ווייל פון קדמונים ווייסן מיר, אַז ווען די גוים רייסן זיך אַרום, פאַלט אונדזער פאָלק אַ קרבן. ווי אַ באַהאַוונטער אין אונדזער לאַנגער גלות־געשיכטע נעמט ער שילדערן אַ לאַנגע נישט איבערגע־ריסענע קייט פון יסורים, פאַרשוועכונגען און דערנידערונגען וואָס דאָס ייִדישע פאָלק איז אויסגעשטאַנען אין צייטן פון וועלט־איבערקערענישן אין מיטלאַלטער ביז די היינטיקע מאָדערנע צייטן.

באַזונדער ווערט דער עולם דערשיטערט, ווען ר׳ זלמן שילדערט כמעלניצ־קיס צייטן וואָס האָבן אויסגעזען ווי „חבלי לידת המשיח״. אין יענער מלחמה, אין די יאָרן ת״ח ות״ט, צווישן דער רוסישער קאָזאַקשטשינע און פּוילישער שליאַכטע זענען גאַנצע ייִדישע קהילות אומגעבראַכט געוואָרן על־קידוש־השם.

די פּאָר ליכט, האָבן שוואַך באַלויכטן דעם הויף, ווו דער עולם האָרעפּאַש־ניקעס איז נאָך געשטאַנען אין זייערע אַרבעטס־אָנצוגן מיט געבויגענע קעפּ, פאַרקראַמפּטע פּנימער און פאַרלאָפּענע אויגן, אַראָפּגעקוקט צו דער ערד. יעדער איינער, ווי אַן אבל.

— קינדער, — האָט זלמן, פּאַטריאַרכאַל, מיט דעם כסדר־טרויעריקן טאָן אויפגעפּאָדערט — לאָמיר זיך אַלע פאַראייניקן מיט אונדזער האַרץ און נשמה צו בעטן ביי דעם וואָס לעבט אייביק, אַז די מלחמה זאָל וואָס וויניקער געדויערן און זי זאָל אָפּגיין מיט חסד, עס זאָל מקוים ווערן אונדזער הייסער פאַרלאַנג וואָס מיר האָבן נאָר־וואָס אויסגעדריקט: „ותחזינו עינינו בשובך לציון ברחמים...״

פון יענעם טאָג אָן, איז זלמנס שטוב געוואָרן אויס קאָנצענטראַציע־פּונקט פאַר די היימלאָזע. יעדער איינער פון זיי, האָט זיך, ווי אַ שאָטן געטראָגן פון זיין

איינזאַם צימערל צו דער אַרבעט און צוריק, פאַרבענקט און פאַרדאגהט. עפּעס אַ מאָדנע געפיל פון אָפּזונדערונג האָט זיי אַלעמען באַהערשט.

מער דערשלאָגן, איז אַרומגעגאַנגען שייקע דער סטעלמאַך, וואָס האָט געהאַט אין דער היים דאָס ווייב מיטן צווילינג, וואָס ער האָט אַפילו נישט זוכה געווען צו זען אויף דער וועלט. דער צווילינג איז געבוירן געוואָרן, ווען ער איז שוין געווען דאָ אין בוענאָס-איירעס. אַ ווייטיק און אַ געפיל פון חרטה האָט זיין הארץ געטאָטשעט, וואָס ער האָט שטענדיק אָפּגעלייגט אויף שפּעטער דאָס „אַרויסטרע־בעווען" זיי. פאַר אַלעמען איז ער געלאָפן אין פייער אין זיין אייגן בלוט און פלייש האָט ער אַזוי פאַרנאַכלעסיקט. אָבער נישט אין גאַנצן איז זיין שולד; ווי נאָר ער פלעגט זיך אַרומקוקן אויף זיי און געהאַט אַנגעקליבן אויף הוצאות, פלעגט אויס־ברעכן ערגעץ אַ שטרייק, און ער, שייקע, ווערט אידער וואָס-ווען, אַרעסטירט, כאָטש ער איז גאָר גאָט די נשמה שולדיק.

ער שמט אַלס געפערלעכער אַנאַרכיסט און שטרייק-אַגיטאַטאָר. אַזאַ שם האָט ער באַקומען צוליב דעם וואָס מען האָט אים איינמאָל געפּאַקט אויף אַ פאַר־זאַמלונג פון בלויז אַנאַרכיסטן (ער איז געווען דער איינציקער ייד).

פון דעמאָלט אָן האָט מען אים אַרעסטירט ביי יעדן שטרייק; דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן טעג פון פייניקונגען און תפיסה. דערנאָך האָט ער געמוזט זוכן אַ נייעם פלאַץ צו אַרבעטן אא"וו.

זיין שטעטל ליגט נאָענט צו דער רוסיש-עסטרייכישער גרענעץ, אין סאַמע פייער. עס שטעלט זיך אים פאַר דער גהינום וואָס זיינע ליבע און טייערע שטייען איצט אויס: דאָס אויפרייסן פון האַרמאַטן, די ווילדע סאָלדאַטסקע-צעיושעטע האָרדעס, דער הונגער, די נויט... אא"וו.

אומדערטרעגלעכע טעג, לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט ציען זיך פאַר אים דאָ אין דער ווייטער אַרגענטינע. גייט ער אַרום שטענדיק פאַרזאָרגט און שלינגט די ידיעות, וואָס די צייטונגען ברענגען פון די פראָנטן.

— זאָל זיך נאָר ענדיקן די מלחמה, טראַכט ער, וועט ער זיי באַלד אַרויס־נעמען. אַזוי טראַכט ער טאָג און נאַכט, ביי דער אַרבעט, ביים עסן, ביים שלאָפן־גיין, ביים אויפכאַפּן זיך, צו יעדער מינוט, צו יעדער רגע. עס גייען אַוועק וואָכן, חדשים איין יאָר נאָך דעם אַנדערן.

דער טעלעגראַף מעלדעט, אַז ס'איז אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע אין רוס־לאַנד, צאַר ניקאָלאַי און די גאַנצע כאַליאַסטרע זיינע, האָט מען אומגעבראַכט. דעם זעלבן אָפּגאָט פאַר וועלכן דאָס רוסישע פאָלק האָט אין זיין נאַציאָנאַלן הימן גאָט געבעטן: „באָזשע צאַריאַ כראַני", האָט מען דערמאָרדעט.

— וועט דאָס אויסגיין צום גוטן, אָדער צום בייזן? — האָט שוין אין שייקעס מוח געפּיקט אַ געדאַנק.

אָבער די מלחמה ווערט פאַרגעזעצט. מען באַגעגנט שייקען אויף פלאָרידאַ אָדער אויף אַוועניִדאַ דע מאַזשאָ שטיין ביי אַ שוי־פענצטער מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן איינגעגעסן אין די גראַפישע נאָטיצן פון די שלאַכט־פעלדער. אַט זעט ער אויף אַ בילד: האַריזאָנטן וואָס שפּייען מיט פייער און דיקע קנוילן רויך, טראַנשייען מיט שדים אין געשטאַלט פון מענטשן, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס. גרייט עוקר מן השורש צו זיין דעם שונא, וואָס לויערט ערגעץ נישט ווייט פון דאָרטן; געוועזענע בליענדיקע פעלדער פאַרוואַנדלט אין צווינטערס פון גרויסע ברידער־קברים...

אין איינער אַ נאַכט, ווען שייקע איז אַ שלאָפלאָזער געלעגן אויף זיין געלעגער מיט בײדע הענט אונטער זיין פּאָטיליניצע, האָט ער פלוצים דערהערט אַן אויסטערלישן פייף וואָס האָט זיך געטראָגן איבער דער איינגעשלאָפענער שטאָט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז די סירענע פון דער „לאַ פּרענסאַ״, וואָס זאָגט אָן די גוטע בשורה, אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט.

4.

דאָס יאָר ניינצן־הונדערט־ניינצן איז שטורעמדיק אָנגעקומען קיין בוענאָס־איירעס.

באַלד נאָך די ניי־יאָר יום־טובים איז דאָס געשען:

די רוסישע רעוואָלוציע, דער מאַקסימאַליסטישער רעזשים וואָס איז דאָרט אויפגעגאַנגען, האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף דעם קאַפּיטאַליסטישן עלעמענט פון דער גרויסער וועלט. די מאַקסימאַליזם־פּאַביע האָט דאָ דערגרייכט איר העכסטע אַקטאַווע דעם זיבעטן יאַנואַר, ווען ס׳איז אויסגעבראָכן אַ שטרייק אין וואַסענאַס אייזן־פאַבריק.

שווערע טעג און פינצטערע שרעקלעכע נעכט האָבן זיך אָנגערוקט. סקוואַדראָנען פּאָליציאַנטן האָבן געוויזן וואָס זיי קאָנען און אידער וואָס־ווען, ווערן די גאַסן־שטיינער באַגאָסן מיט מענטשן־בלוט. די לופט ציטערט מיט פּולווער און דאָס קנאַלן פון ביקסן חזרט זיך איבער עטלעכע נעכט דורכאַנאַנד, געשעפטן און פאַבריקן זענען געשלאָסן, דער פאַרקער איז אָפּגעשטעלט.

ווי דער שטייגער איז, דאַרף מען עמעצן באַשולדיקן אין אַגיטאַטאָרס; ווער קאָן דען אַנדערש זיין אַז נישט די „רוסאָס״? נישט חלילה די פּראַוואָסלאַוונע, וואָס געפינען זיך דאָ אין אַ היפּשער צאָל ביי דער שוואַרצער אַרבעט, זיי זעען זיך נישט אָן, נאָר גראַד די וואָס וואַרפן זיך אין די אויגן מיט באָרד און פּיאות. און אַט קאָן מען זען ווי מען ברעכט פענצטער פון יידישע געשעפטן, ווי מען שלעפּט אַרויס יידן פון די הייזער; גאַנצע וועגענער לאָדט מען מיט זיי אָן און מען פירט זיי אין די קאָמיסאַריעס אַריין, אָט אָ די „מאַקסימאַליסטן״...

און אין אַזעלכע שטורעמדיקע יאַנואַר־טעג נעמט אַ געוויסער ייִד פון פּאַרקע דע לאַס פּאַטריסיאָס דעם טלית און תפילין און לאָזט זיך אין שול אַריין. אַ נאָווינע אַז גוייִם בונטעווען זיך, טראַכט ער. ער האָט גאָר פאַרגעסן, אַז אַלע איבער־קערענישן לאָזן זיך אויס צום ייִדנס קאָפּ. ער ווייסט גאָר נישט וואָס עס טוט זיך אויף קאָריענטעס, לאַוואַזשע, עקוואַדאָר, בערמעכאַ, וויקטאָריאַ אאַ״וו; ביי אים, אין זיין אָפּגעשלאָסענער אייגענער וועלט, הערשט שלום ושלוה.

עס גייט דורך איין טאָג, צוויי און דריי... דער ייִד איז פאַרשוווּנדן געוואָרן... ערשט נאָך דער בהלה כאַפּט זיך אויף פון אַ שלאָף, ענלעך צום טויט, אונדזער קאַרליסיער ייִד, וואָס איז נישט קיין אַנדערער ווי זלמן וואַרטמאַן פון טשיקלאַנאַ.

ער קוקט זיך אַרום: זיין קאָפּ איז שטייף באַנדאַזשירט, קוים וואָס ער קען עפענען די אויגן, ער דערפילט אַ שטאַרקן שאַרפן שטאָך אין אַ זייט פון ברוסט־קאַסטן ביים אָפּעטעמען... אַ פּאָר ריפּן זענען צעבראָכן. אַרום זיין בעט שטייט דאָס ווייב און קינדער מיט פאַרוויינטע פּנימער.

— וואָס טוט זיך דאָ? — פרעגט ער מיט אַן אָפּגעשוואַכט קול.

— גאָרנישט, גאָרנישט, טאַטע, פאַלן די קינדער צו צום אַלטן — אַן אַק־צידענט, טאַטע, דו ביסט געגאַנגען אין שול, ביסטו געניזוקט געוואָרן.

ער שווייגט, ער פאַרטראַכט זיך, ער וויל זיך אין עפּעס דערמאָנען. ער קוקט אין אַלע זייטן, דער האַלדז און נאַקן טוט אים ווי.

— קלער נישט, טראַכט נישט, טאַטע, מאַכט צו אים בערנאַרדאָ, דער על־טערער זון.

דער אַלטער באַטראַכט דעם זון און פרעגט:

— ווי קומסטו אַהער, בערל? דו וווינסט דאָך אין... אין ע...

— אין ראָזאַריאָ, טאַטע — דערמאָנט אים בערנאַרדאָ.

— און איך, ווו בין? — שטאַמלט קוים זלמן אַרויס.

— ביסט אין דער היים, אין דיין היים, אויף דיין געלעגער, זלמן, — קומט אונטער חנה וויינענדיק — ווּעסט עפּעס טרינקען? ווי פילסטו זיך? און דערלאַנגט אים בעת־מעשה אַ גלאָז טיי. מיט כמה צרות זעצט מען אים אויף. ער שלינגט אַראָפּ דאַרשטיק דאָס ביסל טיי. ס׳וועדט אים נישט גוט, דער קאָפּ דרייט זיך אים.

יענעם גאַנצן טאָג ליגט ער פאַרטראַכט. ער וויל צונויפנעמען זיינע גע־דאַנקען, עס געלונגט אים נישט.

פון צייט צו צייט, כאַפּט ער אַ דרימל און יעדעס מאָל, ווען ער קומט אויף געדענקט ער, אַז ס׳האָט זיך אים עפּעס נאָר־וואָס געפּלאָנטערט אין חלום און שטענדיק דאָס זעלבע:

— ער טראָגט דעם טלית און תפילין, אָט איז ער שוין נעבן שול, אויף לאַריאַ אין די דרייצן־הונדערטער. פלוצים וואַקסן אויס לעבן אים עטלעכע חברה־

לייט, פיין געקליידעט, וואָס שרייען עפּעס, וואָס ער פאַרשטייט נישט, רייסן אים די באָרד, די קאַפּאָטע, דאָס טלית־זעקל!...

ער הייבט־אויף זיינע אויגן צום הימל, ווי ער זאָל וועלן פרעגן: מאין יבוא עזרי? עזרי! רבש״ע...

ער דערפילט פּלוצים אַ שטאַרקן ברי אין קאָפּ, דער הימל שטערנט זיך אויס און באַלד נעמען די דאָזיקע שטערן פאַלן. זיי שמעלצן זיך צוזאַמען אין איין העלן פייער, וואָס פאַרבלענדט אים די אויגן... אַזוי דערציילט ער די קינדער דעם שרעקלעכן קאָשמאַר וואָס האַלט זיך אין איין איבערחזרן.

— ס׳איז גאָרנישט, טאַטע, באַרויק זיך.

אין אָוונט גיט מען אים עפּעס אַ מעדיצין און די נאַכט שלאָפט ער געשמאַק. דאָס הויזגעזינד שטייט אויף דער וואַך.

אויף מאָרגן איז ער אויפגעשטאַנען גייסטיק פולקאָם, אָבער די וויטיקן פון זיין צעשלאָגענעם קערפּער לאָזן נישט אָפּ.

ער דערמאָנט זיך איצט אַן אויסגעציכטערטער אין אַלעם אַלעס, וואָס ס׳האָט מיט אים פּאַסירט, ביז ער האָט פאַרלוירן דעם באַוווּסטזיין דאָרט... אין דער „קאָמיסאַריע״.

— ווו איז מיין טלית און תפילין? — גיט ער אַ פרעג.

מען דערלאַנגט אים דאָס טלית־זעקל. קיינער ווייסט נישט וואָס די רשעים האָבן אָפּגעטון: איינגעפּלאַכטן אין די רציעות ליגן די אויפגעשניטענע געשענ־דעטע תפילין.

ערשט דאַן גיט ער זיך אָפּ דין־וחשבון ווי גרויס עס איז דער בראָך, אַז עס איז אַזש דערגאַנגען ביז צו פאַרשוועכן אַזאַ הייליקטום.

אַזוי זיצנדיק אויף זיין בעט, נעמט ער קריעה רייסן און צעוויינט זיך. ירמיהו הנביא האָט געוויס אַזוי געקלאָגט אויף דעם חורבן פון זיין פאָלק...

.5

אַ שיינע פּאָר וואָכן זענען אַוועק ביז זלמן האָט זיך אויף די פיס געקאָנט שטעלן.

ער איז שוין אָבער נישט דערזעלבער מוטיקער און גאַסטפריינטלעכער ווי פריער.

גאַנצע טעג וויל ער ליבערשט זיין אָפּגעזונדערט, מיט זיך אַליין...

די קינדער ווערן אומרויק און נעמען באַטראַכטן וואָס מען זאָל טון מיטן אַלטן פאָרפאָלק.

— אפשר, טאַטע וואָלסטו געפאָרן קיין ארץ־ישראל? — שפּרינגט אויף דער יונגסטער זון. דער דאָזיקער געדאַנק איז אים עפּעס פּלוצים איינגעפאַלן.

זלמנס אויגן עפענען זיך ברייט און אַ שמייכל שטראַלט־אַראָפּ פון זיין שטאַרק פאַרעלטערט פּנים.

— יאָ... יאָ... טאַטע, — פאַלן צו די אַנדערע קינדער... — ווי קומט עס צו דיר, יאָסל, אַזאַ געשיקטער איינפאַל? — פרעגן זיי דעם מעזיניק. און יאָסל ענטפערט שטיל און קורץ.

— באַלפור־דעקלאַראַציע איז אונדזער טרייסט, אונדזער האָפענונג...

אַ וואַקלדיקער גייט זלמן צו צו יאָסלען און נעמט אים קושן און האַלדזן און זאָגט מיט זיין געווייגלעכן ציטערדיקן קול:

— קינד! שוין לאַנג אַז איך טראַג מיך אַרום מיט דעם געדאַנק... נישט געוואָלט פון אייך קינדער פאָדערן אַזאַ הייליקע זאַך.

— נו, עס וועט שוין זיין גוט, טאַטע, — זאָגט דער עלטסטער זון. — פריִער וועסטו פאָרן און דערנאָך מיר אַלע.

פון מינוט צו מינוט, ווערט פריילעכער אויף דער „פּאַטיאַ", ווו דאָס געשפּרעך איז פאַרגעקומען. עפּעס אַ נײַ לעבן איז אַריינגעגעבן געוואָרן אין יענער שטוב ווו דער אומעט האָט זיך ווי געוואָלט איינבירגערן אויף שטענדיק.

עס באַווייזט זיך דאָרטן דער בריווטרעגער. זינט די מלחמה איז אויסגעבראָכן איז ער אויף יענער שוועל נישט געקומען.

— אַ בריוו פון איירָאָפּע! — האָט יאָסל מיט פרייד אויסגעשריִען און נעמט לייענען:

די שיפס־קאַרטע וואָס איר, אַלע גוטהאַרציקע מענטשן, האָבן מיר אַרויסגעשיקט, זענען נאָך גילטיק פאַר מיר און מיינע צוויי קינדערלעך. איך בין אין אַמסטערדאַם פון דעם טאָג פון זינט די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן. אין אַ וואָך אַרום, וועל איך מיך איינשיפן קיין אַרגענטינע מיט דער שיף „האָלאַנדיאַ".

איר האָט מיר געשריבן, אַז מיין מאַן, שייקע, וויסט נישט אַז איר אַלע גוטע פריינט „טרעבעווען" מיך צו אים אַרויס. איר ווילט אים, מיט מיין פּלוצימדיקן אָנקומען גיבן אַ סורפּריז. איז דאָס נאָך פאַר אים עד־היום אַ סוד? נו, איך דערוואַרט נישט קיין ענטפער דערויף, אַז מיר וועלן זיך אי״ה זען וועל איך דערציילן אין פריידן אַלץ וואָס איך בין אויסגעשטאַנען פאַר דער גאַנצער צייט...

אָנשטאָט זיך צו דערפרייען, האָבן אַלע זיך גענומען אַרומקוקן מיט טרויעריקע בליקן.

נאָר דער אַלטער האָט מיט פרייד אויסגעשריִען:

— קומט זי, הייסט עס שוין אַהער? יאָ, שייקע, ווו איז שייקע? איך האָב גאָר אין גאַנצן אָן אים פאַרגעסן.

— באַמערקנדיק אַז אַלע שטייען אין אַ פאַרלעגנהייט, שטייט ער ווידער צו.
— וואָס שווייגט איר? ווו איז שייקע?
— באַרויִק זיך, אַלטער, — נעמט חנה איינטענהן — שייקע ווייסטו דאָך, איז פון תמיד אָן אַ מענטש וואָס ווערט פאַרפאַלן אויף לאַנגע מאָנאַטן. מען וועט אים מסתמא אָפּזוכן.
— געוויס דאַרף מען אים געפונען! — האָט זלמן באַפעלעריש אַ מאַך־געטון.
— נו, יאָ, — האָבן אַלע באַשטעטיקט.
אָבער אַלע זענען געווען מער ווי זיכער, אַז דאָס מאָל וועט שייקע זיך מער נישט אומקערן. פאַרפאַלן געוואָרן אין אָסטראָג אין די טראַגישע יאַנואַר־טעג...

6.

אין אָט די אַלע דערינערונגען בין איך געווען פאַרטיפט, שטייענדיק אין טויטן־שטיבל פון דעם אַלטן סאַן ראָקע־שפּיטאָל ביים מאַרמאָרנעם טיש, אויף וועלכן שייקע איז געלעגן אַ טויטער. איך האָב אַ קוק געטון אויפן זייגער: ס׳פעלן נאָך אַ דריי־פערטל שעה צו זיין אויטאָפּסיע. איך וועל דערווייל אַריין אין קאַפּע אַקעגנאיבער, ווו איך האָב מיט אַ זעקס שעה פריִער זיך באַגעגנט און גערעדט מיט שייקען.
לאַנגזאַם און פאַרטראַכט האָב איך געשפּריזט איבער די לאַנגע מרה־שחורה־דיקע קאָרידאָרן. דער דאָזיקער טאָג האָט מיר דאָרט אויסגעזען מער אומעטיק ווי אַלע וואָס כ׳האָב ביז דאַן איבערגעלעבט. דער גלאָק פון דער קאַפּליצע האָט גערופן צו דער פאַרנאַכטיקער תפילה און פון אומעטום האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסשלייכן לאַנגע מענטשלעכע שוואַרצע וועזנס, דאָס זענען געווען די גייסט־לעכע אין סוטאַנעס און מאָנאַשקעס אין זייערע שטענדיקע טרויער־בגדים, וואָס האָבן זיך געלאָזט צו דעם קלויסטער דאַווענען.
עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך געפין מיך געפאַנגען אין אַ טויטן־מאָנאַסטיר פון די אינקוויזיציע־צייטן. געשווינד האָב איך מיך אַרויסגעכאַפּט פון דאָרטן און אַריין אין קאַפּע.
יענער ווינקל איז געשטאַנען ליידיק, דאָרט טאַקע האָב איך שייקען געזען אוועקגעזעצט. איך דערמאָן זיך ווי איך האָב אים אין יענעם פרימאָרגן דערזען אַריינגיין אין קאַפּע. טראָץ זיין אויסגעקרומט מויל און פאַרעלטערט פנים, האָב איך אים דערקענט.
איך בין צוגעלאָפן צו אים און אויסגעשריִען:
— שייקע! שייקע!
זיינע פאַראייטערטע אויגן פאַלן אויף מיר און זיין גאַנצער קערפּער טרייסלט זיך.

— ווער זענט איר, פריינט, וואָס איך פאַראינטערעסיר אייך.

— קומט, קומט זעצט זיך, איך בעט אייך.

איך פיר אים צו, און זעץ אים אַוועק נעבן מיר אין ווינקל. ער מעסט מיך אָפּ מיט זיינע אויסגעלאָשענע אויגן.

— פון וואַנען קאָנט איר מיך?! — שטייט ער ווידער צו.

— מיר האָבן, —זאָג איך אים,— אַמאָל געוווינט אין פּאַרקע פּאַטריסיאָס, איר פלעגט אַריינקומען צו זלמן וואַרטמאַנען אין שטוב, אָבער באַלד נאָך דער „סעמאַנאַ טראַכיקאַ" האָבן מיר זיך אַרויסגעצויגן קיין בעלגראַנאָ און מער האָב איך גאָרנישט געוווּסט פון די קאַראַליסער יידן. און איר? ווי לעבט זיך אייך מיט אייער פאַמיליע, וואָס די לאַנדסלייט אייערע האָבן אַהער געבראַכט?

שטיל, פאַרגליווערט, איז ער געבליבן זיצן נעבן מיר. בלויז זיין לינקע האַנט וואָס איז אַ פּאַראַליזירטע געלעגן אויף דעם טישל, האָט זיך געטרייסלט. אין דער זעלבער צייט האָט זיך זיין האַלב-געליימט פּנים פאַרקראַמפּט.

— מיין פאַמיליע, פרעגט איר? — האָט ער נאָך אַ לאַנגן שווייגן גענומען רעדן — כ'האָב אפילו נישט דערלעבט זיי צו זען. אָן מיין וויסן האָט מען זי מיט די קינדער אַרויסגעפאָדערט און ווען זי איז אָנגעקומען, בין איך געלעגן אַ האַלב-טויטער אין תּפיסה. קיינער האָט פון דעם נישט געוווּסט.

— איך בין אַרעסטירט געוואָרן דעם אַכטן יאַנואַר פון 1919, צוזאַמען מיט נאָך מאַניפעסטאַנטן, ביי דער לוויה פון די געפאַלענע אַרבעטער פון „פאַבריקאַ וואַסענאַ". דאָס איז פאַרגעקומען אויף קאָריענטעס און זשאַטאַי, אויב איר געדענקט, אַנטקעגן דעם קלויסטער, ווו עס איז אויסגעבראָכן אַ בהלה... נו, פינף יאָר בין איך געווען טויט פאַר דער וועלט, פאַרגעסן פון אַלץ און פון אַלעמען. חידושט מיך טאָקע ווי אַזוי קען איך נאָך אויסזען ווי אַ מענטש? איך בין דאָך אין גאַנצן פאַרקריפּלט געוואָרן און דאָך... ווען איך בין אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין נאָך די פינף יאָר אַפּליגן הינטער אייזערנע גראַטעס, האָט מיך אײמיצער פאַרשלעפּט, ווי עפּעס אַ בעטלער, צום הכנסת-אורחים.

ביים טיש זיצנדיק, האָב איך צופעליק אַ זייטיקן קוק געטון און האָב דערקענט איינעם פון מיינע אַראָפּגעקומענע פון שיף. מיינער אַ לאַנדסמאַן, וועלוול דער מעבל-פוצער איז דאָס געווען, פון פאַך אַ סטאָליער-יונג, אָבער אַ צונאָמען האָט ער געהאַט „יורקע פרעסער". עסן איז ביי אים געווען דאָס בעסטע וואָס עקזיסטירט אויף דער וועלט. ער איז געגאַנגען קריעה-בליאה, אָבער עסן? וויפל ס'איז נאָר אַריין: כל-זמן שהנשמה בקרבי דאַרף מען עסן — פלעגט ער זיך חכמנען און זיינע קינבאַקן האָבן בעת-מעשה געאַרבעט און צווישן די ציין זיינע האָט געטרעשטשעט דאָס עסן אַזש ס'האָט געעקלט; זיין לייביקער גוף איז קיינמאָל נישט געווען זאַט.

— שייקע! — האָט ער מיט זיין בערישער שטימע אַ רעווע־געטון, — דו לעבסט נאָך? און אפשר גייסטו אַרום אויף דעם עולם התוהו. גיי, איך בעט דיך אין דיין רו אַריין...

— זיי נישט קיין „טשודאַק״ — האָב איך אַ זאָג־געטון — איך בין אפשר אויס מענטש, אָבער אַ לעבעדיקער גלייך מיט אַלע בין איך נאָך צום באַדויערן און ווען מען ווערט אויס מענטש, פאַרשטייסטו מיך ברודער, פאַרנעמט דער מאָגן און די געדערים דעם אויבנאָן פון אונדזער לעבן. זייערע פאַרלאַנגען זענען דאָס איינציקע, וואָס מיר, אויס־מענטשן, דאַרפן צופרידן־שטעלן. בין איך אַהער־געקומען... מען האָט מיך, ווי אַ בלינדער בעטלער, אַהער צוגעפירט.

— נו, רוק זיך צו נעענטער און דערצייל מיר, וואָס מיט דיר האָט פאַסירט.

— —

— אַזוי, אַזוי? — האָט ער אַ מאַך־געטון, ווען ער האָט מיך אויסגעהערט, ווען ער האָט געהערט אַלץ וואָס איך בין אויסגעשטאַנען אין תפיסה — מ׳האָט דיך גוט צערעכט־געמאַכט, זע איך, — האָט ער, קייענדיק דאָס עסן, אַרויסגע־וואָרטשעט. — ס׳איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז מען מ׳האָט דיך דערהרגעט און דאָ איז דיין פלוניתטע מיט די קינדער אָנגעקומען.

— וואָס הער איך?! — האָב איך נישט מיט מיין קול אויסגעשריען.

— שאַ, מאַך נישט קיין גערודער. זיץ אויף אַן אָרט, בהמה וואָס דו ביסט. דו ווייסט דאָך אַפילו נישט, ווער ס׳האָט דיך געשלייערט. נאָך פאַר דער מלחמה האָבן מיר אַלע, וואָס דו האָסט פון די שיפן אַראָפּגענומען און איינגעאָרדנט, זיך צונויפגעלייגט, דיר געוואָלט מאַכן אַ סורפּריז פאַר דיין גוט האַרץ און נשמה, וואָס דו פאַרמאָגסט. די גאַנצע צייט פון דער מלחמה, האָט זי נעבעך זיך גע־וואַלגערט און אויסגעריסן געוואָרן אין אַמסטערדאַם, ביז די צייט איז געקומען. און דאָ נעמט דער רוח און פאַרשלעפּט דיך אין אַלדי שוואַרצע יאָר. דו ווערסט אויסגעריסן ווי אין וואַסער אַריין.

אַלע „פּאַסאַזשירן״ זענען געקומען צום פאַרט זי מקבל־פּנים זיין; נאָר דו, מחותן, האָסט געפעלט.

שטעל דיר פאָר, אַז זי האָט זיך פון דיין סוף דערוווּסט. וואָס וועל איך דיר דאָ אויסמאָלן? ביי ר׳ זלמנען אין שטוב האָט מען איר אָנגעזאָגט די „גוטע בשורה״. זי איז אַריינגעפאַלן אין אַ היסטערישער קאָנוווּלסיע. זי האָט זיך אויס־געריסן די האָר פון קאָפּ און אַלע האָבן מיר געוויינט אויף איר קוקנדיק.

ר׳ זלמן איז געזעסן ווי אַ דערשלאָגענער.

— וואָס האָט איר געהאַט צו מיר, וואָס איר האָט מיך אַהערגעבראַכט? — האָט זי געוויינט, — בעסער וואָלט איך געווען דאָרט אומגעקומען צוזאַמען מיט מיין טאַטע־מאַמע, דורך די פּעטלוראָווצעס, איידער מיך אַזוי פיל אָנפּלאָגן אומ־זיסט און קומען אויף אַזעלכע צרות.

— קינד מיינס, — האָט ר׳ זלמן מיט זיין ערלעכער נשמה גענומען טרייסטן דיין פאַרצווייפלטע פרוי, — ווער זאָל זיך געוועזן ריכטן אויף אַזעלכע אומגליקן. נאָר עס איז דאָך שוין פאַרפאַלן, טאָכטער. מיר וועלן דיך נישט לאָזן פאַלן. אָט וועל איך אין צוויי וואָכן אַרום אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל. דיינע גוטהאַרציקע לאַנדסלייט, וואָס האָבן דיך אַהערגעבראַכט, וועלן אויך איצט דיר העלפן אויף הוצאות. ווילסטו מיט מיר פאָרן אין אונדזער הייליק לאַנד, ווו אַלע דיינע ווונדן וועלן זיך פאַרהיילן?

ערשט דאַן איז זי אַנטשוויגן געוואָרן.

— נו, רו זיך אויס און באַטראַכט זיך, — האָט ר׳ זלמן מיט טרערן אין זיינע ליבלעכע פאָטערלעכע אויגן גערעדט צו איר.

אַזוי איז טאַקע געטון געוואָרן. מיר האָבן אין אַ שיינעם זונטיקדיקן פרי־מאָרגן זיי אַלעמען באַגלייט צום פּאָרט.

פלוצים זענען יורקעס רייד אָפּגעהאַקט געוואָרן. ער האָט טיש אַ כאַפּ־געטון אַ גלאָז וואַסער און האָט עס דאַרשטיק אַראָפּגעזשלאָקעט.

— צו אַלדי רוחות. ווער צווינגט מיך אַזוי צו פלוידערן ביים עסן? אַלע מאָל דאָס זעלבע. עס בלייבט מיר שטעקן דער ביסן אין האַלדז, כאָטש שטופּ אים אַראָפּ מיט אַ קאָטשעלקע, — האָט ער מיט אַ פאַרענדערט קול אַ זאָג־געטון, און האָט בעת־מעשה אַרויסגעכאַפּט פון זיינער אַ הינטער־קעשענע אַ פאַרפּעצט טיי־כעלע און זיך געווישט די אויגן, די נאָז און דאָס מויל.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער אַליין איז גערירט געוואָרן פון דעם אַלעם, וואָס ער האָט מיר דערציילט און עס איז אים דעריבער ענג געוואָרן אין האַלדז.

איך בין געבליבן זיצן ווי אַ ליימענער גולם, כאָטש איך בין געווען הונ־געריק ווי אַ הונט; האָב איך מיך צום עסן נישט צוגערירט. מיין האַרץ איז געווען צו פאַרקלעמט, אַז איך זאָל מיר דערלויבן הנאה צו האָבן פון אַ מאָלצייט.

— איצט, ברודערקע, — איז יורקע ווידער געקומען צום וואָרט — ביסטו, זע איך, אויפגעשטאַנען תחית־המתים נאָך אַזאַ לאַנגער צייט. ראָט איך דיך, אַז דו זאָלסט גאָרנישט דערוועגן זיך צו באַווייזן פאַר דיינע אַמאָליקע גוטע פריינט. זיי וועלן אויף דיר אויסלאָזן אַלע וויסטע און פינצטערע חלומות. פאַר זיי ביסטו טויט ווי אַלע טויטע, אָדער זיי וועלן פון דיר מאַכן חוכא וטלולא.

— און אָט, ליבער פריינט — האָט שייקע צוגעגעבן — זעט איר מיך דאָ אין אָט־אָ־דעם קאַפע... צום ערשטן מאָל קום איך אַהער. עס האָט מיך צוגעצויגן די אויפשריפט אויף דעם שילד, וואָס דער קאַפע טראָגט: „באַר אי קאַפע קיטאַ־פּענאַס״. אויב איר זענט טאַקע אַן אָפּטער אַריינגייער אַהערצו, זאָגט־זשע מיר טאַקע, ליבער מענטש מיט וואָס קאָן איך דאָ פאַרטרייבן מיינע צרות?

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און האָט מיט זיין געזונטער האַנט מיך אָנגענומען פאַר אַ לאַץ, שרייענדיק:

— זאָגט מיר, מענטש איינער, מיט וואָס קען איך טויב מאַכן מיינע אויערן, אַז זיי זאָלן נישט הערן טאָג און נאַכט דעם משוגענעם גאַלאָפּ פון די שדים, וואָס האָב זיך אַריינגעריסן אין מיין האַרצן און מאַכן דאָרטן פון מיר אַ תל?

אַלע, וואָס זענען געזעסן אין קאַפע, האָבן אונדז ביידן אָנגעקוקט.

— באַרויִקט זיך שייקע — האָב איך צו אים גערעדט — איך וועל אייך געבן אַ מיטל. לאָזט מיך איידער קודם באַטראַכטן; איך בין אַ מעדיקער.

ווי אַ געהאָרכזאַם קינד האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט, גאַנץ נאָענט לעבן מיר, אין יענעם ווינקל פון קאַפע. איך האָב צוגעלייגט דעם „פאָנענ־דאָסקאָפּ״ (אַן אינסטרומענט אַזאַ מיט צוויי טרייבלעך, וואָס מען הערט דורך אים ווי דאָס האַרץ קלאַפּט) צו זיין ברוסטקאַסטן. דערנאָך האָב איך מיר אָפּגעגעבן חשבון פון וואָנען דער „שדים־גאַלאָפּ״, וואָס ער, שייקע, הערט, בעת אַרום איז שטיל. דאָס האָט ער אַליין געהערט קלאַפּן זיין משוגע־געוואָרן האַרץ. געהערט עס קלאַפּן מיטן טאַקט פון אַ גאַלאָפּ. איז דאָס אַ באַוויז, אַז אָט־אָט וועט עס זיך אָפּשטעלן.

— נאַט אייך מיין וויזיט־קאַרטל. קומט מיט דעם מאָרגן אין שפּיטאָל. איך וועל אייך אינטערנירן אין מיין אָפּטיילונג — האָב איך צו אים אַ זאָג־געטון און האָב אים איבערגעלאָזט אַליין אין ווינקל.

אַרום פינף אַ זייגער פאַרנאַכט, האָט מען מיך טעלעפאָניש אַרויסגערופן אין שפּיטאָל אַריין.

ווען מ׳האָט אויפגעשניטן שייקעס ברוסטקאַסטן, האָט דאָס טויטע האַרץ אַליין זיך אויפגעעפנט און האָט פאַר אונדז אַנטפּלעקט זיין וויסטע און פינצטערע חורבה.

מיט אַ שמייכל...

ווען ער איז צוגעקומען צום „האַפּיסיאַ דע לאַס מערסעדעס", האָט ער דערפילט ווי דאָס האַרץ זיינס האָט זיך אין אים אַ צאַפּל געטון. דער ברייטער שווערער טויער, דער הויכער שטיינערנער פּאַרקאַן באַזעצט מיט די אייזערנע שפּיצן, וואָס האָט אַרומגענומען דעם הויף פון משוגעים־הויז האָבן אים אויסגעזען קענטלעך.

— דאָ ביסטו אַמאָל געווען — האָט עפּעס אין זיין דמיון אַ שלאָג־געטון.

ער האָט אָנגעקלונגען און גענומען וואַרטן. דאָס שטיקל גאַס אויף דער „וויעיטעס" וואָס האָט געפירט צום שפּיטאָל האָט אין יענעם זומערדיקן בייטאָג אויסגעזען אין זיינע אויגן ווי אַ מין אָנגעגליטער וועג וואָס פירט צום גהינום. קיין לעבעדיקער נפש האָט זיך אין יענער שעה נישט געוויזן. די לופט האָט געשלאָגן מיט אַ דעמפּיקער היץ, און די שטילקייט אַרום יענע קאַש־מאַרן קראַנקן־הויז האָט זיך ווי אַ שווערע משא געלייגט אויפן סטודענטס אויס־געמאַטערט און דערשלאָגן געמיט. ער איז נאָך געווען דערשעפּט פון אַזוי פיל שלאָפלאָזע נעכט און שווערע דורכגעלעבטע טעג ביי די לעצטע עקזאַמנס זיינע אין פאַקולטעט.

עס דריקט ווייטער אָן דאָס קנעפּל ביים טויער, און הערט נישט צומאָל דאָס קלינגען פון גלעקל, וואָס געפינט זיך ערגעץ דאָרט אינעווייניק, ווער ווייסט ווו.

פּלוצים דערזעט ער אין דער מיט פון פאַרהאַקטן טויער אַן עפענונג פון אַ פּירעקיק פענצטערל מיט קראַטעס דורך וועלכן עס קוקן אויף אים צוויי ברייט־אויפגעעפנטע אויגן.

— וואָס פאַרלאַנגסטו, יונגערמאַן? — האָט אַ הייזעריקע שטים אַ פרעג־געטון.

— איך בין געקומען — האָט דער סטודענט געזאָגט — זיך איינשרייבן אויפן קורס פון פּסיכיאַטריע אויף דער קאַטעדרע פון פּראָפעסאָר באַרדאַ.

— בוענאָ! — האָט דער פון אינעווייניק אַ ברום־געטון.

דאָס פענצטערל האָט זיך פאַרמאַכט און אַ קליינגען פון שליסלען האָט זיך דערהערט פון יענער זייט טויער. אין אַ ווייל אַרום האָט זיך דער שווערער

טויער אויפגעעפנט מיט אַ סקריפּ, ענלעך צו אַ קראַקע פון אַ בייזן נאַכט־פויגל.

דער סטודענט האָט דערפילט עפּעס אַ מאָדנע שוואַכקייט אין די פיס, ווען ער האָט דערזען דעם טויער־היטער. זיין געשטאַלט אינעם שפּיטאָל־אוניפאָרם פלעגט זיך אים אָפּטמאָל פאַרשטעלן אין זיינע קאָשמאַרנע חלומות.

זיין פאַרנעפּלטער בליק בלאָנדזשעט אין אַלע זייטן. ער קוקט אויפן היטערס בודקע, אויפן גרויסן אַליאַרם־גלאָק, אויפן בוים מיט די משונהדיקע אויסגע־קרימטע צווייגן, די אַספאַלטירטע אַלייע מיט די צוויי רייען הויכע טאָפּאָליעס און העט ווייט צעשטעלטע פּאַוויליאָנען, די ריזיקע שטייג אין וועלכער עס בלאָנקען אַרום מענטשלעכע שאָטנס, דאָס אַלץ, אַלץ, וואָלט ער געשווירן איז אים אַזוי באַקאַנט און היימיש...

— גאָט מיינער! — טראַכט ער זיך — פון וואַנען האָט זיך צו אים גענומען דער דאָזיקער מאָדנער געדאַנק?

— אייערע דאָקומענטן! — ווענדט זיך צו אים דער פּאָרטיער.

דער סטודענט האָט אין גרויס פאַרלעגנהייט גענישטערט אין זיינע קעשענעס ביז ער האָט געפינען זיין אידענטיטעט־קאַרטע און זיין אוניווערסיטעט־ביכל.

— ביטע, סעניאָר! — האָ דער סטודענט מיט אַן איבערגעטריבענער הכנעה דערלאַנגט דעם פּאָרטיער די דאָקומענטן.

דער טויער־היטער באַטראַכט זיי אַ ווילע, ער פאַרשליסט דערנאָך דאָס טויער און גיט באַפעלעריש אַ מאַך:

— קומט!

דער פּאָרטיער מיט די שליסלען אין האַנט גייט פאָרויס, אונטער אים דער סטודענט. ער קוקט זיך אַן אומרויקער צו צו די משוגעים וואָס זענען אָנגעטון אין בלויע הויזן און בלויע רעקלעך מיט קיילעכדיקע מיצלעך פון זעלבן קאָליר.

— נו, יאָ, — טראַכט ער, — דאָס האָסטו אויך אַמאָל געזען.

טיף אין גאָרטן אויף די בענק זיצן עטלעכע קראַנקע אין שאָטן פון אַ בוים. אַנדערע לויפן הין און צוריק איבער דער אַלייע, רעדן צו זיך, זשעסטיקולירן מיט די הענט, טענהן זיך אויס מיט די ביימער, רעדן מיטן לאָמפּ, וואָס הענגט אַראָפּ פון אַן אייזערנעם סלופּ. אָט קומט איינער אַנטקעגן מיט איין האַנט אויף אונטן, די צווייטע אויף דער ברוסט, דעם קאָפּ אַביסל פאַררייסן מיט אַ פאַרשפּיצטן לאָק האָר אויפן שטערן, ער האַלט זיך געוויס פאַר אַ נאַפּאָלעאָן...

דערזעענדיק די צוויי אָנגעקומענע, פאַרנייגט ער זיך לייכט און שפּאַנט אַוועק אין גאָרטן.

דער סטודענט און דער פּאָרטיער, בלייבן ענדלעך שטיין ביי אַן אָפּטיילונג מיט אַ גרויסער אויפשריפט: „מתים־שטיבל". אויף דער טיר געפינט זיך אַ קלענערע שילד פון פּאָרצעליי מיט בלויע בוכשטאַבן: „מוסעאָ דע אַנאַטאָמיאַ פּאַטאָלאָכיקאַ". דער פּאָרטיער עפנט אויף די טיר און זיי גייען אַריין. אַ דעמפּיקער מתים־גערוך

גיט אַ שלאָג פון אינעווייניק. זיי געפינען זיך אין אַ לאַנגן זאַל אָן פענצטער, באַלויכטן פון הענגלאַמפּן הויך ביים סופּיט. אַרום די גראָע ווענט זענען די פּאַ־ליצעס אָנגעשטעלט מיט סלאָיען. עס ווייקן זיך מענטשלעכע אברים אין זיי, דאָ, זעט אויס, הערשט דער נאַקעטער טויט מיט זיין גאַנצער פאַרגליווערטקייט.

דער סטודענט האָט זיך אַ צאַפּל־געטון, ווען ער האָט פּלוצים דערזען אין דער אַרומיקער טויטער סביבה, ווי אַ מענטשלעכער שאַרבן אין ברילן האָט זיך געגעבן אַ באַוועג ביים לאַנגן מאַרמאָרנעם טיש, זיך אויסגעדרייט צו אים מיט אַ מאַט פאַרמעטיק פּנים.

— דאָקטער לאָקאַטעלי — האָט דער פּאַרטיער אַ זאָג־געטון, — דער יונ־גערמאַן איז זיך געקומען פאַרשרייבן.

ערשט דעמאָלט האָט זיך דער סטודענט עטוואָס באַרויִקט. ער האָט דערזען נישט קיין אַנדערן ווי דעם באַרימטן שעף פון דער פּסיכיאַטרישער קליניק. זיין קלייך איינגעקוואַרט פּנים מיטן פּליכעוואַטן קאָפּ, אָן איין האָר, וואָס קוקט אַרויס פונעם ווייסן כאַלאַט פאַרשפּילעט ביז אַרויף צום האַלדז, מאַכט אַ מאַקאַברישן איינדרוק אויף יעדן סטודענט, וואָס זעט אים צום ערשטן מאָל. ער האָט געהאַלטן אין אַריינקוקן אין אַ מיקראָסקאָפּ, ווען דער סטודענט איז שטיין געבליבן אין מיטן אומהיימלעכן זאַל, אַ פאַרבליפטער פון דער אומגעהייער גרויסער צאָל רעשטן פון מענטשן, וואָס האָבן אַמאָל געלעבט און זיך מיסתמא אַרומגעבלאָנקעט דאָ אין דעם שפּיטאָל, אין דער קאָשמאַרער וועלט פון פאַנטאַסטישע זעונגען און בייזע חלומות.

דער פּאַרטיער האָט אַ גלייכגילטיקער דערלאַנגט דעם דאָקטער די דאָקו־מענטן און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.

דער דאָקטער לאָקאַטעלי קוקט לאַנג אויפן סטודענטס „סעדולאַ“, לייענט איבער אויפן קול דעם נאָמען, די פאַמיליע און שטעלט זיך אָפּ ביי דער געבורט־דאַטע.

— אַזוי יונג און שוין דערגרייכט אַזוי ווייט אין דער מעדיצין? — מורמלט דער דאָקטער ווי צו זיך אַליין. — צו וואָס זיך אַזוי איילן, יונגערמאַן? — ווענדט ער זיך איצט צום סטודענט. — זעצט זיך, ביטע, זעצט זיך. איך... איך געפין איך אַזוי אויסגעמאַטערט און אָפּגעצערט... דאָס פּאַסט פאַר מיר, — האָט זיין טויט־בלייך פּנים קרענקלעך אַ שמייכל געטון. — איך בין שוין מיט אַ פוס אין קבר, אָבער איך אין אייערע יאָרן, בין געווען פול מיט לעבן. זענט איר נישט געווען אַמאָל אַ לענגערע צייט קראַנק? — האָט ער פאַטערלעך אַ פרעג־געטון, אַרויפלייגנדיק זיין רעכטע אויסגעטריקנטע ביינערדיקע האַנט אויפן סטודענטס רעכטן אַקסל.

— ניין, דאָקטער — האָט דער סטודענט מיט אַ שטילן פליסטער געענט־פערט, — איך געדענק נישט, אַז איך זאָל ווען עס איז האָבן געווען קראַנק

אבער ווען איך האָב איבערגעטרעטן די שוועל פון אָט דעם משוגעים־הויז, האָט עפּעס אַן אינערלעכע שטים מיר אַ זאָג־געטון: — דו ביסט דאָ אַמאָל געווען — און דער געדאַנק לאָזט מיר נישט אָפּ אויף קיין איין רגע, אָבער איך קאָן זיך עס אויף קיין פאַל נישט דערמאָנען.

— עט, דאָס איז גאָרנישט — האָט דער דאָקטער לאַכנדיק גענומען באַרויקן דעם מרה־שחורהדיקן בחור, — אַ סך נאָרמאַלע מענטשן דערזעען אַמאָל זאַכן, אָדער געפינען זיך אין אַזעלכע סיטואַציעס צום ערשטן מאָל און האָבן דאָס געפיל אַז זיי האָבן דאָס שוין געזען אָדער איבערגעלעבט, אָבער באַלד כאַפּן זיי זיך אַן ס'איז אַ טעות.

— איך האָף, אַז איר וועט מיסתמא געפינען די אמתע סיבה פון אייער אומאַנגענעמע רעמיניסצענץ, איבעריקנס, מאַכט נישט דערפון קיין וועזן. איך האָב אויך פאַרשריבן און איר גייט אַהיים און רוט זיך גוט אויס.

שפּרייזנדיק צום אַרויסגאַנג, האָט דער סטודענט געהאַלטן אין איין שעפּטשן צו זיך אַליין: איך בין זיכער אַז כ'בין אויפן דאָזיקן וועג נישט איינמאָל געגאַנגען; עמעצער האָט מיך געפירט פאַר אַ האַנט, ווער האָט עס געקענט זיין?

דער סקריפּ פונעם טויער האָט ווידער אָפּגעהילכט אין יענעם שטילן קוואַרטאַל אַרום דעם שפּיטאָל, פון וואַנען דער סטודענט איז אַרויס. נייגעריקע אויגן האָבן דורך אַן אויפגעפּראַלטן פענצטער פון אַנטקעגן, אים באַגלייט ביז צום ראָג.

ס'איז שוין געווען גוט טונקל, ווען דער סטודענט איז אַרויף צו זיך אין צימערל. אויף זיין טישל האָבן זיך געוואַלגערט ביכער און העפטן. פון שענקל אַרויס האָט אַרויסגעקוקט מיט זיינע צוויי פיר־עקיקע אויגן־לעכער דער מענטשלעכער שאַרבן, וואָס ער האָט אַמאָל געקויפט אויף צו שטודירן די ביינער פון קאָפּ בעת ער איז געווען אויפן ערשטן קורס. ער האָט זיך נישט געוואָלט שיידן, ווי יעדער סטודענט, מיטן מענטשלעכן שאַרבן, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט פאַר זיך ביים אַריינטרעטן אין פאַקולטעט, און אים געלאָזט אַזוי שטיין מיטן אויסגעקריצטן אויפשריפט. יעדער סטודענט געפינט פאַר נויטיק אויסצוקריצן עפּעס אויפן ביינערנעם שטערן פון זיין געקויפטן שאַרבן.

אונדזער סטודענט האָט מיט כינעזישער טוש־טינט געהאַט אָנגעשריבן אויפן שטערן פונעם ביינערנעם קאָפּ אין זיין שראַנק:

„דו ביסט איצט וואָס איך בין אַמאָל געווען,

זיין וועסטו ווי איך אַצינד, ווען מיט דיר וועט דאָס זעלבע געשען".

דער סטודענט האָט אויפגעשוידערט ווען ער האָט ליכטיק געמאַכט אין צימער. די שרעקלעכע ווערטער האָבן זיך אים אַ וואָרף־געטון אין די אויגן. ער האָט זיך אַ וואַלגער־געטון אויף זיין בעטל אַרויף, מיטן פּנים פאַרגראָבן אין צוקאָפּנס און אַזוי אַנדרעמלט געוואָרן.

אויף מאָרגן האָט ער זיך אויפגעכאַפּט ווען דער זונשיין איז געפאַלן אויף זיין פּנים. מיט פאַרזשמורעטע אויגן האָט ער זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן איבער זיין צימערל, וואָס איז שוין געווען אויפגעראַמט און דאָס טישל אָפּגעליידיקט, אַ סימן אַז זיין מוטערס הענט האָבן זיך דאָ געפּאָרעט. דער וועקזייגער אויפן נאַכטטישל האָט געוויזן צען. די גאַנצע נאַכט יענע, האָבן זיך אים געפּלאָנטערט חלומות פון דעם אַלעם, וואָס ער האָט געזען אינעם שפּיטאָל און פון צייט צו צייט האָט ער זיך איבערגעוועקט און זיך אויפגעכאַפּט אַ באַגאָסענער מיט אַנגסטן פון זיינע קאָשמאַרן. ערשט מיטן גרויען אויף טאָג, איז ער פעסט איינגעשלאָפן. ער האָט זיך אויפגעזעצט אויף זיין בעטל, אַראָפּגענומען דעם שפּיגל פון וואַנט און זיך מאָדנע אָנגעקוקט:

— אַזוי ענלעך צו יענעם, וואָס כ'האָב אין חלום געזען זיצן אויף אַ באַנק אין משוגעים־הויז און פּונקט אַזוי געקליידט ווי „זיי" אַלע דאָרט — האָט ער אַ פאַרצווייפלטער געטענהט צום שפּיגל.

— גאָט מיינער! זון! וואָס איז דאָס פאַראַ רייד?!! — האָט ער פּלוצים דער־הערט זיין מוטער שרייען נישט מיט איר קול. ער האָט זיך גאָרנישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, אַז שוין אַ היפּשע ווילע ווי זי קוקט אים נאָך.

— אוי, מאַמע! מאַמע! איך ווייס נישט וואָס עס טוט זיך מיט מיר — האָט ער פאַרצווייפלט אויסגעשריגן און אָנגענומען זיין מוטער ביי דער האַנט.

מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער האָט ער איר דערציילט פון וואַנען ס'האָט זיך צו אים גענומען זיין איצטיקע נערוון־צעטרייסלונג. ער פילט אַז ער וועט פון זינען אַראָפּ, אויב ער וועט נישט אויסגעפינען די סיבה פון די בילדער, וואָס טראָגן זיך פאַר זיינע אויגן, שוועבן פאַר אים איינגעהילט אין אַ מאָדנעם פאַר־נעפּלטן שלייער, וואָס רעגט זיין נייגער און לאָזט אים פון קיין אַנדער זאַך נישט טראַכטן.

די מוטער האָט שוין מער נישט געקאָנט איינהאַלטן דעם גרויסן סוד, וואָס זי האָט יאָרנלאַנג אין זיך געשטיקט. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ בענקל און מיט טרערן אין די אויגן גערעדט שטיל, מיט אַ צוגעדושעט קול:

— הער מיך אויס, מיין קינד. אַזוי אַ דריטהאַלבן יאָר נאָך מיין חתונה, האָב איך איינמאָל באַמערקט אַן ענדערונג אין דיין פאָטערס כאַראַקטער. ער איז געוואָרן אומעטיק, פאַרטראַכט, האָט אָנגעהויבן בלייבן זיצן אין דער היים און וואָס אַמאָל מער פאַרנאַכלעסיקט זיין אַרבעט. ער האָט גלייכצייטיק זיך גענומען דערווייטערן פון פריינט, פון באַקאַנטע און פון סתם מענטשן. נישט אַרויסגעלאָזט קיינעם אויף דער שוועל. מיט דער צייט האָט ער אויך אויף אונדז ביידן, אויף מיר מיט דיר, גענומען קוקן מיט אַ זייטיקן ברוגזן בליק, מיט אומצוטרוי. ער האָט פּלוצים גענומען רעדן שלעכטס אויף זיך אַליין:

— „ער" האָט געקאָנט אַרבעטן און איצט שוין נישט — האָט מען אים כסדר געהערט זיך באַקלאָגן, רעדנדיק אויף זיך אין אַ דריטער פּערזאָן: „ער".

ער האָט געטראַכט און זיך געחידושט פאַרוואָס „ער" איז געוואָרן אַזוי אַנ־דערש? אַמאָל האָט „ער" געהאַט פאַרשטאַנד און איצט גאָרנישט. ער פלעגט אַזעלכע רייד איבערחזרן צענדליקער מאָל אין טאָג און אָפּזיצן לאַנגע שעהן אַנט־קעגן שפּיגל און רעדן צו זיך אַליין: — מען רויבט ביי „אים" צו די געדאַנקען און מער גיט אים „אים" אַריין אַנדערע — אַז מען האַלט „אים" אין איין עלעקטריזירן. די גאַנצע וועלט איז קאַפּויער...

דערפאַר, מיין זון, בין איך אַזוי דערציטערט געוואָרן, ווען איך האָב דיך פּלוצים דערזען קוקן און רעדן צום שפּיגל. זיי מוחל.

— ניין, ניין, מאַמע — האָט דער סטודענט איר איבערגעשלאָגן — איך פאַר־זיכער דיר, אַז מיר איז אַבסאָלוט גאָרנישט. דערצייל, דערצייל ווייטער...

זי האָט אָפּגעווישט אַ טרער, וואָס האָט אַ פינקל־געטון אין אויג און אַריינ־קוקנדיק דעם זון אין פּנים אַריין, האָט זי מיט אירע ציטערדיקע הענט גענומען גלעטן דעם בחורס צעשויבערטן קאָפּ:

— איך האָב זיך גאָרנישט געריכט, אַז איך וועל עס דיר, ווען ס'איז דאַרפן דערציילן, אָבער איך טו עס נאָר, כדי דיך אַרויסנעמען פון דיין גרויסער פאַר־לעגנהייט. אַ לאַנגע צייט האָב איך געשטיקט אין זיך און געהאַלטן בסוד דעם גרויסן חורבן, וואָס קומט פאַר ביי אונדז אין שטוב; ביז די נויט, דער הונגער האָט מיך געצווינגען אַנצוקומען צו פריינט און באַקאַנטע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן יאָווען עצה־געבערס און „בעלי־רחמים", וואָס זענען געקומען קוקן אויף אונ־דזער בייזוווּנדער. דיין טאַטע איז וואָס אַמאָל מער געוואָרן שווייגנדיק און מע־לאַנכאָליש. איצט איז ער שוין גאַנצע טעג געזעסן פאַררוקט אין אַ ווינקל אין פאַרשידענע משונהדיקע פּאָזעס. ביז איך האָב איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַשלאָסן נאָכגעבן די דאָקטוירים, וואָס האָבן מיר געראָטן אינטערנירן אים אין משוגעים־הויז.

אַלע זונטיק און דאָנערשטיק פלעגן מיר ביידע באַזוכן דיין טאַטן אין דעם משוגעים־הויז. אָפּזיצן נעבן אים אויף אַ באַנק אין גאָרטן פון דריי ביז זעקס פאַרנאַכט, און צוזען ווי ער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שטומע בריאה, ווען עס גייט קיין זאַך מער נישט אָן אין לעבן... נו, געוויס האָט זיך דעמאָלט אין דיין קינדעריש קעפּל געמוזט איינקריצן יענע שוידערלעכע סביבה פון צעדרייטע מענטשן...

דיין טאַטנס ביינער זענען אַפילו צו קבר־ישראל נישט געקומען.

אומגעפער אַ חודש פאַר זיין טויט איז ער געוואָרן אַזוי געפערלעך אַגרע־סיוו, אַז מ'האָט אים געמוזט איינשליסן אין אַ באַזונדערער קאַמער, ווו מ'האָט קיינעם נישט־צוגעלאָזט צו אים... לעבעדיקערהייט איז ער באַגראָבן געוואָרן.

עד־היום ווייס איך נישט ווי זיינע רעשטן זענען אַהינגעקומען... ווען נישט ווען, זע איך אים אין חלום אַן אויפגעלעבטן, אַ קלאָרן, פונקט ווי ווען כ׳האָב אים געקאָנט אַלס געזונטן באַליבטן מאַן. אַנומלט, אַריינגייענדיק גאַנץ פרי אין עס־צימער האָט מיר אַ שווינדל־געטון אין קאָפּ. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך זע אים אויפן וואַר. דאָס ביסטו געזעסן ביים טיש און געלערנט, פאַרנעמענדיק דאָס זעלבע אָרט, וואָס ער האָט זיך מיר אין יענעם טאָג פאַרגעשטעלט אין שלאָף. דו ביסט אין אים געראָטן, ס׳זאָל פעלן אַ האָר.

מוטער און זון זענען אַ היפּשע ווײַלע געזעסן אַרומגעאָרעמט, זי האָט אין אים שטיל אַריינגעהעשעט, גלייך ווי דער מת זאָל ליגן פאַר אירע אויגן.

— זון מיינער — האָט די מאַמע אים געגלעט איבערן קאָפּ — איך האָב מיך יוגנט מקריב געווען צוליב דיר, געאַרבעט, כ׳האָב דיך געהאַלטן אין אַ קינדער־אַזיל ביז דו ביסט צוועלף יאָר אַלט געוואָרן. דעמאָלט האָב איך חתונה געהאַט מטן מאַן, וואָס איז פאַר דיר ווי אַן אמתער געטרייער פאָטער...

ביי די רייד האָט זי זיך ווי פון אַ שלאָף אויפגעכאַפּט און אויסגערופן:

— זע נאָר זע, וואָס האָבן מיר זיך דאָ אַזוי פאַררעדט? באַלד וועט ער קומען און איך האָב נאָך היינט גאָרנישט געטון. מיר וועלן אים ווי שטענדיק באַגע־גענען מיט אַ שמייכל, דו הערסט, מיין זון? מיר דאַרפן אים אויפנעמען גלייך ווי ס׳זאָל דאָ גאָרנישט האָבן געווען פּאַסירט, מיט אַ שמייכל...

אין אַ שטורעמדיקער נאַכט

אַנטקעגן מיר, אין מיין קאַנסולטאַריע ביים שרייבטיש, איז געזעסן אַ מענטש אין די פופציקער. אויף זיין פנים איז געלעגן אַ מאַטקייט פון נישט־דערשלאָפענע נעכט. זיינע מידע אויגן האָבן אויף מיר געקוקט מיט האָפענונג. ס׳איז נישט געווען צו גלייבן, אַז די עלטער, וואָס ער האָט אָנגעגעבן, איז ריכטיק. זיין קאָפּ איז געווען איינגעראַמט אין אַ גרויער האָר־ראַם. ער האָט אַראָפּגענומען דעם הוט און אַנטפּלעקט פאַר מיר אַ נאַקעטן שאַרבן אונטער אַ מאָדנע דורכזיכטיקער בלאַסער הויט.

ער האָט גערעדט אַ גוטן שפּאַניש. באַנוצט טערמינען פון אַ באַהאַוונטן אין מעדיצינישע ענינים. עמעצער, וואָס וואָלט זיך צוגעהערט צו אונדזער שמועס, וואָלט געקענט מיינען, אַז דאָ רעדן צווישן זיך צוויי דאָקטוירים.

— איר האָט אַמאָל שטודירט מעדיצין? — בין איך געווען נייגעריק צו וויסן.

— יאָ, דאָקטער — האָט ער שטיל, קוים צו הערן, אַרויסגערעדט מיט אַ זיפץ. — געגאַנגען אין אוניווערזיטעט און זיך גוט געלערנט. אָבער — דער טייוול האָט מיר אָפּגעטון אַ שפּיצל און איך בין מגולגל געוואָרן אין אַ פּראָ־פּאַגאַנדע־אַגענט פון מעדיצינישע אַרטיקלען. צוליב דעם אָבער בין איך נישט געקומען צו אייך. איצט דאַרף איך אַליין עפּעס אַ מעדיציניש מיטל. איך פיל זיך נישט מיט אַלעמען און איך וויל אייער עצה.

— וואָס איז אייך?

— דעם אמת געזאָגט, ווייס איך אַליין נישט וואָס מיר איז. נאָר זינט אַ צייט פיל איך, אַז איך גיי צו גרונט. איך ווער אויס מענטש. איך האָב נישט קיין טאָג און נישט קיין נאַכט. כ׳ווייס אַליין נישט אויף וועלכער וועלט איך געפין זיך. אַז ס׳זאָל ווייטער אַזוי גיין, ענדיק איך זיך אין קורצן. איר זענט דאָך אַ דאָקטער אפשר קאָנט איר מיר מיט עפּעס העלפן.

— אדרבא, אויב ס׳וועט נאָר מעגלעך זיין. דערציילט עפּעס וועגן זיך, וועגן אייער לעבן. לאָמיך הערן וואָס אַזוינס איר האָט דורכגעמאַכט.

דער אויסטערלישער פּאַציענט האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן. ער האָט אַ פּיר־געטון מיט דער האַנט איבערן טרוקענעם שטערן, ווי זיך אָפּצווווישן דעם שוויס און אָנגעהויבן:

— אין איינעם אַן אינדערפרי האָב איך זיך אויפגעכאַפּט אויף אַ פרעמד געלעגער. איבער מיר איז געשטאַנען אַ פרוי אין מאַנאַסטירישע קליידער. די באַרמהאַרציקע שוועסטער האָט אַריינגעגאָסן עפּעס אַ מוטנע פליסיקייט פון אַ פלעשעלע אין אַ גרויסן עסלעפל אַריין. איך בין געלעגן ווי פאַרטשאַדעט און זי געזען ווי דורך אַ נעפּל.

— וווּ בין איך?! — האָב איך אויפגעציטערט און אַ פרעג־געטון אַן איבער־ראַשטער.

די שוועסטער האָט מיר צוגעטראָגן דעם פולן לעפל צום מויל:

— שלינגט אַראָפּ — האָט די מאַנאַשקע אַ זאָג געטון.

איך האָב דערפילט אַ ביטערן טעם אין מויל פון דער איבלדיקער מעדיצין. די נאָנע האָט מיר גלייך־געמאַכט דאָס קישן צוקאָפּנס.

— אָבער וואָס איז מיר, שוועסטער? ווי קום איך דאָ אַהער?

— שוין אַ צען טעג — האָט די שוועסטער געקוקט אויף מיר פאַרשנדיק — ווי איר ליגט דאָ אין שפּיטאָל „אַלוועאַר”. איר האָט אַ לונגן־אָנצינדונג. מ׳האָט אייך געבראַכט אין אַ באַוווסטלאָזן צושטאַנד מיט 41 גראַד היץ. נעכטן בייַנאַכט איז געוועזן דער קריזיס. מ׳האָט געמיינט, אַז איר גייט אַ גאַנג. איר האָט גערעדט פאַר פייער און וואַסער. נישט געלאָזט קיינעם שלאָפן. מ׳האָט אייך איזאָלירט אין אַ באַזונדער צימער; איר זענט געווען זייער אומרויק. מ׳האָט אייך געמוזט צובינדן צום בעט. איר זענט אַ געפערלעכער חולה. ערשט היינט ביינאַכט איז די היץ אַראָפּגעפאַלן. איר האָט זיך אַרויסגעדראַפּעט. אַ מזלדיקער מענטש. איצט האָב איך שוין נישט קיין זאָרג מיט אייך.

די נאָנע האָט זיך אָפּגעקערט פון מיר עפּעס שעפּטשענדיק פאַר זיך ווי אַ תפילה און אַרויס פון צימערל. איך האָב זיך גענומען אַרומקוקן ווו כ׳געפין זיך. דורכן פענצטער איבער מיין צוקאָפּנס האָט גענומען אַריינשיינען די זון. זי האָט באַלויכטן דעם קרוציפיקס אַנטקעגן אויף דער וואַנט איבער מיין צופוסנס. דאָס נר־תמיד־פייערל האָט זיך געטוקט איבערן קרייץ. איך בין געלעגן אין אַ ריין בעט צוגעדעקט מיט שווערע קאָלדרעס. איך האָב געפּרוווט אַן אָטעם־טון טיף און דערפילט אַ שטעכן אין דער רעכטער זייט ברוסטקאַסטן. כ׳האָב זיך שטאַרק פאַרהוסט און אויסגעשפּיגן רויט אין שפּייקעסטל ביים בעט.

— דאָס ערשטע מאָל — האָב איך אַ מאַך־געטון צו זיך אַליין — געפין איך זיך אין אַ שפּיטאָל נישט אַלס סטודענט, נאָר אַלס חולה.

דער שטאָך און דאָס הוסטן האָט מיר צוביסלעך צוריקגעבראַכט צום זכרון. כ׳האָב זיך אָנגעהויבן דערמאָנען ווי אַזוי און פון וואָס איך בין קראַנק געוואָרן.

אין יענעם אויגוסט האָט דאָס שלעכטע וועטער עקשנותדיק אָנגעהאַלטן טעג לאַנגע נאָכאַנאַנד. דער רעגן איז געפּלאָסן שטראָמענווייז. דער ווינט האָט געקערט וועלטן. געריסן די לאָדנס פון די פענצטער, געשליידערט הין און צוריק די הענ־גענדיקע גאַסן־לאַמטערנעס. די רייע ביימער האָבן מאָוימדיק געריוישט און געקלאַפּט מיט די צווייגן, ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט אַריינרייסן דורכן פענצטער אין שטוב אַריין. צעשויבערטע שאָטנס האָבן זיך אין אַ ווילדן קאַראַהאָד געדרייט אויף די ווענט פונעם פּענסיאָן־צימערל. ס'איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. מיר זענען געווען זאַלבעצווייט אין צימער. איך און סאַנטיאַגאָ — צוויי סטודענטן. מיר זענען געלעגן אויף אונדזערע געלעגערס און דער שלאָף איז נישט געקומען. מיין שפּאַ־נישער שכן אויפן אַנדערן בעטל האָט זיך כסדר דענערווירט. געקוקט צום סופיט און געשאָלטן מיט טויטע קללות. אין אויבערשטן צימערל איבער אונדז, האָט דער אַלטער עובר־בטל מער ווי אַלע נעכט געהאַלטן אין איין רעדן צו זיך. ס'האָט זיך אויסגעוויזן ווי ער וואָלט נישט געווען אויבן, נאָר דאָ, מיט אונדז. כ'האָב אים באַשיינפּערלעך געזען אַרומשלייכן איבערן צימער.

מיר זענען שוין געווען צוגעוווינט צו זיין אָפּטן פּרעפּלען, קרעכצן און הוסטן, גאַנצע נעכט האָבן מיר געהערט זיינע שלעפּנדיקע טריט איבער אונדזערע קעפּ. אַ סך מאָל האָבן מיר זיך אויפגעכאַפּט דערשראָקן. ס'האָט זיך אונדז געדאַכט, אַז עפּעס קייקלט זיך דאָ אין דער פינצטער איבער אונדזער צימער, אויף דער פּאָדלאָגע.

יענע נאַכט איז ביי אים צוגעקומען עפּעס אַ נייעס. זיין אומזיניק פּלאַפּלעריי איז געווען באַגלייט מיט אַ געלעכטערל, אַן אָפּגעריסנס, אַ כאָרכלדיקס. דאָס כי־כיקען איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער און אָפּטער. אָט פּראַלט ער אַרויס מיט אַ געלעכטער און פּאַרקייכט זיך. באַלד גיסט זיך דאָס בייזע געלעכטער איבער אין אַ געוויין, ענלעך צו אַן אויסגעצויגענעם געיאָמער, אַן עלנט הינטיש געביל. און נאָך אַ קורצן איינגעהאַלטענעם שווייגן, חזרט זיך עס איבער שטאַרקער און דערשיטערנדיקער.

מיר זענען געלעגן אויף אונדזערע בעטן און געציילט אין דער שטיל די אויסגעשלאָגענע שעהן, וואָס דער שטורעמווינט האָט געבראַכט צוטראָגן פון ער־געץ אַ טורעם־זייגער.

איך ליג אויף מיין געלעגער. סאַנטיאַגאָ אָבער, מיין קריסטלעכער מיט־קוואַרטיראַנט, איז אַ נערוועזער סטודענט. ער איז שוין אַ סך מאָל דורכגעפאַלן ביי די עקזאַמענס. ער שפּרינגט ממש פון דער הויט:

— ווירכען סאַנטאַ! ווי האַלט מען עס אויס?

אויף אַ ווייל איז אויבן שטיל געוואָרן. ס'האָט זיך נאָר געהערט דאָס בור־שעווען פון שטורעם אין דרויסן הינטערן פענצטער. די אויגן האָבן זיך מיר געקלעפּט. כ'האָב געחלשט שלאָפן און אָנגעהויבן איינדרעמלען. פּלוצים, ווידער

אַן אַנפֿאַל. דער אַלטער, אויבן, פֿראַלט נאָכאַמאָל אַרויס מיט אַ שפּיציק געלעכ־טער. סאַנטיאַגאָ כאַפּט זיך אויף נישט טויט, נישט לעבעדיק, שפּרינגט אַראָפּ פֿון בעט און כאַפּט זיך מיט בײדע הענט פֿאַרן קאָפּ:

— דיאָס מיאָ! גאָט מײנער! כ׳וועל אַראָפּ פֿון זינען! וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אַנשיקעניש?!

איך האָב געשוויגן. וואָס וועל איך אים ענטפֿערן. כ׳ליג אַליין אויף צרות. סאַנטיאַגאָ האָט זיך צוריקגעלייגט אין בעט. דעם אַלטנס כאָרכלען האָט זיך גענומען דערווייטערן פֿון מיר. כ׳בין פֿעסט אַנטשלאָפֿן געוואָרן. וויפֿל צייט איך בין אַזוי געשלאָפֿן, ווייס איך נישט. אַ קלאַפּ אין טיר האָט מיך אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף.

— ווער איז דאָרט? — שריי איך אויס.

— האָט נישט קיין פֿאַריבל — דערהער איך אַ קול פֿון אַ פֿרוי הינטער דער טיר — מײן פֿאָטער... אוי, מײן אַלטער טאַטע... ער איז דאָכט זיך גע־שטאָרבן... קומט, איך בעט אײַך... אפֿשר לעבט ער נאָך. אפֿשר קאָן מען אים נאָך עפּעס טון...

— איך קום באַלד אַרויף — האָב איך פֿאַרשלאָפֿן געענטפֿערט.

כ׳האָב געמאַכט ליכטיק און אַרויפֿגעכאַפּט אויף זיך דעם אויבערראָק. סאַנ־טיאַגאָ איז געשמאַק געשלאָפֿן. ער האָט שטאַרק געכראָפּעט, ווי ער וואָלט גע־לעגן אין הינערפֿלעט.

אין אַ ווײלע אַרום בין איך געשטאַנען קעגן דעם אַלטן שכן. איך האָב אים פֿריִער קיינמאָל נישט געזען. כ׳האָב אים נאָר בלויז געהערט דורך די נעכט. איך קוק אים איצט אָן צום ערשטן מאָל. ער זיצט אַ פֿאַרגליווערטער אויף אַ שטול מיט אַ הויכן אָנלען. דער באַוואַקסענער, לאַנג נישט געשוירענער קאָפּ איז פֿאַרוואָרפֿן אויף הינטערווײלעכץ. זײַן אויסגעצויגן בלײך פֿאַרמעט־פּנים מיטן שיטערן בערדל איז פֿאַרשפּיצט. בײדע אָרעמס הענגען מאַכטלאָז אַרונטער. דער גאַנצער קערפּער זײַנער — הויט און ביינער — אײַנגעהילט אין אַ ווײַסן שלאָפֿראָק — דערמאָנט אין עפּעס אַן אַסקעט, אַ נזיר, אַ קאַטוילישן מאַרטירער וואָס מע זעט אויף די הייליקע בילדער. נעבן אים שטייט די פֿרוי, וואָס האָט מיך אַרויפֿ־גערופֿן. זי איז אָנגעטאָן ווי אַ נאָנע און זעט אויס ווי אַ מאַדאָנע. זי גלעט מיט איין האַנט דעם טויטנס קאָפּ, די צווייטע האַנט אירע ליגט צערטלעך אויף זײַן לינקן אַקסל.

איך האָב אָנגענומען זײַן האַנט און אַ טאַפּ־געטון דעם פּולס. אין דער רגע איז מיר דורכגעלאָפֿן אַ געדאַנק: ענדלעך וועט מען שוין האָבן רויִקע נעכט. כ׳האָב געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז איך באַטראַכט אים און מעשה דאָקטער צוגע־לייגט מײן אויער צו זײַן ברוסטקאַסטן. כ׳האָב געוווּסט אַז אינעווייניק אין שטיל און טויב, קיין שאַרך פֿון די לונגען, קיין טאָן פֿון האַרץ.

— ער איז טויט — האָב איך באַשטעטיקט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ.

— זעט אויס, אַ באַשערטע זאַך, — האָט די נאָנע טרויעריק באַמערקט, — אויך מיין מוטער האָב איך געטראָפן אויפן דאָזיקן פּלאַץ אין זעלבן מצב.

אין אירע אויגן האָט אַ פינקל־געטון אַ טרער. זי האָט זיך איבערגעצלמט און וואַקלדיק זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער סאָפקע דערנעבן. אַלץ אין צימער איז געווען פאַרשלייערט אין שאָטן. בלויז דעם טויטנס קאָפּ איז געווען שוואַך באַלויכטן פונעם אַנטקעגנדיקן עלעקטרישן לעמפּל אויפן נאַכטטישל.

— ערשט דאַכט זיך מיט אַ פּאָר שעה צוריק האָב איך אים געהערט רעדן, ער האָט מאָדנע געלאַכט — האָב איך סתם אַזוי אַ זאָג געטון אויסצופילן די ליידיקייט.

זי האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און גענומען שעפּטשען ווי פאַר זיך:

— די לעצטע וואָך האָט ער זיך מיר כמעט אַלע נאַכט געוויזן אין חלום. ווי נאָר כ׳האָב צוגעמאַכט די אויגן, האָב איך אים געזען אַ לעבעדיקן. ער האָט זיך געבעטן ביי מיר, כ׳זאָל קומען, כ׳זאָל אים נישט לאָזן אַליין. קוים נעכטן זיך באַוויזן אַרויסצורייסן. כ׳האָב געכאַפּט דעם צוג אין קאָרדאָבאַ. כ׳בין געווען מאָדנע אומרויִק. געהאַט שלעכטע פאָרגעפילן, און שוין געוואָלט וואָס פריִער זיין אין בוענאָס־איירעס. דער צוג האָט זיך פאַרשפּעטיקט אויף גאַנצע זיבן שעה. דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל קומען צו־שפּעט. אין איין אָטעם בין איך געלאָפן איבערן הויף. כ׳האָב באַמערקט אַז אין אייער צימער איז ליכטיק. ווען כ׳בין אַראָפּ אייך רופן איז שוין געווען פינצטער. דאָך האָב איך געוואַגט אייך צו באַלעסטיקן. איר ווערט זיכער נישט זיין בייז אויף מיר. אָט ווי איר זעט אים איז ער אַמאָל געווען אַ באַרימטער פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע אין היגן יורידישן פאַקולטעט.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. די אויגן אירע זענען געווען פאַרלאָפן מיט טרערן. זי האָט צוגעלייגט דאָס טיכעלע צו די אויגן און נאָך אַ ווייל פאָרגעזעצט:

— מיר זענען שפּאַניִער. איר האָט עס מיסתמא שוין באַמערקט אין מיין אַקצענט. מיין מוטער איז דאָ פּלוצים געשטאָרבן מיט יאָרן צוריק. איך האָב זי געטראָפן אין דער זעלבער פאַרגליווערטער פּאָזע. אויף איר פּאָלע האָט זי געהאַלטן פאַרקרימט צווישן די פינגער די מאָרגנצייטונג מיט דער ידיעה, אַז די שיף „פּרינציפּעסאַ מאַפאַלדאַ" איז אונטערגעגאַנגען. מיין פאָטער האָט זיך געזאָלט געפינען אויף דער זעלבער שיף. ער פלעגט אָפטמאָל פאָרן אויף קבר־אבות קיין שפּאַניע. איך האָב זיך שוין דאַן געגרייט צו ווערן אַ נאָנע. איך האָב זיך נישט געוואָלט אַנטוישן אין לעבן און זיך איינגעשלאָסן צווישן די גרויע ווענט פון אַ מאָנאַסטיר, איך זאָל נישט אויף אַזויפיל פילן די איינזאַמקייט מיינע פון אַן עלנטן מענטשן, אָן טאַטע־מאַמע.

איינמאָל אין אַ באַגינען, ווען כ׳בין פאַרבייגעגאַנגען דעם וואַרט־זאַל פון

מיין קאָנוועגט, האָב איך געזען זיצן אַ מענטש אין שוואַרצן. ער האָט אויסגעזען ווי אַ מת. צוקומענדיק נעענטער האָב איך אים דערקענט אַז ס'איז מיין פאָטער. אַ ווייל האָבן מיר זיך בײדע אָנגעקוקט אָן לשון.

— איך בין דיין פאָטער, טאָכטער. האָב נישט קיין מורא פאַר מיר. איך לעב.

ער איז צוגעפאַלן צו מיר. איך בין געשטאַנען אַ פאַרשטיינערטע. נישט געקענט פון זיך אַרויסקריגן קיין וואָרט. ס'איז אים נישט געווען צו דערקענען, אַזוי פאַרעלטערט האָט ער אויסגעזען. איך האָב אים אַריינגענומען צו זיך אין צימער. ער האָט מיר דערציילט, אַז אין דער נאַכט, ווען ער האָט געזאָלט נעמען די שיף אין באַרצעלאָנאַ, איז ער פלוצים אַוועקגעפאַלן. מ'האָט אים גלייך געמוזט כאַפּן אין שפיטאָל אַריין. דער מאָגן האָט זיך אים דורכגעלעכערט. ער האָט געליטן אויף אַן אולסער. מ'האָט אים דאָרט אָפּערירט. עטלעכע וואָכן איז ער אָפּגעלעגן נאָך דער אָפּעראַציע ביז ער האָט זיך געשטעלט אויף די פיס. ער האָט געשריבן בריוו, אָבער קיינער האָט אים אויף די בריוו נישט געענטפערט. קוים מיט צרות האָט ער זיך דערקליבן קיין בוענאָס־איירעס. ער האָט זיך אַלץ דערוווּסט פון די שכנים ווו מיר האָבן געוווינט.

פון דעמאָלט אָן האָט ער געלעבט אין אָט דעם פענסיאָן. פון צייט צו צייט האָב איך געפלעגט קומען געוואָר ווערן וואָס ער מאַכט. כ'האָב באַמערקט, אַז די עלטער רוקט זיך אויף אים אָן מיט ריזנשריט. דאָס לעצטע מאָל, ווען כ'בין געווען, האָט ער מיך נישט דערקענט. שוין מער ווי אַ יאָר ווי איך האָב נישט מיט וועמען צו רעדן אַ וואָרט.

זי איז אויפגעשטאַנען פון דער סאָפקע און מיט געבראָכענע טריט צוגעגאַנגען און אַ קוק־געטון דעם פאָטער אין פנים אַריין. זי האָט זיך אַביסל געפּאָרעט לעבן מת, דערנאָך אַ קוק־געטון אין פענצטער און זיך אָנגערופן צו מיר:

— עס ווערט שוין טאָג. איך דאַנק אייך וואָס איר האָט מיך נישט געלאָזט אַליין.

אַ פאַרטאָגיקע סוף־חודש־לבנה האָט שוואַך באַלויכטן די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט פון אויבערשטן צימער אין הויף אַריין. דער הימל האָט זיך נאָך יענער שטורעמדיקער נאַכט אויסגעלייטערט. אַ בייסיק קאַלט ווינטל האָט מיך דורכגענומען ווען איך בין אַראָפּגעגאַנגען פון די שטיגן. עס האָט מיר געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. ווען איך בין אַריינגעפאַלן אין מיין צימער, האָב איך דערפילט אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק און אַ טיפן שטאָך אין רעכטן זייט פון מיין ברוסטקאַסטן, וואָס איז איבערגעגאַנגען אין אַ קאָרטש. מער האָב איך נישט געדענקט.

ווי אַזוי איך בין געקומען אין שפיטאָל האָט מיר קיינער נישט געקאָנט דערקלערן. געוויס האָט דער פענסיאָן־אייגנטימער אַרויסגערופן צו מיר אַן אַמבולאַנס פון דער גיכער הילף, וואָס האָט מיך אַהער געבראַכט אין שפיטאָל.

אַ פּאָר מאָנאַטן האָט געדויערט ביז איך האָב פאַרלאָזט דאָס שפּיטאָל. פון לערנען איז שוין נישט געווען וואָס צו רעדן. איך בין אַריינגעפאַלן צו מיינע עלטערן אין דער קאָלאָניע ווי איינער וואָס קומט פון יענער וועלט.

די וואַקאַציע־חדשים זענען אַריבער. איך האָב מיך גוט אויסגערוט, געקומען צו זיך. צום לערנען אָבער בין איך אינגאַנצן אומפעיִק געוואָרן. ווי נאָר כ׳האָב מיך אָנגעקגעזעצט שטודירן, האָט מיר גענומען שווינדלען פאַר די אויגן, כ׳האָב מיך בשום אופן נישט געקאָנט קאָנצענטרירן. די קרענק, אפנים, האָט עפּעס קאַליע געמאַכט אינעווייניק אין מיין שאַרבן, — האָב איך געטראַכט. ווו איז אַהינגעקומען מיין זיכרון? איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן, וואָס איך האָב געלערנט, און קיין נייע קענטעניש גייען אין קאָפּ נישט אַריין, כאָטש טו זיך אָן אַ מעשה. ס׳האָבן נישט געהאָלפן קיין באַרימטע דאָקטוירים־פּסיכיאַטרען מיט זייערע רפואות. פון צייט צו צייט פלעגט דער אַלטער עובר־בטל, דער אַמאָליקער שכן מיינער פונעם פּענסיאָן, קומען צו מיר צו־גאַסט אין חלום מיט זיין פּלאַפּלען און געלעכטער; אָפטמאָל האָב איך אים געזען זיך ראַנגלען מיט סאַנטיאַגאָ, וואָס וויל אים פאַרשטאָפּן דאָס מויל ער זאָל נישט ליאַרעמען...

איך בין געוואָרן אַ פּראָפּאַגאַנדע־אַגענט פון מעדיציניִשע פּראָדוקטן, עטלעכע יאָר זענען אַזוי אַוועק. כ׳בין איינמאָל געקומען אין אַ שטעטל פון מיסיאָנעס, עס איז בייטאָג, זומער, די היץ איז אומדערטרעגלעך. איך זיץ אין אַ קנייפּע און קוויק זיך מיט עפּעס אַ קאַלטן געטראַנק. פלוצים דערפיל איך אַ האַנט אויף מיין פּליצע. איך הייב אויף דער קאָפּ פון דער ציימונג, וואָס איך האָב געהאַלטן אין לייענען, און דערזע מיין אַמאָליקן חבר און מיטקוואַרטיראַנט סאַנטיאַגאָ קאַסטאַניאָ.

מיר האָבן זיך בײדע דערפרייט. ער איז גוט אויפגעלייגט. מיר זיצן און טרינקען. ער דערציילט, אַז ער איז שוין זינט אַכט יאָר דאָקטער אין דעם שטעטל און פרעגט מיך:

— וואָס פאַר אַן אויסרייסעניש איז אויף דיר געקומען? געדענקסט יענע נאַכט? דו ביסט אַנטשלאָפן געוואָרן ווי אַ געהרגעטער. איך האָב דיך שטאַרק מקנא געווען, איך בין ממש משוגע געוואָרן פון דעם אַלטנס לאַכן און בורטשען, איך האָב ליכטיק געמאַכט אין צימער, אַרויסגענומען פון מיין רענצל די גלעזערנע שפּריצע צו מאַכן איינשפּריצונגען, כ׳האָב זי אָנגעפילט מיט מאָרפין און בין אַרויף צום אַלטן. ער איז געזעסן אויף אַ שטול און האָט קאָנוולסיוו געקייכט פון געלעכטער. מיין אויפרייסן די טיר פון זיין צימער, מיין דערשיינען אין מיטן נאַכט, האָט אים גאָרנישט געאַרט, פונקט ווי ער זאָל אויף מיר געווען וואַרטן. ער האָט געקוקט אויף מיר מיט זיין צעשויבערט פּנים ווי אויף אַ באַקאַנטן גאַסט. אויף זיין נאַכטטישל האָט געברענט דאָס עלעקטרישע לעמפּל.

— וואָס לאַכט איר אַזוי? — האָב איך געפּרווּוט צו אים רעדן. ער האָט נישט געהערט און זיך געטון זיינס. איך האָב אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט, אים גענומען טרייסלען. זיין לאַכן און וויינען איז געוואָרן נאָך שטאַרקער. ער האָט אַפילו נישט געפילט דעם שטאָך פון דער נאָדל און די שטאַרקע פליסיקייט, וואָס איך האָב אונטער זיין הויט אַריינגעשפּריצט. איך בין געווען אַזוי נערוועיש, אַז איך האָב אינגאַנצן געציטערט. איך בין אַראָפּ און האָב אויך זיך אַריינגעשפּריצט אַ דאָזע מאָרפין. איך בין באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן.

ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט איז דיין בעט געשטאַנען ליידיק. אין צימער איז געווען אַן איבערקערעניש. דאָן אַנטאָניאָ, דער באַלעבאָס פון פּענסיאָן, האָט מיר דערציילט, אַז צוויי מענטשן האָט מען היינט פון דאַנעט אָפּגערוימט — איינעם אַ טויטן, דעם אויבערשטן שכן, און דעם צווייטן, — דיך — אַ קראַנקן, מיט אַן אַמבולאַנס אין שפּיטאָל אַריין.

מ׳האָט מיך צו דיר אין שפּיטאָל נישט צוגעלאָזט. ביסט געווירט געוואָרן פון זינען, און איצט, נאָך אַזאַ צייט, זע איך דיך דאָ, וואָס פאַר אַ סורפּריז, מיין טייערער פריינד!

איך בין געזעסן ווי אַ פאַרשטיינערטער און געטראַכט: ער האָט דעם אַלטן דערמאָרדעט און איז געוואָרן דאָקטער, און איך בין צום דערמאָרדעטן פון וואַרעמען בעט אַרויסגעריסן געוואָרן אין קאַלטן דרויסן, און דאָס האָט מיך קראַנק געמאַכט, קראַנק און חרוב.

פון יענער באַגעגעניש אָן — שוין באַלד פינף יאָר — בין איך אויס מענטש געוואָרן. איך גיי אַרום ווי אַ שאָטן. זעלטן ווען איך שלאָף איבער די נאַכט. זיי אַלע, דער אַלטער, די טאָכטער זיינע די נאָנע, דער דאָקטער־מערדער פלאָנטערן זיך כסדר פאַר מיינע אויגן. ווי נעמט מען עפּעס אַ מיטל אַרויסצושלאָגן זיי פון קאָפּ? גיט מיר, איך בעט אייך דאָקטער, עפּעס אַן עצה, וואָס טוט מען, גיט מיר אַן עצה!

ער איז מיטן פּנים צוגעפאַלן צו מיין שרייבטיש און זיך צעכליפּעט ווי אַ קליין קינד.

דאָס רויטע יינגל

איך קען מיך נישט דערמאָנען זיין נאָמען. איך געדענק נאָר, אַז עס איז געווען אַ ייִדיש זיבעצן יאָריק ייִנגל, אויף וועלכן מיר, סטודענטן, אומגעפּער אַ צוואַנציק, מיטן שעף פון פּראַקטישע אַרבעטן בראָש, האָבן זיך איזדיעקעוועט און דעם זעלבן טאָג איז ער געשטאָרבן.

יאָרנלאַנג, בייטאָג און ביינאַכט, פלעגט זיך שווינדזיכטיק ייִדיש פּנים מיר אויפשווימען אין זכרון און מיך האַלטן צוגעפּענטעט מיט מיינע אַלע חושים צו זיך געדעכעניש.

— לאָזט מיך שוין אָפּ, — האָט ער מיט זיין היזעריקער שטימע, אַ פאַר־צווייפלטער זיך געבעטן ביי דער חברה אין יענעם לעצטן פרימאָרגן זיינעם. טראַכט מיך וועגן אים.

דאָס קול זיינס קלינגט נאָך עד היום אין מיינע אויערן, ווען איך פאַר־טראַכט מיך וועגן אים.

ווי גרויס און נעבעכדיק האָבן זיינע בלויע אויגן געקוקט אויף מיר, ווי איינער זאָגט: „דו ביסט דאָך אַ ייִד, ווי קענסטו ליידן ווי מען מוטשעט אַזוי אַ ייִדיש קינד?“.

איך בין טאַקע געווען דער איינציקער ייִד צווישן אַזוי פיל קריסטלעכע סטודענטן. איך האָב אים אָבער גאָרנישט געקענט העלפן. איך האָב מיך נאָר אָפּגעהאַלטן פון אונטערזוכן אים, כדי אים נישט צו באַלעסטיקן.

פון דאַן אָן זענען שוין אַוועק אַכצן יאָר. געוווּנט צייט אים צו פאַרגעסן. אָבער דאָ נישט לאַנג, אין אַ שיינעם טאָג, האָב איך אים דערזען זיצן אין דער זעלבער פּאָזע ווי אין דעמאָלטיקן פרימאָרגן.

איך האָב נאָך אַזאַ לאַנגע צייט באַזוכט יענע פּאַלאַטע, צוליב אַ געווויסן אינטערנירטן. אויף דער וואַנט, צוקאָפּנס פון בעטל, ווו יענער ייִדישער ייִנגל איז געשטאָרבן, הענגט אַ גרויס בילד, געמאָלט פון דעם גרויסן איטאַליענישן קינסטלער פאַנטוצי. דאָס בילד שטעלט מיט זיך פאָר איינע פון די פילע לעק־

ציעס פון סעמיאָלאָגישער פּראַקטיק, וואָס מ׳האָט דורכגעפירט אויף יענעם אומגליקלעכן.

מײַנע אויגן זענען געוואָרן צוגעשמידט צום בילד. אָט זע איך דעם שעף אין זײַן קלאַסישער פּאָזע, האַלטנדיק אַ דרשה. אַרום יענעם בעטל שטייען סטודענטן. זיי הערן זיך אײַן מיט געשפּאַנטקייט. איך דערקען זיי. אַלע זענען זיי געווען מײַנע מיטשילער, אַלע געקליידט אין ווײַסן. עס מאַכט אויף מיר דעם אײַנדרוק ווי ערשט נעכטן האָט דאָס פּאַסירט. דאָס ייִנגל זיצט אַ נאַקעטער אויפן בעטל; זײַנע בעטנדיקע בליקן זענען געווענדט צו דער גרופּע. זײַנע רויטע, געקרײַזלטע האָר פון קאָפּ מאַכן אַ שווידערלעכן קאָנטראַסט מיט זײַן אויסגעדאַרטן בלייכן מת־פּנים; זײַן סקעלעט איז אַזוי דורכזיכטיק, אַז מ׳זעט אָן יעדן ביין באַזונדער. דער טאַלאַנטפולער פּאַנטוצי האָט מיט זײַן פּענדזל פאַרוואַנדלט דאָס ייִנגל אין אַזאַ אַנאַטאָמישן מייסטערווערק, אַז מיט בלויז אויסשטודירן דאָס בילד, פאַרשפּאָרט מען אָנקומען צו אַ טויטן, כדי צו באַקענען זיך מיט דער אויסערלעכער אַנאַטאָמיע.

איך דערמאָן זיך איצט, שטייענדיק אַנטקעגן דעם בילד, וואָס מײַנער אַ חבר האָט מיר אין דער שטיל אַ זאָג־געטון יענעם פרימאָרגן:

— אַך, ווען גאָט העלפט מיר און דאָס ייִנגל שטאַרבט אוועק און פאַלט אַרײַן מאָרגן צו מיר אין די הענט ביים עקזאַמען פון „מעדיסינאַ אָפּעראַטאָריאַ״, שווער איך דיר ביי וואָס הייליק איז, חבר, אַז איך וואָלט אָפּגעגעבן דעם עקזאַמען מיט דעם גרעסטן דערפאָלג. אַז איך וואָלט איינמאָל פאַר אַלע מאָל פּטור געוואָרן פון אָט דער פאַרשאָלטענער מאַטעריע. דריי מאָל בין איך שוין דורכגעפאַלן: און אַלץ צוליב וואָס? צוליב פּעטע שמאַלציקע מתים, וואָס מ׳שטעלט מיר צו... ביסט כאָטש אַ מבין אויף אַזאַ אומגליק?

דער חבר האָט צו מיר גערעדט מיט פאַרביטערונג און האָט בשעת־מעשה געוואָרפן פייערדיקע בליקן אויף דעם ייִנגל.

אין יענעם מאָמענט האָט דער שעף געהאַלטן זײַן רעדע.

— איר זאָלט וויסן, — האָט ער געזאָגט — אַז די רויט־האָריקע מענטשן האָבן אַ מאָדנע נייגונג צו שווינדזוכט. קאָכס באַציל געפינט אין זייערע לונגען דעם געשמאַקסטן ביסן. דערפאַר באַקומט ביי זיי דער טובערקולאָז אַ באַזונדער געפערלעכן כאַראַקטער, אַ פאַטאַלע אייגנשאַפט, וואָס גייט איבער בירושה אויף דור־דורות.

— אָט דעם ייִנגלס פאָטער איז יונג אַוועק פון דער וועלט. אַ שוועסטערל און אַ ברודערל באַווייזן איצט די אָנפאַנג־סימפּטאָמען פון שווינדזוכט. אַ שטרענגע באַהאַנדלונג און בעסערע אומשטענדן קאָנען נאָך ביי זיי אויסמיידן פאַטאַלע קאָנסעקווענצן.

— איצט וועלן מיר אים אונטערזוכן, — האָט נאָך אַ קורצער פּויזע געזאָגט דער פּראָפעסאָר. — יעדער איינער פון אייך דאַרף אים אויסקלאַפּן און אויסהערן די פּלייצע, כדי זיך צו באַקענען מיט אַלע סימנים, וואָס זיינע צעשעדיקטע לונגען באַווייזן. דעם יינגל האָט גאָרנישט געקימערט דעם פּראָפעסאָרס רייד. טאָג־איין, טאָג־אויס פלעגט ער הערן די זעלבע דרשה. ער האָט שוין פון לאַנג געוווּסט, אַז ער גייט באַרג־אַראָפּ. ער האָט זיך יעדן טאָג באַגעגנט מיטן טויט.

ווי אַלע מאָל, איז ער אויך איצט געזעסן מיט זיין נאַקעט צעפּיבערט לייב, אויף וועלכן די סטודענטן האָבן איינער נאָכן אַנדערן געקלאַפּט מיט די פינגער, געטאַפּט, גענישטערט צווישן זיינע ביינער. פון צייט צו צייט פלעגן זיך זיין פּנים פאַרקרומען פון ווייטיק, ווען עמעצער פלעגט אים צו שטאַרק אַ קלאַפּ־טון אָדער אַ דריק־טון אויף אַן אָרט, ווו זיין לונג איז געווען מער אָנגעצונדן.

מער פון אַלע איז אים דערגאַנגען די יאָרן דער דורכגעפאַלענער סטודענט אויף „מעדיסינאַ אַפּעראַטאָריאַ״. ער פלעגט קומען יעדן טאָג. זיין קלאַפּן איז געווען אומברחמנותדיק. אויך איצט, האָט ער באַמערקט, גייט יענער צו צו אים. זיין קערפּער האָט זיך אַ צאַפּל געטון און אין זיינע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. דער סטודענט האָט אין זיינע אויגן אויסגעזען ווי גלית הפלישתי, אַ ריז מיט אַ מערדערלעכן פּנים, מיט אַ פּאָר ריזיקע ידים.

„ווי לאָזט מען גאָר צו אַזאַ מין בריאה צו מיר״ — האָט ער זיך געטראַכט.

מער פון אַלע האָט זיך יענער מיט אים געפּאָרעט. יעדעס מאָל, ווען דער סטודענט האָט אַ לייג־געטון די האַנט אויפן יינגלס פּלייצע, האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט ווערן די ריפּן צעבראָכן. ביז דאַן האָט דאָס יינגל געשוויגן. קיין וואָרט פון פּראָטעסט האָט ער נישט געוואָגט אַרויסצוברענגען. אין פאַרלויף פון די פינף חדשים, וואָס ער איז דאָרטן געלעגן, איז קיין טאָג נישט אַריבער, מ׳זאָל אים לאָזן צורו. גאַנצע שעהן פלעגט ער יעדן פרימאָרגן זיצן אַ נאַקעטער. אין דער פּאַלאַטע פלעגט זיך אַריינרייסן דער קאַלטער ווער פון דעם נאַסן איינ־געגעסענעם ווינטער. אָבער יענעם פרימאָרגן האָט דאָס יינגל מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און אָט האָט זיך זיין הייזעריק קול געלאָזט הערן:

— זאָל שוין זיין גענוג — האָט ער מיט זיינע לעצטע כוחות זיך געבעטן.

דאָס קול, האָט זיך געדאַכט, טראָגט זיך נישט פון קיין זיבעצן־יאָריקן יינגל, נאָר פון אַ זקן, וואָס שטייט שוין מיט איין פוס אין קבר.

— איר האָט געהערט — האָט זיך דער פּראָפעסאָר אָנגערופן צו דער חברה. — לויט זיין שטימע קאָן מען פאַרזיכערן, אַז די באַצילן האָבן שוין אָנגעגריפן זיין האַלדז.

עס האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ מאָדנער קריי: דאָס איז געווען אַ מין הוסט, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון דעם יינגלס האַלדז, באַגלייט מיט אַ כאָרכלען, וואָס האָט נאָך מער פאַרשפּיצט די נייגעריקייט פון די אָנוועזנדע.

דאָס יינגל האָט זיך אָנגעשטרענגט, אַז דער הוסט זאָל זיך מער נישט איבער־חזרן, ווייל ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז ער וועט ביי אים אַרויסרופן אַ בלוט־שטורץ.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך געווענדט צום סטודענט, וואָס האָט געהאַלטן אין באַטראַכטן דאָס יינגל:

— לייגט צו אייער אויער צו דער רעכטער לונג, וועט איר אומיסטן הערן ווי אַזוי דער הוסט הילכט אָפּ אין דעם צעשטערטן פּלאַץ. און דו, מיין קינד, גיב נאָכאַמאָל אַ הוסט.

באַלד האָט זיך ווידער אַרויסגעריסן דער שווידערלעכער קריי. אָבער דאָס מאָל האָט זיך שוין באַוויזן אַ רויטע פליסיקייט אויף זיינע ליפּן.

— אַ שאָד, וואָס עס איז שוין אַזוי שפּעט — האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט, קוקנדיק אויף זיין קעשענע־זייגערל — אַלע וואָלטן זיך געדאַרפט פאַמיליאַריזירן מיט אָט די אינטערעסאַנטע קלאַנגען; אָבער דאָס וועל איך אייך שוין וויזן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט.

ביי די ווערטער איז ער, מיט דער גאַנצער חברה, אַרויס פון דער פּאַלאַטע, איבערלאָזנדיק דאָס יינגל אַ פאַרקייכטן.

אַ ווײַלע בין איך געבליבן שטיין אין פאָדער־צימער און געהערט ווי ער וואַרגט זיך מיט עפּעס, וואָס פאַרטריקנט זיין האַלדז. אַן אַ שיעור טרויעריקע זאַכן האָבן זיך מיר געפּלאָנטערט אין מוח...

— וואָס שטייסטו אַזוי ווי אַ מאַניאַק? — האָב איך דערהערט מיין חברס קול. — קום בעסער אַהער, וועסטו זען ווי ער גייט אָפּ מיט בלוט...

ביי דער האַלב־אָפענער טיר פון דער פּאַלאַטע האָבן מיר צוגעזען זיין שווידערלעכע גסיסה.

ביז דער קראַנקן־וועכטער איז צוגעלאָפן, איז שוין דאָס יינגל געווען טויט. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דעם יינגלס קאָפּ האָר איז אין יענעם מאָמענט געוואָרן נאָך רויטער.

עלענא

מאָדנע שטיל און אויסערגעוויינטלעך פינצטער האָט אויסגעזען די שטאָט בוענאָס־איירעס, אין דער נאַכט פון 29סטן קעגן 30סטן אויגוסט פון 1911.

יענעם גאַנצן חודש האָט געהאַלטן אין איין רעגענען און דער „פאַמפּעראָ" האָט נישט אויפגעהערט צו בושעווען. יעדן טאָג האָבן די צײַטונגען געמאָלדן און פאָטאָגראַפיש געשילדערט די שאָדנס, וואָס דער שלעכטער וועטער האָט אָנגעטון אין פאַרשידענע געגנטן פון שטאָט.

דאָס כסדר אײַנגעשרומפּענע ברודיק טײַכל „ריאַטשועלאָ", וואָס טיילט־אָפּ די שטאָט פון דער פּראָווינץ, איז אַרויס פון זײַנע שמוציקע ברעגעס און האָט זיך לאַנגזאַם צעשפּרייט איבער די אַרומיקע געגנטן.

פיל גאַסן פון דער שטאָט זענען געוואָרן פאַרוואַנדלט אין קאַנאַוועס אָנגעפּולט מיט אומרײַנע לויפיקע וואַסער. אַן אומגעוויינלעכער גערויש פאַראורזאַכט דורך דעם שטורעם, רעגן און וואַסער־שטראָם פּלעגט זיך דורך די נעכט אַרײַנרײַסן אין די הײַזער, מאַכנדיק דעם אײַנדרוק, אַז אין דרויסן געוועלטיקט אַ שדים־קאַראַהאָד.

אָבער אין יענער נאַכט איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן און אַ דיקער נעפּל האָט זיך מיטאַמאָל אַראָפּגעלאָזט אויף די גאַסן פון בוענאָס־איירעס. די פינצטערניש איז געווען ממש אָנצוטאַפּן מיט די הענט.

נאָך פינצטערער און אײַנזאַם האָט אויסגעזען די גאַס וויאַמאָנטע, אין דעם קוואַרטאַל, וווּ עס געפינט זיך די געביידע פון מעדיצינישן פאַקולטעט.

עס האָט זיך דאָרט פּלוצים דערהערט טריט פון פערד און סקריפּען פון רעדער. אָבער עס איז באַלד שטיל געוואָרן, און מ'האָט געקענט באַמערקן עפּעס אַ מין נישט באַגרײַפלעכע טונקעלע פאָרעם האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט אַנטקעגן אַ טיר פון יענעם בנין. עס האָט קיין ספק נישט גענומען און צוויי מענטשלעכע שאָטנס האָבן אַהין אַרײַנגעטראָגן אַ קאַסטן, די לענג און די ברייט פון אַ מענטשן.

ווען עס האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, האָט זיך אין קאָרידאָר פון פאַקולטעט, וואָס ציט זיך פּאַראַלעל צו דער גאַס קאָרדאָבאַ, באַוויזן אַ סילועט פון אַ הויכן מאַן. ער גייט געלאַסן און מורמלט עפּעס צו זיך אַליין. זיינע שווערע טריט הילכן אָפּ אין די אַרומיקע ליידיקע סאַלאָנען פון דער געבידע. ער בלייבט אַ ווײַלע שטיין ביים ענדע פון קאָרידאָר, עפּעס אַ ווילדער געלעכטער האָט זיך געלאָזט הערן פון דעם אָרט, ווו די מאָרגע געפינט זיך.

— ער דערקענט מיינע טריט, אָט דער „סאַמבאָ" — האָט דער מענטש צו זיך אַליין אַ ברום געטון. ער האָט זיך פאַרנומען אויף רעכט אין דעם קאָרידאָר, וואָס ציט זיך פּאַראַלעל צו דער גאַס כוניך. ענדלעך איז ער צוגעגאַנגען צו אַ טיר, אַרויסגענומען פון זיין קעשענע אַ שליסל און איז אַריין אין איינעם פון די גרעסטע סאַלאָנען, וואָס דינען אַלס פּראַקטישע אַרבעט־שולע פון אַנאַטאָמיע.

אַ שטאַרקער גערוך פון מתים־פלייש האָט אים אַ שלאָג־געטון אין זיינע נאָזלעכער. אָבער טריזשאָן האָט דאָס נישט געקימערט, ווייל ער איז שוין פון אַ סך יאָרן צוגעוווינט צו אַזאַ ריח. טריזשאָ, אַזוי האָט מען אים גערופן אונדזער פּער־סאָנאַזש, וועלכן מיר האָבן באַגעגנט אַריינגיין אין יענעם סאַלאָן.

ער איז געווען אָנגעשטעלט אין פאַקולטאַט, אַלס „קאַפּאַטאַס" פון די „פּעאָ־נען", וואָס פלעגן אָנגיין מיטן רייניקן די פאָלן, וואַשן די מאַרמאָרנע טישן, וועלכע פלעגן כמעט שטענדיק זיין פאַרנומען מיט מתים, פאַרברענען די נוצלאָזע מענטשלעכע אָפּגעשניטענע איברים און אַזוי ווייטער.

טריזשאָ איז געווען זייער גוט צו זיינע מיטאַרבעטער. ער פלעגט אַפילו אַליין אָפּטון מער ווי זיי אַלע דורך דעם טאָג. דערפאַר אָבער האָט ער גענאָסן פון אַ סך פּריווילעגיעס, וואָס קיינער פון זיינע מיטאַרבעטער האָט אַפילו נישט געחלומט.

ער פלעגט פון אַלעם מאַכן געלט. פאַרקויפן גאַנצע מענטשלעכע קערפּערס צו די סטודענטן, דאָס האָט ער נאָר געקאָנט. היינט ביינער און גלאַט אַזוי איברים. דאָס איז שוין געווען אַ טאָג־טעגלעכער געשעפט, וואָס ער האָט מאָ־נאָפּאָליזירט.

אָט אַזאַ גרויסאַרטיקע שטעלע האָט ער איבערגענומען ביי זיינעם אַ לאַנדס־מאַן בחזקה. ראַדיניא האָט יענער געהייסן. צווישן אָט די צוויי פּראָסטע גוטע ברידער האָט געהערשט עפּעס אַזאַ מין מאָדנע איבערגעטריבענע פריינטשאַפט, אַ פאַרדעכטיקטע אומנאָרמאַלע ליבשאַפט, וואָס עס גיט זיך אַמאָל איין צווישן מענטשן, וואָס לעבן שטענדיק צוזאַמען אונטער דער ווירקונג פון אַלקאָהאָל. שטענדיק זענען זיי אַרומגעגאַנגען שיכור, און אין זייערע אויגן האָט שטענדיק געגליט עפּעס אַ מאָדנע פייערל.

נאָך אַ צוועלף יאָר אַרבעטן, האָט ראַדיניא אין אַ שיינעם טאָג זיך צעקאַ־ליעטשעט ביי זיין שמוציקער אַרבעט, און אין צוויי מעת־לעת איז ער אָפּגעראַמט

געוואָרן פון דער וועלט דורך אַ בלוט־פאַרגיפטונג. אָבער פאַר טריזשאַן איז זיין חבר נישט געשטאָרבן. אין זיין פאַרשיכורטן צושטאַנד איז ראַדיניאַ אים גע־שטאַנען פאַר די אויגן און האָט מיט אים כסדר גערעדט. טריזשאַ איז וואָס ווייטער אַלץ מער געוואָרן באַהערשט פון האַלוצינאַציעס, אין וועלכע די הויפּט־ראָלע האָט געשפּילט זיין פאַרשטאָרבענער חבר ראַדיניאַ. דערפאַר האָט מען אים געזען רעדן שטענדיק צו זיך אַליין.

*
**

אין יענעם פרימאָרגן איז טריזשאַ אַריין אין דעם סאַלאָן, וווּ מיר האָבן אים באַגעגנט אויפשליסן די טיר, און אָט איז דער דיאַלאָג, וואָס ער האָט־אָפּ מיט ראַדיניאַן:

— ווי געפעלט די עפּעס די קעלט פון היינטיקן אויגוסט־פרימאָרגן, ראַ־דיניאַ?

— זייער אַ שטאַרקע קעלט, טריזשאַ.

— נו, און דער נעפּל?

— אויך נישט קיין שלעכטער.

— ער קריכט פשוט אין די ביינער.

עמעצער פון יענער זייט וואַנט וואָלט געקענט מיינען, אַז דאָס רעדן טאַקע צוויי מענטשן, ווייל טריזשאַ פלעגט זיך אַליין אָפּענטפערן, נאָכמאַכנדיק אויס־געצייכנט ראַדיניאַס קול.

— זאָג מיר נאָר, ראַדיניאַ, — האָט טריזשאַס קול אָפּגעהילכט אין דעם ליידיקן סאַלאָן, — ווו האָסטו ערגעץ אַוועקגעלייגט דעם שאַרבן פון יענעם נע־גער, וואָס איך האָב נעכטן אַראָפּגעשאָבן דאָס פליש?

— אין דער טרומנע, וואָס שטייט אין יענעם ווינקל.

און טריזשאַ ווייזט אַליין אָן מיט אַ פינגער, און לאָזט זיך גיין אַהין. ער נעמט אַרויס אַ קאָפּ פון אַ מענטשן, בלויז ביינער, און מאַכט צו זיך אַליין:

— זעסט, ראַדיניאַ? פאַר דעם קאָפּ האָב איך שוין אַ קונה, וואָס וועט מיר באַצאָלן צוועלף פּעזעס. ווי זאָגסטו אַ גוט געשעפט?

— אַ, געוויס, אַ גוטס.

— ע־ע... אַ גוט מאָרגן סאַמבאַ, — האָט טריזשאַ אויסגעשריִען, קוקנדיק צו דער טיר פון אַ קליין צימערל, אין וועלכער עס האָט זיך באַוויזן אַ חיה, וואָס האָט פאַרמאָגט, אַנשטאָט פיר פיס, פיר הענט. דאָס הייסט אַן אָראַנגוטאַן, אַ מין מאַלפּע.

די חיה האָט אויסגעשאָסן אַ ווילדן געלעכטער און איז ווי אַ פייל פון בויגן צוגעלאָפן צו אים. זי האָט געדרייט מיטן קאָפּ אין אַלע זייטן און נישט אויפ־געהערט צו לאַכן און צו שפּרינגען.

— וואָס פֿאַר אַ שמחה איז אויף דיר סאַמבאַ? — האָט טריזשאַ אַ פֿרעג־געטון פֿאַרוווּנדערט דער מאַלפּע.

סאַמבאַ האָט אים אָנגענומען ביי אַ האַנט און האָט אים צוגעפֿירט צו אַ מאַרמאָרנעם טיש, גלייך ווי ער וואָלט אים וועלן זאָגן:

— זע נאַר, וואָס מ׳האָט דיר געבראַכט.

טריזשאַ האָט אַ קוק־געטון אויף דעם טיש, און אויף זיין פּרצוף האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל פֿון גרויס צופֿרידנקייט.

— אַ, כּעסוס, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ לייכע? אין מיין לעבן האָבן איך נישט געזען אַזאַ שיינעם יונג־מיידלשן קערפּער אויף אָט די קאַלטע מאַרמאָר־טישן, — האָט ער אויסגעשריגן. — ער האָט זיך אָנגעבויגן אַריינצוקוקן אין איר פּנים. זי האָט די אויגן אירע, געהאַלטן אָפֿן, גלייך ווי זי וואָלט אויף עפּעס געקוקט, מיט אַ באַזונדער פֿריינטלעכער אויפֿמערקזאַמקייט. קיין סימן פֿון אירע לעצטע שמערצן. פֿאַרקערט, אַ זיסער שמייכל האָט געשוועבט אויף איר שיין פּנים. דער מלאך־המוות האָט, ווייזט אויס, איבערגעריסן איר לעבן אין מיטן אַ זיסן חלום.

טריזשאַ האָט נאָך מער באַטראַכט איר שניי־ווייסן קערפּער פֿון אויבן ביז אַראָפּ, טיפֿע זיפֿצן האָבן זיך פֿון אים אַרויסגעריסן און ער איז פֿון מינוט צו מינוט נערוועזער געוואָרן.

ער האָט דערפֿילט עפּעס אַ ברוטאַלן פֿאַרלאַנג... ער האָט אַרויפֿגעלייגט זיינע אַ האַנט אויף איר נאַקעטער רייפֿער ברוסט און פֿילנדיק ווי קאַלט און פֿאַרגלי־ווערט איר קערפּער איז, האָט ער אַ פֿאַרביטערטער אַ שמייכל און אַ ברום געטון:

— באַ! זי איז נישט מער ווי אַ טויט שטיק פֿלייש, אפֿשר פֿון דעם בעסטן סאָרט; נו, וועל איך פֿאַר איר אָפּנעמען מער מיט אַ צען פּעזעס. נישט אמת? ראַדיניאַ, און ווי געפֿעלט דיר, סאַמבאַ?

און אַזוי רעדנדיק צו זיך אַליין, איז ער צוגעגאַנגען צו אַ שאַפֿע און האָט פֿון דאָרט אַרויסגענומען עטלעכע אינסטרומענטן: ער האָט זיך אָנגעטון אַ ווייסן כאַלאַט, וואָס איז געווען ערטערווייז פֿאַרפֿלעקט מיט בלוט; ער האָט זיך נאָכדעם אומגעקערט צו יענעם טיש, אַרונטערגעלייגט זיין פֿעסטע האַנט אונטער דעם מיידלס קערפּער און אים אַוועקגעלייגט אויף אַ לאַנגער באַנק, לעבן אַ וואַנט, אויף וועלכער עס איז געווען אָנגעהאָנגען אַ גלעזערנער עמער. דער עמער איז געווען פֿול מיט וואַסער אויסגעמישט מיט פֿאָרמאָל. פֿון דעם עמער האָט זיך גע־צויגן אַ גומענע קישקעלע, צו וועלכער עס איז געווען צוגעמאַכט אַ מעטאַלן רערל, וואָס האָט זיך געענדיקט אין אַן איינשפּריץ־נאָדל. ער האָט מיט אַ ביסטורי אויס־געשניטן אַ טייל פֿון מיידלס האַלדז, ווו עס געפֿינען זיך די הויפּט־אָדערן. ער האָט אַהין אַריינגעשטאָכן די איינשפּריץ־נאָדל, אָפּגעדרייט אַ קראַנדל, און דאָס וואַסער פֿונעם עמער האָט אָנגעהויבן ווערן אַלץ נידעריקער. אַ סימן, אַז ס׳דרינגט אַריין

אין דעם מיידלס קערפּער. אין דער זעלבער צייט איז געווען צו באַמערקן ווי פון איר מויל האָט גענומען רינען אַ מין ווייסער שוים.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז שוין די לייכע ווידער געלעגן אויף יענעם טיש, און עס האָט פון איר געשלאָגן אַ שטאַרקער גערוך פון פאָרמאַל.

ווען טריזשאַ האָט איר אַרומגעווישט דאָס מויל און האָט זיך שוין געוואָלט נעמען צו אַן אַנדער אַרבעט, האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין טיר.

*****

אין יענעם קאַלטן אויגוסט־פרימאָרגן האָט זיך געעפנט די טיר פון דער 26סטער פּאַלאַטע פון שפּיטאָל „מוניס", און עס האָט זיך אין איר באַוויזן דער פּראָפעסאָר קיראַגאַ. אַ ווײַלע איז ער געבליבן שטיין אויף דער שוועל און זיינע גוטמוטיקע אויגן האָבן געקוקט אויף בײדע רייען בעטלעך; זיין בליק איז געפאַלן אויף דעם בעטל נומער 34, וואָס איז געשטאַנען ליידיק. זיין פּנים האָט זיך פאַר־ענדערט און ער האָט צו זיך אַ זאָג געטון:

— יאָ, דאָס אומפאַרמיידלעכע האָט ענדלעך פּאַסירט.

דער זייגער האָט געשלאָגן האַלב ניין. מאַנכע קראַנקע זענען שוין געזעסן און האָבן אונטערגעהוסט. די באַרמהאַרציקע שוועסטער איז געשטאַנען אויף די קני קעגן דעם הייליקן בילד, האַלטנדיק אירע בײדע הענט צונויפגעלייגט אויף איר ברוסט און האָט געמורמלט אַ תּפילה. טענער פון גלעקער האָבן זיך געלאָזט הערן פון אַ נאָענטער קירכע, צוגעבנדיק מער מעלאַנכאָליע אין דער „קאַסאַ דע אַיסלאַמיענטאָ" (דאָס הויז פון אָפּזונדערונג, — אַזוי האָט מען אין יענער צייט גערופן דעם היינטיקן שפּיטאָל „מוניס"). דער פּראָפעסאָר איז מיט לאַנגזאַמע טריט צוגעגאַנגען צום ליידיקן בעטל און האָט עס פאַרטראַכט אָנגעקוקט. עמעצער וואָלט געקענט מיינען, אַז ער זעט נאָך דאָרט יענע שיינע פרוי, וואָס איז לאַנגע חדשים אָפּגעלעגן אויף יענעם געלעגער, ביז דער טויט האָט זי אין יענער נאַכט פון דאָרט אָפּגערוימט.

— זי איז געשטאָרבן נעכטן 11 אַזייגער ביינאַכט, — האָט זיך אָפּגערופן די קראַנקע, וואָס האָט פאַרנומען דאָס בעטל נומער 35, אַ פרוי ביי די פערציק יאָר, מיט אַ בלאַס פאַרמעט־פּנים, פאַרהוסטנדיק זיך ביים פאַרענדיקן די פראַזע און אויסגעשפּיגן מיט בלוט אין שפּיי־קעסטל.

— איך האָב אייך נישט געפרעגט. איך האָב דאָך אייך פאַרבאָטן צו רעדן. זעט איר דען נישט, וואָס איר מאַכט זיך מיט אייער פּלאַפּלען? וויעכיטאַ מיאַ (אַלטיטשקע מיינע), — האָט דער פּראָפעסאָר גערעדט צו איר מיט אַ טאָן פון רחמנות. די קראַנקע האָט געקוקט דעם דאָקטער אין די אויגן, און צוויי גרויסע טראָפּנס טרערן האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט אויף אירע בלאַסע באַקן. דער דאָקטער

האָט אַרויסגענומען פון זיין קעשענע אַ כראָנאָמעטער און האָט אָפּגעציילט דער קראַנקערס פולס. אין יענעם מאָמענט איז צוגעגאַנגען צו אים דער „פּראַקטיקאַנטע דע גואַרדיאַ״ (וואַך־פּראַקטיקאַנט) און מיט אַפּשיי אַ זאָג־געטון:

— די פּיר און דרייסיקסטע איז נעכטן געשטאָרבן, הער דאָקטער.

— זענט איר בייגעווען אירע לעצטע מאָמענטן, אַלוואַרעס?

— ניין, איך בין צו שפּעט געקומען. — פאַרוואָס?

— ווייל די אורזאַך פון איר טויט איז געווען אַ שאַרפער בלוט־שטורץ. איך האָב זי שוין געטראָפן אָן סימנים פון לעבן אין אַ טייך בלוט.

— נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אין דעם פּאַריקן אונטערזוך האָב איך זי אויסגעפונען אַ סך בעסער, — האָט דער פּראָפעסאָר מיט אַ זיפץ אַרויסגעשטאַמלט.

— יאָ, הער דאָקטער, דאָס איז געווען צוריק מיט אַ פּאָר וואָכן, איידער דער הער אַרנאַלדאָ קאַסאַנאָוואַ איז אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זיין אַמט אַלס פּראַקטיקאַנט פון דער סאַלאַ.

— נו, וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס? — האָט דער דאָקטער פאַרווונדערט געפרעגט.

— מען שמועסט, אַז עלענאַ איז צו אים נישט געווען גלייכגילטיק און ער צו איר אויך נישט.

— ווער האָט אַנטדעקט די דאָזיקע נייעס?

אַלוואַרעס האָט, אַנשטאָט אַן ענטפער, אָנגעוויזן מיט אַ ווונק אויף דער באַרמהאַרציקער שוועסטער, וואָס האָט אין יענעם מאָמענט פאַרלאָזט די פּאַלאַטע, אַרויסגייענדיק דורך דער טיר, וואָס האָט געפירט צו דער גאַלעריע.

— ווייסט איר נישט, הער אַלוואַרעס, צי עלענאַ האָט פריינט אָדער באַקאַנטע דאָ אין בוענאָס־איירעס? — האָט דער פּראָפעסאָר אַ פרעג־געטון.

— עס איז נישט פאַרצייכנט קיין נאָענטער פריינט, וואָס זאָל ברענגען איר קערפּער צו קבורה.

— ליגט זי, אַלזאָ, נאָך אין טויטן־שטיבל?

— ניין, הער דאָקטער, — האָט דער פּראַקטיקאַנט אין דער שטיל אַ זאָג־געטון. די לייכע וועט ערגעץ באַהאַנדלט ווערן, ווי מען איז זיך נוהג מיט אַלע עלנטע, וואָס שטאַרבן אין דעם שפּיטאָל. דאָס איז אַ באַפעל פון דירעקטאָר פון „אַסיסטענסיאַ פּובליקאַ״.

דער דאָקטער האָט לאַנגזאַם באַוועגט מיטן קאָפּ. עס איז געווען מערקבאַר, אַז ער האָט זיך געפילט גערירט און באַדויערט דעם ביטערן שיקזאַל פון דער שיינער עלענאַ.

***

די גאַנצע וואָך, וואָס טריזשאַ איז געווען פאַרנומען אין זיין אַרבעט, איז אויך די מאַלפּע נישט געשטאַנען לײדיק. זי איז אַרומגעשפּרונגען פון איין טיש אויפן צווייטן, געגלעט די טויטע קערפּערס. זי האָט צונויפגעלייגט אין אַ ווינקל פון סאַלאָן אָפּגעעשניטענע אָרעמס, פיס, אויסגעטרוקנטע נאַקעטע ביינער, אַרויסלאָזנדיק דערביי מאָדנע מאַלפּעשע קולות. אַזוי אַרום האָט זי פאַרגרינגערט די אַרבעט פון איר טרייען בעל־מפרנס.

אָבער דאָס איז נישט געווען די הויפּטראָל, וואָס אָט די ווילדע חיה האָט געשפּילט אונטער די ווענט פון פאַקולטעט. זי האָט געהאַט אויף זיך זייער אַ וויכטיקע אויפגאַבע, מיט וועלכער זי פלעגט אָנגיין נאָר ביינאַכט. עס פלעגט זיך זייער אָפט מאַכן, אַז סטודענטן האָבן זיך ביינאַכט בגנבה אַריינגעכאַפּט דורך אַ פענצטער אין יענעם סאַלאָן און האָבן פּראַקטיקירט, מאַכנדיק אַזוי אַרום אַ תל פון אַ סך מאַטעריאַל, פון וועלכן טריזשאַ האָט געצויגן זיין חיונה. נאָך אַ סך קאָפּ־ברעכעניש איז אים איינגעפאַלן אַ משוגענער פּלאַן: ער האָט געקויפט, ווער ווייסט ווו, אַ מאַלפּע, וועמען ער האָט אַ נאָמען געגעבן סאַמבאַ. אַ קוק טון אויף סאַמבאָן האָט מען געקאָנט פשוט אַראָפּ פון זינען אָדער פאַרלירן דעם באַוווסטזיין, ווען זי פלעגט פלוצים דערשיינען ביינאַכט אין יענעם סאַלאָן. אַזוי שוידערלעך ווילד האָט אויסגעזען איר געשטאַלט.

טריזשאַ האָט פאַר איר אין געהיימעניש אויסגעאַרבעט אַ נאָרע אונטער דער מאַרגע. פון דעם קליינעם צימערל, פון וועלכן מיר האָבן אים געזען מקבל־פּנים זיין טריזשאָן, האָבן זיך געצויגן אַ סך טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו יענער מיסטעריעזער נאָרע. אַהין האָט טריזשאַ אַריינגעזעצט זיין שומרטע און האָט איר אויסגעלערנט ווי אַזוי אָנצופאַלן אויף די געוואַגטע סטודענטן. אַלע פאַרנאַכט, ווען טריזשאַ האָט פאַרלאָזט זיין טאָג־אַרבעט, פלעגט ער לאָזן אָפן די טיר פון צימערל. ווען סאַמבאַ פלעגט ביינאַכט דערהערן עפּעס אַ גערודער, פלעגט זי שטיל און פלייסיק אַרויפקלעטערן אויף די טרעפּ און אַריין אין סאַלאָן, אָנוואַרפנדיק אַ פּחד אויף די אומגעבעטענע געסט.

**

דערהערנדיק קלאַפּן אין טיר האָט טריזשאַ אַ זאָג־געטון:

— גיי, סאַמבאַ, אין דייך נאָרע, מען קאָן דיך נאָך באַמערקן.

סאַמבאַ האָט פאַרשטאַנען זיין ווונק און איז נעלם געוואָרן, אַריינלויפנדיק אין צימערל. טריזשאַ האָט צוגעדעקט דעם מיידלס פּנים און איז געגאַנגען עפענען די טיר. צוויי יונגעלייט זענען דאַן אַריין אין סאַלאָן. זיי זענען געווען עלעגאַנט געקליידט. איינער האָט אויסגעזען גאַנץ מוטיק און פריילעך, אָנגעטאָן אין אַ גרויען ווינטערדיקן אויבערמאַנטל. דער צווייטער האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי ער זאָל זיין נידערגעשלאָגן, גייסטיק צעבראָכן. ער איז געווען אָנגעטאָן, אָדער

בעסער געזאָגט, איינגעהילט אין אַ מין שוואַרצע לאַנגע פעלערינע, וואָס איך פּאָלע האָט זיך פאַרוואָרפן אויף הינטן, איבער דעם לינקס אַקסל.

— טריזשאַ, מיר זענען געקומען צו דיר וועגן אַ זייער וויכטיקן ענין, — האָט זיך אָנגערופן דער, וואָס מיטן גרויען מאַנטל.

— גוט, וועגן וואָס האַנדלט זיך?

— נו, מאַך זיך נישט תמעוואַטע, — האָט לאַכנדיק געזאָגט צו אים דער זעלבער פּערזאָן.

— וואָס הייסט, איך בין דען אַ נביא, אָדער מכשף, אַז איך זאָל טרעפן וואָס איר פאַרלאַנגט.

— דאַרף מען דיר דען אַריינלייגן אַ פינגער אין מויל?

— געוויס נישט, ער וואָלט זיכער אַרויס באַשעדיקט...

— ווערדליק איך זע, האָסטו דאָ געבעג פינגער צו בייסן, — האָט זיך געהאַלטן אין איין וויצלען דער זעלבער גוט־געשטימטער פאַרשוין, — וואַרפנדיק בעת־מעשה בליקן אויף די טישן מיט מתים; אָבער געבוג שוין צו פלוידערן. היינטיקע נאַכט מוזן מיר אָנגיין מיט כירורגישער פּראַקטיק. האָסט עפּעס גוטן מאַטעריאַל? מיר וועלן דיר גוט באַצאָלן.

— אָט אַזוי־זשע רעד, וואָס האָט דיר געטויגט דיין פלאַפּלעריי צום טייוול.

— וויז אונדז עפּעס אַזוינס, וואָס עס זאָל זיך לוינען צו פאַרברענגען אַ גאַנצע נאַכט. עס זאָל נישט זיין קיין צעפוילטער זאַק ביינער.

— איך וועל דאָס אייך צוליב טון, אויב איר זענט אימשטאַנד צו באַצאָלן דאָס, וואָס איך וועל פון אייך פאָדערן.

רעדנדיק אַזוי איז טריזשאַ צוגעגאַנגען מיט די צוויי סטודענטן צו יענעם טיש און האָט ווייטער אַ זאָג־געטון, דאָס מאָל אין אַ דעקלאַמירנדן טאָן:

— באַטראַכט נאָר דעם־אָ קערפּער, וועט איר זיך איבערצייגן, אַז עס האַנדלט זיך דאָ נישט בלויז פון אַ זאַק מיט ביינער, נאָר פון עפּעס אַ מין פאַרליבטן מלאך, וואָס... וואָס...

זיין דעקלאַמאַציע איז איבערגעריסן געוואָרן דורך דעם סטודענט, וואָס איז געווען איינגעהילט אין דער פעלערינע, וועלכער האָט מיט בעס אויסגעשריגן:

— געבוג שוין צו פלוידערן. זאָג, וויפל דו ווילסט און אַן ענדע זאָל דאָס נעמען. איך פאַרליר מיין געדולד.

— אָלאַ, אָלאַ! און איך האָב גאָר גאָר געמיינט, אַז דו ביסט אַ שטומער. דו האָסט דאָך ביז אַהער גאָר קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. אָבער דאָס האָט שוין געהייסן אַריינגעזאָגט. נו, אויב אַזוי, פאַרלאַנג איך פינף און צוואַנציק פעזעס, און קיין איין וואָרט הערט איר שוין פון מיר נישט. היינטיקע נאַכט וועט איר זיין די באַלעבאַטים פון מיין קעניגרייך, הערשערס איבער... איבער די טויטע. נאָר גאָט זאָל אייך אָפּהיטן, אויב איר וועט זיך צורירן צו אַ צווייטן מת. דאָס וועט

איך קאָסטן טייער. נאָט אייך דעם שליסל און איך וועל שוין לאָזן אָנצינדן צוויי וועקסענע ליכט אויף דעם טיש, צוזאַמען מיט די געהעריקע אינסטרומענטן.

***

דער נעפּל איז זיך ביסלעכווייז צעגאַנגען און די זון האָט שפּעט אויפגעשיינט אין יענעם פרימאָרגן. אויף קאָרדאָבאַ, נישט ווייט פון פאַקולטעט, זענען אין אַ קאַפע־הויז געזעסן צוויי מענטשן ביי אַ טישל, איינער קעגן דעם אַנדערן לעבן אַ פענצטער. די שיין פון דער שפּעט־אויפגעגאַנגענער זון איז געפאַלן אויף יענעם טישל און האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אַלערליי קאָלירן אין די קרישטאָלענע פּיל־קאַנטיקע גלעזער, פון וועלכע די צוויי פּערזאָן האָבן געלאָסן געטרונקען. לויטן אָנטאָן וועלן מיר זיי דערקענען. דאָס זענען געווען די צוויי סטודענטן, וואָס מיר האָבן באַגעגנט אין טויטן־סאַלאָן. אַ שעה, אַז זיי זיצן און שוויגן. קיינער פון זיי וואַגט נישט אַרויסצורעדן אַ וואָרט.

דער, וואָס מיט דער שוואַרצער פּעלערינע, זעט אויס שטאַרק דערשיטערט און קוקט אין דרויסן. חוץ זיין רעכטע האַנט, וואָס באַוועגט זיך פון צייט צו צייט מיט דער גלאָז טיי, רירט זיך אין אים קיין שום איבר. ער זעט אויס אָפּגעזונדערט פון דער אויסערלעכער וועלט און איז קאָנצענטרירט אין זיין אייגענעם באַוווסט־זיין. דער צווייטער, זיין חבר, וואַגט אים נישט צו שטערן אין זיין איינזאַמקייט. ער קוקט אויף אים אַ ביסל פאַרוווּנדערט. ענדלעך דערלויבט ער זיך און פרעגט:

— זאָג מיר נאָר, אַרנאָלד, שוין אַ צייט, אַז איך געפין דיך אַזוי פאַרצאַרנט, שטענדיק פאַרטראַגן. וואָס געשעט מיט דיר?

— עפּעס אויסערגעוויינלעכעס פּאַסירט מיט מיר.

— וואָס איז דיר? ביסט עפּעס נישט מיט אַלעמען, דערצייל מיר חבר, אפשר ביסטו קראַנק?

— ניין, ברודער, מיין געזונט קימערט מיך אין אַבסאָלוט נישט. אָבער...

— אָבער וואָס? וועמעס דען?

— הער מיך אויס, חבר, אַ שווערע לאַסט ליגט אויף מיין האַרץ, וואָס איך קען נישט אריבערטראַגן. איך וועל עס דיר אויפדעקן.

ער האָט אויסגעטרונקען זיין גלאָז טיי, פאַררויכערט אַ ציגאַרעט און נאָך אַ טיפן זיפץ, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין נשמה, האָט ער אָנגעהויבן:

— היינט איז געוואָרן אַ יאָר, אַז איך האָב זי צום ערשטן מאָל דערזען. יאָ, טאַקע אין דער זעלבער שעה, וואָס מיר זיצן איצט דאָ, בין איך געזעסן אין דער קאַנצעלאַריע פון דער „קאַסאַ דע אַיסלאַמיענטאָ". אַלס פּראַקטיקאַנט איז מיין אויפגאַבע געווען אויפצונעמען אַלע קראַנקע, וואָס זענען געקומען זיך אינטער־נירן אין שפּיטאָל, און נאָכהער זיי איינשרייבן אין דעם רעגיסטער. גראָד אין

יענעם פרימאָרגן האָב איך ווינציק אַרבעט געהאַט, בין איך געווען זייער פאַר־טיפט אין אַ זייער אינטערעסאַנטן שטודיום איבער עלעקטראָקאַרדאָלאָגיע. איך קאָן דיר נישט זאָגן וויפל צייט עס האָט גענומען מיין קאָנצענטרירטקייט. ווען איך האָב אויפגעהויבן, נישט־ווילנדיק מיינע אויגן, האָט פאַר מיר אַ שטראַל געטון אַ פראַכטפולע פרויען־געשטאַלט. אַזוי שטייענדיק אויף דער שוועל, האָט זי אויס־געזען ווי אַ הימל־דערשיינונג, וואָס האָט מיר באַצויבערט. ווי גרויס איז געווען מיין דערשיטערונג, נאָכהער ווען איך האָב איר באַטראַכט. איך האָב גוט פאַר־שטאַנען איר אומפאַרמיידלעכן גאַנג צום טויט. זי איז געווען אַ שווינדזיכטיקע אין לעצטן גראַד. איך האָב זי אינטערנירט אין דער 26סטער פּאַלאַטע.

עלענאַ, אַזוי האָט זי געהייסן, די אומגליקלעכע, אין וועמעס לונגען עס האָבן זיך באַזעצט די געפערלעכסטע באַצילן.

פון יענעם טאָג בין איך געוואָרן אַן אָפטער אַרייַנגייער אין דער 26סטער פּאַלאַטע. איך האָב אַפילו נישט געקענט איין טאָג אויסמיידן איר ניט צו באַזוכן, ניט אָפּגעבנדיק מיר קיין חשבון פון דער קראַפט, וואָס האָט מיך אַהין געצויגן. איך פלעג גלייך צוגיין צו עלענאַן, אויספרעגן איר און באַטראַכטן און שוין פאַרברענ־גען עטלעכע שעה, נישט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון איר איידל געזיכט. די קרענק האָט נאָך ווי אויף צו־להכעיס צוגעגעבן איר געשטאַלט אַזעלכע הערלעכע שטריכן. צוליב דעם פיבער פלעגט איר פנים שטענדיק זיין פאַררויטלט. די אויגן פייכט און רייצנד. ברייט אָפן האָבן זיי, ווי צווייַ ברילִיאַנטן, אַרויסגעשיינט פון צווישן אירע לאַנגע אויסגעבויגענע ווי׳עס.

נישט געקוקט אויף איר געפערלעכן צושטאַנד, איז זי שטענדיק געווען אָפּ־טימיסטיש און געחלומט פון אַ גליקלעכער צוקונפט.

דו ווייסט דאָך ווי גרויס ס׳איז דער שטראַל פון האָפענונג, וואָס באַלויכט דעם טויט־וועג פון די שווינדזיכטיקע.

עס זענען צוועלף עטלעכע מאָנאַטן. איך האָב דערפילט, אַז אַט דער שוואַ־כער ווען ציט מיך צו זיך מיט אַן אויסערגעוויינלעכער קראַפט. איך פלעג גאַנצע נעכט נישט שלאָפן. איך האָב געפּועלט ביים דירעקטאָר פון שפּיטאָל, אַז ער זאָל מיר אָנערקענען אַלס פּראַקטיקאַנט פון יענעם זאַל, כדי איך זאָל טאָג און נאַכט זיין אַרום איר, אַרום עלענאַן. איך האָב מיך אַמאָל אַרומגעזען, אַז איך בין שוין נישט ביי זיך אין די הענט, ווערנדיק וואָס אַמאָל מער איבערצייגט, אַז מיין פריִער־דיקער מיטלייד־געפיל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אומדערטרעגלעכער בענק־שאַפט נאָך איר.

זי האָט דאָס באַמערקט און באַקומען מער מוט און האָפענונג צו איבעדטראָגן די קרענק. זי פלעגט זאָגן, אַז ווען איך באַטראַכט זי און שרייב איר צו אַ רע־צעפּט, פילט זי זיך בעסער, און האָט מיר דערביי צוגעגעבן אַ קאָמפּלימענט, אַז איך זע אויס אין אירע אויגן זייער סימפּאַטיש, און איר גאַנצער צוקונפטיקער

גליק באַלאַנגט אָן מיר, קוקנדיק גלייכצייטיק מיר אין די אויגן. איך האָב, פאַר־שטייט זיך, איר אילוזיע נישט געוואָלט צונעמען און האָב באַשטעטיקט דאָס, וואָס זי דענקט.

— יאָ, עלענאַ, — האָב איך איר איינמאָל אַ זאָג־געטון. — איך דערוואַרטן גאָר אַ סך גליקלעכע יאָרן. און געטראַכט האָב איך ביי זיך, אַז אין אַ געוויסן נאָענטן טאָג וועט זיך ענדיקן אָט־אָ די ליבע־טראַגעדיע, וואָס ווערט דאָ געשפּילט.

זי האָט אין יענעם מאָמענט אָנגענומען מיין האַנט און האָט זי צערטלעך גע־דריקט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זי ליבט מיך מיט דעם גאַנצן פיבער פון איר עלנטער נשמה. איך האָב מיך נאָכאַמאָל אָנגעבויגן און צוגעלייגט מיין אויער צו איר ברוסט. איר פאַרליבט האַרץ האָט געהאַמערט מער ווי אַלע מאָל. טויזנטער שוידערלעכע גערוישן האָבן זיך דערטראָגן פון אירע צעשטערטע לונגען, עס האָט דאָרט געזאָטן ווי אין אַ קעסל און געשטורעמט ווי אויף אַן אויפגעברויזטן ים.

זי האָט מיט אַ ציטערדיקער האַנט אָנגערירט מיין שטערן און נאָכהער צו־געדריקט מיין קאָפּ שטאַרקער צו איר האַרץ.

ווען איך האָב אויפגעהויבן מיין קאָפּ, בין איך געבליבן דערשטוינט. די באַרמהאַרציקע שוועסטער האָט אויף אונדז ביידן שטרענג געקוקט, שטייענדיק לעבן בעטל. אויף מאָרגן בין איך אָפּגעזאָגט געוואָרן פון מיין אַמט און איך האָב מער די אומגליקלעכע נישט געזען.

דער סטודענט האָט די לעצטע ווערטער אַרויסגעשטאַמלט מיט אַ פאַרשטיקטן קול, ווי עפּעס זאָל אים געווען פאַרקלעמען דעם האַלדז. ענדלעך איז ער אַנידער־געפאַלן מיטן פּנים צום טישל און האָט גענומען כליפּען ווי אַ קליין קינד. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ מין ספּאַזמע, וואָס האָט צעטרייסלט זיין גאַנצן קערפּער. זיין חבר האָט די גאַנצע צייט זיך צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, אויך זיינע אויגן זענען פייכט געוואָרן. נאָכהער האָט ער זיך געווענדט צום פאַרצווייפלטן פריינט:

— ליבער חבר אַרנאַלדאָ, דו דאַרפסט איבעראַנדערשן דיין כאַראַקטער. אַזוי קען עס מער נישט אָנהאַלטן. דיין סענטימענטאַליזם וועט דיך דערפירן ווער ווייסט צו וועלכער מדרגה.

— אמת, מיר דאַרפן זיין טריי און הומאַניסטיש אין דער ראָל, וואָס מיר שפּילן אין דער געזעלשאַפט. געוויס דאַרפן מיר זיין איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן אויסצוהיילן דעם חולה, און ווען ער איז אומהיילבאַר, דאַן איז אונדזער חוב צופאַרלינדערן זיינע שמערצן, אים העלפן איבערטראָגן דעם קרייץ איבער אָט־דעם עמק־הבכה. אָבער דאָס דאַרף אויסגעדריקט ווערן דורך אונדזער אויסער־לעכער פערזענלעכקייט און נישט אָנרירן אונדזער האַרץ און נשמה. נו, גענוג שוין צו וויינען. פאַרגעס נישט, אַז היינטיקע נאַכט מוזן מיר אָנגיין מיט אונדזער

פּראַקטישער אַרבעט. נאַ דיר דעם שליסל פון סאַלאָן און דערוואַרט מיך דאָרט אַרום צען אַזייגער אין אָוונט.

— יאָ, — האָט דער פאַרצווייפלטער געענטפערט, אָפּווישנדיק די טרערן פון די אויגן, — צען אַזייגער אין אָוונט... דאָרטן אין סאַלאָן... פּראַקטיצירן... נאָר איך זאָג פאַרלאַנג איך פון דיר, חבר, זאָלסט מאָרגן גיין געוואָר ווערן אין שפּיטאָל. וואָס מאַכט עפּעס עלענאַ און מיר איבערגעבן, וואָרום איך וועל עס נישט איבער־טראָגן...

— יאָ, יאָ, נו, גענוג.

אַ גרופּע פריילעכע סטודענטן האָבן זיך אַריינגעריסן און די צוויי חברים האָבן אין איילעניש פאַרלאָזט דאָס קאַפע־הויז.

***

פאַרנאַכט האָט ווידער אַ דין רעגנדל זיך גענומען זיפּן פון הימל און אַ קאַלטער איינגעגעסענער ווינט האָט זיך פון לאַ פּלאַטאַ־טייך געטראָגן איבער דער שטאָט. ביי דער פאָלקס־מאַסע איז איינגערעדט, אַז דער טאָג פון „סאַנטאַ ראָסאַ" גייט קיינמאָל נישט אַריבער אָן אַ זאַווערוכע, — אַזוי האָט טאַקע פּאַסירט. די נאַכט איז מיטאַמאָל צוגעפאַלן און איינגעהילט אַלעס אין שאָטן.

ווי אַ ריזיק־פינצטערער שלאָס האָט אויסגעזען דער קאַשמאַרער בנין פונעם פאַקולטעט אין מיט פון די אַרומיקע נידעריקע הייזער.

אין אַ פענצטער פון צווייטן גאָרן, וואָס קוקט אַרויס צו דער גאַס כוניין, איז געווען ליכטיק.

ווען אַ מענטשלעך אויג וואָלט געקענט דערגרייכן יענע הויכקייט און אַריינ־געקוקט דורך דעם פענצטער, וואָלט ער ניך באַגעגנט מיט אַזאַ בילד וואָס וואָלט פאַרגליווערט דאָס בלוט אין זיינע אָדערן:

אויף אַ מאַרמאָרנעם טיש האָבן געברענט צוויי וואַקסענע ליכט, וואָס האָבן באַלויכטן אַ טויטן נאַקעטן מיידלשן קערפּער. אין דער זעלבער רייע און קעגנ־איבער, אויך אויף אַזעלכע טישן, האָבן זיך געוואַלגערט מענטשלעכע רעשטן, האַלב־צעפוילטע, פון וועלכע עס האָט געעיפושט מיט אַן אָפּשטויסנדיקן גערוך.

פלוצים איז יענע טויטע שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן: עפּעס אַ שאַרך האָט זיך אַהין דערטראָגן פון יענער זייט טיר. עמעצער האָט זיך דאָרט געפּאָרעט מיט אַ שליסל. עס האָט קיין סך נישט גענומען און די טיר האָט זיך געעפנט. אַ פיגור פון אַ מענטשן האָט מיט לאַנגזאַמע טריט זיךגעלאָזט גיין צום טיש מיט די ליכט. קאַלטבלוטיק האָט ער אויסגעטאָן זיין מאַנטל, ער האָט נאָכהער גענו־מען איבערקוקן די אינסטרומענטן, וואָס זענען געלעגן אויפן טיש. אַ סך פון זיי זענען פאַר אים געווען, וויזט אויס, אומבאַקאַנט, דערפאַר האָט ער געבראַכט מיט

זיך אַ בוך, און וועלכן עס זענען געווען פֿאַרשריבן זייערע רעספּעקטיווע נעמען און ווי אַזוי מ׳דאַרף מיט זיי אַרבעטן.

— וואָס איז דאָס? שוין נאָך צען און הומבערטאָ איז נאָך נישטאָ, — האָט ער אַ זאָג־געטון צו דער לייכע, און גלייכצייטיק האָט ער זיך אָנגעטאָן אַ גרויסן כאַלאַט. פֿון אַ רענצל, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט, האָט ער אַרויסגענומען אַ פּאָר גומענע הענטשקעס און האָט זיי לאַנגזאַם אָנגעהויבן אַרויפֿציִען אויף זיינע הענט. ער האָט בשעת־מעשה אַרומגעשפּרייזט הין און צוריק ביים טיש, וואַרפֿנדיק פֿון צייט צו צייט אַ בליק אויף דער לייכע. אין אַ געוויסן מאָמענט איז זיין בליק געפֿאַלן אויף דעם מיידלס פּנים. הינטער דער שוואַכער שיין פֿון די ליכט האָט ער געקענט באַמערקן דעם שמייכל, וואָס האָט געשוועבט אויף יענעם געזיכט. דאָס האָט נאָך מער פֿאַרשפּיצט זיין נייגעריקייט. און גלייך ווי ער זאָל וועלן זאָגן — לאָמיר נאָר זען, פֿאַרוואָס שמייכלסטו אַזוי? — האָט ער גענומען איינעם פֿון די צוויי ליכט און זי צוגעטראָגן גאַנץ נאָענט צום מיידלס פּנים. אָבער ווי נאָר ער האָט אויף איר אַ קוק־געטון איז ער, ווי דורך אַן עלעקטרישן שטראָם, אָפּגעשפּרונגען פֿון דאָרטן. אַן אומנאַטירלעך קול האָט פֿון אים אַרויסגעשריגן איר נאָמען:

— עלענאַ ?!

נישט וועלנדיק גלויבן, וואָס זיינע אויגן זעען, האָט ער זיך אָנגעבויגן גאָר נאָענט צו איר, אַריינגעקוקט גוט אין פּנים און אין דער זעלביקער צייט האָט זיך זיין קערפּער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ טאַבורעטקע נעבן טיש.

— אָ! גאָט הייליקער! — האָט ער ווי אַ פֿרומער קריסט אַ שטאַמל־געטון און זיך איבערגעצלמט — מיין אָרעמע עלענאַ, דאָ, גרייט צעשניטן צו ווערן דורך מיר... ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט זיינע עלנבויגנס אָן טיש, איינגעגראָבן זיין קאָפּ צווישן זיינעביידע הענט און אין דער שטיל געוויינט, נישט אַראָפּנעמענדיק זיינע אויגן פֿון איר.

אינדרויסן האָט דער ווינט האַסטיק געשמיסן אין די שויבן, פֿאַראורזאַכנדיק אַ מיש־מאַש פֿון טרויעריקע טענער, אין יענער סביבה האָט דאָס געמאַכט דעם איינדרוק ווי אַ מין יאָמער, וואָס קומט פֿון אַ צאָל זינדיקע נשמות, וואָס בלאָנדזשען אַרום אויפֿן עולם־התוהו.

פֿון צייט צו צייט האָט זיך פֿון ערגעץ אַ שפּאַרונע אַריינגעריסן אַ ווינטל און האָט באַוועגט די פֿייערלעך פֿון די ליכט. דאַן האָבן גרויסע פֿאַנטאַסטישע שאָטנס גענומען זיך באַוועגן מיט אימפּעט אויף די ווענט און אויף דעם פּאָל פֿון דעם סאַלאָן. אַ היפּשע צייט איז דער סטודענט געזעסן מיט זיינע אויגן צוגעשמידט צום מיידלס פֿאַרגליווערטן שמייכל. ענדלעך האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אַז ער געפֿינט זיך נאָך אַלץ אַליין, האָט ער אָנגעהויבן זיך שרעקן פֿאַר די שאָטנס, פֿאַר די מענטשלעכע רעשטן און אַפֿילו פֿאַר דער פֿאַרשטאָרבענער עלענאַ.

ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער האָט ער איצט געווענדט זיינע אויגן אין פאַרשידענע ריכטונגען און העט־ווייט אין אַן אָפענער טיר, האָט ער עפּעס גאָר אַ שווידערלעכע זאַך דערזען: אַ שאָטן פון אַ מאָדנער חיה האָט זיך דאָרט באַוועגט.

— אָווע מאַריאַ! — האָט ער היסטעריש אויסגעשריִען — אין וועלכן גהינום געפין איך זיך?! — און ער האָט זיך, משוגע פון שרעק, געלאָזט לויפן אַהין, אָבער ער האָט דאָרטן שוין קיינעם נישט געטראָפן. דער געשפענסט איז פאַרשוונדן געוואָרן... לאַנגזאַם האָט ער זיך צוריקגעקערט צו יענעם טיש, זיך אַוועקגעזעצט אויפן טאַבורעט מיטן רוקן צום טיש און דעם קאָפּ איינגעקלאַמערט אין זיינעביידע הענט.

ער האָט זיך פאַרגענומען וואַרטן אויף זיין חבר און מיט זיין הילף אַרויסנעמען דעם בר־מינן און אים ברענגען צו קבורה.

— אָבער וואָס קאָן דאָס זיין, וואָס ער קומט נישט? — האָט ער געטראַכט — שטענדיק דער זעלבער, אומפאַראַנטוואָרטלעכער, דער חבר זיינער, הומבערטאָ!

אַזוי זיצנדיק, פאַרטיפט, האָט ער נישט באַמערקט ווי עמעצער האָט אויפגעהויבן די לייכע פון איר אָרט. פלוצים האָט ער דערהערט ווי עפּעס איז אַראָפּגעפאַלן פון טיש. ער האָט זיך האַסטיק אַ הייב־געטון פון זיין אָרט און דערזען ווי אַ ווילדע, פאַרקריפּלטע חיה טראָגט אַוועק די לייכע און שיסט אויס אַ בייזן געלעכטער... דאַן האָט ער זיך איינגאַנצן פאַרלוירן און האָט זיך געלאָזט יאָגן נאָך דער חיה, און... —

— —

אויף מאָרגן, באַגינען, ווען טריזשאָ איז אַריין אין סאַלאָן, האָט זיך פאַר זיינע אויגן אַנטדעקט אַזאַ שווידערלעכע סצענע, וואָס ער האָט ביז דאַן קיינמאָל נישט געזען. ער האָט זיי געטראָפן אַלע דריי ליגן אויפן פאָל אין מיטן סאַלאָן:

פון איין זייט, סאַמבאָ, אַ דערוואָרגענער; פון דער צווייטער זייט, דער סטודענט אין אַ באַוווסטלאָזן צושטאַנד, זיינע ביידע הענט מיט די גומענע הענטשקעס איינגעקלאַמערט אין דער מאַלפּעס האַלדז. און צווישן זיי ביידע — דער קערפּער פון עלענאַן...

**
*

אין אַ צייט אַרום איז אַרויס אַ קלאַנג אין שטאָט, אַז ערגעץ אין אַ ווינקל, צווישן די ווענט פון מעדיצינישן פאַקולטעט, האָט מען געפונען אַ פאַרחלשטן סטודענט, וועמען ס'איז איינגעפאַלן דאָס משוגעת צו פּראַקטיצירן אויף טויטע קערפּערס אין דער זאַווערוכע־נאַכט פון „סאַנטאַ ראָסאַ"...

אַ געריררטן פון זינען, האָט מען דעם סטודענט אינטערנירט אין „האָספּיסיאָ דע לאס מערסעדעס".

האַראַשקער

גאָר אַ קליינע צאָל האַראַשקער זענען מיט דעם עמיגראַציע־שטראָם פאַר־טראָגן געוואָרן צו די ברעגן פון לאַ־פּלאַטאַ טייך.

דאָס זענען געווען מענטשן, וואָס צוליב פאַרשידענע סיבות האָבן זיי זיך נישט געקענט דערשלאָגן קיין נאָרד־אַמעריקע.

ווען אונדזער ריי איז געקומען, האָט כמעט דאָס גאַנצע שטעטל אונדז אַרויס־באַגלייט ביז גאַנץ ווייט אין פעלד אַרויס, דאָרט ווו דער שליאַך צעטיילט זיך אויף צוויי באַזונדערע וועגן.

אונדזער וואָגן האָט זיך פאַרנומען אויף רעכטס. לאַנגזאַם, טריט ביי טריט און הינטער אונדז איז צופוס נאָכגעגאַנגען דער פעטער משה. ער האָט געוואָלט זיין דער לעצטער.

ער האָט זיינע פאַרוויינטע אויגן נישט געקענט אָפּרייסן פון אונדז.

מיר זענען געזעסן אויף אונדזערע ערטער שטיל, מיט פאַרשטיינטע הערצער. עפּעס האָט געדריקט אין דער קעל.

ביים געזעגענען זיך האָט דער פעטער לאַנג יעדן איינעם פון אונדז געהאַלטן צוגעקלעמט צו זיין האַרצן און האָט באַדעקט מיט הייסע קושן פון זיין באַ־בערדעטן מויל, וויינענדיק אויף אַ קול.

דאָס האָט אונדז אַלעמען נאָך מער פאַרקלעמט ביים האַרצן, צוזעענדיק ווי אָט־דאָ דער שטענדיק בייזער פעטער, וואָס פלעגט אויף אונדז כסדר שרייען, דער זעלבער פעטער, וואָס קיין אַנדער נאָמען ווי „סיבירניקעס“, האָבן מיר, פלימעניקעס, ביי אים נישט געהאַט, האָט איצט אָנגעוווירן זיין שטענדיק שטייפן געשטאַלט און איז מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי צערטלעך. אין אַזאַ יאָמערלעכן צו־שטאַנד האָבן מיר אים ביז דאַן קיינמאָל נישט געזען.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַפילו זיין ברייטע באָרד און פּיאות זענען אויס־געווייקט פון טרערן.

ענדלעך איז דער פעטער משה געבליבן שטיין אויף דעם שליאַך און דער וואָגן האָט זיך אַ ריר געטון פון אָרט.

איך האָב אין יענעם מאָמענט דערפילט, אַז מיין הערצל האָט זיך אַ צאַפּל געטון.

דעם פּעטערס וויינענדיק קול, וואָס האָט זיך צעטראָגן איבער דעם נאָענטן וואַלד אין אָן אַ שיעור ווידערקלאַנגען, בעת מיר האָבן זיך גענומען דערווייטערן פון אים, הילכט נאָך עד היום אין מיינע אויערן.

אַ שוידער גייט מיר דורך איבערן לייב, ווען עס נעמט מיך מאַטערן דער געדאַנק, אַז מיין פּעטערס קול מיט שמע ישראל אויף די ליפּן, איז געוויס אויף אייביק פאַרשטיקט געוואָרן אין אַ גאַז־קאַמער פון מיידאַנעק, טרעבלינקע אָדער אָשוויענטשים, ווער ווייסט ווו?

איך בין געזעסן מיט מיינע בליקן געווענדעט צום שטעטל, און געזען ווי עס ווערט פאַרשלייערט וואָס אַמאָל מער אין אַ מין גרויען נעפּל.

אויף אַ באַפעל פון מיין מאַמע האָט זיך דער וואָגן נאָכאַמאָל אָפּגעשטעלט.

די מאַמע האָט זיך געלאָזט גיין צום בית־עולם, ווּעמענס הויכער הילצערנער פּאַרקן האָט זיך זיין אריינגאַנג נאָענט ביים שליאַך. דאָס איז די מאַמע געגאַנגען אָנקלאַפּן אין די קברים פון הייליקע נשמות, צו וועמען זי וועט שוין קיינמאָל אויף קבר אָבות נישט גיין אין די הייליקע טעג.

אַרויסגעקומען איז זי פון דאָרטן אין באַגלייטונג פון רייזע די אלמנה.

— געדענק, — האָט רייזע וויינענדיק נאָכגעשריגן, — זאָלסט זאָגן זיינע בנים, אַז זייער געשטאָרבענער טאַטע קאָן נישט איינרוען אין קבר, ביז זיי וועלן נישט אָפּגטן זייערע ווייבער, אָדער „אַרויסטרעבעווען" זיי אַהין. נישט איבערלאָזן קיין אייביקע עגונות און לעבעדיקע יתומים.

מירקע שיכור, דער בעל־עגלה, האָט אַ שמייס געטון די פערד און דער וואָגן האָט זיך האַסטיק אַ ריס געטון אויף דעם וועג קיין קאַראַסצין.

— 2 —

איך ווייס נישט צי אין גאַנצן אוקראַינער ראַיאָן האָט זיך אין יענער צייט געפונען אַזאַ אויפגעלעבט שטעטל, וואָס זאָל געווען פאַרמאָגן אַזויפיל טשיקאַווע און באַזונדער אויסערגעוויינלעכע עפּיזאָדן ווי האָראָשקע, דערפאַר האָט מען טאַקע אויף דעם געזאָגט: האָראָשקע, ליודעי טראָשקע, אָלע ליודע! (האָראָשקע, ווייניק מענטשן, אָבער מענטשן!).

פון צייט צו צייט לעבן אויף אין מיין זכרון זאַכן אַזעלכע, וואָס זענען מיר איינגעקריצט געוואָרן און ליגן דאָרטן ערגעץ באַהאַלטן אין ווער ווייס וואָס פאַראַ קעמערלעך, אונטער דעם האַרטן בייך פון מיין שאַרבן.

איינע פון אַזעלכע אויסטערלישע פּאַסירונגען איז מיר געקומען אויפן זינען

נאָכדעם ווען איך האָב באַזוכט מיין אומגליקלעכן לאַנדסמאַן, בנימין שמילע, דעם מלמדס זון.

**
*

נאָך אַ ווינטער פון גרויזאַמע פרעסט, שנייען און זאַווערוכעס, איז געקומען דער חג הפסח, דער שענסטער און פּראַכטפולסטער יום־טוב, אין וועלכן עס פינקלט און עס זינגט זיך שירה אין יעדער ייִדיש ווינקעלע. נאָך אַזויפיל מי און פּראַצע ווערט אַפילו ביי זיך אַ גאַנצער מלך דער ערעמסטער ייִד, וואָס האָט אַ וואַרעמע היים, ווען ס׳פאַלט צו די ערשטע נאַכט פון פּסח.

אין יענעם יאָר איז די ערשטע נאַכט פון פּסח אויסגעפאַלן פּרייטיק.

מיטן ערשטן שטערן אויפן הימל האָבן אויך אויפגעבליצט די לאָמפּן פון די דריי בתי־מדרשים, וואָס האָבן זיך געפונען, ווי איינגעטוליעט איינער אין צווייטן, אויף דעם שול־הויף אַנטקעגן דעם מאַרק.

אַהין האָבן זיך געצויגן אין יענעם מאָמענט אויסגעצוואָגענע יום־טובדיק געקליידעטע ייִדן. פון אַלע געסלעך האָבן זיי געשטראָמט מיט אַ מין נחת־רוחדיקער באַוועגונג, אַ הערלעכע צופרידענע מינע האָט אויף יעדן פּנים געשוועבט.

און גייענדיק האָבן זיי צווישן זיך גערעדט געלאַסן און ווי געסודעט זיך.

פון יעדן פענצטער האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן שבת־ליכט, וואָס האָבן געוואָלט קאָנקורירן מיט די פינקלדיקע שטערן אין הימל.

בלויז די קלייטן אויפן מאַרק זענען געשטאַנען פאַרלאָזט און איינגעהילט אין פינצטעניש.

די גאַסן זענען שוין לאַנג געווען טרוקן, אָבער אין די פאַרשידענע קאַנאַוועס האָט נאָך אַלץ געדרישט דאָס וואַסער פונעם צעגאַנגענעם שניי. דאָס וואַסער האָט זיך געטראָגן באַרג־אַראָפּ, צום טייך „האָראָשאַ״, וואָס איז דורך דעם זומער איינ־געשרומפּן געוואָרן. איצט, פּסח צייט, האָט עס זיך צעזייט און צעשפּרייט אויף די אַרומיקע לאָנקעס און מען זעט אויף דעם דאָס געלויף פון ריזיקע אייז־בלאָקן, ווי פאַנטאַסטישע שיפן.

קיינער פון שטעטל האָט זיך אַפילו נישט פאַראינטערעסירט צו וויסן פון הינטער וועלכע הורי חושך ווערט דאָס טייכל געבוירן און אין וועלכן ים אָדער אַזיערע גייט דאָס פאַרלוירן.

אין זאַך האָט מען געוווּסט, אַז דאָס לעבן פון שטעטל איז אָפּהענגיק פון אָט דעם צומאָלס נישטיקן נילוס.

צוויי גרויסע פאַראָווע מילן האָבן געצויגן זייער יניקה און קראַפט ביי זיין דרום־ברעג.

טאָג און נאַכט האָט מען איבערן שטעטל געהערט דאָס קרעכצן און סאָפּען פון די מיל־מאַשינען.

שווער אַנגעלאָדענע וועגענער מיט באַשיכורטע גוים אויף די קעלניעס האָבן זיך געשלעפּט הין און צוריק פון די מילן אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר.

אַ סך פעלזן פון גרויסע גראַניט־בלאָקן, באַדעקט מיט אַ מין גרינעם מאָך, סטאַרטשען דאָרטן אַפיר פון דעם ריין קרישטאָלענעם וואַסער, וואָס באַוועגט זיך שטיל אין די הייסע זומער־טעג. פסח־צייט קאָכט דאָרט ווי אין אַ קעסל.

אין יענעם ערב־פסח פאַרנאַכט, זענען אויך די מילן אַנטשוויגן געוואָרן. דעם זעלבן טאָג איז אויסגעפאַלן „זייער" — „הייליקער פרייטיק".

בעת די יידן זענען געגאַנגען אין שול אַריין מקבל־שבת און יום־טוב זיין, האָבן אויף גוים פון די אַרומיקע דערפער זיך געצויגן איבערן שטעטל שטיל און סטאַטעטשנע אויף וועגענער צו דער „צערקווע", וואָס האָט זיי גערופן מיט טרויעריקע גלאָקן־טענער.

די פולע האַלב־חודש לבנה האָט אויך אויסגעזען יום־טובדיק אויף איר שפּאַציר איבער דעם אויסגעשטערנטן הימל.

ווען די לבנה איז שוין גאַנץ הויך געשטאַנען, האָט זיך אויף איר מערב־זייט אָנגעהויבן פאַרציִען אַ בלוט־רויטער פלעק, וואָס איז פון מינוט צו מינוט געוואָרן גרעסער. אַזוי אַז ווען די באַלעבאַטים זענען נאָכן דאַווענען אַרויס פון די שולן, איז די לקוי־לבנה געווען אַ פולשטענדיקע. ס'האָט זיך געדוכט, אַז אַ ריזיקער טראָפּן בלוט הענגט פון דעם הימל אַראָפּ.

פאַרגאַפט און צעשראָקן איז דער גאַנצער עולם געשטאַנען אויפן שול־הויף, מיט די אויגן געווענדט צום אויסטערלישן מוראדיקן צייכן.

— אין אַ פסח־נאַכט אַ בלוט־פלעק אויפן הימל! — איז געוואָרן אַ געמורמל צווישן עולם — אַ שלעכטער סימן...

שטיל, מיט שווערע הערצער, איז מען זיך צעגאַנגען אָפּריכטן דעם סדר.

— 3 —

נאָר צוויי יידן זענען אין יענער נאַכט געווען ווייט פון אָנטיילצונעמען אין אַ סדר־אָפּריכטן. דאָס זענען געווען פיניע, שמילע דעם מלמדס מעזיניק און ניסל דער סאָסניק, חנאַ דעם בעדערס ברודער.

אויף דער באַנק ביי דער הרובע אין דער אַלטער קלויז, איז זיך ווי תמיד פיניע שמילעס געזעסן אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אָן דעם שטענדער. זיין איצט צעממיתטן פּנים האָט ער געהאַלטן פאַרדעקט מיט בײדע הענט.

ווי אַ צוגעקאָוועטער איז ער געזעסן אויף זיין אָרט. קיינער פון די מתפּללים האָט נישט באַמערקט, אַז ער, פיניע, איז אַפילו נישט אָנגעטאָן אין זיינע שבת־דיקע בגדים.

אין זיין אָפּגעבליאַקעוועטער קאַפּאָטע און וואָכעדיקן היטל, האָט ער זיך דאָרטן געפונען פרעמד פון אַלעס וואָס איז יום־טובדיק. ער איז אַפילו צו שמונה עשרה און הלל נישט אויפגעשטאַנען.

ער איז געווען פאַרביטערט פאַרוואָס ער האָט אַזוי שלעכט אָפּגעשניטן יענעם ערב יום־טוב.

***

שמילע איז געווען זיכער, אַז כאָטש איינער פון זיינע דריי זין וועט אַרויס אַ רעכטער. ער האָט זיך דערפילט אין זיבעטן הימל, ווען פיניע, זיין מעזיניק, האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ חריף און באַהאַוונט מיט גרויס התמדה צו תורה און תלמוד:

— איינער כאָטש פון „זיי", וועט זיין דער נאָכפאָלגער פון דורות־לאַנגע לומדים — האָט מיט גרויס תענוג ביי זיך געטראַכט שמילע, צוזעענדיק ווי פיניע זיצט יומם ולילה און לערנט. — ער מוז אויסוואַקסן אַזאַ תלמיד־חכם, אַז ער זאָל שמען פאַר אַ חד בדורו.

מיט דעם געדאַנק און ריידנדיק צו זיך אַליין, האָט ער זיך געלאָזט גיין יענעם פרייטיק ערב־פסח בייטאָג אין קלויז.

ער וועט דאָרטן דעם זון טרעפן לערנען. ער וועט אים בעטן ער זאָל גיין מיט אים אין מרחץ, טובל זיין זיך, ווי אַ פרומער ייד טוט עס פאַר עבודת הבורא.

מער ווי תמיד איז פיניע געזעסן אַריינגעטון און פאַרטיפט אין דער לערע, וואָס ער האָט געהאַלטן בסוד...

פּלוצלינג איז די שטילע לופט פון דעם שול־חלל אויפגעטרייסלט געוואָרן פון אַ הילכיקן פּיערדיקן פּאַטש, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף פּיניעס פּנים.

נישט טויט און נישט לעבעדיק האָט זיך פּיניע אַ כאַפּ געטון פון זיין אָרט.

שמילע איז געשטאַנען מיט אַ טויט־בלאַסן פּנים און האָט געקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן אויף זיין תכשיט. אַ געדיכטע פּינע האָט געשטראָמט פון זיין מויל.

— משומד! הולטאַי! אָט דאָס הייסט עוסק בתורה זיין? מטמא זיין אַ מקום קדוש און זיך אַליין מיט גויִשע ביכער? — האָט שמילע נישט מיט זיין קול גענומען ליאַרמען. זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך קאַנוווּלסיוו געוואָרפן און גע־שליידערט אויף זיין צעטומלטן זון.

— טאַטע! געוואַלד, טאַטע!

— הולטאַי! רוף מיך נישט טאַטע! — האָט שמילע מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געשריגן און איז נאָך מער אויפגעבראַכט געוואָרן. ער האָט אַרויסגעכאַפּט פון אַן אינעווייניקסטער קאַפּאָטע־קעשענע דעם קאַנטשיק, וואָס ער האָט פאַרגעסן איבער־צולאָזן אין דער היים, ער איז אים איצט צונוץ געקומען. אַ האָגל פון רימענע שמיץ האָט זיך גענומען שיטן אויף פּיניעס פּנים, האַלדז און נאַקן...

— טאַטע! — האָט ווידער פּיניע גענומען זיך בעטן — האָב רחמנות — טאַטע, ברענג מיך נישט אַרויס פון די כלים.

ער האָט זיך געווערט און פאַרטיידיקט מיט זיינע אָרעמס, מיט וועלכע ער האָט זיך פאַרשטעלט דאָס געזיכט. אָבער דעם קאַנטשיקס לאַקשן האָבן זיך אַכזריותדיק איינגעביסן אַן אַלעס וואָס איז געקומען אין וועג.

שמילעס קול איז בעת־מעשה געגאַנגען עד לב השמים.

— משומד! גוטע יאָרן האָב איך דערלעבט! כדאי געווען מקריב זיין זיך פאַר דיר; ציִען פון מיר די קליי, ווערן שונאי־ציון, אויסגעריסן, אויסשפּייען די לונגען ביים קנעלן מיט פערציק קינדער און אויסהאַלטן אַ משומד... הולטאַי! זאָלסט מער אויף מיינע אויגן נישט קומען. אויף דיין קאָפּ זאָלן פאַלן מיינע טרערן, — האָט ער איצט כליפּענדיק אַ פאַרמאַטערטער קוים גערעדט.

אַ מאַכטלאָזער פון אַזאַ נערוון אויפטרייסלונג, האָט ער זיך גענומען גיין צום הינטערן אַרויסגאַנג פון קלויז, איבערלאָזנדיק פּיניען אין ווינקל, צווישן וואַנט און הרובע, מיט אַ צעבלוטיקט פּנים און געדראַלענע הענט...

**
*

קיינער האָט זיך גאָרנישט אַרומגעקוקט וואָס שמילע דער מלמד איז נישט געקומען אין שול יענעם פרייטיק צו נאַכטס.

נאָכן דאַווענען, ווען מעקיטע, דער שבת־גוי, האָט גענומען פאַרלעשן די לאָמפּן אין קלויז, איז פּיניע געשטאַנען באַהאַלטן הינטער דער הרובע ביז דער גוי איז אַוועק.

איצט דאָ, אין דער פינצטער, אַליין צווישן שטומע שטענדערס, האָט זיך ביי אים ערשט געעפנט אַ קוואַל פון טרערן.

— רבונו של עולם! ווי דערנעמט זיך צו אַ מענטשן אַזאַ רציחה? — האָט פּיניע מיט יאָמער גענומען טענהן. — איז דען פאַראַן אַ גרעסערע עבירה ווי אַריינפאַלן אין כעס? עס איז דאָך ממש עבודה זרה. קען דען געמאָלט זיין אַ גרעסערער חלול השם ווי אָנפאַלן אין מיטן אַ מקום קדוש אויף אַן אייגן קינד מיט קולות און מכות רצח?

ער האָט גענומען שפּרייזן אַרום דעם בעלעמער אין דער פינצטער, ווי אַ גערירטער פון זינען, האַלטנדיק זיין צעוויטיקדיקן קאָפּ איינגעקלעמט מיטביידע הענט.

— נישט אומזיסט, — האָט ער איצט גענומען ריידן צו די שטענדערס ווי צו לעבעדיקע צושויערס, — יאָ, נישט אומזיסט איז די מאַמע יונג פון דער וועלט געגאַנגען... און זיי, בנימין און יידל, זענען זיך צעלאָפן ווי פאַרסמטע מייז... ניין, איך האָב ביז איצט מיין טאַטן נישט געקענט.

פעטער לייזער, דער מאַמעס ברודער, האָט מיך צוגענומען פון דער היים, ווען איך בין נאָך גאָר אַ קינד געווען. מיך אָפּגעהאַלטן אין דער ישיבה ביז אַכצן יאָר. און איצט וואָס וועט זיין?

ער האָט זיך צוגעשלעפּט צו אַ פענצטער פון דער דרום־וואַנט, און האָט פאַרלוירן געוואַנדערט מיט זיינע אויגן אויף דעם שטעטל. קיין שיך האָט ער פון ערגעץ נישט געזען. מען איז נאָך געוויס געזעסן ביים סדר הינטער פאַרהאַקטע לאָדן און טירן. אַ לאַנגע ווילע איז ער אומבאַוועגלעך דאָרט געזעסן.

פּלוצלינג האָט ער באַמערקט ווי עפּעס אַ מאָדנער מענטשלעכער שאָטן וואָס טראָגט עפּעס אויף די הענט, דערנענטערט זיך איבער דעם שול־הויף, צום קלויז. איז ער אַוועק פון פענצטער און האָט זיך אונטערגעלייגט אונטער אַ לאַנגער באַנק און האָט געוואַרט צו זען וואָס דאָ וועט פאַרקומען...

— 4 —

אין עק שטאָט, ווו עס הייבט זיך אָן דער זאַמדיקער שליאַך, וואָס פירט צום דייטשן צווינטער, געפינט זיך דער וואָלאָסט, אַ פעסטע געביידע מיט אַ סך שיינע פענצטער. זיינע רויט־געפאַרבטע ווענט און די ווייסע פענצטער־ראַמען, זיין שיינער מיט ציגל־געדעקטער דאַך, פאַרכאַפּט דאָס אויג פון יעדן דורכגייער.

אין יענער נאַכט האָט זיך דאָרט בלויז אין איין זייטיקן פענצטער געלויכטן.

אַ הענג־לאָמפּ האָט דאָרט באַלויכטן אַ טיש מיט גרינעם פליוש באַדעקט. אויף די ווענט, האָט מען קוים אין שאָטן געקענט זען די פּאָרטרעטן פון רוסישע אַדל־לייט און געוועזענע קיסרים, ווי פּיאָטר דער גרויסער; יעקאַטערינע די צווייטע; אַלעקסאַנדער א״אַנד.

באַזונדער גרויס איז געווען דער פּאָרטרעט פון צאַר ניקאָלאַי, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט ביים שרייבטיש.

נעבן דאָזיקן פּאָרטרעט אויף דער וואַנט, אַ גרויסער צוויי־קעפּיקער אָדלער פון מעטאַל אויסגעגאָסן און מיט גאָלד באַדעקט.

אין די נאַציאָנאַלע חגא־טעג פלעגט אויף יענער געביידע פלאַטערן די רוסישע פאָן און מוזיק פלעגט שפּילן אין דעם טאָג פון דער „קאָראָנאַציע“ פאַר דער נאַטשאַלסטווע און סתם רעגירונגס־באַאַמטע פון האָראָשקע און אַרומיקער געגנט.

אין יענער נאַכט פון פּאַסקווע האָבן אין פּריזער־דערמאַנטן זאַל, ביי אַ באַלויכטענעם גרינעם טיש, דריי פּאָר הענט געשפּילט אין אָקע.

די שיין פון דעם נידעריקן הענג־לאָמפּ איז נאָר געפאַלן טאַקע אויף אָט די הענט.

לויט די באַלויכטענע אַרבל האָט מען געקענט וויסן, אַז צוויי פּאָר הענט האָבן באַלאַנגט צו אוניפאָרמירטע לייט.

נחמן מיזשעריצקי

די דריטע פּאַר הענט זענען געווען פון אַ פּראָסטן בשר־ודם.

אין יענער טונקעלער און פול מיט ציגאַרעטן־רויך אַטמאָספער האָבן זיך די דריי מענטשן איינס דאָס אַנדערע נישט געזען, אָבער דאָך האָט מען עפּעס ביים פּראָסטן פאַרשוין די אונטערשטע רייע ציין געקענט באַמערקן. קינד און קייט וואָלטן אים אַפילו יענעם מאָמענט דערקענט. דאָס איז געווען ניסל דער סאַטניק, אַ ייִד מיט אַ פאַרקויפטער גוייִשער נשמה. ער איז געווען פונקט אַזוי הויך ווי זיין ברודער חנאַ דער בעדער, מיט אַנדערהאַלבן קעפּ העכער פון אַ דורכשניטלעכן מענטשן.

ער פלעגט אין גאַס קיינמאָל נישט גיין אַליין, נאָר מיט אַ פּאָר סטראַזשניקעס (פּאָליציסטן) ביי דער זייט און אַ גראָבן שטעקן אין האַנט. ער האָט נישט געטראָגן קיין אוניפאָרם, נאָר עפּעס אַ בלעכל אונטער אַ לאַץ, אַלס צייכן, אַז ער איז אַ פיר־אויגנדיקער. אַ סאָטסקי.

ווער עס האָט אויף אים צום ערשטן מאָל אַ קוק געטון, האָט זיך געטראַכט, אַז ער, ניסל, איז ספק ייִד, ספק גוי. יעדן דורכגייער אין גאַס האָט ער דורכגעשטאָכן מיט זיינע צוויי ביסטרע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון אונטער זיין גלאַנציקן דאַשעק. דער גאַנצער פּנים זיינער איז געווען פון אַ מערדער. אָן אַ שיעור שראַמען, צייכנס פון אַמאָליקע געשלעגן מיט אונטערוועלט־פאַרשוינען, האָבן אויף אייביק פאַרקריפּלט זיין, אפשר אַמאָליק, ייִדיש פּנים. אָבער מער פון אַלעם, וואָס האָט זיין פּנים צוגעגעבן אַ בייזן געשטאַלט, איז געווען די אָפּגעריסענע אונטערשטע ליפּ.

אין זיין יוגנט, ווען ער איז נאָך אַ ליפעראַנט געווען, פלעגט ער זיך וואַלגערן אין די טראַקטירן און שיכורן מיט די גויִים צוגלייך.

אין איינעם אַזאַ שיכורן צושטאַנד האָט ער זיך מיט זיינעם אַ גוטן־ברודער, „סומאַנקע“, אַזוי שטאַרק צעקושט, אַז סומאַנקע איז געבליבן מיט ניסלס אונטערשטע ליפּ ביי זיך אין מויל...

דערפאַר האָבן ניסלס אונטערשטע ציין אַרויסגעסטאַרטשעט אין דרויסן. גערעדט האָט ער אַ פּערפעקטן רוסיש, ווי אַן אמתער „גראַמאָטנער“ און שטענדיק האָט ער זיך אַרומגעטראָגן אין גאַס מיט אַ גרויסן פּראָטאָקאָל־בוך.

אָרעמע באַלעבאַטים, וואָס האָבן נישט געקענט אַזוי גיך באַצאָלן זייער „סטראַכאָווקע“ פאַר דער שטוב, זענען אָפטמאָל אים נאָכגעלאָפן אין גאַס און פאַר אים געחלשט, ער זאָל זיי אָפּגעבן די ליבסטע און די בעסטע זאַכן, וואָס ער האָט אין יענעם מאָמענט אַוועקגענומען ביי זיי פאַר אַ משכון...

— סטייטש, ניסל, — פלעגן זיי זיך נעבעך ביי אים בעטן, — ווו איז יושר? מילא „זיי“, זענען דאָך ערלים, אָבער דו, דו ביסט דאָך עפּעס אַ ייִד מבני רחמנים: האָב מיטלייד, גיי אַריין אין מיין „פּאָלאָזשעניע“ (לאַגע)...

אָבער ניסל האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק און נישט זעענדיק. ער האָט

זיך געשפּאַנט צווישן די צוויי סטראַזשניקעס, וועלכע האָבן געטאַסקעט טייערע יידישע חפצים צום „וואָלאָסט".

איצט, אין יענער פּסח־נאַכט, איז ער געזעסן אין וואָלאָסט און געשפּילט אין קאָרטן מיטן אוריאַדניק קאָזלאָווסקי און סליעדאָוואַטעל קאָוואַליוק.

— עס גייט דיר, — האָט זיך אין אַ געוויסן מאָמענט אָפּגערופן קאָוואַליוק,

— אַזוי ווי מען זאָגט ביי אייך יידן, ווי אַ רשע אויף יענער וועלט. וואָס איז מיט דיר ניסל? עפּעס ביסטו מיר צופיל פּאַטראַגן...

— „פּראַוודאַ" (אמת!) ברודערל, — ענטפערט ניסל, קוקנדיק אין זיינע קאָרסטן, — איך טראַכט ווו האָט זיך געעקנט אהיבטון מלכה ברײנע, מייך ברו־דערס דינסט־מויד... יעדעס מאָל, וואָס זי ווערט אַנטרונען, קומט זי אין אַ צייט אַרום מיט אַ ממזר אויף די הענט, וואָס איך דאַרף מיך נאָכהער באַמיען אַריינצו־געבן אין זשיטאָמירער „פּריוט" (אַזיל). אַזאַ אומפאַרשעמטע, וועלכער שוואַרץ יאָר קוקט זיך אויף איר אום! זי איז דאָך מיאוס ווי דער טויט... מען זאָל זי שניצן און מאָלן דערקענט מען אויף איר פּעט לייביקן קערפּער נישט אפילו אין די הויכע מאַגאָטן... פּלוצלינג ווערט זי נעלם, און וואַרפט זיך אַריין אין קימפּעט אין ווער ווייסט וועלכער כאַטקע... דאָס מאָל איז שוין אַוועק צופיל צייט...

— זי דינט שוין אַ היפּש ביסל יאָרן ביי דיין ברודער אַט די שטיק בהמה

— האָט קאָזלאָווסקי באַמערקט. — וואָס הייסט? מיין ברודערס זעקס בנים האָט זי אַלע אויסגעכאָוועטש אויף אירע הענט... אַזוי ווי דו קוקסט זי אָן שמט זי אויף אַ באַדייטנדער שטיק אוקראַינע. איך האָב געהערט אָנרופן איר נאָמען אין אַ שטעטל גאַנץ ווייט פון האָראָשקע. עפּעס אַ ייד האָט זיך אַרויסגעכאַפּט דאָרט מיט אַ באַרישקייט, האָט אים אַ צוויטער אַ זאָג געטון: — זיי נישט קיין מלכה ברײנע... פּונקט ווי מען זאָגט דאָ ביי אונדז.

דערהערנדיק אַזאַ זאַך האָבןביידע פּאָליציילייט דאָן אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער. עס איז זיי גלאַט געפעלן צו הערן נאָך אַנעקדאָטן, וואָס שמעקן מיט יידישן הומאָר. אָבער פּלוצלינג האָט זיך די טיר פון דעם זאָל אויפגעעפנט און דער גאָראָדאָוואָי, וואָס היט דעם טויער, איז אַריין און געזאָגט:

— גאָספּאָדין וואָלאָך (ניסלען האָט ער געמיינט), עפּעס אַ ייד פרעגט זיך אויף אייך. ער זאָגט, אַז עס איז דרינגענדיק.

אינדרויסן איז געשטאַנען פּיניע, שמילע דעם מלמדס, און האָט געציטערט ווי אַ לעמל. ער האָט שווער געסאָפּעט, ווי ער זאָל געוועזן אָפּטון עפּעס אַ מין עבודת פּרך.

דערזעענדיק ניסלען שטיין אויף דער שוועל, באַלויכטן פון דער העלער לבנה־שיין, איז ער צוגעלאָפן צו אים מיט אַ פאַרשטיקט קול:

— קומט, רב... ני... ני־סל... גיכער, ווייט איר זען וואָס אין קלויז טוט זיך... נעמט נאָך פּאָליציי מיט זיך...

— וואָס פֿאַר אַ שוואַרץ יאָר פֿאַסירט דאָרטן? — איז ניסל אין כּעס געוואָרן.
— איר וועט שוין זען, וועט איר. אָבער קומט גיכער. מיט פּאָליציי...
— זיי נישט קיין מלכּה בריינע — האָט ניסל, אָנבייגנדיק זיך, אַ זאָג געטון שטיל פּיניען גלייך אין פּנים אַריין — מען דאַרף נישט קיין פּאָליציי... וואָס עס זאָל זיך נישט אָפּטון אין אַ מקום קדוש טאָר קיין ערל נישט וויסן...
פּיניע האָט אויפגעציטערט, הערנדיק אַזעלכע דיבורים.
— דאָס רעדט איר אַזוי, ניסל, ניסל? דאָס זענען דאָך רייד פֿון אַ... אַ... צדיק!
— נו, קום שוין, „דוראַק" (נאַר) איינער — האָט ניסל אַ נעם געטון פּיניען פֿאַר אַ האַנט.
אויפֿן וועג צום קלויז, האָט ניסל אַ פֿרעג געטון:
— ווי גייט עס עפּעס מיטן רוסיש לערנען, פּיניע?
— פֿרעגט נישט, — האָט פּיניע טרויעריק אָפּגעענטפֿערט און האָט אים דערציילט וואָס פֿאַר אַ פּסק ער האָט געהאַט פֿון זיין טאַטן, ווען ער האָט אים געכאַפּט מיטן טריף־פּסולדיקן רוסישן גראַמאַטיקע־ביכל.
— גוט, טאָ וואַרף אַוועק דיין עובר־בטלדיקן טאַטן און שלאָג כּפּרות מיט רייזען דיין שטיפֿמאַמע, פּאַרנעם זיך אינגאַנצן פֿון דאַנען. איך וועל דיר געבן אויף הוצאות קיין זשיטאָמיר. אין אַ גרויסער שטאָט וועסטו נישט פֿאַרפֿאַלן ווערן. זיי ביי מיר אין שטוב איבער פּסח. קיין סדרים וועל איך פֿאַר דיר נישט פּראַווען, אָבער כּשר פּסחדיקס וועסטו עסן. מיין יידענע איז נאָך דערוויל פֿרום ווי אַ טאַטערין...
ריידנדיק אַזוי זענען זיי אַריין אין קלויז. ניסל האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ באַנק אונטער דעם ערשטן לאָמפּ, וואָס ער האָט דערזען און עס איז געוואָרן ליכטיק.
פּיניען האָט געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן און ער האָט אויסגעשריגן:
— גיט אַ קוק, ר' ניסל!
אויף אַ לאַנגער באַנק, נישט ווייט פֿון דער טיר, איז געלעגן אַ געבונדענער שגץ מיטן פּנים אַראָפּ, די הענט אויף הינטן און די פֿיס געפּענטעט. ער איז געלעגן אַ פֿריטשמעליעטער און אויף דעם אַנטבלויזטן קאָפּ אַ וווּנד, וואָס האָט אַ ביסל געבלוטיקט. אָפּגערוקט אַ ביסל ווייטער אויף דער זעלבער באַנק, איינגע־הילט אין פּעלישקעס, האָט אַ פּיצל קינד זיך געוואָרפֿן און ווי ערשט געוואָלט נעמען וויינען.
— דאָס האָסטו אים אַזוי צורעכט געמאַכט, אָט דעם דבר־אחר, פּיניע? — האָט ניסל אַ צופֿרידענער אַ פֿרעג געטון.
— יאָ.
— בראַוואָ! לאָמיר אים אָפּבינדן און אויפֿמונטערן.
— איך ווייס נישט — האָט פּיניע געשטאַמלט — ווו עס האָט זיך צו מיר

גענומען אַזאַ שמשון הגיבורס גבורה... עפּעס איז מיר אַלץ אַזוי צום האַנט געקומען. מיט אַט דעם לייכטער, וואָס איציע שמש האָט פאַרגעסן אויפן פענצטער, האָב איך דעם ערל דעם קאָפּ געפּלעט. און ערשט היינט אינדערפרי האָט איציע דאָ, אונטער דער באַנק, אַט די שטריק אַוועקגעלייגט, זאָגנדיק, אַז עס קען אפשר צונוץ קומען. אָבער... איר זענט כאָטש אַ מבין, וואָס דער שגץ האָט דאָ געוואָלט אָנטון? עס שמעקט דאָך מיט אַ בלוט־בלבול...

— לאָמיר דערפון קיין ווערט נישט מאַכן. מיר וועלן נאָר אויסגעפינען ביי אים ווו ער האָט דאָס קינד גענומען — האָט ניסל גערעדט, ווען דער שגץ איז שוין געזעסן אויף דער באַנק און זיך געהאַלטן ביים קאָפּ.

— זאָלסט מיר שוין זאָגן, וואַנקאַ — האָט זיך ניסל געווענדט צו דעם שגץ — ווער די מאַמע פון קינד איז.

— יאָ, יאָ... — האָט וואַנקאַ מיט טויט־שרעק גערעדט — איך בין נישט שולדיק, אויף מיין וואָרט... מען האָט מיר געהייסן...

— איך וויל פון גאַרנישט וויסן. — האָט ניסל טרייסלענדיק דעם שגץ געליאַרעמט — קום, וויז מיר, ווער זי איז, אַנישט ווערסטו ביי מיר פאַרפוילט אין אָסטראָג...

און אַלע דריי, מיטן קינד אויף ניסלס הענט, זענען אַרויס פון קלויז, זיי האָבן זיך פאַרנומען אויף דער סלאָבאָדע.

**
*

שפּעט אין דער נאַכט, ווען חנאַ דער בעדער איז געשמאַק געשלאָפן, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענער. עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט אָן דעם לאָדן פון פענצטער ביי זיין בעט.

— ווער איז דאָרט? — האָט ער אויסגעשריגן, אויפוועקנדיק מיט זיין געשריי פערלען, זיין ווייב.

— עפן די טיר — האָט אַ באַקאַנט קול געענטפערט.

— אַ, דאָס ביסטו, ניסל? וואָס עפּעס אַזוי שפּעט?...

— פרעג נישט קיין קלאָץ־קשיות. וועסט שוין אַ סימן האָבן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבן זיך אַריינגעשטעלט אין קיך דריי פּערזאָן, איינע פון זיי, מלכה ברענגט די דינסט־מויד מיטן קינד אויף די הענט.

— אַט האָסטו זי, די דינסט־מויד דיינע, — האָט ניסל אַ זאָג געטון צו פערלען.

— אַ וויסטער פינצטערער חלום אויף דיין פנים! — האָט פערל געגומען קוויטשען — טפו, זאָלסטו ווערן, דו אומפאַרשעמטע מויד — און האָט זי אַ ריס געטון, אַז די מויד איז שיעור אומגעפאַלן און דאָס קינד האָט זיך צעוויינט.

***

ווען דער מאָרגנשטערן האָט אויפגעשיינט ביי ניסלס אַלקער אין פענצטער, זענען זיי בײדע, ניסל און פּיניע, געלעגן אויסגעצויגן אין אָנטאָן אויף צוויי געלעגערס. אַ זיסער שלאָף האָט זיך גענומען אַריינגיסן אין זייערע פאַרמאַטערטע גלידער...

ד״ר וולאַדימיר מאַקאַראָף

— 1 —

די געשיכטע וואָס שלמהלע האָט דערציילט פון דעם בלינדן „בערל דער ליכט־ציִער“, וואָס האָט אין מיטן יום־כּפּור ביינאַכט אונטערגעצונדן די קלויז, האָט די געוועזענע ישיבה־בחורים, איצטיקע סטודענטן, אַריינגעבראַכט אין אַ מאָדנער שטימונג. נעבן שלמהלען איז געזעסן ברוך גראָסמאַן, אַ סטודענט פון דעם זעקסטן קורס מעדיצין, אַמאָליקער תּלמיד פון דער זוויהילער ישיבה. ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט און האָט אָנגעהויבן:

— עס ווײַזט אויס, אַז נישט אין „בערל דער ליכט־ציִער“ האָט עקזיסטירט אין יענער צײַט. אַ מאָדנע שריפה־עפּידעמיע האָט אַרומגעכאַפּט יענעם זומער אונדזער ראַיאָן. צווישן די טעג פון שבעה עשר־בתמוז און תשעה־באָב זענען אַוועק מיטן פײַער שטעטלעך, ווי איסקעריסק, מאלען, נישאַמער, האָראָשקע און טשערניעכאָף און נאָך אַ סך, וואָס איך קען מיך איצט נישט דערמאָנען. עס איז נישט אַוועק אַ נאַכט, אַז דער הימל, וואָס איז געהאָנגען איבער אונדזער שטעטל, זאָל נישט אויפפלאַמען אין העליש פײַער, דאָ אָדער דאָרט, אויפן האָריזאָנט. עס פלעג פאַרגליווערט ווערן דאָס בלוט אין די אָדערן ווען מען פלעגט אין מיטן דער נאַכט דערזען אַ רויטן פלעק אויף דעם הימל. אויף מאָרגן האָט מען זיך דערוווסט ווו דער אומגליק האָט געטראָפן, און עטלעכע וועגענער מיט שפּײַז פאַר די נשרפים זענען שוין געשטאַנען פון באַגינען, גרייט צו אָפּפאָרן אַהין, ווו דער חורבן איז געשען. דער אונטערצינדער האָט עפּעס געמוזט זײַן אַ מין באַנור־מענער, וואָס האָט געוויס געדאַרפט פילן אַ טײַוולשן פאַרגעניגן, צוזעענדיק דעם גיהנום־פײַער, וואָס דערגרייכט עד לבֿ־השמים. אַ סך זענען געווען מיט דער מיינונג, אַז דאָס האָט געמוזט זײַן אַ עובֿדה פון אַ משומד, וואָס פאַרשטעלט זיך פאַר אַן אָרעמען אורח, האַלט זיך אויף אין אַ בית־מדרש צווישן אַ סך אָרעמע לײַט, און ווען ער געפינט דעם גינסטיקן מאָמענט, באַגייט ער דעם פאַרברעכן.

בײַ אונדז אין שטעטל האָט מען זיך געריכט אויף דעם „פאָזשאַר“ (שרפה)

פונקט ווי אויף אַ פּאַטאַלע פּאַסירונג, וואָס מוז געשען. נישט היינט איז מאָרגן, וועט דאָס שטעטל אָפּגעברענט ווערן. די זומערדיקע לאַנגע טעג האָבן זיך גע־צויגן ווי אייביקייטן. אויף יעדן פּרעמדן, איבערהויפּט אָרעמאַן, וואָס פּלעגט אָנקו־מען פון וואָלסאַצער שליאַך האָט מען געקוקט מיט פאַרדאַכט. ס׳זענען אַרומגע־גאַנגען פאַנטאַסטישע לעגענדעס וועגן דעם וואָס וועט אונטערצינדן דאָס שטעטל. פּינטשיק, דער צעדולטער „זשיוואָפּיסעץ״ (צייכענער) פון שטעטל, האָט אַפילו אויסגעמאָלט אַ בילד, וואָס האָט אים, דעם אונטערצינדער, פאַרגעשטעלט אַלס אַ מין מעפיסטאָפעל, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ פרומען אָרעמען בעטלער.

— יידן! — האָט ער איינמאָל אין מיטן מאַרק, מיט דעם בילד אין האַנט, אַ זאָג געטון — אַזוי זעט ער אויס דער, וואָס וויל אונדז אומגליקלעך מאַכן. האַלט אַן אויג אויף יעדן אורח, וואָס האַלט זיך אויף אין בית־מדרש אָדער אין הקדש.

קיינעם איז נישט איינגעפאַלן צו פרעגן פון וואַנען ער ווייסט דאָס און די לעגענדע פון דעם פאַרמאַסקירטן מעפיסטאָפעל האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דעם גאַנצן אוקראַאינער ראַיאָן. ווען די נאַכט פלעג נאָר צופאַלן, האָט עפּעס אַ מין אַנגסטלעכער געפיל גענומען פּייניקן פון קליין ביז גרויס, אַ מין מאָדנער פּחד פאַרן שלאָפן־גיין האָט אַלעמען באַהערשט. און מען האָט ביי אונדז באַשלאָסן צו שטעלן יעדע נאַכט אַ וואַך פון אַ פופציק יונגעלייט, וואָס זאָלן פאַרהיטן די שטאָט פון סכנה.

עס האָט זיך פאָרמירט אַ „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע״ (פייערלעשער), מיט אַלע גינסטיקע מכשירים אויפן מיטן מאַרק ביים ברונעם. אויף דעם זעלבן ברונעם האָט מען אויפגעהאָנגען אַ גרויסן גלאָק, וואָס זאָל מיט זיינע טענער אויפטרייסלען די לופט אַזוי שטאַרק, אַז עס זאָל אַפילו טויטע קענען אויפוועקן. ערשט דאַן האָבן זיך די געמיטער אַ ביסל באַרויִקט.

פרייטיק ערב ראש־השנה אינדערפרי, ווען פּינטשיק דער מאַלער האָט אין מאַרק פאַר אַ גרויסן עולם אַגיטירט, אַז מען זאָל פאַרשטאַרקן די וואַך אויף דער שטאָט, אײדער דער רעגנדיקער אָסיען קומט אָן, ווייל די געפאַר איז גרויס און אָט־אָ דער משחית (אָנווייזנדיק אויף דעם בילד), לויערט אויף דער שטאָט, האָט זיך אויף דעם וואָלאַסצער שליאַך, וואָס פירט צום מאַרק, באַוויזן אַ מאָדנע מענטשלעכע פיגור, וואָס האָט דעם עולם אויפגעשוידערט. וואָס נענטער דער אומבאַקאַנטער איז געקומען צום מאַרק, אַלץ קלאָרער האָט מען געקענט זען, אַז פּינטשיק האָט זיך נישט טועה געווען: די זעלבע ברענענדיקע אויגן, מיט די פאַרריסענע ברעמען, די זעלבע נאָז ווי אַ אָדלער־שנאָבל און שפּיציק בערדל, אַפילו די סאַמעטענע אָפּגעבליאַקעוועטע צעקנייטשטע היטל און די צעפליקטע שוואַרצע קאַפּאָטע, וואָס פּינטשיק האָט אויסגעמאָלט, זענען געווען די, וואָס דער מאָדנער גאַסט האָט געטראָגן. איך און דער זעלבער געדאַנק האָט אַלעמען אַרומ־גענומען. ווי אַ חיה, וואָס ווערט פלוצלינג היפּנאָטיזירט אין דער אָנוועזנהייט פון

אַ שלאַנג, אַזוי איז דער פּילקעפּיקער עולם אויף אַ ווײַלע שטיין געבליבן שטיל און מיט די אויגן צוגעשמידט צום פרעמדן, וואָס האָט זיך מיט אַ טײַוולשער חוצפּה לאַנגזאַם דערנענטערט.

נישט שענקענדיק קיין שום אויפמערקזאַמקייט דעם צעשראָקענעם עולם האָט ער איבערגעשפּרייזט דעם מאַרק ווי אַ לונאַטיקער, נאָך אים דער גאַנצער המון. עס האָט אויסגעזען, ווי עפּעס ציט זיך דורך דעם מאַרק אַ שטילע לויה נאָך אַן אומזיכטבאַרן מת.

ענדלעך איז דער המון שטיין געבליבן ביים טויער פון שול־הויף און מען האָט אים באַגלייט מיט די אויגן, ביז ער האָט איבערגעטראָטן די שוועל פון דעם גרויסן בית־מדרש...

— 2 —

עס שטייט מיר נאָך עד־היום פאַר די אויגן דאָס, וואָס האָט זיך אויף מאָרגן, דעם ערשטן טאָג ראש־השנה, אָפּגעשפּילט אין בית־מדרש, פאַר קריאת התורה.

ביים גביר פון שטאָט איז געבוירן געוואָרן דאָס דריטע ייִנגל; די ערשטע צוויי זענען אין דעם זעלבן טאָג פון ברית געשטאָרבן, אָפּגייענדיק מיט בלוט. די בייזע ירושה, וואָס הייסט „העמאָפיליאַ" האָט געהערשט אין זיין פרויס משפּחה זייט עטלעכע דורות. ווי עס איז באַקאַנט, ליידן פון אָט דער אָנשיקעניש בלויז זכרים און זי ווערט איבערגעגעבן בירושה לויט פאָלגנדע נאַטירלעכע געזעצן:

ערשטנס: ביי אַ פּאָר־פאָלק קען דער מאַן זיין אַ געזונטער און די פרוי די ירושה־איבערגעבערין, קומט פון זיי אַרויס אַ דור, וואָס די העלפט צאָל זכרים זענען העמאָפיליקער און די העלפט צאָל טעכטער זענען ירושה־איבערגעבערינס. צווייטנס: ווען דער מאַן איז אַ העמאָפיליקער און די פרוי אַ געזונטע, זענען אַלע זין געזונטע און אַלע טעכטער די איבערגעבערינס: העלפט פון די אייניקלעך זכרים זענען העמאָפיליקער און העלפט פון די אייניקלעך נקבות זענען איבער־געבערינס. די „העמאָפיליאַ" באַשטייט אין דעם, וואָס דאָס בלוט האָט נישט די פעיִקייט צו ווערן פאַרגליווערט, ווען זי ווערט אַרויסגעשטויסן פון די אָדערן, דערום איז זי שווער צו פאַרהאַמעווען. די מינדסטע וווּנד קען אַרויסרופן ביי די העמאָפיליקער אַ געפערלעכן בלוט־שטורץ.

ביי אַזעלכע פאַמיליעס איז דאָס געבוירן ווערן פון אַ זכר, אַן אומגליק. די עלטערן לעבן שטענדיק אין שרעק פאַר דער צוקונפט פון דעם, וואָס זיי האָבן אויף דער וועלט געבראַכט. ביי אונדז ייִדן ווערט באַלד דאָס ייִנגל העמאָפיליקער געשטעלט אין געפאַר...

ביים גביר פון אונדזער שטעטל איז געווען אַ טאָג פון טרויער, ווען דאָס

דריטע יינגל איז געבוירן געוואָרן. דער ברית האָט געדאַרפט אויספאַלן פונקט שבת, דעם ערשטן טאָג ראש־השנה.

ער, דער גביר, האָט זיך אַן עצה געהאַלטן מיט דעם רב, וועלכער האָט בשום־אופן נישט געלאָזט אָפּלייגן דעם ברית־מילה און ער זאָל דווקא פאָרקומען אין בית־מדרש פאַר קריאת־התורה, אין דער אַנוועזנהייט פון דעם גאַנצן קהל.

מען האָט אַראָפּגעבראַכט פון זשיטאָמיר דעם בעסטן דערפאַרענעם מוהל און די גאַנצע שטאָט האָט זיך געגרייט צו אַט־אָ־דער אויסערגעוויינלעכער צערעמאָניע.

— 3 —

מער פון אַלע יאָר איז אין יענעם ערשטן ראש־השנה פרימאָרגן דער בית־המדרש געווען איבערפולט מיט מתפללים. דורך די גרויסע פענצטער האָבן זיך אַריינגעגאָסן סנאָפּעס שטראַלן פון דער יום־טובדיקער זון, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין די צאָלרייכע ווײַסע טליתים און קלאָר־ווייסע קיטלען. אַ באַזונדערע הערלעכע ליכטיקייט האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן אויף דעם מזרח, דאָרט ביים אָפּענעם ארון־קודש, ווו עס איז געווען איינגעאָרדנט די כסא של אליהו, אויף וועלכער עס איז איצט געזעסן דער רב. די זילבערנע עטרה, וואָס האָט באַקרוינט דעם טלית, האָט פון זיין קאָפּ אַראָפּגעשימערירט ווי טויזנטער פינקלדיקע ברילי־ליאַנטן און האָט נאָך מער צויבערהאַפטיק געמאַכט זיין הדרת־פנים. אויף וועלכן עס האָט שטענדיק געשוועבט אַ לייטזעליקער שמייכל. אַ קרייז פון די חשובסטע זקנים אין טליתים, מיט ענלעכע עטרות אויף די קעפּ, האָט אַרומגע־רינגלט יענעם אויבנאָן. אַן אַ זייט לעבן רב איז געשטאַנען אַ טישל, אויף וועלכן עס איז געווען צוגעגרייט אויף אַ טעצעלע דער חלף, די מאַרליע־וויקעלעך און שטיקלעך וואַטע איינגעטונקען אין אַ וויאָלעט־קאָלירנעם וואַסערל. אין מיטן טישל איז געשטאַנען אַ גאָלדענער בעכער אָנגעפולט מיט וויין. דער מוהל, אַ מענטש מיט אַן אײדל געזיכט, וואָס האָט אויסגעזען אַ ביסל אומרויק, האָט זיך געפּאָרעט ביים טישל. אַ הייליקע שטילקייט האָט אין יענעם מאָמענט געשוועבט איבער דעם גרויסן עולם אין בית־מדרש.

צו דער באַשטימטער שעה, ווען אַלץ איז שוין געווען גרייט, האָט זיך די טיר פון בית־מדרש ברייט אויפגעעפנט און דער פאָטער, מיטן קינד אויף די הענט, האָט זיך דאָרט באַוויזן. פאָרויס האָט דער שמש געמאַכט אַ וועג צווישן דעם עולם, וואָס האָט זיך געצויגן פון טיר ביז דעם ארון־קודש. דאָס קינד אויף די הענט איז געלעגן אויף אַ ראָזעווע זיידן קישעלע און צוגעדעקט מיט אַ פּליר־שענער קאָלדערעלע, אויף וועלכער עס איז געווען אויפגעשריבן מיט גאָלדענע ווערטער זיין געבוירן־טאָג. אין יענעם מאָמענט איז עס געשלאָפן, און קוקנדיק

אויף זיין רויט געזונט פנימל, וואלט קיינער נישט געקענט זאגן, אז עס לויערט איצט אויף אים א בייזע ירושה־געפאר. אויף דעם פאטערס בלאסן געזיכט איז געווען קענטלעך דער שטורעם, וואס קומט איצט פאר אין דער טיפעניש פון זיין נשמה. וואס נענטער ער איז געגאנגען צום אויבנאן, אלץ וואקלדיקער און ציטער־דיקער זענען געווארן זיינע טריט...

מיט א ברייטן ברוך־הבא און די געהעריקע תפילה, האט דער רב אפגענומען דאס קינד ביים פאטער. א ווייל האט ער עס געהאלטן צוגעדריקט שטארק צו זיין הארץ און מיט גרויס כוונה פארגעזעצט די תפילה, נאכהער איז דאס קינד איבערגעגאנגען פון האנט צו האנט צו די זקנים, וואס האבן ארומגערינגלט דעם רב, ביז עס איז ווידער איבערגעגעבן געווארן צו אים דורך דעם בעל־ברית...

א שטיקל צייט האט נאך גענומען ביז עס האט זיך ענדלעך דערהערט די ברכה, וואס דער מוהל האט געמאכט, און באלד האט די שטילע לופט פון דעם גרויסן בית־המדרש־חלל אויפגעטרייסלט און פול געווארן מיט א קינדערש הארץ־רייסנדיק קולכל.

נישט איין מאל האבן די ספרי־תורה, וואס האבן זיך ארויסגעזען אין יענעם מאמענט פון דעם אפענעם ארון־קודש, געמוזט הערן דאס ווײ־געשריי פון א פרוי וואס פלעגט אהין אריינפאלן מיט א געבעט ביים רבונו של עולם פאר א מאן אדער א קינד. אבער קיינמאל ביז יענעם ראש־השנה־פרימארגן האבן נאך יענע „רייניקייטן" נישט אויפגענומען אזא צאפלדיק געשריי, וואס האט ביים קינד ארויסגעפראלט ווען דעם מוהלס חלפל האט זיך איינגעשניטן אין זיין לייב...

דאס קולכל האט זיך מיט אמאל אפגעהאקט: דאס קינד האט זיך פארגאנגען און עס איז בלוי געווארן; פריי האט דער עולם אפגעאטעמט ווען עס האט זיך נאך אמאל געלאזט הערן.

אין דער זעלבער צייט האט זיך דער מוהל געפארעט ביים דעם, איבערבייטנ־דיק אלע ווילע די וואטע און די מארליע, אבער דאס בלוט האט גענומען שטראמען ווי פון אן אומענדלעכן קוואל. די צייט האט זיך געצויגן און די אומרויִקייט איז געשטיגן ביי די וואס זענען געשטאנען נאענט און צוגעזען ווי דער מוהל פארעט זיך שוין צופיל... דאס בלוט הערט נישט אויף צו שטראמען; דעם קינדס פנימל ווערט בלאסער. עס פארשווינדט די פארב פון זיינע ליפעלעך, זיין געוויין ווערט שוואכער, ביז עס ווערט אינגאנצן פארשטיקט...

— רבותי! — האט זיך פלוצלינג דערהערט דעם מוהלס קול, דאס בלוט וויל נישט פארהאמעוועט ווערן, עס איז אן אומגליק!

באלד האט זיך פון דער עזרת נשים געלאזט הערן א געשריי פון א פרוי. דאס האט דעם קינדס מוטער ארויסגעפראלט אין א געוויין. א ביטערער געיאמער האט זיך גענומען טראגן פון דער ווייבערשער שול און האט זיך אויסגעמישט מיט דעם געמורמל פון די מענער.

אין יענעם מאָמענט האָט עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכע זאַך פּאַסירט: אַן אָרעמער אורח, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן ביי אַ שטענדער לעבן דער הרובע, איינגעהילט אין אַן אַלטן טלית, האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און האָט אַ געשריי געטון:

— ייִדן! לאָזט מיך צו צום קינד, איך גיי דאָס אָפּראַטעווען.

דער עולם האָט אויפגעציטערט און זיך אויסקערנדיק צום מערב־פּראַנט האָט מען דערזען, אַז דער אורח איז נישט קיין אַנדערער ווי דער, וואָס איז נעכטן אָנגעקומען מיט דעם וואָלאָצער שליאַך.

נישט פאַרלירנדיק קיין צייט האָט ער זיך דורכגעשפּאַרט ביז צו יענעם אָרט. דער רב, די זקנים, דער פאָטער און דער גאַנצער עולם האָבן געשטוינט.

דער אורח האָט דעם מוהל אָפּגערוקט אין אַ זייט און האָט זיך אָנגעבויגן איבערן קינד, וואָס איז געלעגן אַ פאַרחלשטס.

— געשווינד, ברענגט אַהער די מאַמע, — האָט דער אורח שטרענג באַפוילן, און צום פאָטער האָט ער אַ זאָג געטון:

— וויפל ייִנגלעך זענען ביי אייך געשטאָרבן פון דער מילה?

— צוויי — האָט דער פאָטער מיט אַ ציטער אַ שטאַמל געטון.

— ווי אַזוי האָט איר געוואָגט צו שטעלן אייער קינד אין אַזאַ סכנה?

— איך האָב מיך באַראַטן מיטן רבין — האָט דער בעל־ברית געענטפערט מיט ציטערדיקע ווערטער.

— און איר, רבי, — האָט זיך דער אורח איצט געווענדט צום רב און אין זיינע שוואַרצע אויגן האָט עפּעס געגליט אַ פייערל, — ווי האָט איר געקענט פאַרגעסן דעם דין פון תלמוד, וואָס פאַרבאָט מל זיין קינדער ווען צוויי זענען פון דער וועלט געגאַנגען צוליב מצוות מילה?

אַ ווײַלע האָבן זיי זיך ביידע שטיל אָנגעקוקט און נאָכהער האָט דער רב מיט זיין געוויינלעכער גוטמוטיקייט אַ זאָג געטון:

— פרעג נישט קיין קשיות, טו וואָס דער מלך עליון האָט דיר באַפוילן.

די דאָזיקע ווערטער האָבן אַרויסגערופן ביים עולם גרויס אַנטציקונג און מיט אָטעם־פאַרכאַפּונג געוואַרט וואָס ווייטער וועט דאָ פאָרקומען.

אין יענעם מאָמענט האָט מען געבראַכט די מאַמע פון דעם קינד. אַן לשון, באַהערשט פון אַ שרעקלעכער ספּאַזמע, האָט מען זי דאָרט אָוועקגעזעצט לעבן יענעם טישל. נישט צום קינד זענען אירע טאַמעוואַטע אויגן געווען געווענדט נאָר צו אַן אומבאַשטימטן פּונקט ערגעץ. וואָר ווייסט ווו, צו וועלכע עולמות.

דער אָרעמער אורח האָט אַנטבלויזט איר לינקן אָרעם, וואָס זי האָט אָנגעשפּאַרט אין טישל, ער האָט מיט איין האַנט גענומען איבערציִען דעם טלית איבער זיין קאָפּ, גלייכצייטיק האָט זיין צווייטע האַנט עפּעס געגנישטערט אין זיין בוזעם־קעשענע. קיינער האָט נישט געקענט זען וואָס ער טוט מיט דער פרויס אָרעם

אונטער דעם טלית; באַמערקט האָט מען נאָר ווי זי האָט זיך אַ ציפּל געטון פון עפּעס אַ ווייטיק, וואָס זי האָט געמוזט דערפילן אין יענעם מאָמענט. אין אַ ווילע אַרום האָט מען דערזען, אַז דער אורח האָט געהאַלטן אין האַנט אַ שטיק מאַרליע איינגעטונקען אין בלוט. איצט האָט ער זיך גענומען צום קינד, ער האָט די פאַרבלוטיקטע שטיק מאַרליע גענומען וויקלען אַרום דעם געשניטענעם קינדס אבר... ווי אַן אמתער געניטער מוהל. אויף דעם מוטערס אַרעם האָט מען באַמערקט אַ בלוט־צייכן. געשווינד האָט דער אורח פאַרוויקלט דאָס קינד מיט אַ וויקל־שנור און איינבייגנדיק זיך איבער אים, איז ער נישט אַפּגעטראָטן, ביז עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע סמנים פון אויפלעבונג. ביסלעכווייז האָבן זיך דעם קינדס פאַרגלייזטע אייגעלעך גענומען באַוועגן און זיינע ליפּעלעך זיך רויטלען, ביז עס האָט ווידער אויסגעפּראַלט אין אַ פאַרכליפּעטן געוויין.

ערשט דאַן האָט זיך די מאַמע אויפגעכאַפּט, און דער עולם האָט פריי אָפּגעאָטעמט.

מיט דעם גאָלדענעם בעכער וויין אין האַנט און אויף דעם באַקאַנטן ניגון האָט דער וואונדערבאַרער גאַסט גענומען זאָגן די ברכה און ער האָט אַליין אַ נאָמען געגעבן דעם קינד...

שפּעטער, ווען טאַטע־מאַמע זענען מיטן קינד דורך עטלעכע באַלעבאַטים אָפּגעפירט געוואָרן אַהיים, האָט מען זיך דאָ, אין שול, אַרומגעזען, אַז דער אויס־טערלישער אורח איז פּלוצלינג נעלם געוואָרן. זיין אָרט אין שטענדער ביי דער הרובע איז געשטאַנען ליידיק. דאָס האָט אויפגעשטורעמט דעם גאַנצן עולם, וואָס האָט געגאַפט פון גרויס איבערראַשונג.

— 4 —

דאָס פאַרשווינדן פּלוצלינג פון דעם אורח אין מיטן שבת און יום־טוב האָט פאַרשפּיצט די פאַנטאַזיע פון דעם אָבערגלויביקן המון. אומעטום האָט מען געהערט רעדן, אַז דאָס איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי אליהו הנביא, בכבודו ובעצמו, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַן אָרעמאַן. אַזאַ וואונדערבאַרן שפּיצל האָט נאָר ער געקענט אָפּטון. אָבער דעם אמת האָט מען זיך ערשט דערוווסט שפּעטער מיט יאָרן, צום קינדס בר־מצוה.

אַ פּאָר יאָר, איידער דאָס קינד איז אויף דער וועלט געקומען, איז דורך דער רעגירונג אַראָפּגעבראַכט געוואָרן צו אונדז אין שטעטל אַ דאָקטער, מיטן נאָמען וולאַדימיר מאַקאַראָף.

ווען־נישט־ווען פלעגט מען זיך ביי אונדז דערוויסן פון פאַרשידענע דורכ־רייזנדע, אַז דער דאָזיקער וולאַדימיר מאַקאַראָף איז אַ ייד. ער שטאַמט פון

רבנים און דיינים, און ער אַליין איז ביי זיין צוואַנציק יאָר־עלטער, אויך געווען שוין אַ מופלג בתורה. אָבער זיין געשליפענער מוח האָט זיך אין אַ שיינעם טאָג אָפּגעקערט פון דעם דרך־הישר און אָט־אָ־דער וולאַדימיר, וועמען מען האָט דאַן גערופן וועלוועלע דעם רבינס, איז אַנטלאָפן אין דער וועלט. ער האָט זיך אויסגעוואָלגערט ווי ערגעץ אַ גרויסע שטאָט צווישן סטודענטן, בטלנים און אַקטיאָרן; געפירט אַ שטורעמדיק לעבן ווי אַ באָהעם און האָט אַפילו פאַרביטן דאָס „רענדל", כדי צו קענען אַנקומען אין קיעווער אוניווערזיטעט. שווער איז געווען צו גלויבן אין אָט די אַלע מעשיות, ווייל דאָקטאָר מאַקאַראָף האָט אין זיך נישט פאַרמאָגט דעם מינדסטן שפּור פון אַזאַ געהויבענעם ייִדישן אָפּשטאַם.

זיין אָנגעצויגן שטייף־ראַזירט פּנים, זיין מונדיר אַלס מיליטאַר־מעדיקער, זיין פּראַוואָסלאַוונער רוסישער אַקצענט, האָבן נישט דערלאָזט דעם קלענסטן חשד אַז דורך זיינע אָדערן פליסט אַ טראָפּן ייִדיש בלוט.

געוווינט האָט ער לעבן דער פּאָסט אין אַ שיינער מויער, אַרומגערינגלט מיט גערטנער, אַרומגעצוימט מיט אַן אייזערנעם שטאַכעט־פּאַרקן.

בלויז פּריצים און רעגירונגס־באַאַמטע פלעגט מען דאָרט זען אַריין און אַרויסגיין. קיין ייִדישער פוס האָט נישט געוואַגט איבערטרעטן יענער מויער, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון עפּעס אַ פאַרצייטיקן אַדל־שלאָס. וואַנקאַ דער משרת זיינער, וואָס האָט גערעדט געזונט ייִדיש, פלעגט זאָגן, אַז דער „באַרין" זיינער הערט אַמאָל אויס מיט גרויס נייגעריקייט די פּליאָטקעס וואָס ער, וואַנקע, ברענגט אים פון גאַס. מען האָט אָבער מורא געהאַט אַפילו אַ פרעג צו טון ביי וואַנקען צי דער „באַרין" זעט אים אויס צו זיין אַ ייִד.

עס האָט אויסגעבראָכן די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה און אַ שטיקל צייט נאָך ימים־נוראים איז ער צוגענומען געוואָרן אויף דעם שלאַכטפעלד אַלס מיליטאַר־מעדיקער, און ער האָט זיך שוין מער צוריק נישט אומגעקערט.

געבראַכט האָט מען אַ ידיעה, אַז ביים אָפּטרעטן פון פּאָרט־אַרטור איז ער אומגעקומען צוזאַמען מיט אַ סך פון זיין רעגימענט.

זיין אָפּשטאַם איז פאַרט ביי אונדז פאַרבליבן אַלס אַן אומלייזבאַרער רעטעניש. נאָר איין מענטש האָט זיך יאָרן לאַנג אַרומגעטראָגן מיט דעם סוד, וואָס וולאַדימיר מאַקאַראָף האָט אים פאַרטרויט.

דער דאָזיקער מענטש איז געווען אונדזער באַקאַנטער נגיד, וואָס האָט פאַר דעם געגרייטן טיש צו דעם זונס בר־מצוה דערציילט פאָלגנדיקס:

— איצט איז געקומען דער מאָמענט, — האָט דער פאָטער פון בר־מצוה גערעדט פאַר די געסט, — אַז איך זאָל אייך דערציילן ווער יענער אָרעמער אורח איז געווען.

אַ שטיקל צייט נאָך ימים־נוראים, אין אַ געוויסן אָוונט, איז צו מיר געקומען דער דאָקטאָר מאַקאַראָף. זיין וויזיט האָט מיך געוויינלעך איבערראַשט. דערשיי־

נענדיק פאַר מיר אין אַזאַ שפּעטער שעה ביינאַכט, אַנגעטאָן אין זיין אוניפאָרם, האָט אויף מיר געמאַכט אַן איבעררעאַשנדיקן איינדרוק, ווער ווייסט וואָס עס דערוואַרטעט מיר מיט זיין וויזיט...

דערזעענדיק מיין פאַרלעגנהייט האָט ער צו מיר אַזוי אַ זאָג געטון אויף יידיש:

— זייט נישט איבערראַשט, איך בין געקומען זען וואָס מאַכט עפּעס אייער בן־יחיד.

— דאָקטער! האָב איך אַ דערציטערטער אויסגעשריגן.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איר זאָלט זיך האַלטן רויק. איך וויל נאָר זען דעם רעזולטאַט פון מיין עקספּערימענט.

— פון וואָס פאַר אַן עקספּערימענט רעדט איר, גאַספּאַדין דאָקטער?

— איך האָב אָפּגעראַטעוועט אייער קינד — האָט ער שמייכלדיק גענומען רעדן. — איך בין עס געווען יענער אָרעמאַן... דורך וואַנקען, מיין משרת, האָב איך מיך דערוווּסט, אַז דעם ערשטן טאָג ראש־השנה וועט מען יידישן אייער קינד אין בית־המדרש. אייער משפּחה־פעלער איז מיר באַקאַנט. שוין יאָרן־לאַנג, אַז איך טראָג מיך אַרום מיט אַ געדאַנק צו קענען קורירן העמאָפיליקער מיט זייער מוטערלעך בלוט. עס האָט מיר אָבער אויסגעפעלט דער גינסטיקער פאַל. אייער קינד האָט מיר געגעבן די געלעגנהייט צו קענען דורכפירן מיין עקספּערימענט. אויסנוצנדיק דעם אָבערגלויביקן כאַראַקטער, וואָס איז פון קדמונים אַזוי איינגעוואָרצלט אין דער פרומער סביבה, האָב איך מיך פאַרשטעלט פאַר אַן אָרעמאַן; איך האָב דאָך אַלס סטודענט געצויגן מיין חיונה פון אַקטיאָרן־לעבן. אַזוי אַרום איז מיר געלונגען אַלס דאָקטער דורכפירן מיין גרעסטן עקספּערימענט פון מיין לעבן, וואָס וועט ברענגען אַ סך נוצן. אין דער צוקונפט וועט מען די העמאָפיליקער באַהאַנדלען מיט מוטערלעכע בלוט־איינשפּריצונגען.

אַנטציקט בין איך מיט מיין פרוי געשטאַנען און צוגעזען ווי ער קוקט אָן דאָס קינד. דעם דאָקטערס פּנים האָט געשטראַלט פון גליק, און ביי זיין אַוועקגיין האָט ער אונדז געדריקט די הענט און האָט אונדז געזאָגט:

— איך באַשווער אייך, אַז דאָס זאָל פאַרבלייבן אַ סוד ביז דעם טאָג פון זיין בר־מצוה. דאַן, ווער ווייסט צי איך וועל שוין זיין צווישן די לעבעדיקע. היינטיקע נאַכט פאַר איך אָפּ צום פראָנט. נאָר ווי עס זאָל נישט זיין, זאָלט איר דאַן ביים טיש דערמאָנען מיין נאָמען און אין אייערע אויערן זאָלט איר דערהערן אויף דעם אָפּקלאַנג פון מיין ברכה: אים מגדל זיין לתורה לחופּה ולמעשים טובים.

מיט פייכטע אויגן האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון אונדזערע הענט און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דעם חשכות פון יענער אָסיען־נאַכט.

דער האָרבאַטער זייגערמאַכער

אונדזער ייִדישער קאָלעגע האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן און האָט אָנגע־הויבן מיט אָט די ווערטער: —

נישט לאַנג צוריק האָב איך געהאַט אַ באַגעגעניש מיט אַ מאָדנעם פּאַרשוין, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ שווידערלעכן רושם. קענט איר זיך פאָרשטעלן אַ געוויסן מאָמענט, ווען איר דערפילט פּלוצים אַז איר געפינט זיך פּנים אל פּנים מיט אַ גאַסט פון יענער וועלט? אַזאַ מאָמענט האָב איך איבערגעלעבט; אַזאַ זאַך האָט מיט מיר פּאַסירט.

אין יענעם טאָג בין איך אַ פאַרמאַטערטער געקומען אַהיים פון גאַס און האָב געטראָפן אין וואַרט־זאַל פון מיין פּריוואַטער קליניק אַן אַ שיעור פּאַציענטן. פון צווישן אַלע וואָס האָבן אויף מיר געוואַרט, האָט זיך מיר אַ וואָרף געטון אין די אויגן אַ מאָדנע איינגעהויקערטע פיגור מיט אַ טויט־בלאַסן געזיכט, וואָס איז גע־זעסן פאַרוקט אין אַ ווינקל. עפּעס האָט צוגעשמידט מיינע אויגן צו דער פּערזאָן.

איך האָב אָנגעהויבן אויפנעמען די קראַנקע, און יעדעס מאָל ווען כ׳האָב געעפנט די טיר פונעם קאַבינעט פאַר אַ פּאַציענט, איז מיין בליק אינסטינקטיוו געפאַלן אויף יענעם ווינקל. איך האָב מיך דערמאָנט אין דעם אויפגעהאַנגענעם האָרבאַטן זייגערמאַכער, וועלכן מ׳האָט געפונען אין וועלדל הינטער אונדזער שטעטל, אין דער אַלטער היים.

ווי אויף צו להכעיס האָט ער דורכגעלאָזט אַלע קראַנקע, כאָטש עס איז שוין לאַנג געהאַט געקומען זיין ריי. ענדלעך האָט ער זיך אויפגעהויבן און איבערגע־טראָטן די שוועל פון מיין קאַבינעט. ערשט דאַן האָט מיר דורכגענומען אַ קאַלטער שוידער. ער איז געווען אַן עכטע קאָפּיע פון יענעם אויפגעהאַנגענעם.

איך האָב אַ וויש געטון דעם קאַלטן שווייס וואָס איז אַרויסגעטראָטן אויף מיין שטערן. אין יענעם טאָג בין איך, אגב, אַליין אומגעגאַנגען מיט היץ. ווייסט איר דאָך אַלע ווי מיר זענען פאַרשקלאַפט צו אונדזער מעדיצינישער פּראַפעסיע. איך האָב אין יענעם טאָג, אַליין אַ קראַנקער, געאַרבעט ווי תמיד.

— זיצט, פריינט מיינער, — האָב איך זיך געווענדט צו אים מיט אַן אומ־זיכערער שטימע.

די פיגור וואָס זאָל, לויט מיין קראַנקער פאַנטאַזיע, האָבן אויפגעשטאַנען תחית־המתים, האָט זיך העפלעך פאַרנויגט פאַר מיר און לאַנגזאַם זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שטול וואָס איך האָב אים אָנגעוויזן, נישט אַראָפּנעמענדיק זיינע אויגן פון מיינע.

— פון וואַנען זענט איר? — האָב איך געפרעגט.

— פון רוסלאַנד, — האָט ער געענטפערט אונטער דער נאָז.

— פון וועלכער שטאָט, מיין איך?

— פון שטעטל האָר...

איך האָב דערפילט ווי עס ווערן מיר אונטערגעהאַקט די פיס און עס שווינדלט מיר פאַר די אויגן: דער נאָמען איז געווען פון מיין געבורטסשטעטל.

— מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך? — האָב איך אַ דערשראָקענער אַ פרעג געטון.

— אַ זייגער־מייסטער בין איך — איז געווען זיין ענטפער.

איך האָב געגומען קנייפן מיין לייב; כ׳האָב אָנגעהויבן צווייפלען אין דער רעאַליטעט פון מיין עקזיסטענץ; כ׳האָב נישט געוווסט וואָס עס טוט זיך אַרום מיר.

— איך בעט אייך, זאָגט מיר אויף גיך ווי קומט איר אַהער צו מיר? — האָב איך אים ווייטער געפרעגט.

— וואָס הייסט ווי איך קום צו אייך? ווי אַלע פּאַציענטן קומען צו אַ דאָק־טער, — האָט ער מיר געלאָסן געענטפערט.

— זאָגט מיר נאָר, — האָב איך זיך צו אים געווענדט, — קענט איר מיר דערקלערן פון וואַנען עס קומט צו אייך אייער הויקער?

— אָ, דאָס איז שוין אַן אַלטער חסרון. קינדווייז האָט מען מיר צעקלאַפּט דעם רוקן מיט אַ האַמער.

דאַן האָט אין מיין זכרון בליץ־שנעל אויפגעלעבט די גאַנצע געשיכטע וואָס איך וועל אייך דערציילן און איך האָב פריי אָפּגעאָטעמט.

***

מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק האָב איך געקענט אַ טראַגי־קאָמישן פּאַרשוין אין דער אַלטער היים. דער דאָזיקער פּאַרשוין איז געווען איינער פון די דריי פּאַרזענישן, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אין מיין שטעטל. זיי זענען אַלע געווען יוווילירערס און זייגערמאַכערס. אין יענער צייט פון מיין פריער קינדהייט, האָט גערופן מיין אויפמערקזאַמקייט דער קאָנטראַסט צווישן די שיינע, דעליקאַטע זייגערלעך, קייטעלעך, פינגערלעך און בריליאַנטלעך, וואָס פלעגן שעמערירן צווישן די פינגער פון אָט די קריפּלען.

שעהן לאַנג פלעג איך אָפּשטיין צוגעקאָוועט צום פענצטער פון דעם אָדער יענעם זייגערמאַכערס „פּראַנט" (אַזוי, געדענק איך, פלעגט מען רופן יענע גע־

שעפטן). איך בין געווען באַהערשט ווי פון אַ מין פאַרשפּיצטן מיטלייד־געפיל צו די אַלע קליינע רירעוודיקע זייגער־מאַשינעריעס, וואָס האָבן ביי מיר באַקומען דאָס געשטאַלט פון לעבעדיקע נפשות איבער וועלכע עס איזדיעקעוועט זיך אַ מאָנסטר, אַ מגושם.

נישט איין מאָל פלעגט דאָן מיין קינדיש הערצל זיך אַ צאַפּל טון ווען יאָסל מיט דער צעשפּאָלטענער ליפּ האָט מיט אַ צווענגל אַרויסגעריסן דאָס אַנקערל פון אַ גאָלדן זייגערל. ער האָט דאָס אַ ווילע געהאַלטן אין דער לופטן און עס האָט נישט אויפגעהערט זיך צו באַוועגן אויף אַ דין־געדרייט ספּרוזשינקעלע, און אויף זיין מיאוסן פּרצוף האָט זיך אין יענעם מאָמענט באַוויזן אַ סאַדיסטישער שמייכל. אין דער זעלבער צייט האָבן זיך אַלע רעדלעך גענומען דרייען, יעדעס מיט אַ באַזונדערער געשווינדטקייט און פון דעם גאַנצן זייגער־קערפּערל האָט זיך געלאָזט הערן אַ מאָדנער גערויש, וואָס האָט מיך אינגאַנצן דערשיטערט. עס האָט מיך גערירט ביז טרערן — אַזאַ נאַריש יינגל בין איך געווען.

מיט מער מילדקייט און רחמנות צו די אַלע זייגערס, האָט מיר אויסגעוויזן, באַציט זיך דער האַרעבאַטער זייגערמאַכער, וועמענס „פראַנט" עס איז געשטאַנען פונקט קעגנאיבער יאָסלס, פון יענער זייט גאַס.

פון דעם גרויסן פענצטער האָט מען געקענט זען אַלץ, וואָס עס טוט זיך דאָרט. אויף די ווענט זענען געהאַנגען שורותוויז „רעגולאַטאָרס" אין דער גאָר אויבערשטער ריי, נאָכדעם זענען געקומען די מיניאַטורן און צו לעצט — וואַנט־זייגערס, פון וועלכע עס האָבן אַראָפּגעהאַנגען שווער־געוויכטער אויף מעשענע קייטן. נאָקעטע „אומרוס", וואָס האָבן זיך געטעלעבענדעט הין־און־צוריק, אָנמאָכנ־דיק אַ סך אַ גרעסערן ליאַרעם מיט זייער קלאַפּן ווי די אַריסטאָקראַטישע „רעגו־לאַטאָרס".

ביים האַרבאַטן זענען אַלע זייגערס געגאַנגען אַקוראַט. — אָנווייזנדיק די ריכטיקע שעה.

אַ סך מאָל אין טאָג האָט מען געקענט זען דעם צעדרייטן אויפגעקנוילטן קערפּער זיינעם אַרויפקלעטערן אויפן לייטער. שטייענדיק אויבן, האָבן זיינע נער־וועזע פינגער געפּאַרקעט זיך ביי אַן „אומרו" וואָס איז געגאַנגען צו־שנעל אָדער צו־לאַנגזאַם. פון זיינע אויגנלעכער האָט ער קיינמאָל נישט אַראָפּגענומען די צוויי שוואַרצע „שפּאַקטיוון", ווי זיי וואָלטן געווען אַ טייל פון זיין מאָגערן ברייטביינער־דיקן פּנים. דאָס האָט נאָך מער אָפּשטויסנדיק געמאַכט זיין פאַרקריפּלט געשטאַלט. זיין גלאַטער קאָפּ, אָן האָר, וואָס איז געווען באַגראָבן צווישן די צוויי אויפגעהויבענע אַקסלען, האָט אויף קיין מינוט נישט גערוט און פון צייט צו צייט זיך אַ וואַרף געטון אויף הינטן, אָנשלאָגנדיק זיך אין הויקער, וואָס איז מיט דער צייט אויסגעוואָקסן ווי אַ פאַרשאָלטענער באַרג אויף זיינע פּלייצעס.

פון וואַנען עס האָט זיך גענומען אַזאַ באַשעפעניש צו אונדז אין שטעטל האָט

קיין בן־אדם נישט געוווּסט. ער איז פֿאַר אַלעמען געווען אַ בייזע רעטעניש. מענטשן מיט שוואַכע נערוון האָבן זיך פֿון אים אָפּגעקערט אין גאַס ווען ער פֿלעגט זיך, ווי אַ ווײַבער, נעבן זיי דורכטראָגן.

דער דאָזיקער אומגליקלעכער איז נישט געווען קיין גוטער פּריינט, זײַנע טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן אים אויף דער וועלט געבראַכט. אַ פֿאַרביטערטער, אַ צאָרנדיקער, האָט ער אין זיך געדאַרפֿט דערשטיקן אַלע מענטשלעכע לײַדנשאַפֿטן, וואָס מאַכן דאָס לעבן זיס און אינטערעסאַנט.

די גאַס, צו וועלכע ער האָט פֿון באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט אַרויסגעקוקט דורך דעם גרויסן פֿענצטער פֿון זײַן קלייט, איז געווען פֿאַר אים אַ קוואַל פֿון קנאה און יסורים.

קיינער פֿון שטעטל איז צו אים נישט אַרײַנגעקומען, אַ וואָרט איבערבײַטן, ווי ער זאָל ליגן אין חרם אָדער זײַן אַ קרעציקער. ער האָט געפֿילט, אַז מען האָסט אים, אַז זײַן מום שטויסט אָפּ... זײַן חיונה האָט ער געצויגן פֿון די גויִים פֿון די אַרומיקע דערפֿער, וואָס פֿלעגן קומען צו אים קויפֿן אָדער פֿאַרריכטן זייגערס. זיי האָבן אויף אים רחמנות געהאַט און קיין עקל האָט ער בײַ זיי נישט אַרויסגערופֿן.

דערפֿאַר פֿלעגט מען אים זען דורכלויפֿן אַ געסל מיט אַ וואַנט־זייגער אונטערן אָרעם. ער האָט געשפּאַנט העט ווײַט, אַזש ביז צו דער סלאָבאָדע, הינטערן שטעטל. דאָס האָט ער אָפּגעטראָגן אַ פֿאַרריכטן זייגער עפּעס אַ גוי.

ער האָט דאָס געוויינלעך געטון גאַנץ־פֿרי, איידער קליינוואַרג איז אויפֿגעשטאַנען. ווײַל ווען נישט, פֿלעגן ווײַסע חברה אים באַפֿאַלן, ווי די בינען, שלעפּן פֿאַר דער קאַפּאָטע, וואַרפֿן שטיינער און מאַכן חוזק.

מער פֿון אַלע איז אים דערגאַנגען די יאָרן אַ פּערצן־יעריקער יינגל, יאָסל דעם יוועלירס תכשיט, וואָס האָט זיך שוין אויך געלערנט בײַ זײַן טאַטן די מלאכה פֿון זייגער־מייסטער. אפֿשר איז ער געווען אָנגעשטעלט דאָס צו טון, כּדי צו פֿאַר־טרײַבן דעם האָרבאַטן קאָנקורענט פֿונעם שטעטל.

איינמאָל, אין אַ פֿרימאָרגן, (איך וועל דאָס קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן) איז געוואָרן אַ געפּילדער און געלויף אין שטעטל. יונג און אַלט זענען אַרויס פֿון די הײַזער: פֿון אַלע געסלעך איז מען געלאָפֿן צום מאַרק. וואָס נענטער מ'איז צוגע־קומען, האָט מען אַלץ קלאָרער געהערט:

— דער האָרבאַטער איז משוגע געוואָרן! ער וועט דעם יינגל דערהרגענען! געשען איז אָט וואָס:

דער האָרבאַטער איז אין מיטן מאַרק אָנגעפֿאַלן אויף יאָסל דעם יוועלירס יינגל. איין האַנט זײַנע האָט זיך אײַנגעקלאַמערט אין דעם יינגלס האַלדז, די צווייטע האַנט האָט מיט אַ האַמער אומברחמנותדיק געקלאַפּט אין דעם יינגלס רוקן. בשעת מעשה האָט דער הויקער געברעוועט ווי אַ ווילדע חיה:

— נאַ! אָט האָסטו שגץ! באַקום אויך אַ הויקער אַזוי ווי איך! איך טרעט אים

אַפּ מײַן פּלאַץ, — האָט ער זיך געווענדט צום עולם אַרום, אָפּלאָזנדיק זײַן קרבן אין אַ באַוווסטלאָזן צושטאַנד.

אַ פּאַריקטער האָט ער זיך געלאָזט לויפן מיטן שליאַך, וואָס האָט געפירט צום וועלדל הינטערן שטאָט, שרײַענדיק אָן אויפהער: „אָן אַנדער הויקער אויף מײַן פּלאַץ... אָן אַנדער הויקער...“

דאָס גאַנצע שטעטל איז אים נאָכגעלאָפן, געוואָלט פּאַרשטיינען, אָבער... ער האָט זיי פּאַרשפּאָרט די אַרבעט.

אין וועלדל האָט ער זיך אויפגעהאָנגען אויף אַ צוויג פון אַ בוים. ווען דער המון איז אַהין צוגעקומען, איז שוין דער האַרבאַטער זייגערמאַכער געווען אַ טויטער „אומרו“ אין דעם זייגער פון דער אייביקייט.

אפרופן וועגן מחבר

י. אקרוטני

די קראַנקע וועלט

(וועגן ד״ר נחמן מיזשעריצקי ע״ה)

א.

געווען אַ מענטש, געווען אַ שרייבער און ער איז פּלוצים נישט געוואָרן. אכזריותדיק נישט געוואָרן און הינטער זיך אָפּגעלאָזט אַ קוואַל פאַר לעגענדאַ־רישקייט, ממש פאַרן אומגעווײנטלעכן, וואָס גייט נישט אין די פּוסטריט פון אַ יעדן, וועמען מיר זעען, וועמען מיר באַגעגענען.

ד״ר נחמן מיזשעריצקי האָט בחייו ווי אויף זיין לעצטן וועג זוכה געווען די פאַרדינטע לויב און ליבשאַפט. מחמת ער איז געווען אַ גאַנצער מענטש און אַ גאַנצער ייִד. מיט תמימותדיקן האַרץ און מיט מי, וואָס ער האָט אָפּגעגעבן מיט ערלעכן געדולד, האָט ער מיט זיין טאָג־טעגלעכקייט פון היינט משלים געווען דעם אייגענעם נעכטן, אַ פולער מיט שטרויכלונגען און עלנט.

עס איז אים באַשערט געווען דער גורל פון אַן אימיגראַנטן־קינד אויף פאַרשטייבערטן באָדן פון אַן אימיגראַציע־לאַנד, וואָס האָט זשעדנע אויסגעקוקט די טרערן און דעם שווייס פון מחנות געליטענע, כדי באַזאָפּטיקט צו ווערן פון פּרוכטבאַרקייט וועגן.

פון קינדוויז אָן האָט נחמן מיזשעריצקי מיט האָרעוואַניע און מיט ליכ־טיקן שטרעבן מתוך אָרעמקייט אין דער אימיגראַנטישער, יתומדיקער ייִדישער מאַסע געלאָזן זיינע וואָרצלען, געמאַכט זי פאַר זיין היים.

איר, דער ייִדישער מאַסע, האָט נחמן מיזשעריצקי, דער שפּעטערדיקער מעדיקער, דער שפּעטערדיקער שרייבער, אָפּגעגעבן זיין גאָרע געטריישאַפט, און זי האָט שטיל, באַשיידן אָפּגעלויכטן פון זיינע מעשים.

עס איז אמת ואמת, ווי עס איז די לעגענדע פון אַ יעדן וווּנדערלעכן

מענטש, וואָס ווערט אַרומגעוואַקסן מיט אַנערקענונג פונעם כלל. אָבער דאָס באַלאַנגט שוין צו דער פּרטיותדיקער לעבנס-געשיכטע פון דעם, וואָס איז אַוועק מיטן וועג פון ביטערסטן טרויער, כאָטש ער האָט זיך אַליין איינגעקויפט אין לויב — ווי מענטשן ברענגען עס אַרויס פון זיין באַמענס וועגן, ווי מחברים פאַרצייכענען עס פאַרן געדעכעניש פון די נאָכקומענדיקע. אונדזער זאַך איז אָקערשט די וועלט, וועלכע ער האָט פאַרלאָזן. די וועלט ווי עס האָט זי געזען, ווי עס האָט זי באַנומען דער שרייבער נחמן מיזשעריצקי. און בלתי־ספק — דער שרייבער דערגאַנצט דעם מעדיקער, אויב ער „טוט זיך נישט אויס" פון מעדיקער, בכדי צו קענען פולער אַנטפּלעקן די מיסטעריע פון די גרוילן און בענקשאַפטן, וואָס פלאָנטערן אַן פאַר אונדז דעם אומגעהויערן באַרג, וואָס האָט דעם באַנאַלן, אַלבאַוווסטן נאָמען: לעבן.

ב.

אַ קראַנקע איז די וועלט, אין וועלכער עס איז אַריינגעהויכט דאָס לעבן פון די מענטשן. נישט נאָר פיזיש, אויך גייסטיק איז זי לאַ־עליכמדיק, די וועלט. זי איז עס דאָס געפּעס פאַר דער צירקולאַציע פון די לעבנס־בלוטן. און ס'לעבן איז עפּעס אָנגעפוילט — פאַרשידנערלייק: חיהשער אַנטיסעמיטיזם, טובערקולאָז, עפּילעפּסיע, בייזע ירושה, סיפיליס, סתם פלאָגענישן און דאָס אַלץ צעטרעט דעם מענטש. דאָס לעבן איז די כלי, וואָס האָט דאָ און דאָרט אַ שפּאַלט, אַ ריץ, ערגעץ אַ פּגם אָדער זי איז פאַרזשאַווערט אַזוי, אַז אַפילו מיטן בעסטן ווייַן איז מען נישט זיכער: ער רינט אויס אָדער ער ווערט איבערגעפּירט אין ריח, אין דער שטאַרקייט.

מיט זיין שאַרפחושימדיקייט דערגרונטעוועט זיך דער שרייבער צו די פאַרהוילנקייטן פון דער קראַנקער מענטשלעכער פּסיכיק, אַן אַנגעדרירטע פון צע־שעדיקטן גוף; דער שרייבער דעקט אָפּ די דינסטע ספּרוזשינעס, וואָס באַוועגן דעם מענטש צו טאָט, עגבערן זיינע אימפּולסן.

נחמן מיזשעריצקי, דער שרייבער, באַגלייט על פּי רוב דעם מעדיצינער — און דער האָט אַ ברייט פעלד פאַר זיינע באָאָבאַכטונגען: און ביידע זעען זיי אין לעבן אַ פלאָנטער פון מאַקאַברישע געשיכטעס, אַנגעקניפּטע אין גורל.

„געשיכטעס", הייסן ביי נחמן מיזשעריצקין די זיבעצן דערציילונגען, וואָס זענען אַריין אין זיין ערשטן בוך „צווישן די ווענט פון אַ שפּיטאָל". עס איז דאָס בוענאָס־איירעסער שפּיטאָל, ווי עס קען זיין יעדעס אַנדערע שפּיטאָל, דער איי־גנאַרטיקער פלאַנעט פון די קראַנקע און זייערע יסורים. אין נ. מיזשעריצקיס דערציילערישער שילדערונג פון שפּיטאָל זענען איינגעבויט אַלע שטאַפּלען פון אַ מאוימדיקער לייטער, וואָס פירט צו די הויכן פון צעפלאַקערטע הימלען ביז צו די אָגרונטן פון שוואַרצן גהינום.

ביי נחן מיזשעריצקי דעם דערציילער איז דער מענטש געוואָרפן אויפן שייטער פון יסורים.

זאָל עס זיין אַן אָפשיין פון דעם זילבער, וואָס באַדעקט דאָס גלאָז, פאַר וועלכן עס איז געשטעלט געוואָרן דער מענטש נחמן בן מרדכי, דער געבירטיקער פון האָראָשקע, וואָס אויף וואָלין? אומבאַדינגט געפינען מיר אויף די בלעטער פונעם בוך דעם מחבר אין אַנגעזיכט פון אייגענעם מענטשלעכן נסיון, ער, ווי מערערע פון זיינע פערסאָנאַזשן. אינטויִטיוו און פיזיש איז נ. מיזשעריצקי מיט דיליידנדיקע. דעם שרייבערס אינדיווידואַליטעט באַהויכט דאָסגלייכן די פּאָרעם פון זיין דערציילן. און דאָס מאַכט אונדז נעענטער מיט זיינע געשיכטעס, ווייך פאַרשריבענע אויף די פּלאַכן פון דער מגושמדיקער רעאַליטעט. ער איז אַ סטודענט, ער איז אַ פּראַקטיצירנדיקער דאָקטער, ער איז אַ ייִד, חתמעט זיך דאָס אַלץ אָפּ אויף די בלעטער פון זיין בוך מיט דער האַרבקייט פון גורל. און נחמן מיזשעריצקי דער שרייבער באַגעגנט זיך אומעטום מיט אַן אייטערנדיקע מכה, וועלכע לאָזט זיך נישט פאַרהיילן, כאָטש זיין האַרץ צאַפּלט זיך: אַ מענטש, אַ לעבעדיקער מענטש, אַזאַ שאָד!

ג.

ד"ר נחמן מיזשעריצקי איז פול מיט מיטלייד פאַרן בעל־יסורים, שטרעקט זיך צו אים מיט הילף; נחמן מיזשעריצקי דער שריפטשטעלער גייט מיט מיט אים, זוכט תמיד צו געפינען דעם מקור פון דיליידן, אויף וועלכע דער מענטש איז אויסגעשטעלט. דער שריפטשטעלער אין נ. מיזשעריצקין איז אומגעווינט־לעך נייגעריק, דערפאַר זענען זיינע „געשיכטעס" פאַרכאַפּנדיק אין אינהאַלט, רירנדיק אין פערזענלעכע דיגרעסיעס, הגם תמיד באַהערשט. אַנדערע דערציי־לונגען טראָגן אַ זכרונותדיקן כאַראַקטער. אַזעלכע זענען ליריש באַאַרבעט, כאָטש נישט אָן אַזאַ תמימותדיקער סענטימענטאַליטעט, וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן אונדז מיטן טייטלענדיקן פינגער: „אַנו, זעט, קלוג זענען מיר. פון היינטוועל־טיקייט אַ סך גענאַשט און דאָך מוזן מיר זיך צוהערן, וואָס עס זאָגט אונדזער האַרץ!".

אין נ. מיזשעריצקיס ביז איצט פאַרעפנטלעכטע דערציילונגען פרעדאָמי־נירט דער דאָקטער, וואָס דערציילט פון זיינע סטודענטישע דערפאַרונגען און פון זיין זעלבשטענדיקער מעדיצינישער פּראַקטיק. אומעטום אומגליק, פּיין, וואָס וואַקסן אויס אויפן בוים פון פּאַטום. עס וואָלט נאַטירלעך געווען שווער אויסצורעכענען דעם שלל מאָטיוון, וואָס נחמן מיזשעריצקי דער מעדיקער האָט אונטערגעטראָגן נחמן מיזשעריצקין דעם שרייבער, און ער האָט זיי פאַרפיקסירט מיט ליטעראַרישער אָרנטלעכקייט, און נישט אָן קינסטלערישער אַמביציע. עס איז אַ ים פון מענטשלעכן בלוט, אַ מקור פון אומאויפהעריקע יסורים, וואָס רופן

נאָך אַ תּיקון כּדי די ליידנדיקע זאָלן דערפֿון עפּעס לערנען, פּאָרטעמפּטע זאָלן זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר־השכּל — אַלץ געגעבן בילדלעך, אילוסטראַטיוו. אוודאי, אָפּטמאָל איז דער מענטש גופֿא שולדיק אין זיין פיזישער פּיין, כאָטש מערסטנ־טייל — קומט אויס — איז ער אונטערגעטעניקט דעם גורל.

די מוסטערן פון נחמן מיזשעריצקיס פּראָזע זענען נישט גרויס אין כּמות, פאַר דאָס איז די דאָזיקע פּראָזע טעמאַטיש פּילפּאַרביק, הגם אַלע זיינע דער־ציילונגען האָבן פאַר אַן אויסגאַנג כּמעט די איינציקע דראַמאַטישע לייזונג — פּינצטערע ליידן, טויט; אַמאָל אויך אַ תּיקון אין גוטסקייט. נישט בלויז גע־שלאָגענע פון שוידערלעכע קראַנקייטן זענען די פּערסאָנאַזשן פון ד״ר נחמן מיזשעריצקי דעם דערציילער; אויך משומדים, מוסרים און פאַרהוילענע בעלי־תשובה געהערן צו זיינע „העלדן״. דאָס לעצטע באַציט זיך באַזונדערס צו נחמן מיזשעריצקיס צווייטן בוך דערציילונגען „שאַטנס״. שאַטנס פון פאַרפלאָסענעם עבר, פון האַראָשקע, זיין געבוירנשטעטל, קומען אַנטקעגן נ. מיזשעריצקין אין זיין רייפער עלטער, ווען ער פילט זיך שוין אינגאַנצן אַריינגעוואַקסן אין דער אַרגענטינער יידישער סביבה. די שאַטנס פון זיין אַמאָל גיט ער אָפּ די רעכט פון קדושים, אומגעקומענע פון די רוצחישע היטלער־הענט און ער לעבט אויף דאָס געדעכעניש פון יענע, וואָס זענען ראוי מ׳זאָל זיי נישט פאַרגעסן פאַר דעם ביסל גוטס, וואָס זיי האָבן מתקן געווען ביים סוף פון זייער לעבנסוועג (ד״ר מאַ־קאַראָף, דער פּריץ שימאַנסקי, משה קאַזליק א״אַ).

ד.

אַ באַזונדער פּרק אין נחמן מיזשעריצקיס שרייבן איז זיין אוממיטלבאַרע שילדערונג ווי אויך זיין פּשטותדיקע שפּראַך. ווי ער איז געווען אין לעבן, איז ער געווען ווי אַ שרייבער. ער כוחט זיך נישט קיינמאָל אויף קיין „אָריגינעל־קייט״, איז טרעפלעך אין די פאַרגלייכן, וועלכע ער ניצט, אגב, זייער זעלטן און איז געטריי בעיקר דעם סוזשעט, וואָס איז על־פּי־רוב ביי אים קאָמפּלי־צירט, געשיכטע־מעסיק, גאַרנישט גלאַט, ווי עס איז דער זיגזאַג פון דער רויער ווירקלעכקייט. נ. מיזשעריצקי איז שריפטשטעלעריש אויך פריי פון וועלכע עס איז איינפלוסן מצד אַנדערע שרייבערס. אומעטום און שטענדיק איז ער — ער. אדרבא, סיי טעמאַטיש, סיי אין דערצייל־אופן איז ער, דאַכט זיך, איין־איינציק אויפן פעלד פון דער יידישער ליטעראַטור. אָן צווייפל איז עס אויך נישט נחמן מיזשעריצקיס שולד, ווי ער איז אייגן, למשל, אין זיין דערציילונג „צווישן די ווענט פון אַ שפּיטאָל״, וואָס קלינגט סוזשעטיש ווי אַ פאַ׳עשע מאַקאַברישע גע־שיכטע, הגם עדגאַר אַלאַן פּאָ האָט זיין אימהדיקע פאַנטאַסטיק נישט געשעפּט פון שפּיטאָל־לעבן, פון טויטן־שטיבלעך, פון אַנאַטאָמישע אַמפיטעאַטערס און פון אַן אַטמאָספער, וועלכע איז אייגן די גרויזאַמקייטן פון מלאך־המוות, וואָס ווייסט נישט פון קיין שום „מילדערנדיקע אומשטענדן״.

דער אידעלער, דער ביטער־געפּרוווטער ייִדישער מעדיקער נחמן מיזשע־ריצקי האָט אין זיין קורצן לעבן געמוזט זיך „זעטיקן" מיט די אכזריותן, וואָס דאָס לעבן האָט צוגעמשפּט זיין סביבה, זיין אָרום און ער האָט דערפון אַליין געליטן. זיינע אייגענעליידן, ווי די ליידן פון דער סביבה האָט ער זיך באַמיט צו לינדערן, אויב נישט צו היילן. מענטשן זענען עדות אויף דעם, די אָנגערופענע ביכער, וואָס זענען אויך מעשי ידיו ולבו, באַשטעטיקן די מענטשלעכע גוטסקייט פון ד"ר נחמן מיזשעריצקיס וואָרט און געפיל.

פּריצייטיק איז אַוועק פון אונדז מיין דאָקטער, אונדזער שרייבער. איך און דו האָבן צו וויינען אויפן אַוועקגיין פון נחמן מיזשעריצקי דעם מעדיקער און דערציילער.

*****

געווען אַ מענטש, געווען אַ שרייבער אין דער ייִדישער אַרגענטינע, און ער איז אכזריותדיק נישט געוואָרן.

ד"ר נחמן מיזשעריצקין וועלן מיר נישט פאַרגעסן. ער האָט געפונען אַ קראַנקע וועלט און ער האָט אַרנטלעך באַגערט זי צו היילן.

יעקב באָטאָשאַנסקי

סענסאַציאָנעלע דערציילונגען, וואָס זענען דערציילט מענטשלעך

שוין באַלד צען יאָר זענען אַוועק זינט עס איז דערשינען דער ערשטער באַנד דערציילונגען פון ד״ר נאַהאָן מיזשעריצקי א״נ „צווישן די ווענט פון אַ שפּיטאָל״. מיר איז דעמאָלט אויסגעקומען צו אָפּגעבן זיך אַביסל לענגער מיט דעם אינהאַלט פון יענע דערציילונגען וואָס זענען אויסטערליש אין זייער מין נישט נאָר אין דער ייִדישער ליטעראַטור. דער מחבר איז אַ מעדיקער און ער האָט מעגלעכקייטן צו קענען אַזאַ ווינקל פון לעבן, וואָס נישט קיין מעדיצינער קען דאָס נישט קענען. אָבער ער שרייבט נישט ווי קיין דאָקטער, נאָר ווי אַ שרייבער. אים אינטערעסירן די נשמות פון זיינע טרויעריקע העלדן. אוודאי איז זייער טרויער אַ רעזולטאַט פון זייערע קראַנקע גופים, אָבער דער מחבר באַשרייבט זייערע גופים נאָר אויף אַזויפיל וויפל ער דאַרף דאָס האָבן, בכדי צו ווייזן זייערע נשמות.

וואַרשיינלעך נעמט דאָס פּאַך זיינס צו צופיל צייט ביי נ. מיזשעריצקי און עס בלייבט אים ווייניק דויער פאַר דער ליטעראַטור און אָט דערפאַר באַווייזט ער זיך אַזוי זעלטן מיט אַ דערציילונג און אָט דערפאַר זענען, ווייזט אויס, אַוועק גאַנצע 10 יאָר זייט ס׳איז דערשינען דער דערמאָנטער נישט־גרויסער 1טער באַנד דערציילונגען, ביז עס איז איצטער דערשינען דער צווייטער, אויך נישט־גרויסער באַנד (175 זייטן) דערציילונגען א״נ „שאָטנס״. לויט דעם ווייניקן ביסל ביאָגראַפיע, וואָס אונדז איז באַקאַנט פון דער „אַנטאָלאָגיע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע״ וועגן ד״ר מיזשעריצקי, זעען מיר, אַז קיין שום זאַך איז אונדזער מעדיקער־שרייבער נישט אָנגעקומען גרינג אין לעבן. ער איז קיין אַרגענטינע געקומען אין יאָר 1911, אין עלטער פון 11 יאָר. ער שטאַמט פון האָראָשקע (קוטוזאָוו), וואָלינער גובערניע. איידער ער איז אַהער געקומען, האָט

ער שוין געהאַט געלערנט אין דער באַרימטער זוויהילער ישיבה. אין בוענאָס־איירעס האָט ער געאַרבעט אַלס „פּעאָן“ אין אַ דרוקעריי און ער האָט ביינאַכט שטודירט מוזיק. צו 16 יאָר האָט ער ערשט אָנגעהויבן באַזוכן אַ פאָלקסשול און אין משך פון איין יאָר דורכגעמאַכט אַלע זעקס גראַדן. די מיטל־שול האָט ער געענדיקט אין משך פון דריי יאָר און אין עלטער פון 21 יאָר האָט ער אָנגע־הויבן באַזוכן דעם מעדיצינישן פאַקולטעט און ער האָט אים אין 7 יאָר אַרום געענדיקט. און ער האָט דערביי די גאַנצע צייט זיך אַליין געמוזט אויסהאַלטן און ער האָט זיך דערנערט דורך שוואַרצער אַרבעט. און עס ווייזט אויס, אַז דאָס לערנען איז אים נישט אָנגעקומען גרינג אויך צוליב אַנדערע סיבות. ער האָט געליטן פון אַנטיסעמיטיזם סיי מיצד קאָלעגן און סיי מצד פּראָפעסאָרן. טאַקע אין דעם נישט־לאַנג דערשינענעם צווייטן באַנד, זיינעם, איז פאַראַן אַן אויטאָ־ביאָגראַפישע סקיצע, אין וועלכער מען זעט, אַז אַ פּראָפעסאָר האָט אים גע־דראָט, אַז אויב ער וועט זיך צושטעלן צו די עקזאַמענס, וועט ער אים דורכ־וואַרפן (אָפּלאָסירן), נישט אָנגעבנדיק קיין שום סיבה דערפאַר. די איינציקע סיבה איז געווען זיין ייִדישקייט. די פיס האָבן זיך אים אונטערגעבראָכן און ער איז קוים צוגעפאַלן צום בענקל אַ פאַרחלשטער. מיר האָבן אין מיזשעריצקין שוין אַלס מעדיקער אַן אייגנאַרטיקן עקזעמפּלאַר פון אַ דרייענדיקן געמיש — אַ מתמיד, אַן עילוי און אַן עקשן.

אין ערשטן באַנד האָט שוין נ. מ. אויך געהאַט שאָטנס פון דער אַלטער היים, אין צווייטן באַנד זענען ביי אים אויך פאַראַן זאַכן, וואָס געשען צווישן ווענט פון שפּיטאָל, אָבער דער סאַמע עיקר פון דעם נייעם בוך זענען די קוים געבליבענע שאָטנס פון דער אַלטער היים. דער מחבר האָט, ווייזט אויס, די כוונה מזכיר צו זיין אויף זיין שטייגער דאָס דאָזיקע, וואָס אים איז געבליבן אין טרויעריקן געמיט פון דער אַלטער היים. מען זעט די כוונה פון דעם מחבר אין דעם שערבלאַט, וואָס איז געצייכנט פון מאָלער י. גראַנאַט. מ׳זעט גרינגע (נישט־בלייַענדיקע, נאָר שימלענדיקע) שאָטנס פון דער אַלטער היים — אַ באַ־לעמער, אַן ארון־קודש, פענצטער און דערשלאָגענע... דער מחבר ווידמעט זיין בוך נישט נאָר זיין לעבנס־באַגלייטערין בת־שבע, דעם אָנדענק פון זיין פאָטער מרדכי און זיין שוועהר שמשון רעזניק און, צו לענגערע יאָרן זיי, זיין מוטער ברכה און זיין שוויגער מלכה, נאָר ער הייליקט דאָס דעם אָנדענק פון זיינע קרובים, וואָס זענען אומגעקומען אין זיין געבוירנשטעטל אויף קידוש־השם.

און די שאָטנס זענען צום מיינסטן נישט וועגן די נאָרמאַלע זייטן פון דעם לעבן אין דעם וואָלינער שטעטל, נאָר וועגן די אומנאָרמאַלע און פּאַטאָלאָגישע. דאָס דערמאָנען זיך אין דער אַלטער היים קומט כסדר דורך אַ באַגעגעניש מיט אַ קראַנקן, וועלכער געפינט זיך אין אַ שוידערלעכן צושטאַנד פון צעפוילונג. אַמאָל איז דער קראַנקער אַליין אַ בן־עיר, אַמאָל דערמאָנט ער אין אַ בן־עיר. דורך די פּאַטאָלאָגישע טיפּן ברענגט מיזשעריצקי אַרויס אַ סך מאָל שיינע מענטשלעכע שטריכן. אין דער דערציילונג „האַראַשקער“, ווערט געוויזן דאָס

שטעטל האָראָשעק, וועגן וועלכן מ׳פלעגט זאָגן „לידעי טראָשקע, אַלע לידוע״ — וייניק מענטשן, אָבער מענטשן — און עס ווערט געוויזן ווי אַ זון פון אַ מלמד, וואָס הייבט אָן אַרויסגיין לתרבות־רעה, ווערט פון זיין טאַטן אויסגע־פּאַטשט און ער בלייבט אַ פּאַרצאַרנטער אין בית־מדרש און ער ראַטעוועט ייִדן, מיט דער הילף פון אַ האַלבן משומד, וועלכן אַלע האַלטן פאַר אַ מסור און אַ שונא־ישראל פון אַ צוגעגרייטן בלוט־בילבול. אין דער דערציילונג „דער געטויפטער״ ווערט געוויזן ווי אין ניקאָלאַי דעם ערשטנס צייטן איז אַ רבס אַ זון געכאַפּט געוואָרן דורך אַ מסור און אַוועקגעגעבן געוואָרן פאַר אַ קאַנטאָניסט און ער ווערט אָפּגעשמדט און דערצויגן ביי אַ פּריץ אַלס זיין זון און ער ווערט אַ דאָק־טער אין מעדיצין און ווען זיין כלומרשטער פאָטער האַלט שוין ביים סוף פון זיין לעבן, זאָגט ער אים אויס ווער ער איז, און ער קערט זיך אום צו זיין פאָטער און דעמאָלט נעמט ברענען דאָס שפּיטאָל, וווּ עס געפינט זיך דער מסור, דער „לאָווטשיק״, און די דאָקומענטן פון דעם רבס זון, וועלכער האָט אַ לאַנגע צייט געהייסן פּיאָטר שומינסקי.

ג. מיזשעריצקי האָט טעמעס, וואָס וואָלטן געקענט אויספילן גאַנצע ראָ־מאַנען און ער קוועטשט זיי אַריין אין קליינע דערציילונגען און ער קוועטשט אויס פון זיי דאָס דאָזיקע, וואָס איז בלויז סענסאַציאָנעל און ער לאָזט אין זיי דעם ייִדישן און מענטשלעכן עיקר.

אָט נעמט די דערציילונג „נחמיה און די באַרמהאַרציקע״. די טעמע איז דאָ אַ פאַנטאַסטישע: אין אַ קריסטלעכן שפּיטאָל ברענגט מען אַ זקן פון דער קאָלאָניע מאָוריציע מיטן נאָמען נחמיה. אים איז באַפאַלן די עלטער, ווען ער איז נאָך קיין זעכציק יאָר נישט אַלט געווען און ער האָט קיינעם נישט געהאַט אין קאָלאָניע און מ׳האָט אים דערפאַר אַוועקגעפירט אין שטאָט אַריין. אין שפּי־טאָל באַדינען די קראַנקע — קראַנקנשוועסטערס, מאָנאַשקעס פון אָרדען סען ווינסענטע דע פּאָל. איינע פון די שוועסטערס, מאַריאַ, האָט גערעדט פּויליש. האָט מען זי געפירט צום אַלטן ייִדן, וועלכן מ׳האָט גערעכנט פאַר אַ פּאָליאַק. און עס וויזט זיך אַרויס, אַז אָט די מאַריאַ איז דעם אַלטן נחמיהס טאָכטער. און עס וויקלט זיך אויף אַ געשיכטע פון צוריק מיט צענדליקער יאָרן, ווען נחמיה האָט אין דער אַלטער היים פאַרלוירן אַ טאַש מיט געלט און וועקסלען און אַ פּויליש־ער קסיאָנדז האָט זי געפונען און באַהאַלטן. מען האָט דעם קסיאָנדז דעם גנב דעמאַסקירט און אַראָפּגענומען ביי אים די טאַש און די פּאָליאַקן זענען דערפאַר אויף נחמיהן פאַרבליבן אש להבה און זיי האָבן זיך מיט אים אָפּגערעכנט און צוגענומען ביי אים אַלץ. אויך זיין טעכטערל האָט מען ביי אים צוגענומען, ווען זי איז נאָך געווען זייער קליין און איצטער, ווען זי באַדינט נחמיהן און גיט אים דעם טלית און תפילין, הייבט אָן דערוואַכן אין זיכרון נחמיהס געשטאַלט פון אַמאָל, ווען מ׳האָט זי צוגענומען. זי איז דעמאָלט אַלס געווען אַ יאָר פינף און פון איר גערדאַנק האָט זיך נישט געקענט אָפּמעקן יענע איבערלעבעניש, ווען מ׳האָט זי צוגענומען. זי געפינט זיך נעבן פאָטערס בעט, ווען ער גוססט. זי

באַוויזט אים נאָך צו זאָגן, אַז ער זאָל זיך שטאַרקן, ווייל זיין טאָכטער לעבט, אָבער ער פֿאַלט דערביי אַנידער. די טעמע האָט אין זיך אי דאָס איבערנאַטיר־לעכע פֿון אַ פֿאָלקס־מעשה, אי דעם פֿאַרנעם פֿון אַ סענסאַציאָנעלן ראָמאַן און ביי מיזשעריצקין פֿאַרנעמט די גאַנצע זאַך אַ 26 זייטלעך. און עס בלייבט אַ געזאַנג וועגן קאַמף פֿון אָרנטלעכקייט קעגן מערדעריי און פֿון לעבן קעגן טויט. דורך אומהיימלעכקייט קומט אָפֿט ביי מיזשעריצקין אַרויס אַ היימלעך און היימיש געזאַנג. נישט אומזיסט האָט ער געלערנט מוזיק. אין די מיינסטע זאַכן אין זיינע איז פֿאַראַן מוזיק. עס בלייבט שטענדיק עפּעס אַ ניגון.

פֿאַראַן דערציילונגען, וואָס געפֿינען זיך אויף דער גרעניץ פֿון וויסנשאַפֿט־לעכער סענסאַציע, ווי אַ שטייגער „דר. וולאַדימיר מאַקאַראָף", וואָס שילדערט אַ בריטישן דאָקטער, וואָס האָט דערפֿינדן אַ מיטל קעגן דער קראַנקייט העמאָ־פֿיליע, וואָס מאַכט, אַז דער וואָס ליידט פֿון איר, זאָל פֿאַרלירן דאָס גאַנצע בלוט, ווען ער קריגט אַ שניט און דערפֿון נעמט זיך, וואָס איינציקע קינדער שטאַרבן פֿון דער מילה. די דערציילונג „בערל דער ליכטציִער" באַרירט אַ מענטשן, וואָס ליידט פֿון דער פּסיכישער קראַנקייט, וואָס הייסט פּיראָמאַניע און באַשטייט אין דעם דראַנג צו אונטערצינדן און פֿאַרברענען.

די ערשטע דערציילונג פֿון בוך, וואָס הייסט „שאַטנס", שילדערט אַ דייטשן דאָקטער, וואָס האָט אַ יידישע פֿרוי און ער מאַכט איר אַן אַבאָרט און ער הרגעט זי און כאָטש דאָס געשעט אין אַרגענטינע, ווי אַ דייטש האָט נישט מורא צו האָבן אַ יידישע פֿרוי, פֿילט זיך, אַז די האַנדלונג פֿון דייטש איז נישט קיין צופֿעליקע און דאָ ליגט נאָך „איינע פֿון די מיליאָנען פֿאַרקוילטע יידישע פֿרויען, וואָס די דייטשן האָבן פֿאַרברענט אין די קרעמאַטאָריעס פֿון דער ציוויליזירטער אייראָפּע".

מיזשעריצקי שרייבט אַ נאַטירלעכן יידיש, וואָס האָט, ווי געזאָגט, אויך אַ געוויסע מוזיק. ער ברענגט אַרויס, זייער אָפֿט, אַ גן־עדן פֿון סאַמע גהינום. דאָ און דאָרט זענען פֿאַראַן קליינע שפּראַכלעכע נישט־גלאַטקייטן, ער נוצט דאָס וואָרט „מאַנכע", וואָס איז נישט יידיש, ער נוצט אַמאָל אַ וואָרט נישט אויף דעם פּלאַץ. אויך דער סדר פֿון די דערציילונגען איז נישט שטענדיק דער ריכטיקער. „דר. וולאַדימיר מאַקאַראָף" וואָלט געדאַרפֿט קומען נאָך „בערל דער ליכטציִער". אָבער די פֿעלערן זענען קליינע לגבי דעם ווערט פֿון די סענסאַציאָנעלע דערציילונגען, וואָס ווערן ביי ד"ר נאַהאָן מישזעריצקי דערציילט אַזוי נישט סענסאַציאָנעל און אַזוי מענטשלעך. זיי זענען די נאַטירלעכע געשעענישן אין לעבן פֿון אַ פֿאָלק, וואָס האָט אַן אויסטערליש און סענסאַציאָנעל לעבן.

יצחק יאַנאַסאָוויטש

אויף דער לוויה פון ד״ר מיזשעריצקי ע״ה

בוענאָס־איירעסער יידיש פאָלק האָב איך דאָס ערשטע מאָל געזען אַרום דעם אבל־הויז פון דעם פאַרשטאָרבענעם ד״ר נחמן מיזשעריצקי.

כ׳מיין דאָ נישט דעם רוב עם, די גאָר גרויסע צאָל יידן וואָס האָבן זיך פאַר־זאַמלט אָפּצוגעבן דעם לעצטן כבוד דעם נפטר, כ׳מיין דאָ דעם סאָרט יידן, וועלכן איך האָב דאָרט געזען — יידן וואָס מ׳זעט זיי כמעט אין ערגעץ נישט, יידן וואָס זענען אַ זעלטנהייט אויף אונדזערע געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען און אויף אונדזערע קולטור־אימפּרעזעס, אין אונדזערע עסקנישע קרייזן און פאַרטייִשע סביבות. יידן וואָס לעבן אָפּ אַ לעבן אין זייער געגנט אָדער „וואַריאָס״, ווי מען רופט זיי דאָ, און דאָך שטעלן זיי מיט זיך פאָר דעם גרויסן אַנאָנים, וואָס מ׳רופט אָן: פאָלקסמאַסע.

אָט די דאָזיקע פאָלקס־מאַסע האָב איך געזען אויף דער לוויה פון ד״ר נחמן מיזשעריצקי.

אונדזער יידיש לעבן דאָ־הי רופט גאַנץ אָפּט אַרויס ערנסטע זאָרגן און ספיקות. די לעצטע נעמען זיך דערפון, וואָס מיר מוזן לײדער פעסטשטעלן, אַז דער רוב בנין ורוב מנין פון אונדזער יידישן אַקטיוו באַשטייט פון אַ צוויי־דריי טויזנט מענטשן, וועלכע זענען אַליין דער וואָגן, אַליין די פערד און אַליין די אָנטרייבער פון אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן. די דאָזיקע מענטשן זעט מען אויף אַלע אונדזערע אונטערנעמונגען און זיי פילן אויס אַלע אונדזערע געזעל־שאַפטלעכע אַרבעטן. זיי זענען אַליין די גענעראַלן, אַליין די אָפיצירן און אַליין די זעלנער פון אונדזער יידישקייט־מחנה און עס ווערט אָפּט טרויעריק אויפן האַרץ ווען מ׳פרעגט זיך: איז דאָס די גאַנצע אַרמיי מיט וועלכער מיר גייען אין דער מלחמה אַריין פאַר אונדזער קיום? קען אַזאַ אַרמיי מנצח זיין ווען זי באַ־שטייט פון בלויז אָפיצירן און האָט ניטט קיין שום פּראָסט־סאָלדאַטישן רעזערוו הינטער זיך?

אַרום דעם אבל־הויז פון ד״ר נחמן מיזשעריצקי האָב איך דאָס ערשטע מאָל אין בוענאָס־איירעס דערזען דעם „פּראָסט־סאָלדאַטישן״ מאַסן־רעזערוו וועלכן עס פאַרמאָגט דאָס היגע ייִדישע לעבן.

עס האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געפעלט אויך די „אָפּיצירן״ פון היגן ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן; עס זענען געווען געזעלשאַפטלעכע טוער און מענטשן פון פּאַרטייען, שרייבער און קולטור־טוער, אָבער דער עיקר האָבן זיך אָנגעזען די „וואַריאַ״־ייִדן, די ייִדן וואָס מ׳זעט זיי אין ערגעץ נישט, די ייִדן וואָס קהלן זיך נישט, די ייִדן וואָס מ׳קען זיי נישט. די־אָ ייִדן זענען געקומען אָפּגעבן כבוד דעם ד״ר מיזשעריצקי, כבוד דעם פאָלקס־דאָקטער, וואָס איז אין משך פון צוואַנציק יאָר אַריינגעגאַנגען אין זייערע שטובן און איז אין משך פון אָט־דער צייט געווען אינטים פאַרבונדן מיט זייערעליידן, מיט זייערע צרות און אויך מיט זייערע האָפענונגען. אָט די ייִדן, וואָס דער גרעסטער רוב פון זיי האָט נאָר גע־קענט דעם ד״ר מיזשעריצקי דעם דאָקטער, דעם מענטש, דעם רפואה־טרעגער און דעם טרייסט־ברענגער, זענען געקומען אויף זיין לוויה און זענען געקומען אויסדריקן זייער צער צוליב דעם, וואָס ער איז אַזוי פריציייטיק אַוועקגעריסן גע־וואָרן פון לעבן.

און מאָדנע: איך בין געקומען אויף דער לוויה פון אַ פריינט וועלכן איך האָב פאַרלוירן און האָב געפונען אַ ייִדישע מאַסע, אַן אַנאָנימע ייִדישע פאָלקס־מאַסע, וואָס איך האָב שוין לאַנג נישט חושד געווען, אַז זי עקזיסטירט.

איך בין געקומען וויינען אויפן טויט און האָב געפונען אַ שטיק ייִדיש לעבן, וואָס איך האָב שוין לאַנג אַרומגעזוכט אין דער שטאָט בוענאָס־איירעס און ביז איצט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו געפינען.

און דווקא דער טויט פון ד״ר מיזשעריצקי האָט פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ שטיק פון יענעם ייִדישן לעבנס־מאַסיוו, וואָס גיט אונדז מוט און כוח ווייטער צו קעמפן פאַר דער ייִדישקייט פון אונדזער זיין און וואָס ווייזט אונדז, אַז עס זענען נאָך פאַראַן רעזערוון פאַר דעם גרעאַנגל פון אונדזער קיום. יאָ, עס איז נאָך פאַראַן אַ ייִדישע פאָלקס־מאַסע, עס איז נאָך פאַראַן אַ גרויסער ייִדישער פאָלקס־אַנאָנים צו וועלכן מיר דאַרפן רעדן און אין וועמעס נאָמען אונדזערע רייד וועגן ווייטער־דיקן לעבן ווערן באַרעכטיקט.

מ׳דאַרף אָבער זיין אַ ד״ר מיזשעריצקי, כדי די דאָזיקע מאַסע צו קאָנען צונויפזאַמלען מיט מעשים פון צוטרוי און ליבשאַפט און מ׳דאַרף זי אויך קאָנען צונויפזאַמלען ביי אונדזער לעבן, אַזוי ווי ער האָט זיי צונויפגעזאַמלט נאָך זיין טויט.

**
*

די לוויה פון דעם ד״ר נחמן מיזשעריצקי האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט יענער אָפּיציאַליטעט, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם טויט פון אַ וואָסער

עס איז פּאַרטייִשן אָדער געזעלשאַפטלעכן עסקן, וועלכן די אכזריות פון גורל צווינגט צו גיין דעם לעצטן וועג צו דער אייביקייט.

ס'איז געווען, קען מען זאָגן, אַן אַלט־היימישע ייִדישע לוויה, אָן „פּאַרשטייער־שאַפטן", אָן „קאָמיטעטן", און אָן „אָנשליסונגען".

דעם טויטן האָבן נישט מלווה געווען קיין אינסטיטוציעס, נאָר מענטשן.

מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט צו אים אַ טיף־אינערלעכע באַציִונג ביים לעבן, מענטשן וועלכע האָבן אים געקענט, האָבן געשאַצט זיינע מעשים און האָבן טיף און אויפריכטיק באַוויינט זיין טויט.

די לוויה האָט אַרויסגעבראַכט זיין באַליבטקייט ביי מענטשן.

ביי פאָלקס־מענטשן, ביי אַזעלכע וואָס מיר קענען זיי נישט און מיר ווייסן זיי נישט.

און דאָס איז די גרעסטע זכיה. דאָס איז דאָס שענסטע, וואָס אַ מענטש האָט זיך געקענט אָפּשפּאָרן אין זיין לעבן.

דאָס איז דער זכות, וואָס ד״ר מיזשעריצקי האָט זיך קונה געווען מיט זיין לעבן.

און ביי זיין לעבן האָט מען דערפון גאָרנישט געוווּסט.

מען האָט נישט געוווּסט פון זיין גרויסער באַליבטקייט ביי די מאַסן.

מען האָט נישט געוווּסט, אַז ער איז אַ פאָלקס־דאָקטער אין אמתן און אין שענסטן זין פון וואָרט.

אַזעלכע פאָלקס־דאָקטוירים האָט נאָר פאַרמאָגט דאָס אַמאָליקע ייִדישן לעבן, דאָס גרויסע ייִדישע לעבן אין מזרח־אייראָפּע.

וואַרשע האָט געהאַט אַזאַ דאָקטער, דעם ד״ר לייפונער.

לאָדזש האָט געהאַט דעם ד״ר ראָזענבליט.

ווילנע האָט געהאַט אירע דאָקטוירים און לעמבערג — אירע.

יעדע ייִדישע שטאָט אין פּוילן, ליטע, צי גאַליציע האָט אַמאָל געהאַט די דאָזיקע פאָלקס־דאָקטוירים, וואָס די מאַסע האָט אין זיי געזען אַ ליכט־אויסשטראַלונג פון אליהו־הנביא.

בוענאָס־איירעס האָט געהאַט איר דאָקטער — דעם ד״ר נחמן מיזשעריצקי.

אין הונדערטער ייִדישע שטובן האָט מען אים געקענט און הונדערטער ייִדישע שטובן, וועלכע קיינער האָט נישט געקענט, האָט ער געקענט.

ער איז געקומען אין די דאָזיקע שטובן, האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט זייער פּיין און האָט שטילערהייט געטראָגן מיט זיך זייער לייד.

נאָר אַ טייל פון די דאָזיקעליידן האָט ער איבערגעגעבן דעם פּאַפּיר, דעם גרעסטן טייל האָט ער געטראָגן אין זיך.

געטראָגן אין זיך, מיט גוטסקייט אויפן פּנים, כדי קיינעם נישט אָנצושרעקן. ווייל מער נאָך ווי מעדיצינישע הילף האָט ער צו די ליידנדיקע געטראָגן טרייסט.

און דער טרייסטנדיקער מוז האָבן אַ גוטמוטיק פּנים, אַ פּנים וואָס זאָגט נישט אויס וואָס דער פּנים־באַזיצער ווייסט.

דער ד״ר מיזשעריצקי האָט אַ סך מאָל נישט אויסגעזאָגט דאָס, וואָס ער ווייסט וועגן לעבן און טויט. ער האָט אַפילו דעם סוד וועגן זיין אייגענעם טויט וועלכן ער האָט געטראָגן אין זיך, — נישט אויסגעזאָגט.

מ׳האָט זיך נאָר געקענט אָנשטויסן, אַז ער ווייסט, וואָס מיט אים געשעט, ער האָט אָבער דערפון נישט גערעדט. דער טרייסטער טאָר נישט שרעקן. ער טאָר קיינעם נישט מצער זיין.

ד״ר מיזשעריצקי איז געווען די גוטמוטיקע היילנדיקע טרייסט אין אונדזער אָרעמען דערשלאָגענעם יידישן לעבן פון דער גרויסער שטאָט בוענאָס־איירעס.

***

עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ דאָקטער וואָס האָט געהאַט אַ גוטן נאָמען ביי זיינע חולאים.

אַ סך, אַ סך גוטע דאָקטוירים זענען געבליבן. כן ירבו.

אָבער אַזעלכע ווי ד״ר מיזשעריצקי זענען שוין געבליבן ווייניק. אפשר גאָר געציילטע.

אַ יידישער פאָלקס־דאָקטער, וואָס אַזאַ איז נאָר בנמצא געווען אין דער אַלטער היים.

אַ פאָלקס־דאָקטער — אַ ייִד, מיט אַ וואַרעמען אינטערעס צום יידישן לעבן, מיט אַן אינטימע פאַרבינדונג צו דער יידישער קולטור.

וויפל אַזעלכע דאָקטוירים האָבן מיר נאָך?

וויפל דאָקטוירים האָבן מיר וואָס קוקן נישט אויף זייער מעדיצינישער פּראָ־פעסיע בלויז ווי אויף אַ פאַך?

און וויפל דאָקטוירים האָבן מיר וואָס האָבן אין זייער געלערנטקייט נישט פאַרגעסן די יידישע אותיות, די יידישע ליטעראַטור, די יידישע קולטור?

וויפל דאָקטוירים האָבן מיר, וואָס זייער אַמביציע איז נישט בלויז צו זיין דערפאָלגרייך אין דער מעדיצינישער פּראָפעסיע, נאָר אויך צו האָבן דערפאָלגן אויפן געביט פון יידישן שאַפן?

ד״ר מיזשעריצקי איז געווען איינער פון די דאָזיקע געציילטע. ער איז אַוועק און ליידער קענען מיר נישט זאָגן, אַז אויף זיין אָרט וועט אַזוי גיך קומען אַן אַנדערער ווי ער.

אַזעלכע ווי ער קומען נישט בכל יום.

זיי ווערן אויסגעוואַרעמט פון אַ לעבן.

איז אָבער דאָס דאָזיקע לעבן מער נישטאָ.

און ס׳איז נישטאָ מער די נעסט פון וועלכער עס זאָלן אַרויספליִען אַזעלכע ליכטיקע טויבן ווי דער ד״ר מיזשעריצקי.

און דאָס מערקווירדיקסטע דערביי איז, וואָס הגם ער איז געווען אַ פּראָ־דוקט פון דער אַלטער יידישער היים און פון דעם אַלטן יידישן לעבן. איז ער

דאָך געוואַקסן, דערצויגן און אויפגעוואַקסן דאָ־הי, אין דעם נייעם לעבן פון דער נייער ייִדישער וועלט.

ער איז געקומען אַהער דאָ גאַנץ יונג און אַלץ וואָס ער האָט דערגרייכט האָט ער דערגרייכט מיט די אייגענע כּוחות און אין די באַדינגונגען פון היגן לעבן.

לייענענדיק זיין ביאָגראַפיע, דאַכט זיך אויס, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין וואָרצלען אין דער פאַרגאַנגענהייט. ער איז געווען דורכאויס אַ געוויקס פון היגן ייִדישן באָדן.

ער האָט זיך אַליין דערשלאָגן צו אַ מעמד אין לעבן.

געאַרבעט ביי שוואַרץ־אַרבעט און שטודירט מעדיצין.

שטודירט מעדיצין און געלערנט מוזיק.

יאָ, ער איז נישט בלויז געווען דער ליבער, האַרציקער דאָקטער נחמן מיזשע־ריצקי. ער איז געווען דער זכות אויפן היגן ייִדישן לעבן.

ער איז געווען דער גוטער באַוויז פון דער היגער נייער ייִדישקייט.

און אָפּגעשטאָרבן איז נישט בלויז ער אַליין, עס איז אָפּגעשטאָרבן אַ טעאָריע, עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ באַוויז.

דער באַוויז, אַז מען קען זיין אַ געלערנטער דאָקטער און אַ גוטער ייִד.

דער באַוויז, אַז מ׳קען זוין אַ געלערנטער ייִד און אַ טייערער מענטש.

און דערצו קען מען זייןביידע און בלייבן פאָלקסטימלעך.

ער האָט אין זיך בלי שום ספק פאַרקערפּערט אַלע גוטע מידות מיט וועלכע מיר גרויסן זיך אין אונדזער ישוב.

אָבער כאָטש ער איז געווען דאָס קינד פון אונדזער ישוב, האָבן זיינע וואָרצ־לען זיך געצויגן צו די ווייטע קוואַלן פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט.

דאָרט האָט ער געשטעקט און פון דאָרט האָט ער געצויגן יניקה.

און ערשט דעמאָלט, ווען ער איז אַוועק, זעען מיר, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן.

ער איז געווען אַ דאָקטער, אַ שרייבער וואָס האָט נישט פאַרלוירן זיין אינ־טימע פאַרבינדונגען מיטן פאָלק. דאָס פּשוטע פאָלק, וואָס איז געקומען אויף זיין לוויה האָט אונדז געגעבן צו פילן ווי ווייט ער ווער אונדז פעלן. ער איז געווען דער, וואָס זיין באַליבטקייט ביים פאָלק האָט נאָך געקענט אויפטון וווּנדער פאַר אונדזער פאָלקס־לעבן.

איצט איז ער שוין אויך נישטאָ. דאָס פאָלק האָט אים באַגלייט אין טרויער. ווער וועט עס איצט צונויפזאַמלען אויף אונדזערע שמחות?

צווישן אונדז און דעם פאָלק איז פאַרלוירן געגאַנגען אַ וויכטיקער רינג, וואָס האָט אונדז צונויפגעקלאַמערט און אונדז געהאַלטן אין איינעם. דער דאָזיקער רינג איז געווען דער פאָלקסטימלעכער דאָקטער און שרייבער ד״ר נחמן מיזשע־ריצקי.

מלך ראַוויטש

אַ בוך מיט שפּאַנענדיקע געשיכטן

אונדזער ייִדישע ליטעראַטור איז לעצטנס איינגעשטעלט אויף צווייערליי ביכער: א) ערשטקלאַסיקע ווערק, אַרויסגעגעבן פון קאָמיטעטן, אָדער די מחברים אַליין, ווערק וואָס מ׳גיט אַרויס צוליב אינערלעכן צוואַנג, אָן ריקזיכט צי וועלן זיי יאָ, אָדער נישט געפינען קיין קויפער און קיין לייענער; ב) ביכער, וואָס מחברים, אָדער זייערע פריינט גיבן אַרויס, כאָטש די ביכער האָבן לרוב קיין שום ליטעראַרישן ווערט נישט. זיי האָבן נאָר אַ ווערט אַ לאָקאַלן און אַמאָל פאַרדאַרבן זיי בלויז דאָס ביסל געשמאַק, מחמת דער פאָלקס־מענטש קלייבט זיך נישט פאַנאַנדער. אַ בוך איז אַ בוך. אָן איבעריקע צרה איז נאָך, וואָס אָט די ביכער זענען אויך נישט לעזבאַר, נישט אינטערעסאַנט. זיי זענען אַזוי־צו־זאָגן — טאָפּלט טאַלאַנטלאָז.

דער דריטער מין ביכער, ביכער שפּאַנענדיקע און לייענבאַרע, ביכער אָן באַזונדערע פּרעטענזיעס איז אין אונדזער ייִדישער ליטעראַטור כמעט ווי פאַר־שוווּנדן. און לאָמיר איצט דאָ אין די סיבות נישט אַריינגיין. אַזוי איז עס.

נאָר נישטאָ קיין רעגל אָן אויסנאַם. און אָט איז אַזאַ מין יוצא מן הכלל. מיט דער דאַטע 1951 איז אין בוענאָס־איירעס דערשינען אַ בוך, וואָס זיין מחבר איז ד״ר נאַהאָן מיזשעריצקי, און דאָס בוך רופט זיך „שאָטנס" און עס אַנט־האַלט אויף די 175 זייטן גאַנצע 12 געשיכטן, וואָס איינע איז שפּאַנענדיקער פון דער אַנדערער. עס איז טאַקע אמת, אַז אויף אַ בעלעטריסטישן בוך שרייבט מען נישט אונטער קיין טיטולן, אָבער דאָס בוך איז געשריבן אין דער ערשטער פּערזאָן לרוב און אַמאָל קלינגט עס ווי מעמוארן. און אויב אַזוי איז שוין דער טיטל צום נאָמען פון מחבר יאָ דערלאָזבאַר. ד״ר מיזשעריצקי — ווי עס ווערט אונדז דערציילט אין אַ ביאָגראַפישן סקיץ וועגן אים אין דער אַנטאָלאָגיע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1945 אין בוענאָס־איירעס, איז געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד אין יאָר 1900, איז גע־

קומען קיין אַרגענטינע צו זײַנע 11 יאָר און איז אַ טיפּישער „סעלף מעיד מען", אַ מענטש, וואָס האָט זיך דורך קאַלטס און וואַרעמס דורכגעשלאָגן צו זיין פּאָזיציע. אָט אַזוי ווי אינעם פּסוק שטייט האָט ער אָנגעהויבן אַלס גאַסן־פּאַרקויפער ייִנגלווייז און שטאָפּל ביי שטאָפּל דערגרייכט זיינס.

נאָהאָן מיזשעריצקי האָט שוין אין יאָר 1942 אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פון דערציילונגען „צווישן די ווענט פון שפּיטאָל". זיינע געשיכטן דרוקן זיך און האָבן זיך געדרוקט אין די אַרגענטינער ייִדישע טאָגצייטונגען. זיין דערציילונג „דאָס רויטע ייִנגל", וואָס איז דערשינען אין דער אויבן־דערמאָנטער אַנטאָלאָגיע, האָט אויף אונדז געמאַכט אַ רושם און מיר האָבן עס אין זיין צייט אין אַ רעצענזיע באַמערקט. מ'קען אויף נאָהאָן מיזשעריצקי נישט זאָגן, אַז ער איז אַ „צוזאָגנדיקער" שרייבער. מ'קען אפשר בכלל אויף אים נישט זאָגן, אַז ער איז אַ שרייבער פון גאָטס גענאָד, מען קאָן אָבער יאָ אויף אים זאָגן, אַז ער איז אַ שרייבער פון זיין אייגענעם ווילן און דראַנג צו דערציילן זאַכן, וואָס זענען טיילווייז איבערגעלעבט געוואָרן און טיילווייז צוגעטראַכט. אַ באַראַטאָר איז ער, ווייל עס ווילט זיך לייענען זיינע געשיכטן ביזן סוף יעדע.

אָט דערציילט ער אייך וועגן אַ דייטש, וואָס איז אַוועק קיין אַרגענטינע מיט זיין ייִדישער פרוי,ביידע זענען זיי שוין איצט „שאַטנס" פון געוועזענע מענטשן און דאָ ערשט קומט די פרוי אום פון אַן אָפּעראַציע, וואָס דער מאַן, אַ געוועזענער דאָקטער — זי, אַ געוועזענע פּראָפעסאָרשע, פירט דורך אויף איר. אָט ווידער דערציילט ער אייך וועגן אַ דאָקטער אין אַ רוסיש שטעטל, וואָס איז אַמאָל געווען אַ ייִד און איז געבליבן אַ ייִד מיטן גאַנצן האַרץ. געווען אין דעם שטעטל אַ משפחה באַלאָדן מיט דער העמאָפילא־קרענק, דער קרענק פון וואַסערדיק בלוט, וואָס אַלע ייִנגלעך פלעגן אין איר אומקומען בשעת מילה. האָט אָבער דער דאָקטער, דער משומד, אויסגעפינען אַ מיטל קעגן דער קרענק, אַ מיטל וואָס קען אָנגעווענדט ווערן טאָקע ביי דער מילה־אָפּעראַציע און ער פאַרשטעלט זיך פאַר אַ מין אליהו־הנביא און ראַטעוועט אַ קינד פון דער משפחה. און אַלץ געשעט אונטער סענסאַציאָנעלע אומשטענדן — אַביסל יאָ און אַביסל נישט גלויבווירדיק. און אָט איז גאָר אַ מעשה פון פּאַרטיזאַן, וואָס גייט נאָך צוריק צו דער צייט פון די „כאַפּערס". און אָט איז אַ מעשה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער אַלטער היים און פאַרענדיקט זיך אין אַרגענטינע וועגן אַ הארבאַטן זייגערמאַכער, וואָס האָט פון נקמה פאַר זיין קאַליקע־צושטאַנד אַ ייִנגל געמאַכט פאַר אַ קאַליקע און זיך אַליין אויפגעהאָנגען אין אַ וואַלד. און אָט דערציילט ער אייך וועגן אַ פּיראָמאַן, אַ באַלעבאָס אין שטעטל וואָס האָט געפירט אַ מין טיזולשע טאָפּל־עקזיסטענץ, פון צייט צו צייט געמוזט אָנמאַכן אַ שריפה — און באַלד ווידער אַ פעריאָד פון תשובה, ביז ער צינדט זיך אַליין אונטער, צוזאַמען מיט אַ קלויז. און אָט איז גאָר אַ סענסאַציאָנעלע מעשה — די לעצטע אין בוך — „נחמיה און די באַרהאַרציקע" — אַ לאַנגע מעשה וועגן אַ ייִדן פון דער אַלטער היים, וואָס צוליב אַ נקמה־אַקט האָבן דאָרפישע פּויעריש פאַר־

ברענט זיין שטוב און זיינע אייגענע, אָבער זיין טאָכטער איז געבליבן לעבן — כאָטש דער פאָטער האָט וועגן דעם נישט געוווּסט. און נאָך אַ לאַנגן זיגזאַג באַגעגענען זיך פאָטער און קינד אין אַרגענטינע. ער, אַ טויט־קראַנקער, זי, אַ נאָנע־קראַנקן־שוועסטער. אָבער די באַגעגעניש איז אַזאַ, וואָס די ביידע לעבן איבער ווי אויף יענער וועלט שוין, און נאָך און נאָך געשיכטן, וואָס איך האָב דאָ זייער אינהאַלט נישט איבערגעגעבן. אַלץ בינדט זיך און קייטלט זיך און — ווי זאָגט אַ יידיש ווערטל: אויף אַ מעשה פרעגט מען נישט קיין קשיא.

ד״ר מיזשעריצקי איז אַזוי פאַרכאַפּט פון די סוזשעטן פון זיינע געשיכטן, אַז ער אַרבעט ווייניק איבער זיין סטיל. דאָך זענען איבערן בוך צעוואָרפן דאָ און דאָרט סטיליסטיש־פּאַטעטישע שטעלן, וואָס ווייזן, אַז ווען ער וואָלט זיך גענומען די מי, וואָלט ער זיינע געשיכטן געקענט אַביסל מערער ליטעראַריש דורכשלייפן און דערמיט הייבן זייער ווערט.

נאָר ווי אַ זאַך זאָל נישט זיין, איז עס אַ בוך מיט שפּאַנענדיקע געשיכטן צום לייענען און ווען דער יידישער לייענער וואָלט געווען אין דורכשניט יינגער ווי ער איז, וואָלט אַזאַ בוך פון ד״ר נאַהאַן מיזשעריצקי געהאַט אַ גרויסן אָפּגאַנג, אפשר גאָר געוואָרן אַ „בעסט־סעלער״.

שמואל ראַזשאַנסקי

אינעם לאַבירינט פון פאַרלוירענע ייִדן

אין ד״ר ב. מיזשעריצקיס דערציילונג „אַ פאַרבלאָנדזשעטע נשמה״ (גע־דרוקט דעם 17טן דעצעמבער 1950 אין „די אידישע צייטונג״) ווערט אויפגעמישט אַ בלעטל וועגן אחינו בני ישראל, וואָס גייען פאַרלוירן, וואָס ווערן צעריבן, וואָס ווערן טייל מאָל אויף דעם משונהדיקסטן אופן טראַנספאָרמירט פון ייִדן אויף גויים, אַזוי משונהדיק, אַז ווען מ׳דערוויסט זיך דעם אמת, גלייבט מען נישט די אייגענע אויגן און די אייגענע אויערן.

„אַ פאַרבלאָנדזשעטע נשמה״ איז דער טאַטויִרטער חולה, אויף וועמענס לייב עס זענען אויסגראַווירט פיגורן פון אַלערליי מיידלעך, נאַקעטע פרויען, אָדלערס, פענער, עמבלעמען פון פאַרשידענע פעלקער. אָט־אָ־דער פאַרשוין, וואָס האָט „אַן אויסזען פון עפּעס אַ כינעזער אָדער סתם אַ מאָנגאָל״, ווייזט זיך גאָר אַרויס פאַר אַ ייִדן, וועלכער רעדט נאָך ייִדיש געזונט ווי אַן אייזן... ער כאַפּט אויף, וואָס די ייִדישע דאָקטוירים אין דער פּאַלאַטע רעדן צווישן זיך וועגן דעם אייגענעם „מנין״, וואָס זיי בילדן שוין אין דעם שפּיטאָל, און ער ווערט אַ שותף צום „מנין״. אָבער ווען ער שטאַרבט, מאַכט איבער אים דעם צערעמאָניאַל — אַ גלח...

און אָט איז אַ צווייטע „פאַרבלאָנדזשעטע נשמה״: די יונגע שייגע באַרמ־האַרציקע שוועסטער, וועלכע נעמט שפּילן די ראָלע פון אַ מאָנאַשקע. זי, וואָס הייבט אָן איר הייליקע אַרבעט מיט העלפן אָפּשמדן דעם גוססדיקן ייִדן, אויף וועמעס לייב עס זענען אויסטאַטויִרט נאַקעטע פרויען, איז נישט קיין אַנדערע ווי די טאָכטער פון דעם דאָזיקן ייִדן...

און אַרום דעם אַרגענטינער פּראָפעסאָר דרייען זיך אַרום ייִדישע אַסיס־טענטן, וואָס אַז זיי הערן דעם ד״ר בריל רעדן ייִדיש, האַלטן זיי „אַראָפּגעלאָזט די אויגן״ און מ׳קען פון זייערע פאַרשעמטע פּנימער אַראָפּלייענען, אַז זיי האָבן פון אַזאַ זאַך קיין גרויסע הנאה נישט...

ד״ר נ. מיזשעריצקי פירט אונדז אַריין אין אַ רייכער און אייגנאַרטיקער פּראָבלעמאַטיק, צו וועלכער מען רירט זיך כמעט נישט צו. עס פעלט אים יענער רייכער לשון און יענע רייכע טעכניק, וואָס איז נייטי פאַר אַ בעלעטריסט. אָבער דערפאַר איז דאָ ביי אים רייכער און אייגנאַרטיקער שטאָף, פּונקט ווי עמאָציאָנעלע סצענעס און סודות פונעם יידישן גערנגל און נשמה־צעטרייסלונגען, איבערהויפּט אין דער סביבה פון קראַנקע. מיזשעריצקי האָט די אייגנאַרטיקייט אַרויסגעוויזן אין זיין בוך דערציילונגען „צווישן די ווענט פון שפּיטאָל״ און פאַרטיפט אין זיינע דערציילונגען אין זאַמלבוך „אינאיינעם״ (אַרויסגעגעבן פון קולטור־קאָנגרעס אין ארגענטינע) און אין „אַ פאַרבלאָנדזשעטע נשמה״. פאַראַן ביי איש דראַמאַטישע סטרונעס, וואָס אַז ער רירט זיי אָן, ציטערט מען אויף. דאָס קומט ספּעציעל אויף דער גרענעץ צווישן לעבן און טויט, ווען עס ווערן ביי אים אויפגעדעקט די פאָרהאַנגען איבער סודות... אינעם לעצטן מאָמענט פאַלן זיך צונויף פאַרשידענע סודותדיקע דראַמאַטישע פונקען, וועלכע באַלייכטן די טראַגעדיע פון די צעשמעטערטע יידישע מענטשן... אַסימילאַטאָרן ווערן געוויזן ווי די אומגליקלעכסטע נפשות, וועלכע צאַפּלען זיך אויפן ראַנד פון זייער גסיסה, אָבער ס׳איז שוין צו־שפּעט צו קענען פאַרריכטן זייער לעבן. מיר זעען, ווי צופאַלן האָבן אַוועקגעריסן יידן פון זייער געזונטער סביבה און זיי אַריינגעשליידערט אין אַ פרעמדער וועלט, ווו זיי זענען איינזאַם, צעבראָכן און טראַגיש.

טרעפט, אַז פון דער פאַריתומטער יידישער טאָכטער ווערט גאָר „אַ באַרמהאַרציקע שוועסטער״, אַ מאָנאַשקע. און דער גורל, וואָס איזדיעקעוועט זיך טיילמאָל איבער זיינע קרבנות מיט דער שרעקלעכסטער אכזריות, דערפירט צו דעם, אַז נישט קיין אַנדערע, ווי נאָר די יידישע טאָכטער, זאָל די ערשטע „מצווה״ פון אָפּשמדן אַ יידן געפינען נישט ביי אַן אַנדערן, ווי ביי איר אייגענעם יידישן טאַטן... ביי אַזאַ קאָליזיע פון גורל קען שוין איינפאַלן, אַז אויך דער גלח, וואָס מאַכט זיך טויב, ווען דער יידישער דאָקטער רופט זיין אויפמערקזאַמקייט, אַז דער גוסס איז אַ ייד און ער האָט אים נישט וואָס אָפּצוגעבן אַזאַ קריסטלעכן כבוד, זאָל גאָר אַליין אויך זיין אַ ייד...

אין דער דאָזיקער דערציילונג, וואָס ד״ר נ. מיזשעריצקי רופט אָן צוריקגעהאַלטן „בילדער פון אַ שפּיטאָל״, איז פאַראַן שטאָף פאַר אַ גרויסן ראָמאַן. אייגנאַרטיקער שטאָף פאַר אַן אייגנאַרטיקן ראָמאַן וועגן דעם גורל פון מאַסן יידן, וואָס גייען אין יעדן דור פאַרלוירן און אַ סך פון זיי לאָזן טיפע שפּורן, וועלכע ווערן טייל מאָל אָפּגעזוכט, אויפגעדעקט, ווי ד״ר מיזשעריצקי דעקט זיי אויף, און דעמאָלט טרייסלען זיי אונדז אויף, עמאָציאָנירן און צווינגען צו פאַרטראַכטן זיך.

אַזוי ווייניק שרייבערס דרינגען דאָך אַריין אינעם לאַבירינט פון פאַרלוירן־געגאַנגענע יידן!

FREE PUBLIC LIBRARY JERSEY CITY, N.J.

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL 28 DE AGOSTO DE 1956 EN LOS TALL. GRAF. ZLOTOPIORO HNOS., GASCON 1231, BUENOS AIRES (R. A.).